STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08881

GEZAMLTE DERTSEYLUNGEN

Moishe Strugatch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה סטרוגאַטש

געזאַמלטע
דערציילונגען

באַנד II

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק 1969

MOISHE STRUGATCH

SHORT STORIES

Volume II

•

Copyright 1969 by
MOISHE STRUGATCH
2852 Bronx Park. E.
Bronx, N. Y. 10467

•

הילע געצייכנט פון י. זעלדין

•

Published by YKUF, New York, 1969

•

PRINTED IN U. S. A.
by:
Knight Printing Corp., 382 Lafayette Street. New York, N. Y. 10003
96

דזשימי

זיין אמתער נאָמען איז דזשימי, כאָטש צווישן די קינדער אין הויף און אויך צווישן אַ סך דערוואַקסענע איז ער באַקאַנט אונטערן נאָמען „דזשאָו", מסתמא ווייל דער נאָמען „דזשאָו" רעדט זיך לייכטער אַרויס און גליטשט זיך גלאַטער אַראָפּ פון דער צונג. דזשימי איז שטאַרק באַ־ליבט ביי אַלעמען, איבערהויפּט ביי די קינדער. עס טרעפט, דזשימי שטייט און קערט דעם הויף און פאַרבייגייער גייען דורך מיט אַ באַגרי־סונג:

— העלאָ, דזשאָו!...

— העלאָ, העלאָ, — ענטפערט דזשימי אָפּ צוריק פריינטלעך און וואַרפט נאָך צו דערביי: — אַ שיינער טאָג, קוקט אויס, וועט הייגט זיין...

דזשימי איז אַלעמען באַקאַנט און קען אַליין יעדן איינעם אין הויז. אַ סך דערוואַקסענע, טאַטעס און מאַמעס פון קינדער, געדענקט ער ווען זיי זיינען נאָך אַליין געווען קינדער, און זיי אַליין געדענקען נאָך, ווי זיי פלעגן זיצן מיט דזשימין אויף די טרעפּ ביים אַריינגאַנג אין הויף און אויסהערן זיינע מעשיות. איבער צוואַנציק יאָר שוין, אַז דזשימי אַר־בעט אַלס פּאָרטער אין הויז, און פאַר דער צייט האָבן זיך גאַנצע דורות אויפגעהאָדעוועט אין הויז, און ניט איין ייִנגל אָדער מיידל האָבן חתונה געהאַט און אַליין געוואָרן טאַטע־מאַמע. דזשימי געדענקט אַלעמען און אַלע געדענקען דזשימין. עס טרעפט אַמאָל, אַ יונגער בחור אָדער מיידל זיינען אויף אַ צייט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט זיך לערנען, אָדער אַזוי זיך אַרויסגעצויגן — און אין יאָרן אַרום קומט מען אַמאָל צופעליק צו־ריק אין הויז. אַז מען טרעפט אָן דזשימין, דריקט מען זיך האַרציק די הענט, ווי אַלטע פריינט און מען איז צופרידן, וואָס מען האָט זיך ווידער באַגעגנט.

— אָ, העלאָ, דזשאָו, וואָס מאַכסטו?

— אַ דאַנק. און וואָס מאַכסטו?

— אַרבעטסט נאָך אַלץ, דזשימי? נישט אַרויף נאָך אויף קיין פּענ־סיע?...

— הע־הע־הע, — לאַכט דזשימי, — דערווייל נאָך ניט... אַזוי לאַנג, ווי כ'האָב נאָר כוח צו אַרבעטן...

— ווייסט, דו ביסט גאָרניט עלטער געוואָרן? — גיט יענער פריינט־לעך צו.

— העה־העע, — לאַכט ווידער דזשימי, — עס רעדט זיך אַזוי... און וואו זיינען די אַלע יאָרן אַהינגעקומען?...

— איך מיין עס באמת, — פאַרזיכערט אים יענער. — און וואָס הערט זיך אַזוי עפּעס אין הויז? ביסט נאָך אַלץ פאַרנומען מיט די קעץ און מיט די קינדער?...

לאַכט דזשימי צופרידן: — זיי זיינען מיינע אַלטע פריינט...

— ביסט אַל־ראַיט, דזשאָו, — קלאַפּט אים יענער גוט־ברודעריש איבערן פּלייצע, — איך בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב דיך גע־טראָפן...

— אַ דאַנק. איך אויך...

און אַזוי האַלט זיך יעדער איינער מיט דזשימין, און אַזוי האַלט זיך אויך דזשימי מיט יעדן איינציקן אין הויז: גוטמוטיק און פריינטלעך.

דזשימי איז אַ נעגער. און כאָטש ער איז אַ פּאָרטער אין הויז, וואָס טוט די שמוציקע אַרבעט פון ראַמען און קערן און צונעמען דעם „גאַר־בעדזש” יעדן פאַרנאַכט, איז ער אָבער גלייכצייטיק אויך אַ שכן אין הויז. ערגעץ אין קעלער פאַרנעמט ער צוויי צימערלעך און צאָלט פאַר דעם צו־גלייך מיט אַלעמען דירה־געלט. דאָס גיט אים צו אַ ביסל מער חשיבות, און גלייך נאָך דער אַרבעט, ווען ער וואַשט זיך אָרום און טוט זיך אי־בער, דערפילט ער זיך גלייך מיט אַלעמען. עס טרעפט אַמאָל, אַ נייער שכן אין הויז, וואָס איז געוואוינט צו זען דזשימין אַ גאַנצן טאָג אין זיינע אַרבעטס־קליידער און דערזעט אים שפּעטער אין אָוונט אַן אָרומגעוואַשענעם, אַ ריינעם, רואיק שפּאַצירנדיק אין הויף, פאַרוואונדערט זיך אַ ווײַלע, ווי איינער זאָגט: — וואָס טוסטו איצטער דאָ? ווי קומסטו אַהער?...

אָבער דער גרעסטער טייל קען שוין דזשימין און ווייס, אַז ער איז ניט נאָר אַן אַרבעטער אין הויז, נאָר אויך אַ חשובער שכן.

צוויי אייגנשאַפטן פאַרמאָגט אין זיך דזשימי, וואָס מאַכן אים אַזוי פּאָפּולער אין הויף: דאָס איז זיין ליבע צו קעץ און צו קינדער.ביידע זיינען אַ טייל פון זיין לעבן און פילן אויס זיין פרייע צייט. מיט די ער־שטע גיט ער זיך אָפּ אין די פרימאָרגנס און נאָכמיטאָגס, און מיט די צווייטע — אין אָוונט נאָך דער אַרבעט.

יעדן אינדערפרי ווייסט דזשימי, אַז פּונקט ווי ער דאַרף אָנגרייטן עסן פאַר זיך, אַזוי דאַרף ער אויך אָנגרייטן עסן פאַר די קעץ אין קעלער. ער קויפט איין שפּייז פאַר זיי, פּונקט ווי פאַר זיך.

עס טרעפט, מען באַגעגנט דזשימין, גייענדיק פון שפּיז־קרעמל מיט דריי פלעשער מילך אין די הענט. יונגע בחורים, וואָס גייען אין קאַ־לעדזש, אין אַ גוטער שטימונג, פּאַרווילט זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע און כאַפּן אַ לייכטן שמועס מיט אים.

— העלאָ, דזשאָו, איינגעקויפט אַנבייסן ?...

— יאָ, געקויפט מילך...

— צו וואָס אַזויפיל פלעשער ? מוזט זיין אַ נאַשער, טרינקסט מילך אַנשטאָט וואַסער...

— אָ, ניין, אַזוי רייך בין איך נאָך נישט...

— טאָ צו וואָס ? סיידן פאַר דיינע קעץ אַ פּאָר פלעשער...

— זיכער, זיי זיינען דאָך אויך לעבעדיקע באַשעפענישן...

די בחורים ווילט זיך מאַכן אַ ביסל שפּאַס, רופט זיך איינער אָן :

— האָסט כאָטש געזען, צי דער קרעמער האָט דיך ניט אָפּגענאַרט ? ניט אַראָפּגענומען שטילערהייט די סמעטענע פאַר זיך און פאַר די קעץ איבערגעלאָזן אַ ביסל מאָגערע וואַסער ?...

— פאַרלאָז זיך שוין אויף דזשאָו'ן, — פּאַרכאַפּט אַ צווייטער צו ענטפערן — פאַר זיך אַליין וואָלט ער זיך נאָך אפשר געלאָזט נאַרן, פאַר די קעץ אָבער קיינמאָל ניט...

דזשימי נעמט גוטמוטיק אויף דעם שפּאַס און ענטפערט מיט אַ גע־לעכטער.

דזשימי קומט שטענדיק אַראָפּ אַ ביסל פריער צו דער אַרבעט, כדי צו האָבן צייט אָנצוקאָרמענען זיינע קעץ. זיי ווייסן עס שוין און וואַרטן אויף אים. פונעם גאַנצן הויף קלייבן זיך צונויף אָפט מער ווי אַ צענד־ליק, און ווען זיי דערזעען אים אָנקומען, לויפן זיי אים שוין אַנטקעגן ביי די טרעפּ, וואָס פירן אין קעלער מיט אַ בעטנדיקן מיאַוקען און פאַרריסן די קעפּ און די עקן אין דער הויך. פון אַלע פענצטער קוקט מען זיך איין. די קינדער האָבן הנאה דערפון ניט ווייניקער, ווי דזשימי אַליין. זיי קוקן זיך איין, ווי גייענדיק מיט די קעץ צום קעלער, בויגט זיך דזשימי דערווייל איין און גיט אַ גלעט איבער דער פעל דאָ איין קאַץ, דאָ אַ צווייטע. די קעץ לויפן נאָך דזשימין פונקט ווי הינטלעך.

— נאָך גוט, וואָס ער דאַרף שוין ניט גיין אין סקול, — רופט זיך אַמאָל אָפּ אַ קינד, — אַז ניט וואָלטן זיי אים נאָכגעלאָפן אַזש אין קלאַס־צימער...

די פרויען אָבער, וואָס כאָטש אַ סך פון זיי נוצן אויס דזשימין מיט זיינע קעץ צו פאַרשפּילן דערווייל די קלענערע קינדער זייערע און אָנקאַר־מענען זיי, זיינען אָפט ניט צופרידן מיט דעם גאַנצן עסק.

— האָט איר געזען אַזוינס? אַנגעהאָדעוועט אַ הויף מיט קעץ, דרייען זיך אונטער די פיס...

— אין קיין הויף זעט מען ניט אַזוי פיל קעץ, ווי דאָ, — באַקלאָגן זיי זיך, — און אַזעלכע גרויסע, אָפּגעפרעסענע...

דזשימי רעכנט זיך אָבער ניט מיט קיינעם און טוט דאָס זייניקע. אין דער פרי ברענגט ער פאַר די קעץ מילך און בייטאָג קלייבט ער אויס פון די פעקלעך „גאַרבעדזש", וואָס שכנים טראָגן אַרונטער, שטיקלעך זעמל, ביינער פון פלייש און אַנדערע העשטן, און גייט ניט אַוועק פון קעלער, ביז ער פאַרזאָרגט ניט זיינע קעץ מיט עסן. דערפאַר באַצאָלן זיי אים מיט ליבע און פריינטשאַפט אויף זייער אופן. וואו ער גייט, לויפן זיי אים אַנטקעגן און דרייען זיך אַרום אים, לאַסטשענדיק זיך צו אים און רייבנדיק זיך אָן זיינע פיס.

עס טרעפט, אַז דזשימי קערט דעם הויף, רוקט זיך פלוצלונג אַרונטער אַ גרויסע פולע קאַץ, וואָס באַוועגט זיך קוים אויף די פיס, און הייבט זיך אָן לאַסטשען צו אים.

— וואָס וויל זי פון דיר איצט? — פרעגט ווער דזשימין — האָסט זי דאָך שוין היינט מסתם אָנגעקאָרמעט?

— זעסט ניט, — זאָגט דזשימי, — אַז זי שלעפּט זיך קוים. נאָך אַ טאָג, צוויי דאַרף זי געלעגן ווערן, בעט זי מיך, איך זאָל פאַר איר אַנגרייטן אַ פּאַסיקן פּלאַץ. זי געדענקט פון לעצטן יאָר...

און דזשימי זעט שוין, אַז די קאַץ, וואָס דאַרף געלעגן ווערן, זאָל האָבן אַ געלעגער און קיין שום קאָטער זאָל ניט קענען צוקומען צו די ניי־געבאָרענע קעצעלעך. די קאַץ דאַרף זיך שוין יענע צייט אויך ניט זאָרגן פאַר זיך — דזשימי פאַרזאָרגט זי שוין.

אָט אַזאַ איז ער, דזשימי. די שכנים פון הויז, אַפילו די, וואָס האָבן אַליין פיינט קעץ, רעספּעקטירן דזשימין דערפאַר, זיי זעען אין דעם אַ באַזונדער מין מענטשלעכקייט און אַ באַזונדער פיינקייט פון זיין כאַ־ראַקטער.

די צווייטע ליבע דזשימיס איז צו קינדער. זיי גיט ער אַוועק דעם צווייטן האַלבן טאָג, ווען ער פאַרטיקט זיך אָפּ מיט דער אַרבעט. די קינדער ווייסן שוין דאָס און פונקט ווי די קעץ וואַרטן זיי אים שוין אָפּ, באַזונדערס אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן.

דזשימי האָט אַ סך מעשיות צו דערציילן: מעשיות פון זיין אייגענער קינדהייט און יוגנט, און מעשיות וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון אַנ־דערע. די קינדער זיצן און הערן זיך איין צו זיי און שלינגען יעדעס וואָרט.

ער דערציילט זיי פון די צייטן פון שקלאַפעריי, ווען אַ שקלאַף איז געווען גאַרניט, און דער אייגנטימער האָט מיט אים געקענט טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. די קינדער הערן זיך צו מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. איבערהויפּט געפעלט זיי דאָס, וואָס די מעשיות זיינען טאַקע אמתע, ניט קיין אויס־געטראַכטע, און דזשימי אַליין דערציילט זיי מיט געפיל, ווי ער וואָלט זיי ערשט אַליין דורכגעלעבט.

— דערצייל נאָך, הערצייל נאָך, — בעטן זיך די קינדער, — ווען דזשי־מי ווערט מיד און עס ווערט שוין צייט צו גיין שלאָפן.

— אָ, איך האָב נאָך אַ סך געשיכטעס, אָבער דער זומער איז נאָך ניט געענדיקט און מיר וועלן נאָך האָבן אַ סך צייט פאַר דעם.

די קינדער צעגייען זיך אָן חשק, אָבער דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס זיי האָבן געהערט.

אַמאָל, ווען דזשימי האָלט אין דערציילן פון זיין אייגענעם לעבן, פאַלט פלוצלונג איין איינעם פון די קינדער, אַן עלטערן שוין, אים אַ פרעג צו טאָן:

— האָסט אַ ווייב, דזשאָו? מיר האָבן זי קיינמאָל ניט געזען מיט דיר...

— ניין... — ענטפערט דזשימי אין פאַרלעגנהייט.

— גאָר קיינמאָל ניט געהאַט? — וויל יענער וויסן, און אַלע קינדער דערביי שטעלן אָן די אויערן גרייט אויפצוכאַפּן עפּעס אַ נייע סענסאַציע פון דזשימיס לעבן.

— יאָ, געהאַט... — ענטפערט דזשימי ניט איבעריק גערן, — אָבער דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה...

— דערצייל, דערצייל, — הייבן די קינדער אָן בעטן ביי אים און רוקן זיך ענגער צוזאַמען אַרום אים.

דזשימי זעט, אַז ער וועט גאַרנישט קענען מאַכן, הייבט ער אָן דער־ציילן:

— אָ, דאָס איז שוין געווען לאַנג צוריק, נאָך איידער איך האָב אָנ־געהויבן דאָ אַרבעטן. איר נאָמען איז געווען עטל, — אַ שיין מיידל געווען און מיר האָבן געלעבט צופרידן און גליקלעך, אָט אַזוי ווי אייערע טאַטעס און מאַמעס... קיין קינדער האָבן מיר נאָך ניט געהאַט. ביז אָט יענער גלחל איז געקומען... אָן איבעריקן צימער האָבן מיר געהאַט, האָט זיך צו אונדז אַריינגעצויגן אַ גלחל. ניט קיין איבעריקער פאַרשוין געווען, נאָר דערפאַר האָט ער געהאַט זייער אַ גלאַטן צינגל... צוערשט איז אַלץ געגאַנגען גוט און פיין. גאַרנישט באַמערקט צווישן זיי... און אפשר יאָ עפּעס באַמערקט, נאָר געמאַכט זיך ניט וויסנדיק... ביז איינ־

מאָל — עס איז געווען אין אַ דריי מאָנאַטן אַרום, ווי דער גלח האָט זיך אַריינגעצויגן צו מיר — קום איך אַהיים פון דער אַרבעט און טרעףביידן ניט... דאָס הויז איז געווען צעוואָרפן, די שאַפעס מיט קליידער אויסגעליידיקט, פאַרשטיי איך שוין, וואָס עס איז געשען... און דאָ אויפן טיש אין קיך געפין איך נאָך אַ צעטעלע פון איר: „טייערער, עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין... זוך מיך ניט און בענק ניט נאָך מיר... זיי געזונט. איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס...״ פאַרשטייט זיך, די ערשטע מינוט בין איך געבליבן שטיין צעטומלט און שיר ניט אַנידערגעפאַלן... באַלד אָבער בין איך געקומען צו זיך... אַוועקגעלאָזט זיך זוכן זיי... וואו בין איך ניט אויסן געווען? דעם גאַנצן סטעיט אויסגעפאָרן... וואו ערגעץ עפּעס אַ קלאַנג געהערט, אַ שטיקל פאַרדאַכט, גלייך געלאָזט זיך אַהין... ביז איינמאָל, אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום, האָב איך זיי ביידן געפּאַקט... ביים ברעג ים איז עס געווען. זומער פאַרנאַכט. אויף אַ באַנק ביים ים זיינען זיי געזעסן... ער האָט מיך דער ערשטער דערזען און גלייך זיך אָפּגעטראָגן... זי איז געבליבן זיצן. איך האָב זיך צוגעזעצט צו איר... אַ ווײַלע האָבן מיר ביידע געשוויגן.

— נו, — האָב איך זיך אָנגערופן, — וואָס וועט איצטער זיין? — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און פּלוצלונג האָט זי אויפגעהויבן די אויגן, גלייך אַריינגעקוקט אין מיינע און רואיק און אַנטשיידן געזאָגט: „גאָרנישט וועט איצטער זיין... אומזיסט דיין מי...״ ווי מיט אַ מעסער וואָלטן מיך די דאָזיקע ווערטער אירע דערלאַנגט... איך בין אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט... באַלד אָבער האָב איך זיך באַרואיקט אַ ביסל און צוריקגעזעצט זיך לעבן איר. און זי, ווייזט אויס, דערפילנדיק, אַז איצט איז די פּאַסיקע צייט, האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו מיר און גענומען איינטענהן מיט מיר און איבעררײדן מיך: — דו ווייסט אַליין, דזשימי, ביסט דאָך ניט קיין נאַר... אַזעלכע זאַכן האָבן אַלעמאָל פּאַסירט און פּאַסירן איצט אויך... נו, האָט עס פּאַסירט מיט דיר... איך בין פאַרליבט אין אים... איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער איך בין פאַרליבט... דיך האָב איך אויך ליב, אָבער אַן אים קאָן איך ניט לעבן. איך ווייס, ער וועט קיינמאָל ניט זיין אַזוי גוט צו מיר, ווי דו, אָבער איך בין גרייט אויף דעם... ווייזט אויס, אַז דאָס איז מיין מזל...

— איך בין נאָך אַ ווײַלע געזעסן לעבן איר, נאָר זעענדיק, אַז איך וועל סיי־ווי גאָרנישט מאַכן, האָב איך זיך אויפגעהויבן און בין אַוועק...

— די ערשטע צייט בין איך אומגעגאַנגען ווי צעמישט, גענומען זיך אַפילו צום פלעשל... איר פאַרשטייט, וואָס איך מיין... באַלד אָבער האָב איך זיך באַרעכנט: עס לוינט זיך ניט צו פאַרקויפן די נשמה צום

טיוול... איך האָב זיך אָנגעהויבן נעמען אין די הענט און צוריק אַ מענטש געוואָרן... און אַט אַזוי לעב איך איצט אַליין...

דזשימי ווערט אַנטשוויגן. די דערינערונג פון אַ סך יאָרן צוריק וועקט אויף אין אים אַן אַלטע וואונד. אויף זיין ווייכן און גוטמוטיקן פּנים גיסט זיך אויס אַ טרויעריקייט. די קינדער דערפילן דאָס. אויך זיי זיינען גערירט. עטל שטייט איצט פאַר זייערע אויגן, ווי איינע פון די ערגסטע מענטשן, וועגן וועלכע זיי האָבן געלייענט אין די ביכלעך. ווען זיי טרעפן זי אַן איצטער ערגעץ, וואָלטן זיי איר שוין געלאָזט וויסן, וואָס זיי טראַכטן וועגן איר. אַזאַ פאַלשע! בעמען און ווי טאָן אַזאַ מענטשן ווי דזשאָו!...

— נו, און ווען זי באַווייזט זיך איצטער פּלוצלונג און קומט צוריק — פאַלט איינעם, אַן עלטערן, איין צו פרעגן — וואָלסטו זי אַריינגעלאָזן?...

דזשימין טרעפט די פראַגע אומגעריכט. מען זעט, ווי זי האָט אים עטוואָס צעטומלט. אַ ווײַלע פאַרקלערט ער זיך, און טרויעריקער ווי ער איז געוואוינט צו זיין, ענטפערט ער:

— איך ווייס ניט. קיינמאָל ניט געטראַכט פון דעם... אַלנפאַלס איז עס שוין אַן אַלטע מעשה. ווער ווייס, צי זי לעבט שוין גאָר...

די גאַנצע טרויעריקע מעשה דזשימיס און דער נאָך טרויעריקערער סוף, וואָס דער הויפּט־העלד איז מעגלעך טויט, מאַכט אויף די קינדער אַ שטאַרקן איינדרוק. באַלד צערוקן זיי זיך שטילערהייט און גייען אַהיים. איניקע מיידעלעך געפינען פאַר נויטיק צו זאָגן:

— אַ דאַנק פאַר דער מעשה, וואָס דו האָסט אונדז היינט דערציילט... זיי ניט אומעטיק...

דזשימי בלייבט נאָך לאַנג זיצן אויף די טרעפּ, פאַרזונקען אין געדאַנקען, וואָס די אייגענע מעשה האָט אין אים אַרויסגערופן.

דערפאַר ווייזן די קינדער פון זייער זייט אַרויס אַ סך ליבע און גע־האַרכזאַמקייט צו דזשימין. ווען דזשימי הייסט ניט אַרומלויפן אין הויף, לויפט קיינער ניט אַרום, און ווען דזשימי בעט די קינדער עפּעס טאָן, ווערט דאָס גלייך געטאָן. אַ סך מאַמעס ווייסן שוין, אַז ווען זיי ווילן די קינדער זאָלן גיין אין צייט שלאָפן, דאַרפן זיי נאָר בעטן דזשימין. זיי אַליין קענען זיך דאָס האַרץ אויסעסן, שרייענדיק דורך די פענצטער אַרויס, אָדער נאָכלויפנדיק נאָך זיי אין אַלע באַהעלטענישן, און עס העלפט ניט. אָבער ווען דזשימי זאָגט זיי, לאָזט דאָס קינד אַראָפּ דאָס קעפּל און גייט דאָך באַלד אַריין אין שטוב.

אָט אַזאַ איז ער, דזשימי. דערפֿאַר, ווען גרויסע יאָגן זיך צו דער אַר־בעט און קינדער גייען אין סקול, און דזשימי שטייט שוין און אַרבעט אין הויף, טראָגן זיך פֿון אַלע זייטן:

— העלאָ, דזשאָו!...

— העלאָ!...

— העלאָ, העלאָ, — ענטפֿערט אָפּ דזשימי, אָפּשטעלנדיק אויף אַ מינוט די אַרבעט און צוואַרפֿנדיק יעדערן אַ פֿריינטלעכן בליק...

מיסטער קאַנאַריק

פאַראַן מענטשן, וואָס געדענקען נאָך מיסטער קאַנאַריקן, ווי ער איז אַליין געווען אַן אַרבעטער, געאַרבעט אין שאַפּ ביי יענעם. אייניקע האָבן אַפילו אַליין מיט אים צוזאַמען געאַרבעט. אָבער דאָס איז שוין געווען מיט לאַנגע יאָרן פריער, מיט אַ יאָר־פינף־און־דרייסיק צוריק. נאָר אַז מען הייבט זיך אָן דערמאָנען, שטעלט זיך צוריק אויף אַ בילד פון יענער צייט און פון יענעם קאַנאַריקן.

אַ קליין מענטשל איז מיסטער קאַנאַריק געווען. די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן אים געהאַסט און מיט אים ניט געוואָלט האָבן צו טאָן. גערעדט האָבן זיי צו אים נאָר ווען עס האָט זיי אָנגעזאָטן אויפן האַרצן, און זיי האָבן געוואָלט אויף אים אויסגיסן זייער פאַרדראָס, אָדער ווען זיי האָבן געוואָלט חוזק מאַכן פון אים.

יונג איז ער נאָך דעמאָלט געווען און געהאַט האָט ער כוח פון אַ פערד. האָט ער דעם גאַנצן כוח אַריינגעלייגט אין די מאַשינען, אין שאַפּ, דאָרט געטאָגט און גענעכטיקט. עס פלעגט טרעפן, אַז דער בחור פלעגט אַריינ־לייגן זעכצן און אַכצן שעה אַרבעט אַ טאָג, און אַמאָל אַפילו פלעגט ער גאָרניט גיין אַהיים נעכטיקן, נאָר איבערשלאָפן אין שאַפּ: אויסציען זיך איבערן לאַנגן אַרבעטס־טיש, אונטערלייגן צוקאָפּנס אַ „באַנדל", איבער־דעקן זיך מיטן מאַנטל און אַזוי איבערליגן די פּאָר שעה ביז פאַרטאָג, ווען ער האָט זיך צוריקגענומען אַריינפּאַקן די מלאכה.

פון קיין אַנדער זאַך האָט ער ניט געוואוסט, און מיט קיין אַנדער זאַך נישט אינטערעסירט זיך, סיידן מיט קאָרטן... אָבער פאַר דעם האָט ער שוין קיין אַנדער צייט ניט געהאַט, ווי נאָר שבת. אַ גאַנצע וואָך איז אים אַ שאָד געווען אַ מינוט אָפּצורייסן. דערפאַר פלעגט ער אין די שבתים אָפּנעמען פאַר דער גאַנצער וואָך. ער פלעגט דעמאָלט שפּילן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט, ביז מען האָט שוין געדאַרפט גיין צוריק אין שאַפּ.

די אַרבעטער, דערזעענדיק אים אינדערפרי אַ ניט־אויסגעשלאָפענעם און צעשויבערטן, האָבן אים האַלב אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, עפּעס אַ היפּשן ברכי נפשי נעכטן אָפּגעזאָגט?... (געמיינט האָט עס: עפּעס אַ גוט קערטל אַריינגעכאַפּט?).

פלעגט ער בייז און פאַרשלאָפן עפּעס אונטער דער נאָז אַרויסברו־מען און באַלד זיך נעמען צו דער אַרבעט.

קאַרג און זשעדנע איז ער געווען, איז דעריבער יעדע מינוט צייט אים אַ שאָד געווען. נאָך אַ שטאָך מיט דער נאָדל, נאָך אַ שטעפּ מיט דער מאַשין — און דער קאָנטוערט מיט „פעידע" איז פון דעם צום סוף וואָך

גרעסער געוואָרן. איינציקע, וואָס האָבן אָװעקגעגעבן אַ מינוט צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אים, האָבן געזאָגט, אַז דער בחור מוז ערגעץ האָבן אַ „מאַטניאַ” מיט געלט. ווארעם אויף וואָס דאַרף ביי אים אַוועקגיין דאָס געלט, וואָס ער פאַרדינט? אַז שלאָפן שלאָפט ער, ווי ער דערציילט אַליין, ערגעץ אין אַ קעלער — און אַוודאי אָן באַצאָלט אויך — און קליידן זיך, אויב מען קען דאָס אַזוי אָנרופן, איז ביי אים רעכט גיין אין אָן אַלטוואַרג־געשעפט און קויפן עפּעס אָן אַלטע שמאַטע, וואָס עמעצער האָט מסתּם אַרויסגעוואָרפן, און אָפּטראָגן עס נאָכדעם ווער ווייס ווי לאַנג. מיידלעך „אויסנעמען”? — פון אַזאַ זאַך האָט ער נישט געהאַלטן. איז אויף וואָס גייט אַוועק זיין גאַנץ געלט, וואָס ער ברענגט יעדע וואָך פון שאַפּ, אַ סך מאָל טאָפּלט ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער? סיידן אויף קאָרטן. אָבער דאָס, זיינען די אַרבעטער זיכער געווען, האָט אויך ניט געקאָנט פּאַסירן. ערשטנס, האָבן זיי געוואוסט, אַז ער „שפּילט קלייך” און קיין סך דערביי קאָן ער ניט פאַרלירן. צווייטנס, האָבן זיי געטראַכט, וואָלט ער גיכער אויפגעהערט צו שפּילן אינגאַנצן, איידער צו דערלייגן געלט. גיכער בלייבט אים נאָך עפּעס דערפון.

אַ, יאַ... אַ צווייטע געוואוינהייט זיינע, וואָס פאַר דעם איז אים שוין קיין שום געלט ניט טייער געווען, איז געווען די געוואוינהייט צו פרעסן... נישט עסן, נאָר טאַקע פּשוט פרעסן... ער האָט געקאָנט עסן אָן אַ שיעור און אָן אַ מאָס. עפּעס אָן אומנאַטירלעכן אַפּעטיט האָט ער געהאַט און אָן אומנאַטירלעכן מאָגן, שיעור ניט ווי אַ פאַס די גרויס, וואָס מען האָט געקענט שטאָפּן אין דעם און שטאָפּן און עס זאָל קיינמאָל ניט פול ווערן. פאַר דעם פרעסן האָט ער געהאַט דעם גרעסטן אינטערעס. אפשר איז דאָס געווען די איינציקע זאַך, וואָס האָט אים פאַרשאַפט נישט בלויז פיזישן פאַרגעניגן, נאָר אויך אַ גייסטיקן. אַז דער מענטש האָט געגעסן, האָט מען געזען, ווי די אויגן זיינע און די נאַזלעכער האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און איבערן פּנים האָט זיך צעלייגט אַ גוואַלדיקע צופרידנקייט.

איבערן עסן איז ניט ער און ניט דער מאָגן זיינער געווען איבערקלייבעריש. פאַרקערט, וואָס געזאַלצענער, קנאָבלדיקער און פעפערדיקער אַ זאַך איז געווען, אַלץ מער אַפּעטיט האָט עס אים צוגעגעבן.

דער מאָגן זיינער האָט געקאָנט פאַרנעמען אַלץ. ער האָט געקאָנט פאַרנעמען געריכערטע און געזאַלצענע פישן, פעפערדיקע און קנאָבלדיקע וואורשטלעך און פעטע קישקעלעך, פון וועלכע דער שמאַלץ איז גערונען איבער דער מאָרדע. אָן אַ שיעור פלעגט ער לייגן פון דעם אין זיך, און די אַרבעטער פלעגן זיך וואונדערן, ווי קאָן דאָס אַזוי פיל אַריין אין איין מענטשן.

פון דעם שטענדיקן פרעסן האָט זיך דאָס פּעטס צעלייגט איבער זיין קערפּער און צוליב זיין נידעריקן וואוקס געמאַכט אים אויסקוקן ווי אַ פּעסל — אַ פּעסל, וואָס קייקלט זיך אויף צוויי פיס... די אַרבעטער האָבן אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „פּאַסקע" און מיט קיין אַנדער נאָמען אים קיינמאָל ניט גערופן.

— „פּאַסקע", אַ כאָליערע אין דיר, ווען נעמט דיך שוין איין אַ מיתה משונה?...

אַז „פּאַסקע" זאָל אַמאָל ווען חתונה האָבן, האָט זיך קיינעם ניט געגלויבט. ערשטנס, וואָלט דער בחור ניט אויסגעגעבן קיין פּעני אויף קיין ווייב. צווייטנס, וועלכע מיידל וואָלט דאָס גאָר געוואָלט חתונה האָבן מיט „פּאַסקען", אַז אַלע האָבן זיך געמיאוסט פון אים. ווען עמעצער האָט אַמאָל, אַפילו אויף שפּאַס בלויז, געפּרואווט אַ זאָג טאָן צו איינער פון די שאָפּ־מיידלעך:

— אַט וואַלגערט זיך אַ שטיק גאָלד אין בלאָטע, און קיינער הייבט דאָס ניט אויף...

— גאָלד?... — פלעגט יענע ווערן אויפגעזאָטן — ס'איז בלויז בלאָטע...

אַפילו עלטערע פרויען, ווען עס איז אַמאָל געקומען צורייד, האָבן פאַרקרימט די פּנימער:

— אַט מיט אַזאַ בריה? — פאַר מיינע צרות, פאַר מיינע זינד... כ'וואָלט שוין בעסער דעם גאַנצן לעבן אָפּגעוואַלגערט זיך אין שאָפּ און אָפּגעפינצטערט מיינע יאָרן איינע אַליין...

פונדעסטוועגן איז „פּאַסקען" — ווי מען האָט אים דעמאָלט גערופן — ניט אינגאַנצן פרעמד געווען דער געפיל צו פרויען און אייניקע אַפילו האָט ער, אויף זיין שטייגער, געגעבן אָנצוהערן וועגן דעם.

באַזונדערס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן די הויכע שוואַרץ־חנעוודיקע קלאַרע, אויף וועמען „פּאַסקע" האָט שטאַרק אַן אויג געוואָרפן און אויף וועמען ער האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך נאָר דערלויבט דעם קאָפּ פון דער אַרבעט אויפצוהייבן, אָדער אַזוי בשעת אַן איבעררייס.

געשמועסט האָט מען אין שאָפּ, אַז ווען קלאַרע זאָגט נאָר איין וואָרט, וואָלט אָט־דאָס קליינע פעסלדיקע מענטשל מיטן פאַרשטיקטן קליינעם נשמהלע אין זיך, מיטן איינגעשטייפטן פויסט, וואָס האָט קיינמאָל קיין סענט נישט אַרויסגעלאָזן, אויסער אויפן פרעס, — נאָכגעלאָזן און צוגעשטימט חתונה האָבן מיט איר, און איינגעאָרדנט אַפילו אַ היים פאַר איר...

אָבער, ווען עמעצער האָט, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט,

געפּרוואווט אָנדייטן קלאַרען וועגן דעם, האָט זי מיט שרעק אַ קוק געטאָן אויף יענעם, און דער פּנים אירער האָט נערוועז אַ ציטער געטאָן. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, און יענער האָט זיך לאַנג ניט געקענט מוחל זיין פאַר דעם האַלבן שפּאַס.

היינט, ווען קלאַרע, וואָס איז שוין אַ פאַרעלטערטע מיידל, מיט איינגעקנייטשטע באַקן, און אַ רוקן איינגעבויגן פון אַרבעט, כאָטש וואו־נאָך־וואו גיט נאָך אַ פינקל אַ זכר פון אַמאָליקן חן — דערמאָנט זיך וועגן דעם, קען זי זיך ניט פאַרגעבן. דעמאָלט אָבער וואָלט זי זיך גיכער געוואונטשן העם טויט איידער חתונה האָבן מיט „פאַסקען".

שפּעטער איז „פאַסקע" מיטאַמאָל פאַרשוואונדן פון שאַפּ און קיינער האָט פון אים אַ שטיק צייט ניט געהערט. געשמועסט האָט מען, אַז עפּעס אַ פירמע האָט אים אַריינגענומען צו טאָן פאַר איר „סקעב"־אַרבעט און צאָלט אים דערפאַר כמעט טאָפּלט, ווי ער פלעגט פאַרדינען דאָ. אויף זיכער אָבער האָט עס קיינער ניט געוואוסט.

פלוצלונג האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז „פאַסקע" האָט זיך אָפּגעזוכט... אָבער דאָס מאָל שוין ניט אַלס אַ שאַפּ־אַרבעטער, נאָר אַלס אַ „באָס" פאַר זיך, אַ „באָס" הערצו פון אַ היפּשן שאַפּ... די אַרבעטער האָט זיך דאָס גאָרניט געוואָלט גלויבן.

עס איז אָבער געווען אמת. מען האָט דערציילט, אַז ערגעץ האָט זיך אַ מאַן אָפּגעזוכט — קענטיק, אַ פיפיקער יונג — וואָס האָט „פאַסקעס" גרויסע „מעלות" דערשמעקט: זיין פערדישע אַרבעטזאַמקייט, זיין דורשט נאָך געלט און, הויפּטזעכלעך, אַז ערגעץ האָט ער באַהאַלטן אַ סך געלט... ער האָט באַשלאָסן טאָן מיט „פאַסקען" געשעפט. ער האָט אים פאַרגעלייגט: ער וועט אים געבן זיין שוועסטער, אַ יונגע שיינע אַלמנה, פאַר אַ ווייב, און יענער, „פאַסקע" הייסט עס, זאָל פון דער באַהעלטעניש אַרויסנעמען זיין געלט, און ביידע זאָלן זיי אין שותּפות עפענען אַ שאַפּ.

„פאַסקע" האָט זיך אַ ביסל געקווייקלט. עס איז אים געווען אַ שאָד דאָס געלט צו רירן, אָבער דאָס ווייבל האָט אים אויך שטאַרק געצויגן.

ענדלעך האָט „פאַסקע" צוגעשטימט און דער געשעפט איז געשלאָסן געוואָרן. „פאַסקע" האָט חתונה געהאַט מיט דער יונגער שיינער אַלמנה — מיט אַ צוועלף יאָר ייִנגער פון זיך — און דאָס געלט האָט ער אַרויסגענומען און איבערגעגעבן דעם שוואָגער זיינעם, אַלס אַ שותּף, צו עפענען אַ שאַפּ.

אַזוי איז „פאַסקע" געוואָרן אַ באָס.

די ערשטע צייט האָט קיינער אַפילו ניט געוואוסט, אַז „פאַסקע" איז איינער פון די באַלעבאַטים פון שאַפּ. די שותּפים האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז „פאַסקע" זאָל זיין אינעווייניק מיט די אַרבעטער, דאָרט וואו די

מאַנטלען ווערן צוגעשניטן און אויפגענייט, און דער צווייטער, ס'הייסט דער שוואָגער, ועט זיין אין פּראַנט־צימער, דאָרט וואו די פּאַרטיקע מאַנטלען ווערן אַרויסגעהאָנגען און וואו פאַרשיידענע סוחרים קומען אָנקוקן.

„פּאַסקע" איז געווען צופרידן פון אַזאַ איינטיילונג. שטענדיק אַ שווייגנ־דיקער, אַ פאַרשטיקטער אין זיך און פאַרנומען בלויז מיט דער אכילה, האָט ער גאָר מורא געהאַט פאַר מענטשן און געזוכט אויסצומיידן צו טרעפן זיך מיט זיי. דער שאַפּ איז פאַר אים געווען דער בעסטער פּלאַץ.

די ערשטע צייט האָט ער געאַרבעט צוגלייך מיט אַלע אַרבעטער. אַריינ־געלייגט אַ וועלט מיט אַרבעט דורכן טאָג און געוויזן די אַרבעטער, „וואָס אַרבעטן הייסט" און ווי מען דאַרף אַרבעטן, כדי צופרידנצושטעלן אַ באַ־לעבאָס...

די אַרבעטער האָבן באַלד דערקאַנט, וואָס פאַר אַ נפש דאָס איז און אויסגעמיטן צו רעדן ניט נאָר מיט אים, נאָר אויך אין זיין אַנוועזנהייט. זיי האָבן געגלויבט, אַז אַפילו דאָס, וואָס ווערט ניט געזאָגט, ווערט אויך איבערגעטראָגן צום באַלעבאָס. אויף דעם קליינעם מענטשל האָט מען אַלץ געקאָנט גלויבן...

שפּעטער האָבן זיך צום שאַפּ גענומען דערטראָגן קלאַנגען, אַז דאָס קליינע פעטע מענטשל איז גאָרניט קיין אַרבעטער אין שאַפּ, נאָר טאַקע איינער פון די באַלעבאַטים אַליין...

די אַרבעטער זיינען פאַרציטערט געוואָרן.

צום גליק איז ער באַלד נאָכדעם אַוועק פון דער שאַפּ־אָפּטיילונג און אַריבער אין פּראַנט־צימער. ער האָט דערשמעקט, אַז אין שאַפּ איז גענוג אײן בליק זיינער, אָדער איין מאָל זיך דורכגיין צווישן די מאַשינען. אין פּראַנט־צימער אָבער, וואו דער שוואָגער באַלעבאַטעוועט, זיינען נויטיקביידע אויגן און דער גאַנצער טאָג...

„פּאַסקע" איז אַריבער אין פּראַנט.

די ערשטע צייט איז אים ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. זיין גאַנצער אָרגאַניזם איז שוין געווען צוגעפּאַסט נאָר צו זיצן איינגעבויגן און אַרבעטן, אַרבעטן און נאָכדעם זיך זעצן עסן און אָנפּאַקן דעם בויך מיט אָן אַ שיעור שפּייז, און פאַר אַן איבעררייס, פאַר אַ „גייסטיקן" גענוס, שפּילן אַ ביסל אין קאָרטן.

אין זיין נייער ראָלע אַלס באָס, איז דער שאַפּ פאַר אים געווען ווי אָנגעמאָסטן. ביי זיין גאַנצער זשעדנעקייט נאָך געלט האָט ער זיך געפּאַסט פאַר דער ראָלע פון אַ וואַך־הונט איבער די אַרבעטער, צו שטיין „מיט אַ בייטש אין האַנט" און אונטערטרייבן זיי.

דאָ אָבער, אין פּראַנט־צימער, האָט אַלץ געדאַרפט זיין אַנדערש. מען

האָט זיך געדאַרפט אַנדערש קליידן, אַנדערש זיך האַלטן, אַנדערש רעדן און אַפילו עסן אַנדערש... די לעצטע זאַכן זיינען אים אָנגעקומען אָמ־שווערסטן...

פונדעסטוועגן האָט ער זיך ביסלעכווייז צוגעפּאַסט. זיין פּראַקטישער חוש, זיין אומצוטרוי צום שוואָגער, און זיין זשעדנעקייט נאָך געלט, — דאָס אַלץ האָט אים שטאַרק אַרויסגעהאָלפן. עס האָט אין אים אַ נייע ענערגיע אַריינגעפּלייצט, ניי בלוט, און געהאָלפן ביסלעכווייז זיך איבעראַנדערשן. ער האָט אָנגעהויבן באַקומען אַ מער מענטשלעכן אויסזען. די פעסלדיקייט פונעם קערפּער איז טאַקע ניט פאַרשוואונדן, אָבער דאָס אָנטאָן זיך, דאָס האַלטן זיך, האָבן זיך צוביסלעך געענדערט. אויך די מורא פאַר מענטשן האָט אָנ־געהויבן פאַרשווינדן.

די הויפּט־צרה איז נאָר געווען מיטן עסן. דאָ האָט ער גאָרנישט געקענט נאָכגעבן און אויף קיין קאָמפּראָמיסן ניט געקאָנט גיין... אָבער אויך אין דעם פאַל, ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, איז אַז מען זוכט, געפינט מען... אַ ביסל האָט דאָ אַרויסגעהאָלפן זיין פרוי.

זי האָט גלייך באַשלאָסן פון אָנהייב, אַז אויב „פאַרקויפט זיך" זאָל זיין איינגאַנצן, מיט האָק און פּאָק. זי האָט אַפילו קיין פּראָבע ניט געמאַכט דעם מאַנס משונהדיקע געוואוינהייטן צו ענדערן. זי האָט זיי פריער גע־וואוסט און איז איינגעגאַנגען אויף זיי. איר איז געווען גוט, איר האָט זיך געלעבט רייך, איר האָט ער געגעבן אויף וואָס זי האָט געדאַרפט, — און דאָס איז געווען אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט. צוליב דעם האָט זי זיך געלאָזט איבעררעדן פון ברודער און איינגעשטימט חתונה צו האָבן מיט אים. זי האָט שנעל אויסגעלערנט דעם מאַנס אייגנשאַפטן און פאָדערונגען און זיי נאָכגעגעבן און אויסגעפאָלגט. עס איז געווען דאָס זעלבע געשעפט ווי דעם ברודערס: ער איר — טייערע קליידער און גוטע מאַנטלען און פינקל־דיקע שטיינדלעך, און זי אים, — שיסלען מיט עסן און אַ שפּייז־אַלמער מיט אַלדאָס גוטס... יעדן אינדערפרי האָט זי אים אַוועקגעשטעלט אַן אָנבייסן, וואָס וואָלט זיין גענוג פאַר דריי אַנדערע, און אין אָוונט, ווען ער איז געקומען, האָט ער שוין געטראָפן אַ טיש געגרייט מיט געהאַקטן און געפילטן, געפּרעגלטן און געדעמפּטן, אַזש די נאָזלעכער זיינע פלעגן אויפ־ציטערן, סיי פון די ריחות און סיי פון דער שפע און פאַרנעם...

אַזוי, אַז מיטן עסן האָט ער זיך אויך ווי עס איז צוגעפּאַסט...

איצט איז געקומען די צייט, ווען „פאַסקע" האָט געדאַרפט אַרויס אין געזעלשאַפט. ער האָט אַפילו פאַר דעם קיין זין ניט געהאַט און אים אַליין וואָלט דאָס קיינמאָל גאָר אויפן געדאַנק ניט געקומען. אָבער דאָ ווידער, ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, איז דער פירער, דער וועגווייזער

געווען דער שוואָגער. ער האָט אים גענומען צורעדן, אַז מען קען אַזוי איי־ביק ניט אַנגיין. מען קאָן ניט לעבן אָפּגעזונדערט „פון דער וועלט.״ מענטשן קענען עס אַנהייבן באַמערקן און עס קען זיך נאָך שלעכט אָפּרופן אויף די געשעפטן. אינדרויסן הענגט אַ גרויסע שילד: „ליבהאָבער און קאַנאַריק״ — און דאָ ווייס גאָר קיינער ניט, ווער קאַנאַריק איז... שוין צייט צו לאָזן הערן פון זיך...

„פּאַסקע״ האָט אויף אַ שכלדיקער זאַך געלאָזט זיך איבעררעדן. כאָטש מיט אַ שווער האַרץ, אָבער ער האָט עס געטאָן... און ווען ער האָט ביי אַ מיטינג געהערט אויסרופן: „מיסטער קאַנאַריק, פון דער פירמע ״ליבהאָבער און קאַנאַריק״, איז מנדב אַזוי פיל און אַזוי פיל...״ — האָט אין אים עפּעס אויפגעריסן און אַ ציטער איז אַדורך דורכן לייב. „מיסטער קאַנאַריק...״ צום ערשטן מאָל אין לעבן!... נישט „פּאַסקע״, נאָר מיסטער קאַנאַריק... אַ שווייס האָט אים אַזש באַשלאָגן...

ער האָט דערפילט, אַז אָט די פּאַסירונג איז אַ וויכטיקער שפּאַן אין זיין לעבן, אפשר דער וויכטיקסטער. עס שאַפט אַ מחיצה צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט, עס שאַפט אַן איבערבראַך אין זיין גאַנצן פריערדיקן לעבן. אַ נייע צייט הייבט זיך אָן פון איצט. נישט מער די „פּאַסקע״־עפּאָכע — פון איצט אָן איז עס די „מיסטער קאַנאַריק״־צייט...

דאָס האָט אים אַזוי באַפליגלט, אַז דער שוואָגער איז אַליין איבערראַשט געוואָרן און ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס מיט אים איז איבערנאַכט פאָר־געקומען.

און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. נישט קיין צו־גרויסע ענדערונג אויסערלעך, דערפאַר אָבער אַ שטאַרקע ענדערונג איבעווייניק. נישט מער דער פריערדיקער, אין זיך פאַרשטיקטער „פּאַסקע״, וואָס האָט ליב גע־האָט צו אַרבעטן ווי אַ פערד, נאָר אַ נייער מיסטער קאַנאַריק, דער באָס פון אַ גרויסן שאָפּ פון הינטן און אַ גרויסן געשעפט פון פאָרנט, מיט אַ ברייי־טער שילד פון אויבן, אויף וועלכער עס האָט זיך מיט זילבערנע אותיות געלייענט: „ליבהאָבער און קאַנאַריק — פאַבריקאַנטן און פאַרקויפער פון פרויען־קליידער און פרויען־מאַנטלען״.

איבעווייניק אין אים איז אַ נייער פאַרנעם און נייע אַמביציע אויס־געוואַקסן: „מיסטער קאַנאַריק״ — איבער אַלץ...

ער האָט זיך גענומען רוקן אין געזעלשאַפטן און „סאָסאַייעטיס״. אומ־עטום האָט ער געוואָלט זיין דער ערשטער: מיסטער קאַנאַריק! קיין סך צו דערגרייכן דאָס האָט מען ניט געדאַרפט. בלויז נאָר אַ ביסל געלט מנדב אָדער מנדר צו זיין, און דער עולם האָט פאַר דעם געצאָלט מיט כבוד איבערן האַלדז: מיט שלישי און מיט שישי און אַפילו מיט מפטיר...

מיסטער קאַנאַריק איז געוואַקסן: עקזעקוטיוו־מיטגליד... טרעזשורער... וויצע־פּרעזידענט... קאַנאַריק־„פּאַסקע" האָט זיך געדראַפּעט אויפן לייטער...

נאָר אין איין זאַך האָט דער אַמאָליקער „פּאַסקע" זיך ניט געקענט איבערמאַכן און איז געבליבן — כאָטש אין אַ עטוואָס פאַרשטעלטער און באַהאַלטענער פאָרם — דער זעלבער „פּאַסקע" ווי פריער, און דאָס איז געווען — דאָס פרעסן...

די פרוי זיינע האָט אים טאַקע נאָכגעגעבן, אָנגעשטעלט פולע טישן מיט אַלדאָס גוטס, שמעקעדיקע און באַטעמטע מאכלים, וואָס האָבן געהייצט די נאָזלעכער און געבעטן זיך: נאָך און נאָך. אָבער דעם טעם פון די אַמאָליקע מאכלים: ביליקע געזאַלצענע און געפעפערטע פישן, אָנגעשטאָפּטע פּעטע קישקעלעך, און זופּן, אין וועלכע דאָס פעטס איז צאַפּלדיק אַרומגעשוואומען ווי לעבעדיקע פאַרגאַסענע אויגן, — דעם טעם האָבן זיי ניט געהאַט. אַזוינס האָט מען געקענט קריגן נאָר אין די ביליקע רעסטאָראַנדלעך, און אַהין פלעגט זיך מיסטער קאַנאַריק בשתיקה פאַרגנבענען — בשתיקה פונעם ווייב און פונעם שוואָגער... דאָ האָט ער זיך געלאָזט וואוילגיין. און דאָס איז אויך געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן ביי אים... אַלץ האָט ער — מער ווי ער האָט זיך ווען פאַרגעשטעלט! — נאָר די איין זאַך פעלט אים — איז אָט האָט ער דאָס אויך און פילט אויס דאָס גאַנצע גליק...

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיסטער קאַנאַריק איז געשטאָרבן פּלוצלונג. אין דער „סאָסאַייעטי", וואו ער האָט דערגרייכט דעם העכסטן כבוד אויסגעקליבן צו ווערן פאַר פּרעזידענט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער און באַדאַנקען פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן. אָבער דאָס איז אים שוין ניט באַשערט געווען: ער איז אַוועקגעפאַלן אַ טויטער פון אַ פּלוצלונגדיקער האַרץ־אַטאַקע...

מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביים באַנקעט, וואָס איז לכבוד אים אַראַנזשירט געוואָרן, האָבן נאָכדעם שטיל גערעדט צווישן זיך און מורא געהאַט צו רעדן שלעכטס וועגן אַ טויטן. אָבער דאָך האָט זיך ביי דעם און ביי יענעם אַרויסגעכאַפּט:

— וואָס איז דער וואונדער? אַז איך בין געזעסן און געקוקט, ווי דער מענטש פּאַקט אין זיך, האָב איך געטראַכט: „ווי פּלאַצט דאָס אים ניט דער מאָגן?" צום סוף האָט גאָר ביי אים געפּלאַצט דאָס האַרץ...

און דאָס איז געווען ווי אַ מין שטילער הספד, וואָס מען האָט נאָך קאַנאַריקן געמאַכט...

זיין שונא...

שוין עטלעכע מאָנאַטן, ווי לואי אַראָנאָוויץ, אַ געוועזענער מאַנופעק־טשורער, גייט אַרום פאַרמרהשחורהט און שטאַרק דערשלאָגן. ער האָט פאַרלאָרן דעם אַפעטיט צום עסן און שלאָפט ווייניק ביינאַכט. באַקאַנטע האָבן עס שוין באַמערקט אויף זיין פנים און פרואוון אים אויסרעדן: — „נו, און אַז עס גייט אַ ביסל צייט ניט אַזוי גוט, דאַרף מען שוין גלייך דעם קאָפּ פאַרלירן? ציַיטן בייטן זיך. עס וועט זיך נאָך איבערדרייען און צוריק אָנהייבן גיין באַרג־אַרויף...

דאָס פרואוון זיי אים טרייסטן אַזוי, וויסנדיק, אַז דאָס רעדל האָט זיך ביי אים לעצטנס אַ דריי געטאָן אויף צוריק און אַז ער איז געצוואונגען געווען אויפצוגעבן אַלע זיינע שעפער. און כאָטש אַלע ווייסן, אַז מיט דעם מענטשן דאַרף מען קיין עניבו ניט זאָגן — ער וועט חלילה צו קיינעם ניט דאַרפן אָנקומען — פונדעסטוועגן פילן זיי אים מיט און באַדויערן, וואָס דער מענטש איז אַראָפּ פון אַזאַ גרויסער מלוכה.

אויך די ווייב זיינע, סאָפי, איז זיכער, אַז די פלוצלונגע ענדערונג אין אים איז פאָרגעקומען אַ דאַנק דעם, וואָס דאָס רעדל האָט זיך פלוצלונג אַ דריי געטאָן צום שלעכטן. זי ווייס אָבער מער ווי אַנדערע, אַז קיין צו גרויסער אומגליק איז עס ניט. מילא, וועט זיין אָן שעפער... וועט זיין בלויז מיט די „סטאָקס" און מיט די „באָנדס" און מיט די פאַרשיידענע אַנ־דערע אינוועסטמענטס. אויף ברויט וועט חלילה ניט פעלן... זי פרואווט טאַקע רואיקערהייט איינטענהן מיט אים:

— וואָס? דיינע קליינע קינדער וועסטו ניט קענען פאַקאָרמענען? מילא, איך ווייס דאָך; גיב זיך נאָר אַ טרייסל, וועלן זיך דיר אָנהייבן שיטן טויזנטער פון אַלע קעשענעס... און סיי־ווי איז שוין צייט זיך נעמען אַ ביסל לייכטער. גענוג אָפּגעהאַרעוועט אַ לעבן. וויפיל איז דער שיעור? ביסט שוין אַריבער זעכציק, איז וויפיל נאָך איז געבליבן צו לעבן? פאַר אונדזער לעבן וועט זיין גענוג. און די קינדער? זאָלן זיי זאָרגן פאַר זיך. וועט זיי ווינציקער אַ ביסל בלייבן...

לואי האָט געוואוסט, אַז אַלץ וואָס זיין ווייב זאָגט, איז אמת. ער האָט נאָך אַפילו געוואוסט מער ווי דאָס. אָבער דאָך האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיקן און אינעווייניק אין אים איז געזעסן אַ וואָרעם און געטאָטשעט אָן אויפהער.

ער האָט געוואוסט: ער קען עס פאַר קיינעם ניט דערציילן און פאַר

קיינעם ניט אַרויסבריענגען, וואָס עס מאַטערט אים. אָדער זיי וועלן אים ניט פֿאַרשטיין, אָדער זיי וועלן לאַכן פֿון אים. פֿאַר אים אָבער איז עס גאָר קיין געלעכטער ניט. ער זעט עס אַזוי קלאָר, ווי ער וואָלט געקוקט אויף דעם דורך אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז, ווי עס וואָלט געשטאַנען נאָענט לעבן אים און ער וואָלט עס געקענט אָנטאַפּן מיט די הענט.

עס איז אַ געלעכטער צו דערציילן און אַ שאַנדע צו זאָגן, ווער עס באַרויבט זיין רואיקייט לעצטנס און ווער עס שרעקט אים אַזוי. עס איז ניט קיין אַנדערער, ווי דער פֿאַרשטאָרבענער קאַרל מאַרקס...

עס קען זיך אויסדאַכטן, עס איז אַן איינרעדעניש. וואָס האָט ער צו טאָן מיט קאַרל מאַרקס? ווי קומט ער צו אים? און וואו האָט ער גאָר זיין נאָמען געהערט? אָבער ער קומט שוין גאָר. ער האָט זיין נאָמען געהערט אפשר טויזנט מאָל אין זיין לעבן. אַ לאַנגע צייט האָט ער אָן אים פֿאַרגעסן, אָבער איצט איז ער ווידער געקומען און שטייט אים פֿאַר די אויגן.

לואי אַראָנאָוויץ, וואָס אין דער היים האָט ער געהייסן לייבל, איז געווען אַן אָרעמער יתום, וואָס צו ניין יאָר האָט ער שוין געמוזט אַוועק אויף דער לער צו אַ בעל־מלאכה. צו צוועלף יאָר האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָנ׳ם שטעטלשן „קליין־בונד״ און צו פֿופֿצן יאָר — אָן דער אמתער אָרגאַניזאַציע. עס איז געווען דעמאָלט, ווען ער האָט דערהערט דעם נאָמען קאַרל מאַרקס.

אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען שטענדיק געהאַלטן אין איין רעדן און דיסקוטירן וועגן אים. לעקציעס זיינען געהאַלטן געוואָרן און „קלאָסן״ אַפֿילו געווען. מען האָט דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער געלערנטער וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן און זיין גאַנצן וויסן געווידמעט די אַרבעטער. אָבער זיין הויפּט־פֿאַרדינסט איז געווען, מיט וואָס ער האָט זיך אַזוי באַרימט געמאַכט, וואָס ער האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק אין דער געזעלשאַפֿט און פֿאַנאַנדערגעגלידערט זי אַזוי שטאַרק, ווי אַ גוטער אינזשעניער קוקט אַריין אין אַ מאַשין און פֿאַרשטייט אַלץ, וואָס קומט אין איר פֿאָר, אָדער ווי אַ געניטער דאָקטאָר קוקט אַריין אין דעם מענטשן און זעט אַלץ, וואָס ביי אים טוט זיך, אַלע זיינע חולאתן. און אָט דער גרויסער מענטש, קאַרל מאַרקס, האָט אויסגעפֿונען, וואָס די צרה איז מיט אונדזער געזעלשאַפֿט, פֿאַרוואָס איז זי איינגעטיילט אויף קלאַסן, אויף רייכע און אויף אָרעמע, אויף אַרבעטער און באַלעבאַטים.

נאָך מער: אָט־דער קאַרל מאַרקס איז געווען ווי אַ מין נביא. ער האָט פֿאָרויסגעזען, וואָס שפּעטער וועט זיין, און פֿאָרויסגעזאָגט, ווי אַזוי די

געזעלשאַפט וועט זיך אַנטוויקלען. אַזוי האָט ער פאָרויסגעזאָגט, אַז וואָס ווייטער וועלן די רייכע ווערן נאָך רייכער און די אָרעמע נאָך אָרעמער. אָבער צופיל מקנא זיין די רייכע וועט אויך ניט זיין וואָס. זיי אַליין וועלן זיך טיילן אין קלאַסן און איינער וועט זוכן איינצושלינגען דעם צווייטן. אַזוי וועט זיין אַ צייט, ווען „גרויס־קאַפּיטאַל" וועט זוכן איינצושלינגען „קליין־קאַפּיטאַל". אָבער ער אַליין וועט אויך ניט זיין זיכער מיט זיך און וועט אויך ניט קענען רואיק שלאָפן אין זיין בעט. ווייל באַלד וועט קומען „גרויס־גרויס־קאַפּיטאַל" און וועלן אים איינשלינגען. אַזוי אַרויף־אַרויף, ביז די חיה, וואָס הייסט מיטן אַלגעמיינעם נאָמען „קאַפּיטאַל" וועט אויסוואַקסן און ווערן אַזוי גראָב, אַז איר אָנגעשטאָפּטער בויך וועט פּלאַצן פון זיך אַליין, און דעמאָלט וועט קומען איר סוף. די אַרבעטער וועלן איבערנעמען די מאַכט און עס וועט זיך אָנהויבן אַ גן־עדן אויף דער וועלט. אָן באַלעבאַטים, אָן עקספּלואַטאַציע, אָן הונגער און אָן נויט...

די אַרבעטער האָבן זיך שטאַרק געפרייט און אין האַרצן נקמה גענומען פון די באַלעבאַטים, ווען זיי האָבן געטראַכט, וואָס עס דערוואַרט זיי אין דער צוקונפט. ווען זיי פלעגן באַגעגענען עליע־מאיר גוטצייט, דעם גרעסטן גביר פון שטעטל, פלעגן זיי אין זיין גראָבן פּעמפּיק זען דעם „גרויס־גרויס־קאַפּיטאַל" און פאַרשטעלן זיך, ווי אין איין טאָג וועט ער פּלאַצן, ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער...

אָט דאָס איז געווען לייבלס ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט קאַרל מאַרקסן.

ווען ער איז שפּעטער געקומען קיין אַמעריקע און איז באַלד אַריינגעפאַלן אין שאַפּ, האָט ער דאָ ווידער דערהערט דעם נאָמען „קאַרל מאַרקס".

אויף די ראָגן און אויף די סקווערן פלעגן זיך אָפט צונויפקלייבן אַרבעטער, און אַגיטאַטאָרס פלעגן איינטענהן מיט זיי. און ווידער פלעגט אָפט אַרויפשווימען דער נאָמען „קאַרל מאַרקס" און די תורה, וואָס ער האָט געלערנט. מער ניט, וואָס דאָ האָבן די אַגיטאַטאָרס ניט געדאַרפט רעדן בלשון צוקונפט, נאָר אָנווייזן אויף דער קעגנוואַרט.

— זעט אַ קאַרנעגי... זעט אַ ראָקעפעלער... זעט אָט דעם און זעט יענעם...

צו־לאַנג האָט אים דער נאָמען „קאַרל מאַרקס" אין די אויערן דאָ ניט געקלונגען. ער האָט זיך שנעל „אויסגעגרינט" און אויף דער עצה פון גוטע פריינט באַלד איבערגעריסן מיט זיי.

ער איז צו־לאַנג קיין אַרבעטער ניט געבליבן.

צו־וואָס אַרבעטן ביי יענעם און פאַר יענעם, האָט ער געטראַכט. פאַר־וואָס ניט אַליין עפּעס אָנהייבן, טאָקע אָט ווי „יענער". וואָס איז „יענער" — אַ מלאך? אַן איבערמענטש?...

און לייבל, וואָס האָט איצט געביטן זיין נאָמען אויף לואי, האָט אַליין געעפנט אַ שאַפּקע. ער האָט פריער געאַרבעט ביי שלייקעס, האָט ער זיך אויף דעם זעלבן געביט פאַרנומען צו גיין העכער.

עס איז געווען אַ קליינע שאַפּקע, אין אַ האַלב־פינצטערן פלאַץ, מיט אַלטע אָפּגעריבענע מאַשינען און מיט אַ קליינער צאָל בעל־מלאכות. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט חשק און מיט ברען און געאַרבעט מיט גרויס פליים. איבערהויפּט האָט ער געזוכט צו זיין אַ ביישפּיל פאַר זיינע אַרבעטער און ווייזן זיי, וויפיל מען קען אַרויסברענגען, „ווען מען וויל נאָר". צי יענע האָבן טאַקע געוואָלט, צי ניט, נאָר זיי האָבן געמוזט נאָכטאָן זייער באַלעבאָס. לואין איז אַוועק גוט. וואָס ווייטער האָט ער אָנגעהויבן פאַרגרעסערן דעם שאָפּ — אין אַ גרעסערער דירה, מיט מער אַרבעטער און נייערע מאַשינען. לואי איז געוואָרן איינער פון די גרויסע מאַנופעקטשורערס אויף זיין געביט.

אָבער דאָס איז פאַר אים ניט געווען גענוג. אים האָט געצויגן צו מער רייכקייט און גרעסערער אויסשפּרייטונג. ער האָט פאַרטראַכט נייע געשעפטן. ער איז אַריין אין די געשעפטן פון פּראָדוצירן האַנט־בייטלען — הויפּטזעכלעך פאַר פרויען — און אויך דאָס האָט ער אָנגעהויבן פריער קליין און ביסלעכוויז געוואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער.

און אַז דאָס איז אים נאָך געוואָרן צו ווייניק, איז ער אַריין אין אַ נייעם געשעפט: אין פּראָדוצירן ביליקע צירונג און צאַצקעס, וואָס נאָרן אָפּ דאָס אויג מיט זייער גלאַנץ און בלענד און מאַכן אַן איינדרוק פון עכטס און טייערס, כאָטש אין דער אמתן זיינען זיי ניט מער, ווי ביליקער נאָכגעמאַכטער שטאָף. אויך דאָ האָט אים געגליקט.

לואי אַראַנאָוויץ איז איצט אַריין אין די פעדערן. מען האָט אים גע־שאַצט אין די הונדערטער טויזנטער, אויב ניט נאָך מער.

לואי האָט ניט גערוט. אויב ניט פּראָדוקציע איז אינוועסטירונגען. געלט טאָר ניט ליגן רואיק. אַז ניט ווערט עס פאַרזשאַווערט.

לואי האָט אויסגעפונען דעם כלל, אַז די באַנקען מיט זייערע קליינע פּראָצענטן זיינען נאָר פאַר די שוואַכלינגען, אָדער בכלל מענטשן, וואָס ווייסן ניט וואָס צו טאָן מיט זייער געלט. פאַר אַ מענטשן מיט פעאיקייט, מיט אונטערנעמונגס־קראַפט, איז דאָ אַ גרויס פעלד, אַ גאַנצע וועלט אויפ־צוטאָן: „סטאָקס" און „באָנדס", און „מאָרטגעידזשעס", און „ריעל־עס־טעיט", און וואָס ניט...

לואי אַראַנאָוויץ איז אומעטום געגאַנגען.

אָבער אויך פאַר דער וועלט האָט זיך לואי געוואָלט אַרויסווייזן. דריי שעפער האָט ער פאַרמאָגט, און אַלע צעוואָרפן אין באַזונדערע ווינקלען.

פאַרוואָס ניט פאַראייניקן אַלע אונטער איין דאַך, אין איין גרויסער געַ־בײַדע מיט אַ ברייטער אויסגעשפּרייטער שילד: „לואי אַראַנאָוויץ ענד סאַנס, מאַנופעקטשורערס"... אַזאַ שילד רעדט עפּעס, זאָגט. עס רעדט פון מעכטיקייט, פון דערפאָלג, פון אַמביציע...

און אַז לואי האָט עפּעס פאַרטראַכט, האָט ער עס דורכגעפירט. ער האָט אַ גרויסן לײדיקן פּלאַץ אָפּגעקויפט, און באַלד איז אויף דעם פּלאַץ אַ גרויסע פיר־שטאָקיקע געבײַדע אויסגעוואַקסן, מיט באַזונדערע שטאָקן פאַר יעדער אונטערנעמונג און מיט אַ באַזונדערן שטאָק פאַר די אָפיסעס. אַ גרויסע שילד האָט אַראָפּגעקוקט פון אויבן און דערציילט פאַר די דורכ־גייער די געשיכטע פון לואי אַראַנאָוויץ און זיין דערפאָלג דאָ אין לאַנד.

לואי אַראַנאָוויץ האָט געפילט אַ שטאָלץ און אַ פרייד, קוקנדיק אויף זיינע דערגרייכונגען, אָבער זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרידיקט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון עפּעס ווייטערס און גרעסערס. אַרום און אַרום זיינען לײדיקע „לאָטס" געלעגן — איז פאַרוואָס ניט פאַרבויען זיי מיט נייע פאַבריקן, נייע אונטערנעמונגען?

לואי האָט אָנגעהויבן חלומען פון אַ געוואַלדיקער אויסברייטונג, פון אַן אייגענער מלוכה. אין דער פאַנטאַזיע האָט ער געזען פאַבריקן מיט הויכע קוימענס, וואָס ציען זיך אויף מײַלן ווייט, און אַרום וועגן אויסגע־לייגט, וואָס ציען זיך צו די דאָזיקע פאַבריקן, דורך וועלכע עס קומט אַריין דער רוי־שטאָף און עס ווערן שפּעטער אַרויסגעפירט פאַרטיקע פּראָ־דוקטן; בריקן ספּעציעל אויסגעלייגטע, וואָס ווישן אָפּ די שטערונגען פון טײַכלעך און טאָלן און מאַכן דעם צופאָר לײַכט און גלאַטיק; שטחן אַרום ברייטע, געפלאַסטערטע, פאַר די טויזנטער אויטאָמאָבילן פון די צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס אַרבעטן ביי אים, און די הונדערטער פאַרשטייער פון פירמעס, וואָס שטייען מיט אים אין פאַרביג־דונג. און דאָס אַלץ טראָגט זיין נאָמען — דעם שטאָלצן נאָמען פון לואי אַראַנאָוויץ...

פאַרוואָס ניט? פאַרוואָס פאָרד און אַנדערע? וואָס זיינען זיי — מלאכים געווען? — אַזעלכע מענטשן ווי ער, בלויז אונטערנעמערישע, און דאָס לעצטע פעלט אים גראָדע אויך ניט...

לואי אַראַנאָוויץ האָט געחלומט פון דעם און געזען שוין דעם חלום פאַרווירקלעכט אויף דער וואָר.

אָן „קאַרל מאַרקסן" האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן. ער האָט מער ניט פאַרקערט אין דער געזעלשאַפט, וואו דער נאָמען ווערט דערמאָנט. און טאָמער פלעגט ער ווען צופעליק פאַרבייפאָרן אַ סקווער, אָדער אַן אַנדער פּלאַץ, פון וועלכן עס פלעגט זיך צופעליק דערטראָגן דער נאָמען צו זיינע

אויערן, פלעגט זיך אַן איראָנישער שמייכל אויסגיסן אויף זיין פּנים: יאָלדן, וואָס זיי זיינען — וועגן וואָס זיי רעדן! געגומען און געמאַכט פון אַ מענטשן אַ געטשקע און גלויבן אין אים, ווי אין אַ רבין! ער אַליין איז אויך אַזוי אַמאָל געווען... וואו איז זיין שכל דעמאָלט געווען? אַנטשע־פען זיך אָן אַ מלמד, וואָס איז געזעסן פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער און אונטערגענומען זיך לערנען די וועלט... ווען ער זאָל אָבער געווען גיין אין ביזנעס, דער קאַרל מאַרקס, וואָלט ער אַנדערש גערעדט... וואָלט ער וויסן, וואָס עס איז גוט פאַר די מענטשן, און וואָס ניט...

אַזוי פלעגט לואי טראַכטן און שנעל פאַרבייפאָרן דעם פּלאַץ, ווי מען זוכט זיך אויף גיך אָפּצורוקן פון אַ געפערלעכן און ניט־זיכערן ווינקל.

נאָר מיטאַמאָל, גאָר אומגעריכט, האָט זיך דאָס רעדל ביי לואין געגעבן אַ דריי אויף צוריק, און די מאַשינען אין זיינע שעפּער זיינען פּלוצלונג גע־בליבן שטיין.

מיטאַמאָל האָבן זיך אויפן מאַרק באַוויזן אומדערוואַרטעטע קאָנקורענטן — נייע פירמעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן סחורות אין די מאַסן. עס האָבן זיך באַוויזן סחורות פון די זעלבע פּראָדוקטן, וואָס לואי אַראָ־נאָוויטש שעפּער האָבן פּראָדוצירט, ניט קיין ערגערע פון זיינע, נאָך אפשר בעסערע, נאָר בחצי חינם — פאַר האַלבן פּרייז פון זיינע.

ווי אַ מגפה וואָלט אויסגעבראָכן, ווי אַ היישעריק וואָלט באַפאַלן... דער גאַנצער מאַרק איז פאַרפּלייצט געוואָרן מיט ביליקע סחורה: ביליקע צירונג און שטיינדלעך, שפּילקעס און צאַצקעס, און האַנט־בייטלען — פונעם שענסטן... לואי האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זיי נעמען זיך, ווער עס פּראָדוצירט זיי. — ווער איז זיין נייער קאָנקורענט, וואָס קען פּראָדוצירן אַזוי ביליק? פון וואַנען נעמט ער צו דערלייגן? און צוליב וואָס טוט ער עס?

לואי האָט זיך געפּרואווט באַרעכענען, אָבער גאָרנישט געקענט אויס־מאַכן. ער האָט געפּרואווט רעכענען, אפשר קען ער אויך אַרונטערלאָזן פון פּרייז, פאַרקויפן ביליקער, זאָל זיין כאָטש אָן פּראָפיט...

אָבער וויפיל ער האָט ניט גערעכנט האָט ער בשום אופן ניט געקענט באַרעכענען. ווי אַזוי קאָן ער שניידן נאָך מער, אַז אים אַליין קאָסט פּראָ־דוצירן שיר ניט אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי פיל, ווי זיינע קאָנקורענטן פאַ־דערן פאַר זייערע סחורות... ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט געקענט פאַרשטיין.

דער ויצעקו האָט זיך באַלד אָנגעהויבן דערטראָגן פון נאָך אַנדערע אַזעלכע מאַנופעקטשורערס, צענדליקער און הונדערטער, אַז זיי ווערן אומ־גליקלעך און גייען אונטער: ניט נאָר די גרויסע „קאָסטאָמער" זייערע,

די איינקויפער פון די דעפּאַרטמענט־סטאָרס, ווייכן פון זיי, נאָר אַפילו די קלענערע, וואָס זיינען מער אָפּהענגיק אָן זייער קרעדיט, מאַכן זיך ניט הערנדיק און שטאַמלען, ווען מען ווענדט זיך צו זיי. איז פאַר וועמען זאָלן זיי פּראָדוצירן?...

לואי, וועלכער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער „קליין־מאַנופעקטשורערס אַסאָסיעישאַן", האָט אויף שנעל צונויפגערופן אַ מיטינג צו זען, וואָס מען קען טאָן. דאָרטן איז אויפגעדעקט געוואָרן דער סוד, וואָס דאָ איז געשען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עטלעכע מיליאָנערסקע פירמעס זיינען אַריין אין די זעלבע געשעפטן און זוכן אַרויסצושטויסן די אַלטע, די קלענערע. דערפון שטאַמט דער שאַרפער שניט אין די פּרייזן און דאָס אַרויסוואַרפן פון אומגעהייערע מאַסן סחורה אויפן מאַרק. אַי, ווי אַזוי קענען זיי עס? — זיי קענען שוין גאָר... עס לוינט זיך זיי צו דערלייגן עטלעכע מיליאָן דאָלאַר אויף אַרויסצושטופּן אַלע אַנדערע. און דאַן ווען זיי וועלן בלייבן אַליין אין פעלד וועלן זיי שוין אָפּנעמען זייערע פאַרלוסטן מיט ריווח...

פאַר לואין האָט עפּעס אָנגעהויבן קלאָר ווערן...

ער האָט זיך נאָך געפּרואווט ראַנגלען אַ שטיקל צייט, אָבער ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול: זיינע שעפער זיינען אויסגעשפּילט... וויפיל ער האָט ניט געפּרואווט שניידן די פּרייזן און וועלכע לייכטע באַדינגונגען ער האָט ניט געפּרואווט אָנבאָטן די קונים, האָבן יענע געשניטן נאָך מער און געמאַכט נאָך לייכטערע און נאָך אָנציענדיקערע באַדינגונגען...

עס האָט זיך מער ניט געלוינט צו אַרבעטן און האַלטן די שעפער אָפן. יעדער טאָג האָט געבראַכט נייע פאַרלוסטן, שוין ניט צו רעדן וועגן פאַרדראָס און עגמת נפש...

לואי האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז גלייך אָפּשניידן, אַרויס פון די ביזנעס און פאַרטיק. אויב ער וועט וואַרטן לענגער, וועט די ביזנעס אים אַרויסוואַרפן און ער וועט אַרויס אָן אַ העמד.

ער איז ניט דער איינציקער געווען.

קוים מיט צרות האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרקויפן די געביידע מיט די מאַשינען און אַרויס מיט גאַנצע ביינער. פון די אַמאָליקע טרוימען איז מער קיין זכר ניט געבליבן...

ווען לואי איז ענדלעך געקומען צו זיך פונעם דורכגעלעבטן, האָט ער גענומען אַריינטראַכטן זיך אין דעם, וואָס מיט אים איז דאָ פּלוצים גע־

שען, ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט, אַז אַלץ, וואָס איז דאַכט זיך געגאַנגען אַזוי גלאַט ווי געשמירט, זאָל זיך פּלוצים פּאַרהאַלטן און אָפּשטעלן זיך אין מיטן פון ראַשיקן גאַנג. ער האָט דאָס בשום אופן ניט געקענט באַנעמען.

נאָר פּלוצים האָט אַ געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין מוח: קאַרל מאַרקס!...

יאָ, ער ווייסט שוין — קאַרל מאַרקס!... אָט ווער עס איז שולדיק אין דעם גאַנצן אומגליק... דער אַלטער מאַן וואָס איז געזעסן ביי זיך אין קעמערל און מיט די דורכדרינגענדיקע אויגן זיינע געשטאָכן שפּיזן אין דער צוקונפט... אָ, ווען ניט דער קאַרל מאַרקס — ווי אַלץ וואָלט אַנדערש ביי אים איצט געווען!...

לואי האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שטאַרקן האַס צו „קאַרל מאַרקסן.” וואָס האָט ער געהאַט צו אים? וואָס האָט ער זיך געדאַרפט מישן אין זיינע געשעפטן?... און אויב שוין יאָ, פאַרוואָס ניט צוואַרטן כאָטש אַ ביסל צייט, ביז ער וועט זיין טאַנץ אָפּטאַנצן און אַוועק פון דער וועלט אַ באַפרידיקטער, אַ גליקלעכער אויפן העכסטן שטאַפּל פון הערפאָלג...

וואָס לענגער ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם, אַלץ הייסער איז אים געוואָרן און אַלץ פאַרצווייפלטער האָט ער זיך דערפילט. — און וואָס, אויב קאַרל מאַרקס איז פאַרט געווען גערעכט? וואָס, אויב ער איז גאָר קיין „יאָלד” מיט געווען, נאָר טאַקע אַ גרויסער געלערנטער מענטש, וועלכער האָט אַריינגעקוקט אין דער צוקונפט און פאָרויסגעזען זאַכן? וואָס, אויב אַלץ וואָס ער האָט פאָרויסגעזאָגט, וועט טאַקע מקוים ווערן?...

לואין האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק. ער האָט דערפילט ווי ער וואָלט זיך געטרונקען און עס איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל אים ראַטעווען...

ער איז געוואָרן צעטומלט. ער האָט דערפילט ווי דער באָדן וואַקלט זיך אונטער אים און דער הימל האַלט זיך ביים אַראָפּלאָזן אויף זיין קאָפּ. ער האָט געגומען זוכן זיך אָנצוכאַפּן אָן עפּעס, וואָס זאָל אים קענען כאָטש אַ ביסל באַרואיקן. אָבער אומעטום איז געווען שטאָק־פינצטער, און פון דער פינצטערניש אַרויס ווי גליענדיקע שפּיזן האָבן פון אַלע זייטן פינגער געטייטלט אויף אים און אַזוי ווי געריצט זיך: איז דאָס ניט אַ סימן, אַז קאַרל מאַרקס איז געווען גערעכט? איז דאָס ניט?... האָט ער ניט אַזוי פאָרויסגעזאָגט?...

עפּעס ווי די אויגן וואָלטן זיך אים פּלוצים געעפנט, האָט ער אין אַלץ דערזען די נביאות פון קאַרל מאַרקס, דעם שטרענגן אָנווייז־פינגער זיינעם.

אָט פֿאַרוואָס ער גייט אַרום אַזוי צערודערט און פֿאַרצווייפֿלט און שלאָפֿט נישט קיין נעכט.

ער קען וועגן דעם מיט קיינעם ניט רײדן, קיינעם ניט פֿאַרטרויען: קיינער וועט אים ניט פֿאַרשטיין, מען וועט אים בלויז אויסלאַכן.

ער מוז אַלץ פֿאַרשטיקן אין זיך און טראָגן זיך מיט דער אייגענער פֿאַרצווייפֿלונג. די טרייסט־ווערטער פֿון די פֿריינט קלינגען אים קאָמיש און רירן אים ניט: ער ווייסט, דאָס אַמאָליקע וועט זיך מער ניט צוריק־קערן...

בלויז די ווייב זײַנע איז אפֿשר געגרעכט: פֿאַר אים וועט זיין גענוג, און פֿאַר די קינדער — זאָלן זיי זיך אַליין זאָרגן...

נאָר — ווער ווייסט? אפֿשר איז נאָך דאָס אויך ניט ריכטיק... ווער קען פֿאָרויסזען אַלץ וואָס קען נאָך פֿאַסירן...

צעשטערטע קאָרטן־שפּיל

די שנײדערמאַנס האָבן געװאױנט אין אַ גרױסן אַפּאַרטמענט־הױז אין אַ געדיכטער ײדישער געגנט. די געגנט איז געװען ניט צו שיק, די הײזער ניט צו רײך און די אײנװאױנער — מערסטנס אַרבעטער און קלײנע ביזנעסלײט. די שנײדערמאַנס װאָלטן זיך געקענט פאַרגינען װאױנען אין אַ שענערער געגנט און אין אַ שענערן אַפּאַרטמענט. אָבער אַזױ װי זײ האָבן געװאױנט דאָ שױן היפּשע יאָרן, געװען אױפגעלעבט מיט די שכנים אין דער געגנט, געהאַט דאָ פרײנט און באַקאַנטע — האָבן זײ צוליב דעם פאַרבױגן אַ סך אומבאַקװעמלעכקײטן. נישט קײן קלײנע ראָליע דערבײ האָט אױך געשפּילט דער אָבערגלױבן פון מיסטער און מיסעס שנײדערמאַן, אַז דאָ אין דער געגנט איז מען „אױפגעװאַקסן", פון קלײן — „גרױס" געװאָרן, איז גלײכער ניט צו בײטן דאָס אָרט. דאָס אָרט איז פאַרבונדן מיטן מזל. סײ־װי האָט זײ די מאַשין זײערע גענומען, װאוהין זײ האָבן געװאָלט: אין די שבת־צו־נאַכטן און זונטאָגס צו פרײנט און באַקאַנטע אין אַנדערע געגנטן, און אַמאָל, װען עס האָט זיך פאַרװאָלט — אין אַ פײנעם רעסטאָראַן אָדער אַזױ פאַרװײלונגס־פּלאַץ אין די געהױבענע געגנטן פון שטאָט.

מר. שנײדערמאַן איז געװען אַ מאַנופעקטשורער, געהאַט אַ שאָפּ פון פרױען־קלײדער און פרױען־מאַנטלען אין װעלכן עס האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער. אַמאָל איז ער אַלײן געװען אַן אַרבעטער, טאַקע געאַרבעט אין דער זעלבער אינדוסטריע. פרי אָבער האָט ער באַשלאָסן צו װאַרפן די נאָדל און די אַרבעט בײ יענעם. ער האָט גענומען קלעטערן באַרג־אַרױף. פון פינישער איז ער געװאָרן אַן אָפּערײטער, פון אַן אָפּערײטער — אַ צושנײדער, און פון דאָרטן איז דער שפּרונג צו אַן אײגענעם שאָפּ און אײגענע מאַשינען ניט געװעזן צו גרױס. ער האָט דעם שפּרונג געמאַכט — און מיט דערפאָלג. אָנגעהױבן האָט ער אינגאַנצן מיט עטלעכע מאַשינען און אַ צענדליק אַרבעטער, זײנענדיק אַלײן דער באַלעבאָס, דער פאָרמאַן און דער צושנײדער. אָבער דער שאָפּ איז ביסלעכװײז געװאַקסן אין דער הײך און אין דער ברײט און האָט ענדלעך פאַרנומען דרײ גרױסע פלאָרס, מיט צענדליקער מאַשינען און אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער.

מר. שנײדערמאַן איז שטאָלץ מיט זײן דערפאָלג. ער שרײבט עס צו צו זײן קלוגשאַפט, פיאיקײט און אונטערנעמונגס־גײסט פונדעסטװעגן האָלט

ער זיך, נאָך זיין שטאַנד נאָך, ניט צו פאַרריסן, לאָזט זיך דערקענען צו אַמאַליקע באַקאַנטע און איז אַפילו גוט־ברודעריש מיט זיי.

שנײַדערמאַן איז אַמאָל געווען אַ „סאָשעליסט". אין די אַלטע צייטן, ווען ער איז נאָך געווען אַן אַרבעטער, האָט מען אים צוגערעדט אַריינצו־טרעטן אין דער באַוועגונג. דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער שוין דעמאָלט ניט „געגלויבט אין די זאַכן", פאַרלאָזנדיק זיך מער אויף די אייגענע כוחות ווי אויף די אַלגעמיינע גליקן. נאָר אַלע זיינע פריינט זיינען דע־מאָלט געווען אין דער באַוועגונג, האָט ער ניט געקענט אָפּשטיין פון אַלעמען און האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן. ער צאָלט שוין לאַנג קיין דיוס ניט און איז שוין אויס מיטגליד דאָרטן, אָבער מיט דער חברה פונדעסטוועגן האָט ער ניט איבערגעריסן און ווען זיי דאַרפן אים, קומען זיי צו אים, ווי צו אַן אייגענעם. ער האַלט זיך בשעת־מעשה ווי איינער פון זיי, ווען מען די אַקציעס און אונטערנעמונגען זייערע זיינען ניט פרעמד, און זאָגט זיי ניט אָפּ אין דעם, נאָך וואָס זיי זיינען געקומען צו אים. דאַרף מען עפּעס געבן — ער ווערט זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן צו טאָן דאָס. אַפילו געלט, ווען מען דאַרף ביישטייערן, זאָגט ער זיך אויך ניט אָפּ צו געבן — און דעריבער האַלטן זיי אים פאַר אַ גוט־ברודער, פאַר אַן אייגענעם. בפרט נאָך, אַז ביז היינטיקן טאָג איז ער אַ מיטגליד אין איינער פון זייערע שוועס־טער־אָרגאַניזאַציעס, שיקט זיינע דיוס, צאָלט פאַר צוגעשיקטע בילעטן, און איין מאָל אַ יאָר קומט ער אַפילו מיט דער ווייב צו אַ גרויסן דינער, וואָס די אָרגאַניזאַציע מאַכט יעדעס יאָר. מען זעצט אים דאַן אויבן אָן, מיט אַלע באַאַמטע פון דער אָרגאַניזאַציע און ער פילט, אַז די אָרגאַניזאַציע איז שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער איז ביי איר אַ מיטגליד. דאָס הייבט אים ביי זיך אַליין אין די אויגן — און ווען ער קריגט שפּעטער אַ בריוו פון דער אָרגאַניזאַציע מיט אַן אַפּיל ביצושטייערן פאַר עפּעס אַן אַקציע, וואָס זיי פירן אָן, שיקט ער זיי צו זיין טשעק. זאָלן זיי וויסן, אַז ער פאַרדינט דעם כבוד, וואָס זיי טיילן אים צו...

אויך דעם „פּיפּער" זייערן — פון געוואוינהייט וועגן — קויפט נאָך די ווייב יעדן טאָג און ווען ער קומט אין אָוונט — טאַקע אויך צוליב גע־וואוינהייט — נעמט ער אים איבערקוקן.

שנײַדערמאַן איז שוין לאַנג אַ קעגנער פון יעדער ענדערונג אין דעם איינגעשטעלטן סדר. צו וואָס ענדערן זאַכן, ווען עס איז גוט אַזוי אויך! שנײַדערמאַן פילט, אַז דער איצטיקער סדר איז גוט גענוג, מען זאָל אים ניט דאַרפן ניט נאָר פאַרבייטן אויף אַ נייעם, נאָר אַפילו איבערניצצוווען, פאַרריכטן, אויסבעסערן... אים האָט דער סדר אַוודאי קיין שלעכטס ניט געטאָן, פאַרקערט. ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז הערשקע,

כיענע דער אַלמנהס ייִנגל, וועט אַזוי אויסוואַקסן און ווערן אַ גאַנצער לייט — אַן אונטערנעמער, ביזנעסמאַן, אַ באָס פון אַ גרויסן שאַפּ, וואו ער וועט האָבן צו זאָגן איבערן ברויט פון הונדערטער מענטשן, וואָס פאַר־בינדן זייער לעבן מיט זיין וואוילזיין? זעקס פיקערס זיינען זיי אין שטוב געוועזן ביי דער מאַמען, דער אַלמנה — און עסן צו דער זאַט האָט ניט געסטייעט אפילו פאַר איינעם... און שיך — ווער האָט גאָר גע־קאָנט חלומען פון דעם! ער געדענקט נאָך ביז היינטיקן טאָג, ווי ער פלעגט ווינטער אין די פרעסט און אין די שנייען אָנטאָן דער מאַמעס סער־דאַק און דער עלטסטער שוועסטערס כאַדאַקעס — גרויסע, מיידלשע שיך מיט הויכע אָפּצאַסן — און טאָפּטשען אַזוי איבערן שניי, קוקנדיק מיט הונגעריקע, קנאהדיקע אויגן אויף די ווייסע בולקעלעך און קאַרזשיקעס וואָס זיינען געלעגן אויסגעלייגט צו פאַרקויפן אויף די טישלעך אין מיטן מאַרק... און היינט?! וואָס דאַרף מען „סאָשעליזם״?

מיסטער שניידערמאַן האָט צו טאָן מיט די „סאָשעליסטס״ און ווייס, אַז פון זיי דראָט אים ניט קיין שום געפאַר. ער געדענקט: אַמאָל פלעגן די פירער זייערע גיין מיט די לאַנגע טשופּרינעס — עפּעס אַזוי ווי פון וואַלד אַרויס — שטייען אויף די קאַרנערס און שרייען און גוואַלדעווען... היינט לאָבן זיי אַליין פון יענער צייט. שטאַרק געביטן זיך פון דעמאָלט — סיי די סאָשעליסטס און סיי דער סאָשעליזם: אַנשטענדיק, באַלעבאַטיש געוואָרן... די אַמאַליקע פריינט זיינע, טאַקע די וואָס האָבן אים אַריינ־גענומען, זיינען אויך אַנדערע מענטשן געוואָרן, פאַרשטייען וואָס עס איז גוט פאַר זיי און וואָס עס איז גוט פאַר דער וועלט. היינט וועלן זיי זיך שוין ניט שטעלן אויף אַ קאַרנער און שרייען און גוואַלדעווען, ווי אַמאָל...

איז וואָס איז דאָ פאַראַן, וואָס מורא צו האָבן? פאַרקערט, צוליב זיינע אַמאַליקע פאַרבינדונגען מיט זיי, ווי אויך צוליב די היינטיקע טובות, וואָס ער טוט זיי אַמאָל, קריגט ער אַפילו אָפּט אַ טובהלע פון זיי. קיין רעה טוט עס אים אוודאי ניט.

וואונדערן זיך זיינע פריינט, טאַקע פון דער באָסעס־אַסאָסיאיישאַן:

— אַ מענטש גייט דאָס גלאַט! קיין שום סטיטשקע מיט דער יוניאַן, קיין שום איבעררייד, און האַנדלט אַלע מאָל, ווי עס וואָלט גאָר קיין יוניאַן ניט געווען... זאָגט אָפּ אַרבעטער, וואַרפט אַרויס, פאַרקלענערט דעם פּעי־ענוועלאָפּ, ווי אַ פאַרשמעלערטע דרעס — און גאָרנישט!...

שניידערמאַן לאַכט זיך צופרידן פאַנאַנדער:

— מיט יענער חברה — ער מיינט מיט דער יוניאַן — דאַרף מען וויסן, ווי אַנצוגיין...

— אדרבה, זיי וואָלטן דאָס טאַקע אויך געוואָלט וויסן, ווי אַזוי? ווי

אַזוי קען מען זיך אַלץ דערלויבן און קיין האָן זאָל אַפילו קיין קריי ניט טאָן...

פּילט ער, אַז אויך פון דער זייט דראָט אים ניט קיין שום געפאַר און עס דערוואַרטן אים ניט קיין שום אומאַנגענעמלעכקייטן. די געפאַר, פּילט ער, קומט גאָר פון אַן אַנדער זייט און רוקט זיך אויף אים פּאַמעלעך, אָבער זיכער. שניידערמאַן פּילט זיך דעמאָלט, ווי אַ טייל פון דער וועלט, ווי אַ שרייפּל פונעם סדר־עולם: די געפאַר דראָט דער גאַנצער וועלט און אים אויך — פון די „רויטע", פון „יענער זייט".

איז ער טאַקע דערפאַר דאַנקבאַר דער פּרעסע, דאַנקבאַר זיין צייטונג, וואָס וואַרנט אים און וואַרנט די וועלט. גלייכצייטיק אָבער גיט עס אים קיין רו ניט און לאָזט ניט שלאָפן ביינאַכט. ער צישעט מיט כעס:

— וואָס ווילן זיי דאָרטן די בלוט־צאַפּער, די מענטשנפרעסער? וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף דער וועלט און אויף אים? וואָס אַרט זיי, אַז ער לעבט רואיק און גוט? וואָס איז — כיענע דער אַלמנהס אַ זון טאָר שוין גאָר ניט זיין קיין מאַנופעקטשורער און אויך וויסן פון אַ לעבן אויף דער וועלט?

שבת צו נאַכט קלייבט מען זיך צוזאַמען ביי שניידערמאַנען שפּילן קאָרטן און פאַרברענגען אַן אָוונט. לויטער מאַניופעקטשורערס, לויטער מיטגלידער פון דער באַסעס־אַסאָסיאיישאָן און זייערע פרויען. אַלע גלאַ־טע, בייכיקע. די פרויען באַהאַנגען מיט דימענטן און בריליאַנטן. מען זיצט פאַרטיפט אין שפּיל. פּלוצלונג פאַלט איינעם איין צו פרעגן:

— וואָס? עס וועט טאַקע זיין מלחמה, צי ניט?

— ווער וויס? אָבער עס וואָלט גאָר ניט געשאַדט מען זאָל זיי גוט אָנברעכן די ביינער...

— יאָ, עס וואָלט גאָרניט געשאַדט, שוין לאַנג צייט געווען...

דאָס זיצן און רעדן שניידערמאַנס פריינט, אויך מאַניופעקטשורערס, ווען די קעפּ פון די צייטונגען גיבן אויך ניט קיין רו און לאָזן זיי ניט שלאָפן ביינאַכט.

די אַריינגעוואָרפענע פראַגע רייסט אויף ווי אַן אַריינגעוואָרפענער שטיין. זי וועקט אַלעמען אויף און שטעלט אַוועק אויף די פּיס. די געמיטלעכקייט צווישן די קאָרטן־שפּילער ווערט צעשטערט, און כאָטש אויבן־אויף ווערט אַ ווילע נאָך אָנגעהאַלטן די זעלבע גלייכגילטיקייט און די באַמערקונגען פאַלן ווי צווישן די קאָרטן אַרויס, רייסט זיך אָבער פון אונטן די אומרו־איקייט, וואָס צעשטערט דעם גאַנצן שפּיל און דעם גאַנצן אָוונט.

ביסלעכווייז ווערן די קאָרטן אַוועקגעלייגט און עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס. מען פּרוּווט זיך זיין פריילעך און זיכער:

— עס וואָלט גאָרנישט געשאַדט, מיר זאָלן זיי אָנברעכן די ביינער...

— מיר וואָלטן זיי געוויזן...

— הלוואי קומט עס וואָס גיכער...

— אַזעלכע האָלעדריגעס...

—אַניט האָבן זיי עפּעס? מיין שוואָגערס שוועסטער שרייבט: מיר גייען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן...

— און מיין לאַנדספרויס אַ שוויגער שרייבט: שוין צווי יאָר קיין פלייש ניט פאַרזוכט...

— אַזעלכע גאָרנישטן! און זיי ווילן זיך נאָך מיט אונדז אָנהייבן...

— מיר וועלן זיי וויזן, ווער עלטער איז!

— אויפהענגען וואָלט מען זיי געדאַרפט, ווי אַמאָל די פּעראָווסקאַיאַ...

— אויפהענגען איז ניט גענוג — צעשיסן!

— יאָ, גערעכט: צעשיסן! צעשיסן!

די אויפרעגונג און דער צאָרן דערגרייכט די העכסטע שטופע. אַ ווילע דאַכט זיך, אַז מען האָט אויסגעלאָדן דעם גאַנצן כעס און מען וועט זיך שוין קאָנען באַרואיקן. באַלד אָבער כאַפּט מען זיך, אַז אויסער זייער צאָרן איז איינגנטלעך גאָרנישט געשען: יענע זיינען ניט צעשאָסן און קיין קללות נעמען זיי ניט. אָנמעכטיקע און פאַרצווייפלטע צעגייט מען זיך מיטן זעלבן אומרו וואָס פריער, נאָר מיטן מאַגישן וואָרט אויף די ליפּן:

— צעשיסן! צעשיסן!

צוויי איידעמס

ג׳יטל האָט פרי פאַרלוירן דעם מאַן — צו זעקס און דרייסיק יאָר איז זי שוין געווען אַן אַלמנה. איר מאַן אייבי, אַ פּעינטער, איז איין פרי־מאָרגן אַוועק צו דער אַרבעט און אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען זי גע־שיקט רופן אין שפּיטאָל. דאָרטן איז געלעגן אייבי מיט צעבראָכענע הענט און פיס און מיט אַ צעשמעטערטן שאַרבן, וואָס ער האָט געקראָגן, אַראָפּפאַלנדיק פון אַ הויך פון פיר פלאָר פון אַ לייטער, וואָס איז גע־שטאַנען ניט ריכטיק אַוועקגעשטעלט. ער האָט קוים געזשיפּעט און איז אין אַ פּאָר שעה אַרום אויסגעגאַנגען.

גיטל האָט געחלשט, ווען זי האָט דערזען, וואָס עס איז געוואָרן פון איר אייבין. זי האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אָן וואַנט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן: צוריק לעבעדיק מאַכן אים האָט מען ניט געקענט. זי האָט געמוזט אָננעמען די זאַך, ווי עס גייט, און זיך צופּאַסן צום לעבן אָן אייבין. זי איז געבליבן מיט צוויי קליינע קינדער: אַ מיידל פון אַ יאָר אַכט און אַ צווייטע, אַ ייִנגערע, פון פינף יאָר. גיטל האָט ווי עס איז איינגעאָרדנט די קינדער, אָנגעזאָגט דער עלטערער זי זאָל אויפּפּאַסן אויף דער ייִנגערער און דער ייִנגערער, זי זאָל אַליין אויפּפּאַסן אויף זיך און זיך זען היטן, און איז אַוועק אין שאָפּ אַרבעטן.

די ערשטע צייט איז געווען זייער שווער. ניט אַזוי די אַרבעט גופא, דאָס זיין צוגעבונדן צו איין פּלאַץ שעהען נאָכאַנאַנד, ווי די בענקשאַפט נאָך דער שטוב, נאָך די קינדער. זי פלעגט זיצן ביי דער אַרבעט און טראַכטן, וואָס אין שטוב טוט זיך: צי האָט מלכהלע ריכטיק אָנגעצונדן דעם גאַז אָנצואוואַרעמען זיך עסן און צי האָט זי אים שפּעטער ריכטיק פאַר־דרייט, צי האָט זיך לאַהלע וואַרעם אָנגעטאָן ביים אַרויסגיין און צי האָבן די קינדער ריכטיק אויפגעפּאַסט ביים אַריבערגיין די גאַס. איר האַרץ פלעגט צעפלאַצט ווערן פון בענקשאַפט און פון שרעק. דערצו נאָך איז איר די גאַנצע צייט ניט אַרויס פון קאָפּ אייבי. „ווי האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן מיט אים?" — פלעגט זי זיצן און טראַכטן: אַז זי פלעגט אים שטענדיק אָנזאָגן, ער זאָל גוט אויפּפּאַסן ביי דער אַרבעט, און ער פלעגט איר רוי־איק און זיכער ענטפערן: — „זאָרג זיך ניט פאַר מיר, איך פּאַס גוט אויף, נישקשה". צווישן איין שטאָך און דעם צווייטן פלעגט זי טראַכטן וועגן אייבין און פאַרבאַהאַלטן די טרערן וואָס פלעגן איר שטיקן — ניט נאָר פונעם פאָרמאַן, נאָר אויך פון די אַרבעטער. מיט די מיידלעך אין שאָפּ

האָט זי זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס, זייענדיק פאַרנומען איינגאַנצן מיט זיך. יענע האָבן אויף איר אויך געקוקט ווי אויף אַ פרעמדער.

ביסלעכווייז האָט זיך עס געענדערט. גיטל האָט זיך צוגעוואוינט צו די נייע באַדינגונגען און איינגעזען, אַז עס איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך. די קינדער אין שטוב האָבן זיך צוגעוואוינט זיין אָן דער מאַמען און אויס־געלערנט אַליין אויפצופאַסן אויף זיך. גיטל אַליין איז אויך געוואָרן רו־איקער וועגן דעם. די אַרבעט אין שאַפּ איז גאָרניט געווען אַזוי שווער, ווי די שכנים האָבן איר אָנגערעדט און ווי זי האָט עס צוערשט אָנגענו־מען. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אַרום זיך. אין שאַפּ האָבן גע־אַרבעט יונגע מיידלעך און ווייבלעך און אויך עלטערע פרויען — אַ סך עלטער פון איר. און די לעצטע האָבן אויך ניט אָנגענומען זייער לאַגע פאַר שרעקלעך און ניט געזעסן און געקלאָגט זיך אויף דעם. נאָר צוזאַמען מיט די יונגע האָט מען געלאַכט, געוויצלט זיך און אַריינגעזאָגט איינע דער צווייטער. די יונגע זיינען גאָר געווען אַ פאַרגעניגן. די פלעגן קו־מען פרישע, מונטערע און זיצן ביי דער אַרבעט און זינגען. עס איז איר אָנגענעם געווען צוהערן זיך צו זייערע לידלעך, וועלכע זיינען אַמאָל גע־ווען פּוסטע, נאַרישע, אַמאָל ערנסטע, און אַמאָל פול מיט בענקשאַפט נאָך ליבע, אָדער נאָך אַ באַגערטן בחור. די לעצטע איבערהויפּט האָבן זיך צוגעפּאַסט צו איר שטימונג, וועלכע איז אויך געווען פול מיט בענקשאַפט נאָך איר אומגליקלעכן איציקן.

געווען צווישן די מיידלעך און פרויען פאַרשיידענע. געווען פּוסטע, נאַרישע, ניט־אינטערעסאַנטע. מיט די האָט זיך גיטל ניט געחברט, און די אַליין האָבן זיך אויך ניט אומגעקוקט אויף איר. געווען אויך ערנ־סטערע, פאַרשטענדיקערע, מיט וועלכע גיטל האָט אַמאָל אַ מיטאָג־צייט ליב געהאַט צו ריידן און זיי האָבן צו איר אויך אַרויסגעוויזן אַן אינ־טערעס.

ביסלעכווייז האָט זי זיך באַפריינדעט מיט אַ צאָל אַרבעטער און ליב געהאַט צו זיצן מיט זיי און ריידן אין דער איבערגעבליבענער פרייער צייט פון דער מיטאָג־שטונדע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שאַפּ איז גאָרניט געווען אַזאַ איינפאַכע זאַך. עס איז גאָרנישט באַשטאַנען פון בלויז אַרבעטן און קריגן באַצאָלט. אַ סך מאָל זיינען פאָרגעקומען סכסוכים צווישן פאָרמאַן און די אַרבעטער און צווישן די אַרבעטער אַליין. איינמאָל אַפילו איז פאָרגעקומען אַ סטרייק אין שאַפּ.

גיטל האָט אָנגעהויבן באַנעמען די מאַשינעריע פון שאַפּ. עס איז גע־ווען אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער ענין. גאָרניט אַזוי איינפאַך, ווי עס וואָלט זיך געקענט אויסדוכטן פון אויבנאויף. איניקע פון די מיידלעך האָבן עס

געפּרוּװוט צעקייען פֿאַר איר און געבן איר צו פֿאַרשטיין. זיי האָבן עס פֿאַרבונדן מיט ווייטע וואָרצלען פֿונעם לעבן. אַנדערע זײַנען געגאַנגען נאָך ווייטער און פֿאַרבונדן עס מיטן גאַנצן לעבן. גיטל האָט געהערט אינ־טערעסאַנטע זאַכן, וועלכע זי האָט ביז איצט גאָר קיינמאָל ניט געהערט. זי איז געזעסן און געקוקט פֿאַרוואונדערט אויף די, וואָס האָבן איר דער־ציילט, און אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַמאָל ניט־זיכערקייט און אַמאָל קינדערשע פֿאַרוואונדערטקייט און נאַאיוויטעט. ביסלעכווײַז אָבער האָט זי אָנגעהויבן באַגרײַפֿן דעם פֿולן זין פֿון יענע רייד. עס האָט זי פֿאַרכאַפּט און זי האָט געוואָלט, זיי זאָלן איר דערציילן נאָך און נאָך. זי האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעכאַפּט, ווי פֿון אַ שווערן שלאָף, און געזוכט מיט די אויגן אין דער ליכטיקייט, אין דער ברייטקייט.

די ווײַבער דערווײַל, די שכנות, האָבן זי אויך געהאַט אין זינען. אַז עס איז אַריבער אַ צייט און זי האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָבן זיי גענומען אײַנטענהן מיט איר: וואָס וועט זײַן? וואָס איז די פּעולה צו פֿינצטערן אַזוי אין שאַפֿ און אָפּגעבן די יונגע יאָרן אויף גאָרניט? זי איז נאָך געזונט, יונג, ניט מיאוס, און עס וואָלט געווען באַריש פֿון איר זײַט דורכצולאָזן די צייט און ניט אַרײַנצוכאַפּן, כּל־זמן עס לאָזט זיך... גיטל האָט פֿאַרשטאַנען דעם וואונק און דערפֿילט זיך ווי אַן אָפּגעבריטע. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די פּרויען מיט אַזויפֿיל שרעק אין די אויגן און מיט אַזויפֿיל צאָרן, אַז יענע האָבן זיך אַלײן דערשראָקן און אָפּגע־רוקט פֿון איר. מער האָבן זיי איר פֿון דעם ניט דערמאָנט.

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם איז גיטל געלעגן און געוויינט. זי האָט זיך געפֿילט טיף באַליידיקט פֿון דער חוצפּה, וואָס די ווײַבער האָבן געהאַט צו קומען צו איר און אָנמוטן איר אַזאַ זאַך.

ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געקענט? ווי אַזוי האָבן זיי געוואַגט צו קומען איר פֿאָרשלאָגן, זי זאָל פֿאַרגעסן איר אייבין און פֿאַרבײַטן אים אויף אַ צווייטן? — איר אייבין, וועלכער איז גרייט געווען צו טאָן פֿאַר איר אַלץ אין דער וועלט, און ביי וועמען זי איז געווען דאָס טײַערסטע אין דער וועלט...

וואָרעם, וואָס איז ער דען ניט גרייט געווען צו טאָן? עס טרעפֿט, אַנדערע מענער, זיי קומען אַהיים פֿאַרנאַכט, קומט מיט זיי מיט דער צאַר, דער הערשער: אַלץ מוז זײַן אויפֿן אָרט, צו דער סעקונדע, און פּונקט ווי זיי ווילט זיך. און טאָמער איז עפּעס ניט אַזוי, איז געשריען, געוואָרפֿן זיך, באַליידיקט... די גאַנצע ביטערניש, וואָס האָט זיך ביים מאַן אָנגעזאַמלט דורכן טאָג פֿונעם באָס, פֿונעם פֿאָרמאַן, און פֿון דער אַר־בעט בכלל, ווערט אויסגעלאָזט צו דער ווײַב, און זי מוז עס צונעמען און

פאַרטראָגן, אַז זי איז אויך אַ מענטש און האָט אירע צרות — פון דעם וויל גאָר דער מאַן ניט וויסן. ער איז דער פאַרדינער, דער ברויט־געבער — איז ער דער הערשער.

ביי איבין האָט אַזאַ זאַך ניט געקענט פּאַסירן. ווי מיד ער איז ניט געווען און וואָס פאַר אַן אומאָנגענעמלעכקייטן ער האָט ניט געהאַט דורכן טאָג, איז ער שטענדיק אַריינגעקומען אין הויז אַ רואיקער, אַ געמיטלעכער, איז ער די ערשטע זאַך צוגעגאַנגען צו די קינדער און געקושט זיי און באַלד נאָכדעם, אַנשטאָט צו כאַפּן זיך צום עסן, געפרעגט זי:

— האָסט נאָך עפּעס אַרבעט פאַר מיר? גיב, וועל איך עס אָפּטאָן, איידער איך גיי זיך אַרומוואַשן...

גיטל האָט קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט קיין אַרבעט פאַר אים, אָבער ער האָט שוין אַליין אויסגעזוכט און געפונען וואָס צו טאָן: דאָ האָט ער אויסגעוואַשן די קינדערשע זעקעלעך, דאָ אויסגעפּוצט די שיכלעך זייערע, און דאָ אויסגעוואַשן די אייגענע פאַרשמוצטע אָוועראָלס.

גיטל פלעגט זיך בייזערן אויף אים דערפאַר און טענהן: — גיי, נאַר, וואַש זיך אַרום, טו זיך איבער, עס אָפּ און רו זיך אָפּ פאַרן טאָג. מאָרגן איז דאָך ווידער אַ טאָג אַרבעט... אָבער זעענדיק דעם פאַרגעניגן, מיט וועלכן ער טוט אַלץ, פלעגט זי טראַכטן: „ווער ווייס, אפשר איז דאָס גוט פאַר אים? אפשר גיט דאָס אים כוח מאָרגן ווידער אויפצושטיין און גיין צו דער אַרבעט?...”

פאַרטאָג, אַז ער פלעגט אויפשטיין, פלעגט ער אומגיין אויף די שפּיץ־פינגער, קיינער זאָל זיך ניט אויפכאַפּן און גיטל זאָל ניט וועלן גיין אים מאַכן אָנבייסן. פאַרקערט, אַז זי פלעגט אויפשטיין דערנאָכדעם, פלעגט זי שוין טרעפן אָנגעשמירטע ראָלס מיט פּוטער, און קאַווע שטיין אויף אַ קליינעם פייערל און וואַרימען זיך.

אַזאַ מענטש איז ער געווען, איבי.

אַ האַרעפּאַשניער איז ער בכלל געווען, ליב געהאַט צו אַרבעטן און ליב געהאַט די היים. אָן איר, אָן גיטלען און די קינדער, זיך אין ערגעץ קיין ריר ניט געטאָן. און ווי ווייניק ער האָט ניט פאַרדינט, האָט ער שטענדיק געזוכט צו שפּאָרן נאָר פון זיך, עס זאָל זיין וואָס מער פאַר איר און די קינדער.

— קויף גיטל, קויף זיך דאָס, אַלץ איינע אָרעמעלייט וועלן מיר זיין, — פלעגט ער זי פּרואוון איינריידן, זי זאָל זיך קויפן אַ קלייד, אַ מאַנטל, וואָס איז איר געפעלן געוואָרן, און זי האָט געפּרואווט דערווייזן, אַז זיי קענען זיך דאָס ניט דערלויבן.

זי געדענקט אַ פאַל. די זיינען איינמאָל געזעסן אין דערביי־איקן

קליינעם פּאַרק. עס זייַנען פֿאַרבייַגעגאַנגען פֿאַרלעך פֿון זייער עלטער. די פֿרויען, באַזונדער, האָבן אויסגעקוקט יונג, שיין און אויסגערוט. זיי האָבן געגלאַנצט מיט זייערע קליידער, שיך און צירונג. אייבי איז פּלוצלונג געוואָרן אומעטיק. ער האָט זיך, ווייַזט אויס, דערפֿילט קליין און נידער־געשלאָגן, און, פֿאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע, פּלוצלונג, גאָר אַזוי אָן שום צוזאַמענהאַנג, האָט ער זיך אָפּגערופֿן צו איר:

— ווּעסט זען, גיטל, עס וועט נאָך זייַן גוט. זאָלן די קינדער נאָר אונטערוואַקסן. ווּעסט זען...

זי האָט זיך צוערשט פֿאַרוואונדערט: — „אַנטקעגן וואָס זאָגט ער דאָס?“ באַלד אָבער האָט זי זיך געכאַפּט, פֿאַרשטאַנען זייַנע געדאַנקען און דערפֿילט אַ וואַרעמקייט צו אים.

— אָט וועגן וואָס דו טראַכסט גאָר? אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו טראַכסט וועגן דעם נייַעם פּלאַץ, וואו דו דאַרפֿסט מאָרגן זיך שטעלן אַר־בעטן...

ער האָט זי דאַנקבאַר אָנגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן.

אַזאַ מענטש איז ער געווען אייבי.

איז אָט, מעג מען אַזאַ פֿאַרגעסן? קען מען אים גיין פֿאַרבייַטן אויף אַ צווייטן?...

זי האָט זיך געפֿילט פֿאַרוואונדערט פֿון דער באַליידיקונג און אָנגעריירט פֿון זייערע רייד, ווי פֿון אַ שמוציקער זאַך. זי האָט מער ניט געקענט קוקן אויף זיי.

גיטל האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן איר לעבן פֿאַר די קינדער. איר לעבן איז סיי ווי געוואָרן איצט אינטערעסאַנטער און באַזיניקטער. מיט אַ פּאָר שאַפֿ־מיידלעך האָט זי זיך נעענטער באַפֿריינדעט און פֿלעגט געפֿינען אַ שטענדיקן אינטערעס אין זיי. זיי פֿלעגן איר נעמען צו מיטינגען, לעק־ציעס און אונטערנעמונגען. גיטלס אויגן האָבן זיך ברייטער געעפֿנט און זי האָט דערזען פֿאַר זיך אַ נייַע וועלט מיט נייַע אינטערעסן און נייַעם צייַט־פֿאַרטרייַב. זי איז ניט געווען געלערנט, אַ סך זאַכן איז איר אָנגעקומען שווער צו פֿאַרשטיין, אָבער ביסלעכווייַז פֿלעגט זי עס דורכדרינגען און באַנעמען. די פֿריינדינס אירע האָבן פֿאַר איר קלאָר געמאַכט זייער לעבן און איר אייגענעם — און זי האָט דערזען דאָס לעבן גאָר אין אַן אַנדער ליכט. זי האָט דערזען פֿאַר זיך נייַע צילן, נייַע אויפֿגאַבן און נייַע פֿליכטן. איר לעבן איז איר געוואָרן אינטערעסאַנטער און פֿאַרביקער. זי האָט גאָר קיין צייַט ניט געהאַט צו גריבלען זיך אין זיך. יעדן אָוונט כמעט, באַלד ווי זי האָט געלייגט די קינדער שלאָפֿן, איז זי ערגעץ אַוועק. גיטל האָט איצטער געהערט צו עטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אומעטום איז זי געווען

אַקטיוו. ביסלעכווייז איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּירערשאַפט פון די אָרגאַניזאַציעס און איז פאַרנומען געוואָרן סיי אין די עקזעקוטיוועס און סיי אין די פאַרשיידענע קאָמיטעס.

אָבער גיטלס נייער באַגריף פון לעבן האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז אויף איר אַליין, נאָר אויך אויף די קינדער אירע. זי האָט זיך איצטער אַנדערש באַצויגן צו זיי און געוואָלט זיי דערציען מיט אַ זין, מיט אַן אינהאַלט. זי האָט די עלטערע פאַרשריבן אין אַ יידישער שול, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו דערציען זי אויף אַ מאָדערנעם אופן — סיי אַלס ייד און סיי אַלס מענטש. אַלס ייד — האָט די שול צוגעזאָגט איינצופלאַנצן אין איר אַ שטאָלץ מיט איר אָפּשטאַם, מיט איר פאָלק, מיט זיין שפּראַך און קולטור. און אַלס מענטש — האָט די שול צוגעזאָגט צו דערציען זי אין אַ פּראָגרעסיוון גייסט, מיט אַן אייגענעם פּראָגרעסיוון באַנעם פון לעבן און מיט אַן אייגענער פערזענלעכקייט.

אַזוי איז גיטלס לעבן געפלאָסן אין שטענדיקער פאַרנומענקייט, פאַר־טיילנדיק דעם טאָג צווישן שאַפּ און מיטינג־לאָקאַל, איבערלאָזנדיק גאָר ווינציק פאַרן הויז, און איינטיילנדיק איר זאָרג צווישן די קינדער און גע־זעלשאַפטלעכער אַרבעט, טראַכטנדיק גאָר ווייניק וועגן זיך אַליין.

גיטל וואָלט זיך באַפרידיקט מיט איר לעבן, אָבער נישט אַלץ איז גע־גאַנגען, ווי איר האָט זיך געוואָלט. גראָד פון די קינדער, וועמען זי האָט געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן און איר זאָרג, האָט זי ניט געהאַט אַזאַ נחת. דעם ערשטן קלאַפּ האָט זי באַקומען פון דער עלטערער, מלכהלען.

מלכה איז, ווייזט אויס, געווען אין דעם טאַטן געראָטן און פון איר האָט גיטל דערוואַרט אַ סך נחת. זי איז געווען אַ שטילע, אַן ערנסטע און אין אַלץ געפאָלגט דער מוטער. ווען די מוטער האָט זי אַריינגעגעבן אין דער יידישער שול, איז זי מיט פאַרגעניגן געגאַנגען אַהין, זיך גוט געלערנט און געענדיקט מיט אויסצייכענונגען. דאָס זעלבע אויך אין דער ענגלישער שול. בכלל איז זי געווען אַן ערנסטע, אַ דענקענדע און אַ זאַכלעכע. נאָך קינדוויי, זייענדיק אַליין און צעבראָכן פונעם אומגליק, פלעגט גיטל, ניט האָבנדיק מיט וועמען אַנדערש צו ריידן, אַראָפּריידן זיך פון האַרצן פאַר איר, פאַרטרויענדיק איר אירע שווערקייטן. מלכהלע פלעגט, ווי אַ דערוואַקסענע, אויפמערקזאַם אויסהערן, איר קינדערשער שטערן פלעגט זיך פאַרקנייטשן פון דער צו־שווערער פּראָבלעם פאַר איר, און אַמאָל אויף אַ נאַאיוון קינדערשן אופן, פלעגט זי פּרוּוון זוכן פאַר דער מוטער אַן עצה, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פון דער געגעבענער לאַגע. גיטל איז גע־

ווען שטאָלץ, סיי מיט איר פֿאַרשטאַנד, סיי מיט איר צוגעבונדנקייט צו איר, און געהאָפּט שפּעטער צו געפֿינען אין איר אַ געטרייען חבר, וואָס וועט איר כאָטש טיילווייז פֿאַרבייטן איר אומגליקלעכן אייבין און העלפֿן איר אויספֿילן אירע יאָרן. באַזונדערס שטאָלץ איז גיטל געווען מיט איר קינדס חברשאַפֿט, ווען יענע, עלטער ווערנדיק, האָט אַרויסגעוויזן דעם זעלבן צוטרוי צו דער מוטער, און פֿון איר זייט געטיילט זיך מיט איר מיט די אייגענע איבערלעבונגען, סודות און שוועריקייטן.

מאַשע — ווי זי האָט זיך איצט געדופֿן, — איז אויך געגאַנגען אין דער מוטערס וועגן און געהאָט דעם זעלבן פּראָגרעסיוון בליק אויפֿן לעבן. זי האָט אויך געהערט צו פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, מערסטנטיילס יוגנט־לעכע, און אַוועקגעגעבן זיי אַ סך פֿון איר צייט און ענערגיע.

נאָר אָט — עס איז געווען, ווען מאַשע איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר — האָט גיטל פּלוצלונג באַמערקט אין איר אַ צעדרודערונג און אַן ענדערונג אין איר גאַנצער אויפֿפֿירונג. עס איז קענטיק געווען, אַז מאַ־שע ליידט פֿון עפּעס, וואָס זי זוכט ספּעציעל אויסצובאַהאַלטן פֿון דער מוטער. וואָרעם גיטל האָט באַמערקט, ווי אירע אויגן מיידן אויס צו טרעפֿן זיך מיט דער מוטערס. זי איז אַליין אומרויִק געוואָרן און ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און וואָס מיט דער טאָכטער קומט פֿאָר. ענדלעך האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און זייענדיק אַליין מיט מאַשען אין הויז, האָט זי פֿאָרזיכטיק אָנגעהויבן:

— זאָג מיר, מאַשע, וואָס קומט מיט דיר פֿאָר די לעצטע צייט? עפּעס קוקסטו מיר אויס אומעטיק, איינגעהאַלטן און אַזוי ווי דו מיידסט מיך אויס... ביסטו חלילה נישט געזונט עפּעס, אָדער וואָס?

— ניין, גאָרנישט... איך בין אינגאַנצן געזונט...

— וואָס דען? עפּעס קוקסטו מיר אויס אינגאַנצן אַנדערש, אַזוי ווי דו וואָלסט זיך באַהאַלטן פֿון מיר... איז עס אַ סוד, וואָס דו קענסט מיר ניט דערציילן?

מאַשע האָט ניט געענטפֿערט. זי האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזן און געשוויגן. גיטל האָט ווידער פֿאַרגעזעצט:

— עפּעס זעסטו מיר אויס צו זיין צעדרודערט — ווי עפּעס וואָלט פּאַ־סירט מיט דיר... קענסט מיר גאָרניט זאָגן? ביסט פֿאַרליבט אפֿשר?...

ווי עס קוקט אויס, איז אין מאַשען אַליין דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ קאַמף: יאָ זאָגן דער מאַמען, צי ניט? און באַשליסנדיק, ווייזט אויס, אַז איצט איז די פּאַסיקסטע געלעגנהייט זיך דורכצורײדן מיט איר, האָט זי אויפֿגעהויבן די אויגן, אַריינגעקוקט דער מוטער גלייך אין פּנים און פֿעסט געזאָגט:

— יאָ, מאַמע, איך בין פאַרליבט...

גיטל האָט זיך דערהפרייט און געזאָגט:

— אַז פאַרליבט, דאַרף עס זיין אַ סוד? האָסט עס מיר אַליין ניט געקענט דערציילן? און דאַרף מען זיין אַזוי צערודערט דערפון? סיידן אפשר, עס איז בלויז פון דיין זייט אַליין נאָר, און דעריבער ליידסטו אַזוי?...

— ניין, מאַמע, עס איז פון ביידע זייטן גליך... פון זיין זייט אפשר נאָך שטאַרקער...

— איז דאָך אַוודאי גוט. איז וואָס איז דאָ צו זיין צערודערט? נאָר עפּעס מיין קינד, זע איך, אַז דאָ איז נאָך עפּעס פאַראַן דערביי, אַז עפּעס באַהאַלטסטו אויס פון מיר...

מאַשע האָט געשוויגן, ווי מורא האָבנדיק צו מאַכן דעם לעצטן טראָט, אויסצוזאָגן דער מוטער דעם גאַנצן סוד.

און גיטל האָט ווייטער גערעדט:

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו שעמען זיך? פאַרוואָס לאָדסטו אים ניט איין אין הויז? באַקענסט אים ניט מיט מיר? עפּעס אַ פיינער בחור?

— זייער אַ פיינער...

— און קען מאַכן אַ לעבן אויך?

— יאָ, מאַמע...

— איז דאָך אַוודאי גוט, און עפּעס פיינע עלטערן — האָסט זיי געזען?...

עס איז, ווייזט אויס, שוין געווען צופיל פאַר מאַשען, און ווי באַשליסנדיק איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסלאָדן די משא פון האַרצן און אַראָפּוואַרפן די דריקונג, האָט זי מיט געמאַכטן מוט, אין וועלכן עס האָט זיך שטאַרק געפילט אַ טאָן פון פאַרשולדיקונג, געזאָגט:

— מאַמע, איך מוז דיר אויסזאָגן אַלץ, דערציילן ווי עס איז, און פאַרוואָס איך האָב ביז איצט געהאַלטן אַ סוד פון דיר. ער איז זייער אַ פיינער בחור, אַן ערלעכער, אַ שיינער, און האָט מיך זייער שטאַרק ליב. נאָר ער איז ניט קיין יידישער...

— ניט קיין יידישער?... — האָט זיך ביי גיטלען אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי, און זי האָט פאַרלוירן אַראָפּגעלאָזט די הענט.

— יאָ, מאַמע, — האָט מאַשע געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערפירן די פראַגע ביז צום ענד: — ער איז ניט קיין יידישער — ער איז אַן איטאַליענער...

— אַן איטאַליענער? — האָט גיטל צעטומלט געקוקט אויף דער טאָכטער, האָסט דווקא געמוזט אויסקלייבן אַן איטאַליענער?...

— ניט דווקא אויסגעקליבן, נאָר אַזוי האָט זיך געמאַכט: מיר האָבן זיך באַגעגנט און פאַרליבט זיך איינע אין די אַנדערע...

— אַן איטאַליענער? — האָט גיטל געהאַלטן אין איבערחזרן...

— ניין, מאַמע, איך האָב דיר געזאָגט... איך אַליין וואָלט גאָרניט געוואוסט, וואָס ער איז, און ניט געזוכט צו וויסן. נאָר צוליב דיר...

— צוליב מיר? נו, איז וואָס האָסטו געטאָן צוליב מיר?...

— גאָרנישט, מאַמע... איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט דיר ווי טאָן, האָב איך דיר ניט געוואָלט דערציילן...

— ווען דו, מיין קינד, וואָלסט געוואוסט, וואָס דאָס מיינט פאַר מיר...

— איך ווייס, אָבער איך קען דאָס ניט פאַרשטיין... דו ביסט אַ פּראָגרעסיווער מענטש און פאַר אַזאַ האָסטו מיך אויך דערצויגן. געדענקסט, מאַמע, ווי דו פלעגסט רײדן וועגן די אַנדערע שכנים, וואָס האָבן ניט געלאָזט די קינדער זייערע שפּילן זיך מיט די נעגערישע קינדער פון בלאָק? געדענקסט, ווי דו פלעגסט זיי פאַרדאַמען און מיר זאָגן, אַז איך זאָל זיך ניט אָראָפּנעמען קיין ביישפּיל פון זיי און ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן מענטשן, וואָס פאַר אַ קאָליר ער זאָל ניט האָבן, אָדער וואָס פאַר אַ גלויבן? דו האָסט זיך געפרייט, ווען איך האָב אויף דעם קאָנצערט פון דער יידישער שול דעקלאַמירט פּרצעס ליד: „אַלע מענטשן זיינען ברידער" — געדענקסטו דאָס, מאַמע? איז פאַרוואָס, ווען עס קומט דיר איצט אויס טרעפן זיך מיט אַזאַ פּראָבלעם, קענסטו ניט אויסהאַלטן די פּראָבע?...

גיטל האָט זיך צוגעהערט צו דער טאָכטערס רייד, און כאָטש יענע האָט גערעדט רואיק, געלאַסן, אָן בייזקייט אין טאָן, האָבן זי די ווערטער געשמיסן אין פּנים.

דער טאָכטערס ווערטער זיינען אַ טייל פון איר אייגענעם גלויבן. זי האָט ניט געהאַט, וואָס דער טאָכטער צו ענטפערן און מיט וואָס צו באַרעכטיקן זיך, און טאַקע דערפאַר האָט זי געפילט אַ טיפן ווייטאָג אין האַרצן.

ביינאַכט איז זי געלעגן אויף איר געלעגער און געפּרואווט איבערטראַכטן די גאַנצע זאַך. אָט, דאַכט זיך, זיינען דער טאָכטערס ווערטער גערעכטע, אמתע, אירע אייגענע ווערטער — און דאָך: דער געדאַנק זאָגט איינס, דאָס געפיל — אַ צווייטע זאַך. דער קאָפּ און דאָס האַרץ שטימען ניט צווישן זיך. דער אַלטער פאַראורטייל ווירקט, די אָפּגעזונדערטקייט און פרעמדקייט פון דורות...

זי האָט געפּרואווט לאָגיש באַגרינדן און באַרעכטיקן איר ווידערווילן צו דער טאָכטערס טאַט:

— אַט, האָט זי געטראַכט, וואַקסט אַ בוים און גיט אַרויס פרוכט און פון די פרוכט וואַקסן אויס נייע בוימער, וואָס גיבן ווידער אַרויס פרוכט — און אַזוי כסדר, דורות־לאַנג. אַ סאַד אַ גאַנצער, אַ וואַלד... און אַט קומט ווער, שניידט אַרויס איין צווייגעלע פון בוים און זעצט עס אַריין אין אַן אַנדער בוים, אַ פרעמדן — און דאָס צווייגעלע הייבט אָן אַרויס־געבן פון זיך נייע פרוכט: פרעמדע...

עס האָבן זי געמאַטערט ווידעראַנאַנדיקע געפילן און געדאַנקען. יעד־דעס מאָל, ווען זי האָט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אויף איינעם, איז געקו־מען דער צווייטער און געמאַנט זיינס. זי איז צעריסן געוואָרן צווישן ביידע...

זי האָט געוואָלט פרעגן דערפאַרענערע פון זיך, קליגערע, פירנדיקע מענטשן פון די אָרגאַניזאַציעס, צווישן וועלכע זי האָט געאַרבעט, אפשר וועלן זיי איר אויפקלערן די זאַך. אָבער זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט די פראַגע בלויז פון אויפקלערן, פון פסקענען. עס איז ניט ווי אַמאָל, ווען מען איז געגאַנגען צום רב פרעגן, און ווי ער האָט געפּסקנט, אַזוי איז געבליבן. דאָ איז עס אַ סך שווערער. עס האָט צו טאָן מיט איינ־געוואָרצלטע געפילן, וואָס זיינען שטאַרקער פון איר...

מאַשע דערוויל האָט שוין ניט געוואַרט, ביז ביי דער מוטער וועט אַלץ קלאָר ווערן אין מוח און אין האַרץ און זי האָט געבראַכט איר אַרטורן און פאַרגעשטעלט אים פאַר דער מאַמען. אַלס אַ בחור איז ער גיטלען גראָד געפעלן געוואָרן: אַ שיינער, אַ פריילעכער און איז קענטיק שטאַרק פאַרליבט אין מאַשען. ווען נישט דער איין „פעלער" זיינער... צו וואָס האָט עס איר די טאָכטער געדאַרפט איינגאַנצן דערציילן? ווען זי וויס ניט, וואָלט איר געווען גרינגער...

מיט דער צייט האָט אים גיטל אַפילו ליב געקראָגן. ער האָט איר זייער שטאַרק דערמאָנט אָן איר אייגענעם אייבין: ערלעך, האָרעפּאַשנע, טרינקט ניט, היט אָפּ דאָס הויז און — מער ווי אַלץ — האָט ליב מאַשען, ווי דאָס אייגענע לעבן. פונקט ווי ער וואָלט אַ לעקציע גענומען פון איי־בין, שטייט ער אויף איינדערפרי, גרייט אַליין צו דאָס עסן פאַר זיך און לאָזט איבער אַ צוגעגרייטן אָנבייסן שוין פאַר מאַשען. און ווען ער קומט פון דער אַרבעט, לאָזט ער מאַשען קיין ריר זיך ניט טאָן, פונקט ווי זי וואָלט געווען שוין אין ניינטן חודש...

מיט זיינע עלטערן אָבער איז גיטלען שווער איינצוגעוואוינען זיך. טיפּישע איטאַליענער: אַ דיקע, צעגאָסענע מאַמע און אַ נידעריקער ברייט־פּלייציקער פאָטער, מיט דער כאַראַקטעריסטישער איטאַליענישער אויס־שפּראַך. און דעם זון זייערן רופן זיי ניט אַנדערש, ווי אַרטוראָ... אַזוי

זייַנען זיי גראַדע וואוילע מענטשן און די טאָכטער אירע האָבן זיי, דאַכט זיך, ליבער ווי דעם זון זייערן... זיי זאָגן דאָס אים אין די אויגן. און אַלס אויסדרוק פון זייער ליבשאַפט, האַלטן זיי איר אין איין ברענגען מתנות און פּרעזענטן.

מיט איר, מיט גיטלען, זוכן זיי אויך צו זיין פריינטלעך, קרוביש: קומען צו איר אין געסט און ווילן, זי זאָל קומען צו זיי. גיטל מיידט עס אויס, אָבער אָפט וואַרפט זי זיך אַליין פאָר:

— אַט זייַנען זיי פּשוטע מענטשן, אפשר דערצויגענע אין אַ סך מער פּאַראורטיילן, ווי איך, מיט אַ סך מער קאָנסערוואַטיווע אָנשויאונגען, ווי איך, און דאָך — וואָס פאַר אַ טאָלעראַנץ זיי ווייזן אַרויס צו איר, וואָס פאַר אַ פריינטלעכקייט און וואָס פאַר אַ ליבשאַפט צו איר טאָכטער!...

זי האָט זיך געשעמט פאַר זיי, געשעמט זיך פאַר זיך אַליין און דאָך... עפּעס אַ געפיל פון אומבאַפרידיקטקייט איז ביי איר פאַרבליבן, מיט וועלכן זי האָט לאַנג געמוזט קעמפן...

מיט דער צווייטער טאָכטער, דער יינגערער, איז עס גראָד געווען אַנ־דערש. פון קינדווייז אויף איז זי ניט געווען גערעכנט אין קיינעם פון דער משפחה, און פונקט דער היפוך פון דער עלטערער. אין דער צייט, וואָס די עלטערע, מאשע, איז געווען אַ שטילע, אַ רואיקע, אַן ערנסטע, איז די יינגערע, לילי, פון קינדווייז אויף געווען אַ קאַפּריזנע, עגאָאיסטישע און ניט געצאַמטע. האָט זי געוואָלט עפּעס, האָט עס געמוזט באַשאַפן ווערן און קיין שום רייד און איבערצייגונג האָט ניט געהאָלפן. לערנען זיך האָט זי ניט געהאַט ליב און אין דער יידישער שול גיין האָט זי זיך אָפּגעזאָגט. ווען די מוטער און די שוועסטער האָבן זי איינמאָל איינגע־רעדט, איז זי אַריינגעלאָפן אַהין, אַ שמעק געטאָן, אַ פאַרקרים געטאָן זיך און באַלד אַרויסגעכאַפּט זיך. און פון דעמאָלט אָן האָבן די מוטער און די שוועסטער שוין מער ניט געפּרוּווט איר צוריידן, וויסנדיק, אַז עס איז סיי־ווי אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. צו פערצן יאָר האָט זי זיך אָנגעהויבן פּוצן און „אויסגיין" מיט בחורים — טאַקע מיט בחורים ממש און ניט מיט יינגלעך פון איר עלטער. און אַזעלכע האָבן איר ניט געפעלט: ווען זי פלעגט דורכגיין דורכן בלאָק אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אירע בלאָנדע האָר און דינע פיס, פלעגן אַלע זיך אָפּשטעלן קוקן אויף איר און באַגלייטן זי מיט זייערע אויגן. ווען זיי וואָלטן ניט וויסן, ווער זי איז, וואָלטן זיי זיכער געמיינט, אַז דאָס האָט צופעליק אין דער אָרעמער געגנט פאַרבלאָנ־דזשעט פון ערגעץ אַ רייך טעכטערל... צווישן די יינגלעך פון בלאָק האָט זי געהאַט דעם צונאָמען: „די בלאָנדע שיינהייט..."

לילי האָט ניט געדאַרפט, ווי די שוועסטער, וואַרטן ביז צוואַנציק יאָר. צו זיבעצן יאָר האָט זי שוין געבראַכט דער מאַמען אין שטוב אַ בחור — אַ שיינעם, אַ הויכן, פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, מיט שוואַרצע וואָנ־צעלעך און גלאַט פאַרקעמטע געדיכטע האָר. ער איז גראַד געווען אַ יידי־שער, נאָר זיין האַלטן זיך איז געווען אַזוי פרעמד, און זיין בליק אַזוי זעלבסטזיכער, אַז גיטל האָט זיך אַ ביסל געשראָקן פאַר אים און ניט געקענט פילן צו אים דעם פריינטלעכן געפיל, וואָס זי האָט שוין געהאָט צו איר עלטערן אידעם, דעם איטאַליענער. זי האָט אַפילו געפּרואווט באַמערקן דער טאָכטער וועגן דעם, אָבער שפּעטער האָט זי זיך באַ־קלערט, אַז עס איז גלייכער צו לאָזן זי צורו; די טאָכטער אַליין איז ניט קיין סך בעסער, און אפשר צוליב דעם גאָר וועלן זיי זיין אַ גלייכע פּאָר און זיך צופּאַסן איינער פאַרן צווייטן.

ווען זי האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז זיין פאָטער איז גאָר אַן אָרעמער קרעמער, איז איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן; און ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז ער אַליין איז אַ צושניידער ביי פרויען־קליי־דער, איז זי גאָר געווען צופרידן: אַן אַרבעטער, אירס גלייכן... און כאָטש צושניידער געהערן צו דער אַריסטאָקראַטיע פון שאַפּ, האָט זי דאָך גע־פילט, אַז זי שטייט מיט אים אויף אַ געמיינזאַמען באָדן...

איר פרייד האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ווען זי האָט אים איינ־מאָל אַ פרעג געטאָן עפּעס וועגן דער יוניאָן, האָט ער אויף איר אויסגעי־שטעלט אַזעלכע אויגן, ווי ער וואָלט געזאָגט: „ווי קום איך צו דער יוניאָן?...״ ער האָט באַלד באַכדעם גענומען ריידן אויף דער יוניאָן און זי, גיטל, האָט זיך געפילט, ווי אימיצער וואָלט איר מיט אַ הייסן טאָפּ וואַסער אָפּגעבריט. זי האָט דערפילט אַ פיינטשאַפט צו אים, וואָס האָט זיך שוין מער קיינמאָל ניט אויסגעוועפּט ביי איר. איבעריקנס האָט ער זיך באַצויגן קאַלט צו איר, פון אויבן אַראָפּ, און געפילט זיך ווי אַ פרעמדער אין שטוב.

לילי האָט חתונה געהאַט און גיטל איז געווען צופרידן, וואָס זי וועט וואוינען באַזונדער, און ביידע — די טאָכטער און דער אידעם — וועלן זיין ווייט פון איר. אָבער די גוטע בשורות זיינען סיי־ווי געקומען צו איר פון דער ווייטנס.

איינמאָל רופט לילי אָפּ:

— דו ווייסט, מאַמע, אורווינג גייט פאַר זיך אין ביזנעס...

— אין ביזנעס? זאָל זיין מיט גליק... וואָס פאַר אַ ביזנעס?

— ער עפנט פאַר זיך אַ שאַפּ. ער האָט שוין געדונגען אַ פלאַץ...

— אַ שאַפּ עפנט ער? וואָס איז, ער האָט פאַרלוירן זיין דזשאָב?...

— ניין, ער זאָגט, אַז פון אַרבעטן ביי יענעם קען מען צו קיין תכלית ניט קומען. מען קען זיך קיינמאָל ניט אַרויסאַרבעטן ביי יענעם אויף עפּעס...

אין אַ צייט אַרום קומט לילי וויטער:

— דו ווייסט, אירווינג פאַרגרעסערט דעם שאַפּ. ער נעמט צו נאָך אַ פלאָר...

— נו, זאָל זיין מיט גליק... וויפיל אַרבעטער האָט ער שוין?

— דערווייל האָט ער זעכציק. ער דענקט, ער וועט קענען צונעמען נאָך אַ ביסל...

— נו, און ווי איז ביי אים מיט דער יוניאָן?...

— מיט דער יוניאָן? וואָס פאַר אַ יוניאָן?... ווייסט ניט, מאַמע, אַז אירווינג האָט פיינט די יוניאָן? ער זאָגט: זיי זיינען אַלע רעקעטירס...

— ער זאָגט? און וואָס זאָגט די יוניאָן?...

— אירווינג האַלט ניט קיין יוניאָן־מענטשן. ער וואָלט זיי גלייך אָפּגעזאָגט, ווען ער דערוויסט זיך פון זיי. ער האַסט די יוניאָן...

גיטל האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

אין אַ צייט אַרום איז לילי געקומען אַ צעדרודלטע:

— ווייסט, מאַמע, אירווינג האָט טראָבל אין שאַפּ...

— וואָס? ניטאָ קיין אַרבעט?...

— ניין, אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ, נאָר די יוניאָן... האָט אַרויסגערופן די אַרבעטער אין סטרייק, איצט אין רעכטן סעזאָן...

— איז זאָל ער סעטלען מיט דער יוניאָן... וויפיל ווילן דאָס די אַרבעטער?

— זיי בעטן צוויי דאָלאַר אַ וואָך אַ רעיז...

— איז דאָס צופיל? דערציילסט דאָך מיר אַלע מאָל פון אירווינגס גליקן, וואָס ער מאַכט אין שאַפּ. איז נאָך צוויי דאָלער אַ וואָך אַ מענטשן, וואָס, ער וועט אָרעם ווערן?... זאָלן די אַרבעטער אויך מאַכן אַ לעבן...

— אירווינג זאָגט, אַז אים גייט ניט אין די צוויי דאָלאַר, נאָר מיט דער יוניאָן וועט ער קיינמאָל ניט סעטלען. ער וועט אַפילו געבן די אַרבעטער צוויי און אַ האַלב דאָלאַר — נאָר אָן דער יוניאָן...

און אין אַ ווילע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— ווייסט, וואָס דאָרטן האָט זיך געכטן געטאָן ביי אים לעבן שאַפּ? פּאָליציי איז געווען, מען האָט זיך געשלאָגן... איין אַרבעטער האָט מען נאָכדעם צוגענומען מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ... אירווינג אַליין האָט זיך געמוזט באַהאַלטן אין אָפיס און איז געקומען אַהיים שפּעט אין אָוונט, באַגלייט פון אַ דעטעקטיוו. היינט איז ער אַוועק פרי און עס רייסט מיר

אַ גאַנצן פרימאָרגן דאָס האַרץ: ווער ווייס, וואָס מיט אים קען דאָרטן היינט טרעפן... איך האָב ניט געקענט איינזיצן אין שטוב, בין איך געקומען צו דיר...

ביי גיטלען האָט זיך שיר ניט אַרויסגעריסן: „אַ מצווה אויף אַזאַ...‟ זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן און אָנשטאָט דעם געזאָגט:

— נו, זאָג אַליין, לוינט זיך דאָס? צוליב צווי דאָלאַר אַ וואָך — ביי דעם היינטיקן יקרות... וואָס איז, זיי דאַרפן ניט לעבן? זיי זיינען קיין מענטשן ניט?...

— אַוודאי דאַרפן זיי לעבן. אָבער אוירווינג זאָגט, אַז אויב ער וועט צומאַכן דעם שאָפּ, וועלן זיי גאָרניט האָבן... אוירווינג זאָגט, אַז אויב דער סטרייק וועט זיך פאַרציען נאָך אַ ביסל צייט, מאַכט ער צו דעם שאָפּ און מיר פאָרן אַוועק אויף אַ יאָר צייט... שוין לאַנג, אַז אוירווינג רעדט וועגן צומאַכן דעם שאָפּ און אַוועקפאָרן. מען דאַרף ניט, זאָגט ער, אַלע מאָל בלויז מאַכן געלט, מען דאַרף זיי אַמאָל אויך אויסגעבן... אפשר איז ער גערעכט...

— און דו זאָגסט אים גאָרניט דיין אוירווינגן, ווי מיאוס דאָס איז?

— דו ווייסט, מאַמע, אַז איך מיש זיך ניט אין זיינע געשעפטן. אוירווינג ווייס, וואָס ער טוט...

לילי איז אַוועק פון דער מוטער אַ צערודערטע. גיטל איז אויך געווען ניט ווייניק צערודערט. צווישן מוטער און טאָכטער איז געשטאַנען אַ וואַנט.

אין אַ צייט אַרום איז לילי געקומען מיט אַ נייס, אַז אוירווינג פירט שוין אַריבער דעם שאָפּ אין קאָנעקטיקוט.

— אוירווינג זאָגט, אַז דאָרטן דאַרף מען ניט האָבן קיין טראָבל מיט דער יוניאָן. פוילישע מיידלעך, זאָגט ער, זיינען ניט ווי די יידישע: זיי דאַרפן קיין יוניאָן ניט האָבן... און זיי אַרבעטן בעסער אויך: קוקן ניט אַלע ווילע אויפן זייגער...

— אַזוי? פוילישע מיידלעך זיינען בעסער? הייסט עס, קיין יידישע וויל ער ניט האָבן?... ווי אַלע אַנטיסעמיטן... און וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אים אַליין אויך זאָגן, אַז מען דאַרף אים ניט, אַז ער איז אַ ייד?... האַ? וועגן דעם טראַכט ער גאָרניט...

— איך ווייס ניט, מאַמע... דו ווייסט, אַז איך מיש זיך ניט. אָבער דו, מאַמע, טראַכטסט אַלע מאָל צופיל... שטענדיק, וואָס אוירווינג טוט, געפעלט דיר ניט...

— אוודאי געפעלט מיר ניט... און דיר, מיין קינד, געפעלט דאָס זייער שטאַרק?

— אַי, מאַמע, מיר איז שווער מיט דיר צו ריידן. דו האָסט ניט ליב מיין אוירוויבגן. מאַשעס מאַן, דעם איטאַליענער, האָסטו ליב, און אויר־וויבגן ניט...

— מאַשעס מאַן? וואָס פעלט אים? אַן ערלעכער האָרעפּאַשנער מענטש, טשעפּעט ניט קיינעם און שפּאַלט קיינעם ניט די קעפּ... וויל ניט ביי ידישע אַרבעטער דאָס ברויט פון מויל צונעמען...

לילי איז אַרויסגעלאָפן פון הויז מיט אַ געוויין און אַ קלאַפּ מיטן טיר. גיטל האָט נאָך לאַנג ניט געקענט קומען צו זיך פון פאַרדראָס און וויטאָג. זי האָט געפילט, ווי איר קינד איז איר וויט און געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט — און צווישן זיי ביידן אַ הויכע וואַנט...

חרטה

פלאַרענס האָט פאַרענדיקט לייענען דאָס לעצטע זייטל פונעם בוך. זי איז געבליבן זיצן מיד, אָפהענטיק און פאַרקלערט, ווי זי וואָלט נאָר־וואָס פאַרענדיקט אַ שווערע אַרבעט.

עס איז איר ווירקלעך אָנגעקומען זייער שווער דאָס בוך איבערצולייענען, און נאָך שווערער איז איר געווען גאָר נעמען צו לייענען דעם בוך. עס האָט גענומען גאַנצע חדשים, ביז זי האָט זיך אויף דעם אַנטשלאָסן. עס איז געווען אַ בוך, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין לאַנד. שנעל האָט זיך זיין נאָמען פאַרשפרייט צווישן דעם לייענענדיקן עולם.

פלאַרענסעס חברטעס האָבן שוין לאַנג דאָס בוך איבערגעלייענט און געהאַלטן אין פרעגן זי, פאַרוואָס זי נעמט אויך ניט אַרויס דאָס בוך פון ביבליאָטעק. פלאַרענס האָט זיך געזוכט אָפצופטרן דורך פאַרשיידענע תירוצים. אָבער ווען די חברטעס האָבן זיך אָנגעהויבן וואונדערן אויף איר מאָדנער גלייכגילטיקייט צו אַ בוך, וואָס אַלע לויבן אַזוי, האָט זי אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז די גאַנצע זאַך זאָל ניט ווערן אויפפאַלנדיק און אַז מענטשן זאָלן ניט אָנהויבן דערגרונטעווען זיך צו דער אמתער אורזאַך פון איר פאַרנאַכלעסיקונג. אין דער אמתן איז דאָך דאָ געווען ניט קיין גלייכגילטיקייט צום בוך, נאָר אַ מאָדנער, פאַר איר אַליין ניט איינגאַנצן פאַרשטענדלעכער געפיל — אַ מין שרעק־געפיל דאָס בוך אָנצוהויבן לייענען.

עס איז געווען אַ באַשטימטע אורזאַך פאַר איר וואַקלעניש, אַן אורזאַך, וואָס זי האָט ניט געקענט אַנטפלעקן פאַר אירע פריינדינס, און וואָס פאַר איר אַליין איז אויך געווען אומאָנגענעם צו טראַכטן פון דעם.

עס איז געווען אַן אורזאַך, וואָס איז געלעגן אין פריערדיקע יאָרן און וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן שרייבער פונעם בוך, מיט איר נאָענטקייט צו אים — אַ נאָענטקייט, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן אַ באַשטימטע צייט בלויז און וועלכע האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפט סיי פון איר האַרצן, סיי פון איר זכרון.

עס איז געווען מיט אַ יאָר צען צוריק. זי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכצן־ניינצן. דער שרייבער פונעם בוך, דזשערי פיינגלעס, איז אַ סך עלטער געווען פון איר. ער איז געווען אַן אומרואיקער באַוועגלעכער יונג; זי, פאַרקערט, אַ געזעצטע און געלאַסענע, אָבער דאָס האָט אים ניט

געשטערט צו פאַרליבן זיך אין איר. ער איז בכלל געווען אַ גוטמוטיקער און פריינטלעכער, מיט אַ וואַרעמער און אָנגענעמער שטימע, און אים איז ניט שווער געווען זי צוציען צו זיך. נאָך אַ פּאָר באַגעגענישן זיינען זיי געוואָרן פריינט.

ער איז דאַן געווען אַן אָרעמער בחור, וואָס האָט געשריבן לידער, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין ראַדיקאַלע צייטונגען און זשורנאַלן. די צייט־שריפטן זיינען געווען אָרעם אין הכנסה, קיין סך האָבן זיי ניט געקענט צאָלן — בפרט פאַר לידער, — זיינען דזשעריס פאַרדינסטן במילא אויך געווען קליינע. קיין איבעריק געלט האָט ער קיינמאָל ביי זיך ניט געהאַט, אָבער פאַר פלאַרענסן פלעגט ער זיך סטאַרען דאָס קיינמאָל ניט אַרויסצואווייזן. פאַרקערט, ער פלעגט קיינמאָל ניט קומען צו איר אָן בלומען, אָדער אַן אַנדער קלענערער מתנה, און פלעגט זי אויך זייער אָפט „אויס־נעמען" אין טעאַטערס און צו קאָנצערטן, כאָטש אויף ביליקערע בילעטן.

דזשערי איז געווען איבערגעגעבן דער ראַדיקאַלער באַוועגונג מיט לייב־און־לעבן, און צוגלייך מיט איר — פלאַרענסן — האָט זי פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ ביי אים. מיט ענטוזיאַזם פלעגט ער שטענדיק רעדן וועגן די פירער פון דער באַוועגונג. זיינע אויגן פלעגן זיך אָנצינדן מיט אַ גלאַנץ און זיינע באַקן פלעגן זיך באַדעקן מיט אַ ראָזעווער פאַרב, ווען ער פלעגט רעדן פאַר איר פון דער צייט, ווען די אידעאַלן פון זיין באַ־וועגונג וועלן פאַרווירקלעכט ווערן און ווען מענטשן וועלן קענען לעבן פריי און געניסן פרייד פון זייער אַרבעט. ער פלעגט אַזוי פאַרכאַפּט ווערן פון זיין ענטוזיאַזם, אַז עס פלעגט אויף איר מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיך בשעת־מעשה איינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער רעדט עס פאַר זיין געליבטער, און מיינען, אַז ער שטייט אויף אַן עסטראַדע און רעדט צו הונדערטער צוהערער.

עס פלעגט זי שטאַרק אַמוזירן און זי פלעגט אַפילו הנאה האָבן צוהערן זיך צו אים און אַריינקוקן אים בשעת־מעשה אין די אויגן און זען, ווי זיין גאַנץ פּנים באַדעקט זיך מיט אַ זוניקער שיין, וואָס מאַכט אים אויסקוקן ניט בלויז מיט יאָרן יינגער — כמעט יינגליש — נאָר אויך ראָמאַנטישער. אָבער זי אַליין פלעגט דאָס ניט אָנצינדן. זי פלעגט בלייבן גלייכגילטיק צו זיינע אידעאַליסטישע זעאונגען. זיין ענטוזיאַזם פלעגט זי ניט פאַרכאַפּן. עפּעס, האָט זי געפילט, רירט עס זי ניט און קלעפּט זיך ניט צו צו איר.

ער פלעגט איר ברענגען ביכער צום לייענען — ביכער מיט אַ ראַדיקאַלן אינהאַלט — פאַר וועלכע זי האָט ניט געהאַט קיין שטאַרקן אינטערעס, נאָר וועלכע זי האָט דאָך צוגענומען, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אים אָפּזאָגן. ווען עס פלעגט אָבער שפּעטער קומען צו דיסקוטירן זיי, פלעגט זי זיך

פראוון אַרויסדרייען פון דעם דורך אַ חנדל און דורך אַ קאָקעטישן קנייטש. דערפאַר אָבער פלעגט זי מיט מער אינטערעס אויסהערן זיינע אייגענע לידער, וועלכע ער פלעגט פאַר איר פאָרלייענען, פרעגן איר מיינונג און בעטן אַפילו אַמאָל אים העלפן וואו אויסבעסערן אַ וואָרט, אָדער אַ שורה.

זי פלעגט אויסהערן זיינע לידער, פילן דעם פייער, וואָס גליט אין זיי, אָבער אַליין זיך פון זיי ניט אָנצינדן. עס פלעגט איר שמייכלען, וואָס איר געליבטער איז אַ פאָעט, מיט אַ שיינער נשמה און געפליגלטן וואָרט, וואָס קאָן באַגייסטערן טויזנטער, אָבער זי אַליין פלעגן זיי איבערלאָזן ניט באַרירט, ווי הייסע פונקען, וואָס פאַלן אין דער קילער נאַכט און ווערן באַלד אָפגעקילט און אויסגעלאָשן. נישט וועלנדיק באַליידיקן זיינע געפילן, פלעגט זי זיך באַמיען ניט אַרויסצואווייזן איר גלייכגילטיקייט צו די פראָבלעמען, וואָס זיינען אים געווען טייער, און מיט אַ קוש אָדער אַ גלעט אויסדריקן איר כלומרשטע פאַרשטענדעניש פאַר זיי.

ער האָט געשפירט איר ווייטקייט פון דער ראַדיקאַלער וועלט און איר פרעמדקייט צו ראַדיקאַלע אידייען, און האָט קענטיק געליטן דערפון. ער פלעגט עס איר אַליין פרואוון דערקלערן מיט איר אָפשטאַמונג פון אַ סוחרישער קליינבירגערלעכער פאַמיליע, וועלכע האָט געשאַפן אַרום איר אַן אַטמאָספער פון קאָנסערוואַטיזם, פון זאַטקייט און צופרידנקייט — אַן אַטמאָספער, וועלכער עס איז פרעמד דער געראַנגל, וואָס גייט־אָן אין דער געזעלשאַפט צווישן קלאַס און קלאַס. אין זיין ליבע צו איר פלעגט ער אָבער טרייסטן אי זיך, אי זי, אַז עס איז אויך אַן אויסדרוק פון יונגקייט און אומדערפאַרונג, און אַז שפעטער, מיט דער צייט, וועט זי דערפילן סיי דעם כוח, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דער מענטשלעכער אַרבעט, סיי דעם אמת, וואָס ליגט אין די שטרעבונגען און אידעאַלן פונעם קעמפנדיקן אַרבעטער־מענטשן.

ער האָט זיך אָבער, ווייזט אויס, ניט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דער צו־קונפט אַליין בלויז, וואָס וועט זי ענדערן און פאַרקערעווען אויף די זעלבע רעלסן, אויף וועלכע זיין לעבן באַוועגט זיך. ער פלעגט זי אָפט מיטנעמען צו די צוזאַמענקונפטן, וואָס זיינע אידייען־פריינט פלעגן דורכפירן און וואו ער פלעגט פון צייט צו צייט אויך אויפטרעטן מיט פאָרלייענען זיינע לידער. זי פלעגט זיך צוקוקן צו די פנימער פון די באַזוכער — מערסטנס פשוטע, ניט־פאָלירטע מענטשן, דערפאַר אָבער מיט באַגייסטערטע בליקן און געהויבענער שטימונג. זי פלעגט זיך צוקוקן מיט באַוואונדערונג, ווי זיי נעמען־אויף מיט פרייד די קינסטלער און וואָרטזאָגער און באַלוינען זיי שפעטער מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אויך דזשעריס לידער האָבן זיי אַזוי אויפגענומען. דזשערי האָט אין

זיינע לידער געזונגען וועגן די שווערקייטן פון היינט און דעם אָנזאָג אויף אַ פריידיקן מאָרגן. וועגן דער דערנידעריקונג, וואָס דער אַרבעט קומט אויס אויסצושטיין היינט, און ווי אַזוי עס וועט סוף־כל־סוף אויפ־געדעקט ווערן דאָס גליק, וואָס ליגט אין איר באַהאַלטן, און אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די צוהערער — אַליין אַרבעטס־מענטשן — האָבן אָפּגעשאַצט די האָפענונג און דערמוטיקונג, וואָס ער ברענגט זיי, און באַלוינט אים מיט לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. זיי האָבן דורך דעם אויך אויסגעדריקט זייער דאַנק צו אים, וואָס ער האָט געטראָפן אַנצוקליידן זייער טאָג־טעגלעכע מי אין שיינע יום־טובדיקע מלבושים און מאַכן עס דורכדעם פאַר זיי אַליין דערהויבענער און אָנגענ־נעמער.

די מענטשן בכלל האָבן זיך באַצויגן צו זייערע אָנפירער מיט ליב־שאַפט און אַכטונג. דאָס האָט מען געקענט זען אין זייער באַנעמונג צו זיי, אין דעם רעספּעקט, מיט וועלכן זיי האָבן אויסגעהערט זייער יעדעס וואָרט. אָבער צו דזשערין, וויזט אויס, האָבן זיי געפילט אַ באַזונדער ליבע. באַלד ווי ער פלעגט אַריינקומען אין זאַל, פלעגט ער אַרומגערינגלט ווערן מיט אַן עולם מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשפּאַרט צו דריקן זיין האַנט. יעדנס אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט פריינטלעכקייט און איבערגע־געבנקייט. אַפילו צו איר, כאָטש זי האָט זיך מיט די מענטשן ניט געמישט און מער ווי אַ שמייכל ניט געשענקט זיי, האָט דער עולם אויך אַרויסגעוויזן רעספּעקט און פריינטלעכקייט, און אַריבערגעטראָגן צו איר אַ טייל פון דער איבערגעגעבנקייט, וואָס זיי האָבן געפילט צו אים.

זי פלעגט גיין מיט אים צו די דאָזיקע צוזאַמענקונפטן, אָבער נישט נאָר האָבן זיי זי ניט אַמוזירט, נאָר אָפט אַפילו געלאַנגווייליקט. זי האָט זיך געפילט פרעמד אין זיי און ניט געפונען קיין אינטערעס. אָבער אָפּ־זאָגן אים און ניט גיין איז איר שווער געווען. זי האָט געוואוסט, אַז ביי דזשערין איז דאָס איינע פון זיינע שענסטע איבערלעבונגען און צונע־מען דאָס ביי אים — ניט זי וואָלט געקענט, ניט זי האָט געוואָלט. איז זי מיטגעגאַנגען און געלאָזט אים וועבן אין זיך די האָפענונג, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיך אויך דורכדרינגען מיט זיין אמת און אָנהייבן פאַר־שטיין דאָס לעבן, ווי ער פאַרשטייט עס.

אַמאָל פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז אָט־אָט דערגרייכט ער זיין ציל. די חברשע שטימונג פון אָט־די מענטשן, זייער גלויבן און אָפּטימיזם, די זיכערקייט וואָס האָט זיי באַהערשט, און באַזונדערס די פריגיביקייט זייע־רע, די גרייטקייט אָוועקצוגעבן פאַר זייער אידעאַל אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, פלעגן מאַכן אויף איר אַ שטאַרקן איינדרוק. מאָמענטנווייז פלעגט

זי מיטגעריסן ווערן און באַקומען אַ פאַרלאַנג צו ווערן אַ טייל פון זיי. זי האָט געפילט, אַז ניט נאָר זיינען אָט־די מענטשן דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן גלויבן, אַ גרויסער אידייע, וועלכער זיי טראָגן־צו אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן: זייער צייט, זייער געלט, זייער אָנשטרענגונג, זייער ענטוזיאַזם, נאָר אַז די אידייע פון איר זייט טראָגט אויך צו אירביישטייערונג צו די מענטשן: זי גיט זיי אָנשפּאַר אין לעבן, פרייד און האָפענונג, און לאָזט זיי קיינמאָל ניט פאַרצווייפלט ווערן. זי האָט געפילט, אַז עס איז אַ גרויס פאַרמעגן אין לעבן, און עס האָט זיך איר אויך געגלוסט באַהעפטן זיך מיט זיי.

אָבער די דאָזיקע שטימונגען זיינען בלויז געווען מאָמענטאַלע. באַלד פלעגן די אָנגעצונדענע פונקען אין איר אויסגעלאָשן ווערן, און זי פלעגט ווערן צוריק קאַלט און גלייכגילטיק.

ער אָבער, דזשערי, האָט זיך געשטיצט אין זיין גלויבן אין איר און אין זיין זיכערקייט אין זיך, און אין זיינע בריוו צו איר און אין זיינע לידער, וואָס ער האָט איר געווידמעט, האָט ער זי אָנגערופן: „מיין רויטע שיינהייט", אַריינלייגנדיק אין דעם וואָרט ניט נאָר די פּשוטע באַדייטונג דערפון — צוליב אירע רויטע האָר — נאָר אויך נאָך אַ צווייטע: אַ ברייטערע, אַ טיפערע...

אַזוי האָט זיך עס געצויגן איבער אַ יאָר צייט. ער האָט זי באַטראַכט ווי „זיין מיידל", און איז זיכער געווען אין איר. איר, ווידער, האָט גע־שמייכלט, וואָס איר פריינט איז אַ דיכטער, און האָט אַ פאַרערשאַפט פון טויזנטער. אָבער געפילט האָט זי, אַז צווישן זיי שטייט אַ וואַנט, און אַז זייערע וועגן צעגייען זיך.

איצט, מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, איז איר שווער אָפּצושאַצן, וואָס עס וואָלט אַרויסגעקומען פון זייער פריינטשאַפט, ווען עס מישט זיך ניט אַריין אַ נייער פאַקטאָר אין איר לעבן — איר איצטיקער מאַן, אַלען גרינ־באַום. ביי אַ פריינדין אין הויז האָט זי זיך מיט אים געטראָפן. און ווי ער האָט נאָר דעם ערשטן בליק אויף איר געוואָרפן, אַזוי איז ער באַלד אַ פאַר־קאַכטער געוואָרן און ניט געוואָלט זי שוין מער אָפּלאָזן. עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס זי האָט אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי גייט שוין מיט איינעם, אַז זי האָט אַ פריינט. ער האָט, ווייזט אויס, דערפילט די וואַקל־דיקייט אין איר, די ניט־זיכערקייט און באַקומען מער דרייסטקייט אָוועק־צולייגן זיין אייגענע געוויכט אויף דער וואָגשאָל פון איר צווייפלען. איר שיין פּנים, שיינע פיגור און געדיכטער קאָפּ האָר האָבן צו אַלעמען אַפּעַ־לירט. ניט נאָר דזשערי האָט זי דאַן באַצייכנט מיטן טיטול „רויטע שיינ־

הייט", נאָר אויך אַ סך אַנדערע, כאָטש יענע האָבן ניט געמיינט דאָס, וואָס ער...

אַלען איז געווען פּונקט דער היפּוך פון דזשערין. ניט נאָר האָט ער ניט געהאַט קיין ראַדיקאַלע אידייען ווי דזשערי, נאָר ער האָט בכלל קיין אי־דייען ניט געהאַט. ער איז געווען דורכאויס פּראַקטיש. זיין הויפּט־ציל איז געווען זיך גוט איינאָרדענען אין לעבן. ער איז נאָר־וואָס אַרויס פון אוניווערסיטעט, וואו ער האָט מיט אויסצייכענונגען געענדיקט אַלס כעמישער אינזשעניער, און געהאַפּט אויף אַ רייכער צוקונפט. ער האָט ניט געוואָלט זוכן קיין שטעלע ביי יענעם, נאָר אָנשטאָט דעם געפּלאַנירט צו עפענען בשותפות מיט זיין פאָטער אַ כעמישע פאַבריק, וואָס זאָל פּראָדוצירן פאַרשיידענע קאָסמעטישע אַרטיקלען. דערהצו האָט אים ניט געפעלט ניט קיין געלט און ניט קיין זיכערקייט אין זיך. זיין גאַנצער אויסזען און האַלטונג האָבן געזעדט פון אונטערנעמערישקייט און אַגרעסיווקייט. ער איז אויך געווען אַ הויכער, שיינער יונג מיט אַן ענערגישן און זעלבסט־זיכערן פּנים.

פלאָרענסן איז זייער שווער געווען „אַריבערצוגיין" פון דזשערין צו אַלענען. פּלוצלונג איז ביי איר ניט נאָר דזשערי דערהויבן געוואָרן, נאָר אויך זיין וועלט, די גאַנצע סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט, און דער קרייז פון אינטערעסן וואָס האָט פאַרנומען זיין צייט און געדאַנק. אַלענס וועלט האָט איר אויסגעקוקט קליין און נישטיק און אָנגעפילט מיט פּוסטקייט. אין פאַרגלייך מיט דזשעריס אידעאַליזם און אַרבעט לטובת הכלל האָט אַלען אויסגעקוקט פאַר איר עגאָאיסטיש און קאַריעריסטיש.

אָבער די אויבערהאַנט האָט פאָרט געקראָגן אַלען.

ווען זי וויל זיין אויפריכטיק מיט זיך, מוז זי צוגעבן, אַז עס איז ניט נאָר געווען אירע עלטערנס דרוק. אמת, די עלטערן אירע האָבן דזשערין ניט געקאָנט פאַרטראָגן פון דער ערשטער מינוט. אין זייערע אויגן האָט ער אויסגעקוקט, ווי אַן אָרעמער בחור, אָן באַשעפטיקונג און אָן געלט, וועמעס פּלאַץ עס איז צווישן „לאָפאַצאַנעס" און נישט אין קיין באַלעבאַטיש הויז. נישט איין מאָל פלעגט איר מוטער וויינען איבער איר, אַז זי מאַכט זיך אַליין אומגליקלעך, און בעטן זיך ביי איר, זי זאָל מיט דעם יונג איבעררייסן. געוויס האָט עס אירע עלטערן איצט צוגעשפּילט, וואָס אַלען איז צוגעקומען. אַוודאי זיינען זיי איצט געוואָרן האַפערדיק ביי זיך און שטאַרק צופרידנגלעך. זיי האָבן גענומען פאָדערן פון איר, זי זאָל וואָס גיכער איבעררייסן מיט דזשערין און ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט, וואָס האָט זיך איר געמאַכט.

געוויס האָט דאָס געהאַט אַ ווירקונג. אָבער עס וואָלט געווען פאַלש

צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען די איינציקע ווירקונג. זי איז גאָרניט געווען אַזאַ שוואַכלינג, אַז זי זאָל אין אַלץ מוזן אונטערוואַרפן זיך די עלטערן. אָט האָט זי דאָך איבער אַ יאָר צייט געשטעלט זיך קעגן זיי, און זיי האָבן מיט איר גאָרנישט געקענט מאַכן.

עס וואָלט געווען נאַריש צו דענקען, אַז די עלטערנס ווירקונג איז דאָ געווען אַנטשיידנדיק. זי אַליין האָט אויך געהאַט אַ היפּשן חלק אין דעם. עס האָט זי פאַרבלענדט אַלענס ברייטקייט, זיין וואַרפן זיך מיט געלט, און די אומצאָליקע פאַרגעניגנס, וואָס ער האָט איר געגעבן. יעדעס מאָל פלעגט ער קומען מיט זיין נייעם אויטאָמאָביל, וואָס דער פאָטער האָט אים געגעבן אַ מתנה צו זיין גראַדואירונג, און „אויסנעמען" זי אין פאַרשיידענע טייערע פאַרוויילונגס־פלעצער, רעסטאָראַנען און נאַכט־קלובן, צו וועלכע זי האָט אַלעמאָל געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג. דאָס האָט זי פאַרכאַפּט. אויפן מאָמענט האָבן זיי איר אויסגעקוקט גלאַנציקער, פאַרביקער און אינטערע־סאַנטער ווי דזשעריס פאַרוויילונגען, וועלכע האָבן זיך אַלע מאָל אויסגע־צייכנט מיט זייער ערנסטקייט און שטענדיקן פאַרלאַנג צו זיין געטריי צו אמתער, ראַפינירטער קונסט.

אַלען האָט געהאַלטן אין איין ברענגען איר קאָסטבאַרע מתנות, וואָס האָבן גערייצט איר באַגער צו וועלן אויסזען וואָס שענער און רייכער. עס זיינען פאַר איר געשטאַנען צוויי וועגן, און זי האָט אויסגעקליבן דעם פאַר־פוצטערן — דעם אויסגעבעטן מיט גרינס און בלומען.

אַלענס וואָגשאָל האָט אַריבערגעצויגן.

איר איז שווער געווען דעם לעצטן שפּרונג צו מאַכן, אָבער זי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און דאָס דורכגעפירט. אין איין שיינעם טאָג האָט זי דזשערין אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן זי האָט פאַר אים אַלץ אויפ־געדעקט. זי האָט אים געשריבן, אַז עס פאַרדריסט איר זייער, וואָס זי מוז אַזוי האַנדלען. זי ווייס וואָס פאַר אַ קלאַפּ עס וועט זיין פאַר אים. אָבער בעסער איצט, איידער שפּעטער. זי און ער — האָט זי געשריבן — זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן, וואָס קענען זיך גיכער צוזאַמענשטויסן, איידער צוזאַמענטרעפן. זי איז גרייט צו אָנערקענען, אַז זיין וועלט איז שיין און דערהויבן. אָבער וואָס קען זי טאָן, אַז איר איז שווער זיך צוצופּאַסן צו איר און צונויפלעבן זיך מיט איר. איידער אָנצוהויבן אויף אַזאַ אופן, איז שוין בעסער איבערצורייסן, איידער עס ווערט שפּעט. זי דאַנקט אים פאַר אַלץ, וואָס ער האָט איר געגעבן, פאַר די לידער, וואָס ער האָט איר געווידמעט און פאַר די שיינע אָוונטן, וואָס זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט. זי וועט עס אַלע מאָל געדענקען. אָבער איצט מוזן זיי איבערגעריסן ווערן. זי בעט אים נעמען עס בראַוו און ניט זוכן מער צו טרעפן זיך מיט איר.

אָבער דזשערין, ווייזט אויס, איז עס ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. ער האָט איר עצה ניט אָנגענומען. אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד האָט דער טעלעפאָן אירער געהאַלטן אין איין קלינגען, און יעדעס מאָל האָט איר מוטער פאַרזיכערט אים, אַז זי איז ניטאָ אין הויז. ענדלעך איז ער אַליין געקומען. איר מוטער האָט אים ווידער פאַרזיכערט, אַז זי איז ניטאָ אין דער היים, אָבער דאָס מאָל אַזוי ניט העפלעך און אומצווייִדייטיק, אַז ער האָט, קענ־טיק, דערפילט, אַז „די שפּיל איז פאַרן טיווּל" און אַז ער האָט האָפנונגס־לאָז פאַרשפּילט.

אָט דאָס איז געווען דער סוף.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז פלאָרענס האָט אים באַלד מיט איין מאָל אַרויסגעוואָרפן פון איר האַרצן. עס איז איר אויך שווער געווען. קענטיק, אַז עפּעס פון אים איז ביי איר פאַרבליבן, צוגעקלעפּט זיך, וואָס עס איז שווער געווען אָפּצורייסן. אַ צייט נאָכדעם פלעגט זי שטילערהייט קויפן די צייטונגען און זשורנאַלן, אין וועלכע ער האָט געדרוקט זיינע לידער און פון צייט צו צייט אויך סקיצן. בלויז אַ קורצע צייט איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. באַלד האָבן זיך זיינע לידער געוויזן צוריק — נאָך מיט מער אימפּעט און פלאַם ווי פריער, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין אייגענעם צער און ווייטאָג צעשמעלצן און איבערפורעמען אין ליטעראַרישן און געזעל־שאַפטלעכן פיבער.

שפּעטער אָבער האָט זי דאָס אָפּגעשטעלט, און ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווינדן, סיי פון איר אויג און סיי פון איר האַרץ. בלויז צופעליקערהייט, זייער זעלטן, איז ער איר געקומען אויפן זכרון, אָבער גיך, ווי אַ פלאַטערל, אַ פלי־פאַרביי געטאָן און באַלד פאַרשוואונדן.

פלוצלונג האָט זיך זיין נאָמען דורכגעטראָגן דורך דער פּרעסע און אָנגעהויבן ווייזן זיך אויף די שפּאַלטן פון אַ סך צייטונגען. עס איז כמעט קיין טאָג ניט דורכגעגאַנגען, אַז זיין נאָמען זאָל ניט דערמאָנט ווערן אין פאַרבינדונג מיט וואָס עס איז. און געווען איז דאָס צוליב זיין נייעם בוך, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן — דאָס מאָל ניט קיין לידער, נאָר אַ נאָ־וועלע. דאָס בוך, „איין קאַמף פאַרן לעבן", האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין לאַנד. פריינט און פיינט האָבן וועגן אים גערעדט און געשריבן. צייטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך וועגן אים אָפּגערופן. אַ סך האָבן אים שטאַרק קריטיקירט, אָבער יעדער האָט געמוזט אָנערקענען די קראַפט, מיט וועלכער עס איז געשריבן געוואָרן. אַלע האָבן אָנערקענט, אַז דער שרייבער באַזיצט אַ גרויסן טאַלאַנט און אַז אַ ניי וויכטיק ווערק איז צו־געקומען צו דער ליטעראַטור פון לאַנד. דאָס בוך האָט געטראָגן אַן אויס־געשפּראָכן ראַדיקאַלן כאַראַקטער, אָבער אַפילו די קאָנסערוואַטיווע צײַ־

טונגען און זשורנאַלן האָבן געמוזט צוגעבן, אַז דער שרייבער פאַרמאָגט אַ געוואַלדיקע קראַפט ביים איבערגעבן רעאַליסטישע סיטואַציעס, ביים מאָלן בילדער און טיפן, און אַז די אידייען, וואָס ער וויל אַרויסברענגען, גיבן זיך איבער דעם לייענער מיט באַזונדערער קלאָרקייט און איבערצייגונג. קאָנסערוואַטיווע קריטיקער האָבן אָנגעוויזן, אַז דווקא צוליב די אויסגערעכנטע מעלות קאָן דאָס בוך ווערן שעדלעך, ווייל עס קען אויסאיבן אַ ראַדיקאַלע ווירקונג אויף די געדאַנקען פון די לייענער. זיי האָבן געמוזט צוגעבן, אַז דאָס איז דאָס קרעפטיקסטע און בעסט־אָנגעשריבענע בוך פונעם יאָר. דער נאָמען פון בוך האָט זיך גיך פאַרשפרייט. דער שרייבער, וועלכער איז ביז איצט געווען באַוואוסט בלויז אין דעם קרייז פון ראַדיקאַלע לייענער און זייערע פריינט, איז פלוצלונג געוואָרן איינער פון די פאָפולערסטע שרייבער. קיין טאָג איז ניט דורכגעגאַנגען, אַז זיין נאָמען זאָל זיך ניט באַווייזן אין די צייטונגען. דאָ איז ער געווען אַנאָנסירט אַלס לעקטאָר, דאָ אַלס רעדנער און דאָ אַלס גאַסט בכלל. אַ סך אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געוואָלט זיין זיכער מיטן דערפאָלג פון זייערע אונטערנעמונגען, האָבן אים איינגעלאַדן צו זיך און געזוכט צו פאַרבינדן די אונטערנעמונג מיט זיין נאָמען. אַפילו ליבעראַלע קרייזן, וואָס געווינלעך האָבן זיי זיך געזוכט אָפצושיידן פון די ראַדיקאַלן און אויסגעמיטן צו קומען מיט זיי אין צו־נאָענטער באַרירונג, האָבן אָבער געמוזט מאַכן אַן אויסנאַם פאַר אָט דעם שרייבער און אים איינלאַדן צו זיך. דזשערי פיינגלעס האָט איצט געקראָגן אַ צוטריט צו גאָר ברייטע קרייזן.

פלאָרענסן האָט די געשעעניש פלוצלונג אויפגעוועקט פון שלאָף. אומגעריכטערהייט, נישט־ווילנדיק, איז איר אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן געוואָרן צו אַ מענטשן, וואָס זי האָט שוין לאַנג פאַרגעסן. איר געדאַנק איז פאַרשפיצט געוואָרן צו אַ מענטשן, וועלכער איז שוין לאַנג אַרויסגעריסן געוואָרן פון איר האַרץ און זכרון. פאַרגאַנגענע יאָרן, לאַנג־פאַרשוואונדענע בילדער האָבן זיך צוריק אויפגעוועקט און גענומען רייצן זיך מיט איר און ערגערן זי. יעדעס מאָל, וואָס זי האָט דזשעריס נאָמען געפונען אין דער צייטונג, האָט עס ערגעץ אַ נערוו אַ רייץ געטאָן ביי איר און אַרויסגערופן פאַרדראָס. זי האָט זיך אַליין ניט געקענט אָפגעבן קיין חשבון, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. וואָס האָט זי איצט צו טאָן מיט יענעם מענטשן? וואָס גייט ער איר אָן? וואָס גייט איר אָן זיין דערפאָלג, אָדער דורכפאַל?

אָבער וויפיל זי האָט זיך ניט געמאַטערט צו בלייבן גלייכגילטיק, האָט זי ניט געקענט. יעדעס מאָל וואָס זי האָט געטראָפן זיין נאָמען אין דער צייטונג, האָט עס זי נישט ווילנדיק, אַ שטאָך געטאָן. און וויפיל זי האָט זיך

ניט געסטאַרעט אויסצומיידן צו טרעפן דעם נאָמען, האָט ער זיך דווקא געוואָרפן איר אין די אויגן.

איר איז שווער געווען מודה צו זיין זיך, אַז די נייע איבערלעבונג האָט וואָך געמאַכט אַ טיף־דרעמלענדיקע אומצופרידנקייט מיטן לעבן, אַ פאַרבאָרגענע רעבעלירונג, וואָס איז ערגעץ געלעגן אין איר אונטער־באַוואוסטזיניק, קעגן דער אומאינטערעסאַנטקייט און פוסטקייט פון איר איצ־טיקן לעבן.

פריער האָט זיך איר געדאַכט, אַז דזשעריס וועלט איז צו־מאָנאָטאָן און איינאַרטיק. איצט זעט זי, אַז איר לעבן איז נאָך פאַרגליווערטער און בלאַסער.

זי קאָן ניט זאָגן, אַז אַלען איז אַ שלעכטער מאַן. ער איז גרייט אַלץ צו טאָן פאַר איר און געבן אַזויפיל, וויפיל זי פאָדערט נאָר, ניט בעטנדיק קיין דין־וחשבון פון קיין שום זאַך. זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט אים, איז איר שאַפע פאַרהאַנגען מיט פוטערס, מיט טייערע מאַנטלען און קליי־דער. אַפילו אַ הויז האָט ער איר געקויפט — אַ קליין פּאַלאַצל — אין אַ שטילער הינטער־שטאָטישער געגנט, וואו עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע פּאַלאַצלעך, און וואו עס וואוינען נאָך אַזעלכע פאַמיליעס: סוחרישע, זאַטע, צופרידענע. נייע באַקאַנטשאַפט האָט זי דאָ געשלאָסן, נייע פריינטשאַפט.

אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם אַלעמען, אַז עס פילט זיך ניט קיין באַפרידיקונג. אויף אַ מאָמענט האָט דאָס אויסגעקוקט צו זיין צופרידנ־שטעלנדיק, צו זיין אַפילו גליק. באַלד איז אָבער אַראָפּ דער גלאַנץ און עס איז געבליבן אַפּגעבליאַקירטקייט און פאַרבלאַזיקייט. עס איז געווען פרעמד איר נאַטור, וואָס האָט געבענקט נאָך פאַרשיידנאַרטיקייט, קאָליר־פולקייט, דינאַמישקייט, רוישיגקייט. און דאָ איז — ווידער דאָס הויז, ווי־דער די קינדער, און אין די אָוונטן אַלע מאָל די זעלבע צוזאַמענקונפטן ביי קאָרטן־טישלעך מיט די זעלבע קאָנווערסאַציאָנעלע געשפּרעכן.

צוערשט האָט דאָס איר אויסגעקוקט אינטערעסאַנט. עס האָט שע־מערירט מיט רייכקייט, מיט אַנדערשקייט ווי פריער. איצט איז איר דאָס אַלץ צוגעגעסן. אַלען האָט זיך גראָד זייער אַריינגעפּאַסט אין דעם, פאַרבאַ־לעבעסלט געוואָרן און פירט אַ רואיקן אָנשטענדיקן שטאָט. אַ גאַנצע וואָך אין פאַבריק, און שבת און זונטאָג איז אָדער מיט די קינדער, אָדער געפּאָרעט זיך אַרום הויז, צי אין גאַראַדזש. אים באַפרידיקט עס, אָבער זי לאַנגווייליקט עס.

און דאָ איז צוגעקומען דזשערי מיטן בוך! וואָס פאַר אַן אַנדער וועלט דאָרט, וואָס פאַר אַן אַנדער גייסט! שרייבער, אַרטיסטן, קינסטלער!

דיסקוסיעס, באַוועגונג! וואָס פאַר אַ שוואונג! יעדן אוונט אין אַ נייעם פלאַץ, נייע מענטשן, אַ נייע אויפנאַמע!

דער קאָפּ הייבט זיך איר אָן דרייען פון דעם. ווען זי רייסט ניט אײַבער דעמאָלט מיט דזשערין...

זי האָט מורא צו טראַכטן פון דעם. אָבער דווקא אויף־צו־להכעיס רייסן זיך צו איר די געדאַנקען און רייצן זיך מיט איר. זי וויל אַנטלויפן פון זיי, אָבער זיי לאָזן זי ניט אָפּ.

זי האָט מורא געהאַט זיך צורירן צום בוך. זי האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. אָבער עפּעס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס קאָן עפּעס פּאַסירן דערביי — אַן אויפרייס, אַ קאַטאַסטראָפע... עפּעס קאָן פּלאַצן אין איר...

וויפיל אירע פריינדינס האָבן זי ניט צוגערעדט, האָט זי אַלץ ניט געקענט נעמען דאָס בוך אין האַנט און אָנהייבן עס לייענען. זי האָט עס אָפּגעלייגט, ווי מען לייגט אָפּ דאָס מאַכן אַ שווערע אָפּעראַציע...

אָבער ענדלעך האָט זי עס געמוזט דורכפירן.

עס איז ווירקלעך געווען אַ גרויס, קרעפטיק ווערק, און דער נאָמען, וואָס עס האָט זיך דערוואָרבן, איז פולשטענדיק געווען פאַרדינט.

עס איז געווען אַ בוך, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון אַמעריקאַנער לעבן. די גאַנצע זאַך שפּיגלט זיך אָפּ אין אַ קוילן־געגנט אויף דער קאַנווע פון אַ קוילן־גרעבער־טראַגעדיע. אָבער דאָס בוך איז ווייט אַרויס פון די גרענעצן פון דער קוילן־געגנט, און דער קוילן־גרעבער איז בלויז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ ברייטערן אַרבעטער־כלל, וואָס פירט אַ געראַנגל יעדן טאָג פאַר עקסיסטענץ, פאַר לעבן. דער נאָמען פונעם בוך: „אין קאַמף פאַרן לעבן" האָבן זיך אים גוט געפּאַסט.

די נאָוועלע האָט געהאַט אַ פאַרכאַפּנדיקן אינהאַלט.

אין אַ קליין שטעטל, אַ קוילן־שטעטל, איז אין איינער פון די קוילן־גריבער פאָרגעקומען אַן אויפרייס. נײַן־און־צוואַנציק קוילן־גרעבער זײַנען לעבעדיקערהייט פאַרשאָטן געוואָרן, און אַלע ביז איינעם זײַנען אומגעקומען. אין שטעטל האָט עס אָנגעמאַכט אַ חורבן. זעלטן־וואו עס איז געווען אַ פאַמיליע, וואָס איז פון דעם אומגליק ניט אָנגערירט געוואָרן: ביי דעם איז עס געווען אַ זון, ביי דעם אַ ברודער, און ביי דער אַ מאַן. כמעט אַלע זײַנען געווען יונגע געזונטע מענטשן — דאָס פײַנסטע, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט. ערשט מיט אַ נאַכט פריער האָבן זיך אַ סך פון זיי באַטייליקט מיט זייערע פרויען אין אַ פייערונג, געטאַנצט, געזונגען און געשפּילט — און אויף מאָרגן אינדערפרי זײַנען זיי שוין אַלע געווען טויט. ערשט מיט אַ פאָר שעה צוריק האָבן מאַמעס און פרויען אויסגעריכט זיי מיט די שפּייז־קלומיקלעך צו דער אַרבעט; ביי אַ סך איז נאָך

דער קויש אויף די ליפּן ניט פאַרטריקנט געוואָרן, און אַט ליגן זיי שוין פאַרשאָטענע ערגעץ טיף אונטער דער ערד, דערשטיקטע, אָדער פאַרברענטע, און פון דער „גרוב" זעצט אַ רויך, אַז עס איז שווער אַהין צוצוקומען.

איבערן שטעטל טראָגן זיך יללות, געשרייען — פון די פאַמיליעס, גוטע פריינט און פון די שכנים. צעשראָקענע קינדער דרייען זיך אום און רייסן זיך צום אומגליקס־פּלאַץ. פייערלעשער־וואָגנס און רעטונגס־מאַשינען, ווי אויך אַמבולאַנסן, טראָגן זיך מיט אַ רעווען און פייפעריי איבערן שטעטל.

צוויי טעג דויערט, ביז אַלע קרבנות ווערן אַרויסגעצויגן פון דער גרוב — פאַרסמאַליעטע, פאַרשוואַרצטע, ניט צו דערקענען ווער איז ווער. אין איין קבר האָט מען זיי אַלע באַגראָבן — אין איין ברודער־קבר.

אין שטעטל האָט זיך די צוויי טעג געטאָן חורבן. נישט בלויז די פאַמיליעס פון די פאַרשאָטענע, נאָר גלאַט אַזוי מענטשן, שכנים און איינוואוינער פון שטעטל, זיינען די צוויי טעג ניט אָפּגעטראָטן פונעם אומגליקס־פּלאַץ און אַלץ געהאָפט אויף אַ נס, טאָמער וועט ווער ניצול ווערן און אַרויס אַ לעבעדיקער.

אָבער דער נס האָט ניט פּאַסירט. ווען דאָס פייער איז אויסגעלאָשן געוואָרן, אַ צוגאַנג איז דורכגעבראָכן געוואָרן און די רעטונגס־בריגאַדעס האָבן געקאָנט צוקומען צו די קרבנות, איז די לעצטע האָפענונג צערונען געוואָרן. דער חורבן איז אויפגעדעקט געוואָרן אין זיין פולסטער שוידערלעכקייט. צעבריענטע און פאַרקוילטע האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון גרוב דאָס, וואָס ערשט מיט צוויי טעג צוריק איז נאָך באַצייכנט געווען ווי מענטשן, מיט לעבן, מיט באַוועגונג, מיט אַן אויסגעפורעמטער געשטאַלט.

די לוויה האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. דאָס גאַנצע שטעטל איז אַרויס באַגלייטן די אומגעקומענע. אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך זיינען אָנגעפאָרן טויזנטער קוילנגרעבער, וועלכע האָבן געוואָרפן די אַרבעט און געקומען אויסדריקן דעם לעצטן כבוד צו זייערע אומגליקלעכע ברידער, און אויסדריקן זייער צאָרן קעגן די גרובן־אייגנטימער, וועלכע האָבן ניט אָנגענומען קיין פאַרהיטונגס־מיטלען.

דער צאָרן איז געווען שרעקלעך גרויס. באַזונדערס זיינען די אַרבעטער געווען אויפגעבראַכט צוליב דעם, וואָס די „גרוב" איז געווען אין אַ באַזונדערס אָפּגעלאָזענעם צושטאַנד שוין אַ לאַנגע צייט צוריק, און די אַרבעטער און די יוניאָן האָבן געוואָרנט די באַלעבאַטים, אַז אַן אומגליק קאָן דאָ פּאַסירן.

אָבער וויפיל מען האָט זיי ניט געוואָרנט, האָבן זיך די באַלעבאַטים געמאַכט ניט ווויסנדיק. אויף דער ווענדונג פון דער יוניאָן איז מיט אַ צייט שפּעטער געקומען אַן ענטפער, אַז די אינספּעקטאָרן פון דער קאַמ־

פּאַני האָבן געמאַכט אַן אונטערזוכונג און גאָרנישט געפֿונען, וואָס זאָל ווייזן אויף עפּעס. די אַרבעטער האָבן געוואוסט דעם אמת. זיי האָבן געוואוסט, אַז די „גרוב" איז אין אַזאַ פֿאַרלאָזענעם צושטאַנד, אַז עס וואָלט זיך געפֿאָדערט אַ סך געלט אַריינצולייגן, כדי צו פֿאַרריכטן זי — און דאָס האָט זיך די באַלעבאַטים ניט געלוינט.

עס האָט אַפּילו ניט געהאָלפֿן דאָס ווענדן זיך פֿון דער יוניאָן צו דער רעגירונגס־קאָמיסיע, וואָס האָט אויפֿזיכט איבער די קוילן־גרובן, אַז זי זאָל באַשטימען אַ מענטשן, וואָס זאָל קומען אונטערזוכן די גרוב. אַ צייט שפּעטער האָט די יוניאָן געקראָגן אַן ענטפֿער, אַז די גרוב ווערט רעגולער אונטערזוכט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע קוילן־גרובן, און ווען מען וואָלט עפּעס געפֿונען, וואָלט מען זיך זיכער באַלד געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט דער פֿאַרוואַלטונג.

די אַרבעטער האָבן געריידט צווישן זיך, אַז אויך דאָס איז ניט אמת. זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין אונטערזוכער אַרום דער „גרוב", און אַז דאָס מאָל איז דאָרט אויך קיינער ניט געווען.

איצט, ווען דאָס אומגליק האָט פּאַסירט, האָט דער צאָרן פֿון די אַר־בעטער געברענט מיט אַ באַזונדערן פֿייער. זיי האָבן געזען, אַז זייער לעבן איז הפקר, און אַז די קוילן, וואָס זיי גראָבן ווערן אָפּגעשאַצט מער, ווי זייערע לעבנס. זייער כעס איז געווען סיי קעגן די באַלעבאַטים, סיי קעגן דער רעגירונג. לאַנג נאָך דער לוויה זיינען די קוילנגרעבער געשטאַנען אין גרופּן און גערעדט, ווי זוכנדיק דורך דעם צו געפֿינען אַן אויסוועג, אַן עצה, ווי אַזוי צו באַשיצן זייערע לעבנס.

אומגליקן אין די קוילן־גריבער זיינען בכלל נישט אַזאַ זעלטענע זאַך, און די קוילן־אַרבעטער זיינען שוין „צוגעוואוינט" צו זייער גורל. אָבער דאָס מאָל איז דער צאָרן פֿון די אַרבעטער געווען אַזוי גרויס, סיי צוליב דעם פֿאַרנעם פֿון דעם אומגליק און סיי צוליב דער אומרעכט, וואָס איז אַזוי בולט באַגאַנגען געוואָרן קעגן זייערע ברידער.

אָבער פֿונדעסטוועגן וואָלט זיך דער אינצידענט מסתּם געענדיקט פּונקט אַזוי פֿאַריבערגייענדיק, ווי אַלע אַנדערע פֿריערדיקע. דער כעס פֿון די אַרבעטער וואָלט איבערגעברענט געוואָרן, און די גאַנצע זאַך וואָלט זיך איינגעשטילט און ביסלעך פֿאַרגעסן געוואָרן — ביז אַ נייעם אומגליק.

אָבער דאָס מאָל האָט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס פּאַסירט.

צווישן די פּרויען פֿון די קרבנות האָט זיך געפֿונען איינע, וואָס האָט נאָכן אומגליק ממש ניט געקענט זיך באַרואיקן. דאָס איז געווען די זיבן־און־צוואַנציק־יאָריקע אַניטאַ לאַרקין, אַ מוטער פֿון דריי קינדער. די שכנים האָבן זי אַלע מאָל געקענט ווי אַ שטילע, באַשיידענע, פֿאַרנומענע

הויז־פרוי. זי האָט זיך מיט גאַרנישט אונטערשיידט פון די אַנדערע יונגע פרויען, סיידן אפשר מיט איר באַזונדערער ליבע צו איר מאַן מאַיקל, וועלכער איז געווען אַ שיינער, געזונטער האָרעפּאַשנער יונג, אָן איבער־געגעבענער צו ווייב און קינדער. שכנים האָבן זיך געבענטשט מיט זיי. מאַמעס האָבן געוואונטשן זייערע קינדער אַזאַ גוט לעבן, ווי ביי די לאַרקינס.

די יונגע אַניטאַ האָט דעם אומגליק ניט געקענט לייכט אַריבער־טראָגן. פון דער לוויה האָט מען זי געמוזט אַריינפירן אין הויז אונטער די הענט, און ווי זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַזוי אויפן בעט מיטן פנים אין קישן, אַזוי איז זי געלעגן און האָט זיך ניט גערירט גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד. זי האָט די גאַנצע צייט ניט געהאַט קיין טראָפּן וואַסער אין מויל, קיין ביסל שפּייז. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס געבעט פון דער מו־טער, דאָס רייסן און צופּן זי פון די קינדער, דאָס געוויין פון דער ייִנג־סטער צוויי־יאָריקער דאָראָטי. אַניטאַ איז געבליבן אומבאַוועגלעך. די מו־טער און שכנים האָבן זיך גענומען שרעקן פאַר איר געזונט, מורא גע־האַט, זי זאָל אַזוי אַליין ניט אַוועקפאַלן.

אָבער צום סוף פון דריטן טאָג האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך. ווי נאָך אַ לאַנגן שלאָף, אַן אויפגעוואַכטע, כאַטש אַ שטאַרק־אויסגעבלאַסטע, איז אַניטאַ פּלוצלונג אויפגעשטאַנען פון בעט און גענומען זיך ברענגען אין אָרדענונג. זי האָט אָפּגעוואַשן דאָס פנים, פאַרקעמט אירע האָר, און אַרויסגענומען פון שאַפע אַ נייע קלייד און אָנגעטאָן. אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט אויפלעבונג. איר פנים האָט געשטראַלט מיט באַגייסטערונג. אַן אַנטשלאָסנקייט האָט פון אים אַרויסגעשיינט, אַ פעסטע גרייטקייט עפּעס וויכטיקעס דורכצופירן. דאָס זעלבע האָט זיך אויך געפילט אין אַלע אירע באַוועגונגען. זי האָט גאַרנישט גערעדט, נאָר אַלץ דורכגעפירט שווייגנדיק.

די מוטער, וואָס איז די גאַנצע צייט פון איר ניט אָפּגעטראָטן, איז געשטאַנען, געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף אירע האַנדלונגען און באַ־טראַכט מיט שרעק די נייע ווענדונג, וואָס איר טאָכטערס טרויער האָט אָנגענומען. אַ געדאַנק איז איר געקומען אין קאָפּ, אַז אפשר האָט אַ נייער אומגליק פּאַסירט: די טאָכטער איז פון צער משוגע געוואָרן...

אָבער אַניטאַ האָט באַלד צעקלאַפּט איר צווייפל. מיט אַ קלאָרער און געזונטער שטימע האָט זי זאַכלעך געזאָגט:

— מאַמע, איך גיי אַוועק. איך לאָז איבער אויף דיר די קינדער און בין זיכער, אַז דו וועסט אויף זיי גוט אויפפּאַסן.

דער מוטערס שרעק איז נאָך מער געוואַקסן. קוים וואָס זי האָט געקענט, האָט זי אַרויסגערעדט:

— און וואוהין גייסטו עס, מיין קינד?

— איך גיי איבער דער וועלט, איבערן לאַנד. איך גיי וועקן די מענטשן. איך גיי אָנפירן אַ קאַמף פאַרן לעבן...

די מוטער האָט געקוקט פאַרוואונדערט און אין שרעק. זיינען דאָס גע־זונטע רייד פון אַ מענטשן, אָדער פלוידעריי פון אַ גערירטער, משוגע־געוואָרענער?...

די טאָכטער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען דער מוטערס געדאַנקען און גענומען פאַר איר קלאָר מאַכן:

— עס קאָן ווייטער אַזוי ניט אָנגיין. זיי וועלן אונדז אויסשטיקן ווי די מייז... וואָס גייען מיר זיי אָן?... ווייטער קען אַזוי ניט גיין. מיר מוזן אָנהייבן אַ קאַמף פאַרן לעבן... עמעצער מוז מאַכן דעם אָנהייב. איך נעם אויף זיך די מיסיע. איך ווייס, וואָס מיך דערוואַרט, אָבער איך בין גרייט. בעט גאָט פאַר מיר און פאַרן דערפאָלג פון מיין שליחות...

זי האָט גערעדט זיכער, מיט איבערצייגונג, מיט אַנטשלאָסנקייט. די מוטער האָט איצט פאַרשטאַנען, וואָס מיט איר טאָכטער האָט דאָ פאַסירט. פאַר די דריי טעג, וואָס זי איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, איינגעגורעט אין קישן, איז אַן ענדערונג אין איר פאָרגעקומען, אַ גאַנצע איבערקערע־ניש. אַן אידייע איז, ווייזט אויס, געקומען איר אין קאָפּ, און עס וועט זיין שווער זי פון דעם אַרויסצושלאָגן.

זי האָט פונדעסטוועגן געפּרוּווט בעטן זיך ביי איר, אַפּעלירן אינעם נאָמען פון די קינדער, אינעם נאָמען פון דער קלענסטער...

אָבער יענע האָט איר באַלד אָפּגעהאַקט:

— קינדער? פאַר וועמען האָדעווען זיי? פאַרן גאָט פון וואָוילטאָג? זיי זאָלן געבראַכט ווערן אַלס קרבנות פאַר זיין אומגעזעטיקטער גיריקייט? זיי זאָלן אויסגעשטיקט ווערן פון גאַזן אין אונטערערדישע היילן? אומ־געבראַכט ווערן ווי די ראַצן? ניין, איך וויל דאָס ניט... אַלנפאַלס קען איך זיך מער מיט זיי ניט אָפּגעבן. דו וועסט עס בעסער טאָן פאַר מיר...

און זי איז אַוועק.

אין שטעטל האָט די מעשה געמאַכט אַ גרויסן טומל. אומעטום איז מען געשטאַנען און גערעדט וועגן דער מאָדנער פאַסירונג מיט דער יונ־גער אַניטאַ לאַרקין. די מערסטע זיינען געווען זיכער, אַז דאָס אומגליק האָט זי צוערשט דערשלאָגן און דערנאָך אַראָפּגעפירט פון זינען. בלויז געציילטע האָבן געהאַלטן אַנדערש: אַז דאָס איז ניט גלאַט אַבי אַ זאַך. דאָס האָט דער גייסט פון איר פרי־אומגעקומענעם מאַן גענומען ריידן און מאָנען גערעכטיקייט פאַר זיין יונג־פאַרשניטענעם לעבן, און פאָדערן יושר פאַר די וואָס לעבן נאָך און לאָזן זיך יעדן טאָג אַרונטער אין די גריבער, נישט זייענדיק זיכער, צי זיי וועלן נאָך אַמאָל דערזען די ליכ־

טיקע שיין. מען מוז איר נאָכגיין — האָבן יענע געזאָגט — און זען, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. עס קאָן נאָך אַמאָל עפּעס גרויסעס פון דעם אויסוואַקסן.

באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די ערשטע גרוסן פון איר. מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אין דערבייאיקן שטעטל און אָרגאַניזירט דאָרט די קוילן־גרעבער. זי האָט אָנגעהויבן שאַפן אַ נייע באַוועגונג, וואָס הייסט: „אין קאַמף פאַרן לעבן"... דער תוך פון דער באַוועגונג איז געווען: מיר מוזן זיך צוזאַמענריידן, צוזאַמענגעמען זיך, אָרגאַניזירן זיך און פאַר־טיידיקן אונדזערע לעבנס — אונדזערע און אונדזערע קינדערס און די פון די קומענדיקע דורות. אונדזער לעבן טאָר ניט זיין הפקר. מיר דאַרפן זיי ווייזן, אַז מיר זיינען אַ מאַכט...

די ערשטע קוילן־גרעבער, איבערהויפּט די עלטערע, האָבן זיך באַ־צויגן צו אירע רייד מיט פאַרוואונדערונג און אומצוטרוי: צום ערשטן מאָל הערן זיי אַזעלכע רייד. און פון וועמענס מויל הערן זיי עס? פונעם מויל פון אַ פרוי...

באַלד אָבער האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז דבורה איז אויך געווען אַ פרוי, און יעל אויך, און רות... דערצו האָט אַניטאַ ניט גערעדט צו זיי גלאַט רייד, נאָר גערעדט פונעם נאָר־וואָס געשעענעם אומגליק אין איר שטעטל און פון די צענדליקער אומגליקן פאַר דעם, וואו הונדערטער קוילן־גרעבער זיינען אומגעקומען, אָדער פאַרקריפּלט געוואָרן.

— צו וואָס זאָלן מיר האָדעווען אונדזערע קינדער? פאַר וועלכן טייוול? פאַר וועלכן אַפּגאָט? איך זאָל קוקן אויף מיין פינף־יאָריקן זון, ווי ער שפּילט זיך אַזוי לוסטיק, און טראַכטן, אַז אפשר נאָך אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט ער אומקומען פּונקט ווי מיין מאַן, ווי די אַנדערע אין מיין שטעטל... מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן פאַר אונדזער גערעכטער זאַך און אויסקעמפן אונדזערע אייגענע לעבנס און די לעבנס פון אונדזערע קינדער...

זי האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג, מיט איבערצייגונג און טיפן גלויבן אין די אייגענע ווערטער, און די ווערטער האָבן זיך דורכגעטראָגן צו די צו־הערער און אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער און אָנגעפילט זיי מיט קור־ראַזש. קאַמפּס־לוסט האָבן זיי דערפילט אין זיך. זיי האָבן דערזען פאַר זיך ניט גלאַט אַ פרוי, נאָר אַ פרוי אַ פירערין, אַ וועגווייזערין.

ביסלעכווייז האָט זיך איר נאָמען צעשפּרייט איבער די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך. אומעטום האָט מען געוואָלט הערן און זען און זיך צוהערן צו דער דאָזיקער טשיקאַווער יונגער פרוי, און מען איז געקומען פון אַרום־און־אַרום און איינגעלאַדן זי צו זיך.

איר נאָמען איז זיך צעוואַקסן. ווי באַוואוּיגן פון אַן אינערלעכער שטויס־
קראַפט, פון אַ באַזונדערן אימפּעט, האָט זי זיך געטראָגן פון שטעטל צו
שטעטל, און אומעטום געוועקט און גערופן. די, וואָס האָבן זי נאָכגעפאָלגט,
האָבן פּלוצלונג אין זיך געפונען אַ נייעם כוח, אַ נייעם גלויבן אין זיך אַליין.
ווי די פראַנצויזישע זשאַן ד׳אַרק, אַזוי האָט זיך אַניטאַ געשטעלט אין דער
שפּיץ פון אירע קוילן־אַרבעטער־באַטאַליאָנען און געפירט זיי אין קאַמף פאַר
אַ בעסערער צוקונפט. דער לאָזונג „אין קאַמף פאַרן לעבן" איז איצט געוואָרן
אַ מאַגיש וואָרט, וואָס האָט אויפגעמונטערט, באַגייסטערט און פאַראייניקט
טויזנטער מענטשן אין איין ציל, אין איין שטרעבונג.

די באַלעבאַטים האָבן זיך דערוויל דערוואוּסט, וואָס עס קומט פאָר אין
די קוילן־שטעטלעך. זיי האָבן דערשמעקט די „געפאַר", וואָס ליגט באַ־
האַלטן אין דעם דערווייל־נאָך־ניט־אויפגעגאַנגענעם קערנדל. אַ באַפעל איז
אַרויס צו די הויפּט־פאַרוואַלטער, און פון יענע צו די קלענערע פאַרוואַל־
טערס, צו דערשטיקן די באַוועגונג אין אירע וואָרצלען. יענע האָבן זיך באַלד
גענומען צו דער אַרבעט, און געהאָרכזאַם אָנגעהויבן אויספאָלגן.

אַ צווייפאַכער מעטאָד איז אָנגעווענדט געוואָרן: פון איין זייט פאַר־
שטעלן אַניטאַן ווי אַן עקזאַלטירטע, האַלב־משוגענע פרוי, וואָס עס פּאַסט
בלויז פאַר אַלטע באָבעס זיך צוהערן צו איר. פון דער צווייטער זייט האָט
מען פון דער פּאָליציי פאַרלאַנגט צו אַרעסטירן און פאַרשפּאַרן דעם „געפער־
לעכן אַגיטאַטאָר."

אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. אַניטאַס אַפּיל צו די מאַסן האָט זיך
שטאַרק אָנגענומען. אומעטום האָבן זיך אָרגאַניזירט גרופּן, און אומעטום
האָט מען זי באַוואַכט און באַשיצט. עס פלעגט טרעפן, אַז אָט האָבן זי עט־
לעכע פאַרשטעלטע געדונגענע יונגען געהאַלטן אין אַריינגעמען זי אין זייערע
שטאַרקע הענט. אָבער באַלד האָבן נאָך מער און נאָך שטאַרקערע הענט
זי אַרויסגעריסן פון זיי, און שנעל זי אַרויסגעפּעקלט, ביז זי איז געווען
אויסער יעדער געפאַר.

אַניטאַס לאָזונג איז איצט געוואָרן ניט בלויז דער לאָזונג פון די קוילן־
אַרבעטער, נאָר פון צענדליקער טויזנטער אַנדערע אַרבעטער. אומעטום
איז אָנגעגאַנגען דער לאָזונג: „אין קאַמף פאַרן לעבן" — כאָטש איצטער
שוין אין אַ ברייטערן זין, ווי ער איז צוערשט געמיינט געוואָרן...

די קוילן־אַרבעטער זיינען געווען די ערשטע. אין די טויזנטער האָבן
זיי זיך אָרגאַניזירט און געגרייט זיך צום גרויסן טאָג, ווען זיי וועלן קע־
נען קומען צו זייערע באַלעבאַטים און זאָגן: מיר ווילן מער ניט אומקו־
מען ווי די ראַצן אין די לעכער, אָדער אויסגעשטיקט ווערן פון די גיפטיקע
גאַזן. גיט איר אונדז מענטשלעכע באַדינגונגען, מאַכט איר די גרובן זיכער

פאַר אונדזערע לעבנס, גייען מיר אַרבעטן. אַז ניט, לאָזט זיך אַליין אַרונ־טער אין די לעכער און גראָבט אַליין, באַווייזט וואָס איר קענט...

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט די קוילן־אייגנטימער. ווי פאַרסמטע מייז זײַנען זיי געלאָפן און געזוכט הילף. טעלעפאָנען האָבן געקלונגען, קורירן זײַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט געהיימע שליחותן, און אין פײַן־אויסגע־פּוצטע אָפיסעס איז מען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, געקנײטשט זיך די שטערנס און געזוכט: וואָס טוט מען? ווי מײַדט מען אויס דעם אומ־גליק? ווי ווערט מען פּטור פון דער „מכשפה״?

געוויס: אַרעסטירן זי, אומברענגען, וואָלט געווען דער בעסטער מיטל. אָבער, אַז זי איז אַזוי באַשיצט, אַזוי פאַרשטעלט, אַז מען קאָן זיך צו איר גאָרניט צוקלײַבן.

איז וואָס? וועלן זיי זיך טאַקע מוזן בויגן? זיי — די מעכטיקע! די הערשער! און אַלץ צוליב איין יונגער פרוי, עפּעס אַן אַלמנה פון אַ קוילנ־גרעבער?...

אָבער — זיי האָבן זיך געמוזט בויגן... זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. ניט נאָר זײַנען געווען דערשראָקן די קוילן־באַראָנען, נאָר אויך די העכערע פון זיי, די וואָס זיצן אויבן און קערעווען מיטן רודער פון דער מלוכה. זיי זײַנען ניט געוואוינט געווען צו זען קעגן זיך אַזאַ פאַראייניקטע קראַפט פון די אַרבעטנדיקע. זיי האָבן ניט געוואַגט זיך צו שטעלן אַנטקעגן. אַ וואונק פון זיי האָט מען געגעבן, וואָס האָט באַדײַט: אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער...

אַניטאַ איז אַרויס די זיגערין! דער טאָג ווען דער קאַמף איז געוואונען געוואָרן, איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ יום־טוב. אויסגעפּוצטע מחנות אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער אין דיסציפּלינירטע רייען האָבן מיט שטאָלץ אין די אויגן און מיט פרייד אויף די פּנימער מאַרשירט צו די אויסגעפּוצטע אָפיסעס, וואו די דערשלאָגענע באַלעבאַטים האָבן געוואַרט אונטערצולייגן זייער לעצטע אונטערשריפט אויפן פּאַפּיר, וואָס האָט זיך געלייענט, אַז אַלע פּונקטן זײַנען צופרידנשטעלנדיק נאָכגעגעבן...

פאַרויס איז געגאַנגען אַניטאַ מיט אירע דריי קינדער — אַ פריילעכע, אַ גליקלעכע. זי האָט געוואָרפן שײַנענדיקע שמייכלען אויף אַלע אַרום און אויך אויף אירע אייגענע קינדער. איר מאַנס טויט איז געווען אויסגע־קויפט...

אָט דאָס איז געווען דער סוף פונעם בוך, און דאָס איז געווען זיין אינ־האַלט. פלאָרענס האָט געפילט, אַז ניט אומזיסט האָט דאָס בוך געמאַכט אַזאַ רושם איבערן לאַנד. עס איז געווען אַ פאַרכאַפּנדיק ווערק אויף אַ נייער טעמע, — אַ ווערק, וואָס האָט זיך דערגרונטעוועט צו די טיפענישן

פון לעבן און אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון וואוילזיין פונעם אַרבעטנ־דיקן, ווי אַ צענטראַלע פראַגע, וואָס מוז פאַרענטפערט ווערן.

אָבער ניט נאָר די אידייע פונעם בוך האָט געקענט פאַרכאַפּן דעם לייענער, — עס איז אויך געווען, ווי אַזוי די אידייע איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, ווי אַזוי זי איז אָנגעקליידט געוואָרן אין פלייש־און־בלוט. דאָס לאַנד האָט אַנטדעקט דעם אומגעהייער־רייכן און קאָלירפולן מענטשן־מאַ־טעריאַל, וואָס עס פאַרמאָגט, און אויף וועלכן מען קוקט זיך גאָרניט אום. אַזעלכע אינטערעסאַנטע טיפּן צווישן די קוילן־גרעבער האָט דאָס בוך אַרויס־געבראַכט, אַזעלכע קאָלירפולע געשטאַלטן, שטייגער־בילדער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם לייענער מיט זייער בייקייט און אָריגינעלקייט. און דער הויפּט־העלד אַליין — אַניטאַ — וואָס פאַר אַ פאַרבנרייכע געשטאַלט! וואָס פאַר אַ טיף־פילנדיקע נשמה מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט, אָבער גלייכ־צייטיק אַזאַ ברויזנדיקע, שטורמישע, וואָס פונקט ווי אַ ים־כוואַליע קאָן זי מיטשלעפּן מיט זיך אַלץ און אַלעמען.

אַ נייעם קוואַל פון פאָלקס־כוחות האָט דער שרייבער אַנטדעקט דורכן בוך, וואָס האָט ניט נאָר צוגעגעבן שטאָלץ דעם פאָלק, נאָר אויך אַוועקגע־שטעלט די פראַגע: ווער ווייס, וויפיל נאָך באַהאַלטענע אוצרות ליגן אין אונדזער פאָלק און וואַרטן אויף זייער אַנטדעקער...

נישט אומזיסט האָט מען ניט געקענט פאַרשווייגן דאָס בוך, און אַנ־דערגעגער און קעגנער האָבן געמוזט דאָס בוך לויבן.

פלאָרענס האָט זיך פאַרטראַכט: פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו דזשע־רין אַזויפיל כוחות אַזוי טיף אַריינצודרינגען אין דעם לעבן פון פאָלק? וואָלט זי זיך דאָס אַמאָל פאַרגעשטעלט, אַז פון יענעם אָרעמען דזשערי, וואָס פלעגט פאַרלייענען זיינע לידער אויף אַרבעטער־קאָנצערטן און אַרבע־טער יום־טובים, וועט אַרויסוואַקסן דער באַרימטער שרייבער, וואָס דאָס לאַנד וועט זיך גרויסן מיט אים? און זי האָט אים פאַרשטויסן פון זיך, מיט די אייגענע הענט פאַרשטויסן...

זי איז געזעסן מיד און אָפּהענטיק און טיף פאַרטראַכט אין זיך. זי האָט ניט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף וועגן וואָס זי טראַכט, אָבער טיף ערגעץ אין איר האָט שווער געדריקט אַ שטילער פאַרדרוס וועגן זיך אַליין, און אַ געפיל פון שאַרפער חרטה אויף אַ שנעלן ניט־באַרעכנטן שריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ צענדליק יאָר צוריק...

פרילינג איז געקומען

ס'איז פרילינג אויף דער ערד. און יעדעס מאָל ווען דער פרילינג קומט, רוקט ער זיך אַריין אויך עפּעס ווי פון אַ זייט, ברוגזלעך, אין דער אַרבעטער־געגנט. פּונקט ווי דער רייכער וואַרפט צו פון זיין רייכן טיש ברעקלעך דעם אָרעמאַן, אַזוי וואַרפט אויך צו דער פרילינג דער אָרעמער אַרבעטער־געגנט ברעקלעך פון זיין רייכקייט. דינע בינטלעך מאָגערע זון־שטראַלן רייסן זיך דורך די הויכע, טונקעלע טענעמענט־הייזער, וואָרעמען די לופט אַ ביסל און הייבן אָן צעלאָזן די איינגעשפּאַרטע פאַרהאַרטעוועטע בערגלעך שניי. דער שניי פאַלט דאָ ווינטער ניט מער, ווי אין די רײַכערע טיילן פון שטאָט, נאָר ער ליגט זיך דאָ אויס אין העכערע הורבעס, וואָרעם זעלטן ווען דערמאָנט זיך די שטאָט אים אויסצוראַמען, ליגט ער דאָ אַזוי לאַנג, ביז ער ווערט פאַרשוואַרצט און פאַרהאַרטעוועט, אַזוי, אַז עס איז שווער אים אויפצורייסן אַפילו מיט העק און לאָמען.

אָבער דעם פרילינג מוז ער פונדעסטוועגן נאָכגעבן. ביסלעכווייז דערפילט ער די וואַרעמע לופט אַרום זיך און די זון־שטראַלן אויף זיין פאַרהאַרטעוועטן און פאַרשמאָלצענעם קאָרק — און בלאָטיקע ריטשקעלעך הייבן זיך אָן אָפּטיילן פון אים, צוערשט פּאַמעלעך און באַזונדער, און שפּעטער צוזאַמען, ווי אַ כאָפּטע קינדער, לאָזן זיי זיך מיט אימפּעט לויפן איבער דער געגנט און פילן אָן די גאַסן, סיי מיט בלאָטיקער נאַסקייט און סיי מיט פריידיקן אָנזאָג, אַז דער פרילינג איז דאָ.

דער קלײנער שיטערער פּאַרקל, מיט די עטלעכע געציילטע בענק און צעוואָרפענע קוסטעס און בוימלעך, דערוויסט זיך אויך, אַז דער פרילינג איז דאָ און נעמט אָן אַ מער יום־טובדיקן אויסזען. די בוימלעך באַקומען אַ גרינלעכן קאָליר, די קוסטעס צעבלאָזן זיך פריידיק מיט שטיפּערישע יונגע קנאָספּן, און די ערד, ניט האָבנדיק וואָס אַנדערש אָנצוטאָן, פּוצט זיך אויס אין דעם איינציקן יום־טובדיקן קלייד אירן — גרינע גרעזלעך, וועלכע רוקן פאַרשעמט אַרויס די קעפּלעך פון דער ניט־צעגראָבענער ערד און, ווי שטיפקינדער, קוקן זיך דערשראָקן אום: צי מעגן זיי, צי זיינען זיי ווילקאָמען . . .

אָבער קומט אַהער דער פרילינג, איז שוין פאַר די איינוואוינער קיין חילוק ניט, צי איז ער געקומען צו זיי ווי אַן אַלטער חוב, צי בלויז ווי אַ נדבה. ברייטהאַרציק ווערט ער באַגעגנט, ווי אַן אָנגעלייגטער לאַנג־דערוואַרטעטער גאַסט. פריידיק שיינען־אויף די פּנימער, דערהויפּט פון די קינדער, און טיר און פענצטער ווערן פאַנאַנדערגעעפנט אים אויפצונעמען.

אָנשטאָט צו זיצן אינעווייניק אין הויז, שפּאַרט מען זיך איצט אין גאַס

און מען זוכט צו פאַרנעמען יעדן לידיקן פּלאַץ, וואו עס פאַלט נאָר אַ ביסל זון־ליכט און וואו מען קען נאָר שעפּן אַ ביסל זון־שיין. און נישט נאָר בייטאָג, און נישט דווקא מאַמעס מיט עופּהלעך אין די וועגעלעך, אָדער הויז־פרויען, פריי־געוואָרענע פון דער שטוב־אַרבעט, נאָר אויך יונגוואַרג נאָך דער שול און מענער נאָך דער אַרבעט. אויפן טראָטואַר אַרום די הייזער, און הויפּטזעכלעך ביי די קענדי־סטאָרס, זאַמלען זיך גאַנצע גרופּעס, שמועסן און דיסקוטירן. ביז שפּעט אין אָוונט שטייט מען אַזוי אָפּ, ביז עס ווערט שוין צייט צו גיין שלאָפן, איבערהויפּט נאָך, אַז מען איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג פאַרשפּאַרט אין שאַפּ און שפּעטער אַלס צולאָג געשטיקט זיך אַ שעה אָדער מער אין דער פאַרשטיקטער סאָבוועי.

איבערהויפּט אָבער פילט זיך די דאָזיקע ענדערונג אין די זונטאָגס. די מענער, ווי פילנדיק, אַז דעם טאָג זיינען זיי באַרעכטיקט צו פולער פרייהייט, הויבן אָן שטראָמען אין גאַס שוין באַלד פון אינדערפרי, באַלד נאָכן אָנבייסן. און באַלד ווערט אַלץ אויסגעפילט מיט זיי: סיי דאָס פּאַרקל, סיי דער טראָטואַר לעבן קענדי־סטאָר און סיי די בענק לעבן שפּיל־פּלאַץ. אויף אַ שפּיציקן שטיין אין פּאַרקל האָבן אַ פּאָר מענער אַפילו אויסגעמאָש־טשעט זייער דאַמינאָ און שפּילן זיך ווי קליינמאַל גאַרניט. אויף אַ באַנק ניט ווייט האָט אַ צווייטע פּאָר אויסגעלייגט זייער טשעקער־ברעט און שפּילן דאָרט ווי ביי זיך אין דער היים. אַ דריטע פּאָר האָט גאָר אַרויסגעבראַכט אַן אייגענעם אויפקלייג־טישל און אַ פּאָר שטולן — און פּטור פון זוכן אַ פּלאַץ. זיי זיצן פאַרטיפט אין זייער שאַך־שפּיל און פּילפּולן זיך איבער אַ גאַנג. אין אַ ווינקל פאַררוקט, ווי שעמענדיק זיך מען זאָל זיי ניט באַמערקן, זיצט אָן אַנדער פּאָר און שפּילט אין קאָרטן. לעבן יעדן שפּילער־פּאָר שטייען אַרומגעשטעלט נייגעריקע און פּאָלגן נאָך די שפּיל מיטן זעלבן אינטערעס כמעט, ווי די שפּילער אַליין.

און קינדער זיינען אומעטום פול. אַרויסקומענדיק מיט די טאַטעס אינדערפרי, אָדער שפּעטער אַ ביסל אַליין, פליען זיי אַרום צווישן די גרויסע פאַרהאַוועט אין די אייגענע שפּילערייען. אייניקע האָבן פאַרנומען דעם שפּיל־פּלאַץ, אַנדערע די מיטן גאַס און נאָך אַנדערע די טראָטואַרן. אַ גרופּע קליינוואַרג האָט אויסגעקליבן צו שפּילן אין באַהעלטערלעך גראָד אין אָפּענעם פּאַרקל און נוצן אויס די רוקנס פון די דערוואַקסענע צו באַ־האַלטן זיך הינטער זיי. אָט זיצט איינער פון די שאַך־שפּילער און הער־פילט, ווי הינטער אים גראַבלט זיך ווער. ער קוקט זיך אום און געפינט אַ קינד, וואָס בויגט זיך אויף די קני און באַהאַלט זיך אויס הינטער אים. ער וויל אַ שמייכל טאָן, אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז דאָס קינד האָט אים איבערגעשלאָגן אַ גאַנג, וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט מאַכן, דרייט ער זיך

אויס צוריק שוין אַ ברוגזער. אַ צווייטער, אַ צוקוקער, דערפילט פּלוצלונג, ווי עמעצער קלאַמערט זיך פון הינטן אין זיין מאַנטל. ער דערשרעקט זיך און קוקט זיך אום: אַ זיבן־אַכט יאָריקער יאַטל זוכט זיך אויסצובאַ־האַלטן הינטער אים און פאַרשטעלן זיך מיט זיין מאַנטל. ער וויל זיך שוין צעכעסן און אָפּטרייבן אים. אָבער דאָס קינד, אומשולדיק פאַרטראָגן אין דער שפּיל, קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף אים און האַלט זיך ווייטער אין קלאַמערן אין מאַנטל. בלית ברירה דרייט ער זיך אום צוריק און דולדעט דאָס קינד הינטער זיך, ביז יענער אַנטלויפט ערגעץ ווייטער.

אָבער ניט אַלע דערוואַקסענע זיינען פאַרנומען מיט שפּילן, אָדער צו־קוקן זיך ווי אַנדערע שפּילן. אַ סך זיצן מיט אַ פּאַק ציַיטונגען לעבן זיך גרייט אָנצוזאָגן, וואָס זיי האָבן דורכגעלאָזן דורך דער וואָך. אַנדערע ווי־דער זיצן גלאַט און באַקן זיך אויף דער זון, אויסשטעלנדיק דעם פּנים דירעקט צו די זון־שטראַלן און זוכנדיק זיי איינצוזאַפּן אין זיך, עס זאָל קלעקן פאַר דער גאַנצער וואָך. נאָך אַנדערע כאַפּן אַ שפּאַציר איבער די אַרומיקע גאַסן, כדי אויסצוגלייכן די איינגעזעסענע פּיס. דער גרעסטער טייל אָבער קען ביי זיך ניט פּועלן, וואָס צו טאָן, כדי אויסצולאָדן פון זיך דאָס אָנגע־קליבענע און אַראָפּרידן זיך פון האַרצן. קלייבט מען זיך צונויף אין רעדלעך און מען שמועסט. ביסלעכווייז גייט דער פרידלעכער שמועס אַרי־בער אין אַ דיסקוסיע. די צייט איז אַ שווערע, אַן אָנגעשטרענגטע, פעלט ניט פון וואָס צו דיסקוטירן. דאָ גייען אַריין סיי פּאָליטישע, סיי יוניאָן־פראַגן, סיי לאָקאַלע און סיי וועלט־פראַגן.

אָט אַזוי פאַרברענגען די מענער דעם זונטאָגדיקן פאַרמיטאָג. אַז מען האָט פון דער פרילינג־זון גענאָסן, אַז עפּעס געלערנט און הנאה געהאַט. ערשט נאָך דינער נעמט מען אַרויס די משפּחה אין דרויסן און אָנטרעפנדיק אַנדערע, באַקאַנטע, פאַרברענגט מען געמיטלעך צוזאַמען ביזן אָוונט.

עס איז פרילינג אויף דער וועלט און פרילינג אויך דאָ אין דער אַר־בעטער־געגנט. עס איז ניט גרינג, אָבער עס איז פאָרט פרילינג. די זון שיינט אַזוי מילד און פריינטלעך — און דאָס לעבן קוקט אויס לייכטער, שפּילעוודיקער און מער אינטערעסאַנט. די זאָרג ווערט אויף אַ ווילע פאַרשוואונדן, אַ פרייד צעגיסט זיך איבער אַלע ביינער, אַ פרייד וואָס פילט אָן דעם גאַנצן קערפּער, מאַכט די פיס צו באַוועגן זיך שנעלער, דאָס האַרץ צו קלאַפּן שטאַרקער, דאָס אויג צו קוקן זיכערער און מונטערער, און די גאַנצע צוקונפט — אויסצוקוקן העלער און ליכטיקער...

עס איז פרילינג אויף דער וועלט און פרילינג אויך אין דער אַרבעטער־געגנט.

סטימולירנדיק ביזנעס

דער פּרעזידענט פון דער פירמע „מעק׳מילען און קאָמפּאַני” איז געזעסן אין זיין קאַבינעט. עס איז געווען אַ ליכטיקער גרוימער צימער מיט בילדער אויף די ווענט און ווייכע לעדערנע שטולן ביי די זייטן. אויף דער פאָדער־שטער וואַנט, אין סאַמע צענטער, איז געהאַנגען אַ גרויס בילד, איינגעפּאַסט אין אַ באַגילדעטער ראַם, פון דעם אַלטן וויליאַם פ. מעק׳מילען, דעם פאָטער און גרינדער פון דער פירמע, און ביי די זייטן — עטוואָס קלענערע בילדער, אין געווינלעכע ראַמען, פון די אַנדערע פרעזידענטן און פירער, וואָס האָבן די פירמע אויפגעבויט און אַנטוויקלט. אויף די אַנדערע ווענט זיינען געהאַנגען דיאַגראַמעס און צייכענונגען, וואָס האָבן אויף אַ פאַרביקן בילד־לעכן אופן געוויזן דעם וואוקס און אויפשטייג פון דער פירמע אין פאַרלויף פון די הונדערט און צען יאָר פון איר עקסיסטענץ. עס איז געווען אַ כסדר־דיקער שטייגן באַרג־אַרויף, אַ וואוקס, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט זיינע אַלץ גרעסערע ציפערן און אַלץ ברייטערן שטח פון אויסשפּרייטונג. די פירמע איז באַוואוסט געווען מיט אירע ווייגען און שנאַפּסן און אַנדערע שטאַרקע משקאות.

דער פרעזידענט, מיסטער ריטשאַרדס, איז געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ פּאַק פּאַפּירן און שטאַרק פאַרטאָן אין זיי. זיין שטערן איז געווען געראונצלט און אַ ביסל אַנגעכמורעט. עס איז קענטיק געווען, אַז ער איז מיט עפּעס וואָס שטאַרק ניט צופרידן.

פּלוצלונג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן, אַ קוק גע־טאָן אויפן זילבערנעם גלעקל, וואָס איז געשטאַנען אויפן שרייב־טיש לעבן אים, און אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל. דאָס גלעקל האָט לייכט אַ קלונג געטאָן.

עס האָט זיך שטיל געעפנט אַ זייטיקע טיר פונעם דערבייאיקן צימער און ס׳האָט זיך באַוויזן אין איר אַ ניט דרייסטער פּנים פון אַ יונגער שיינער מיידל. דאָס איז געווען דעם פרעזידענטס סעקרעטאַרין.

זי האָט אונטערטעניק אַ שמייכל געטאָן און שטיל געפרעגט:

— יעס, מיסטער ריטשאַרדס?

— זיי אַזוי גוט און שיק אַריין צו מיר מיסטער עדעמס און מיסטער אַללען.

דאָס מיידל איז מיט אַן ערנסטן געשעפטלעכן פּנים פאַרשוואונדן אין דער טיר.

אין אַ ווילע אַרום האָט זיך אין דער טיר פון דעם פּרעזידענטס צימער דערהערט אַ לייכטער קלאַפּ.

— קומט אַריין — האָט דער פּרעזידענט איינגעלאַדן אינעווייניק.

עס זיינען אַריינגעקומען צוויי נעט־געקליידעטע מענער. דער ערשטער — מיסטער עדעמס — איז געווען אַ הויכער דינער איירישמאַן מיט איינגעצויגענע באַקן און מיט אַ שרונט אין מיטן פון זיינע שיטערע, גרויוועדיקע, האָר. ער איז געווען דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פון דער פירמע און איינער פון אירע וויכטיקסטע באַאַמטע. דער צווייטער — מיסטער אַלען — איז געווען יינגער, פון נידעריקערן וואוקס, מיט זשוואַווע קלוגע אויגן און מיט שוואַרצע גלאַט־פאַרקעמטע האָר. ער איז געווען דער צווייטער לויט זיין וויכטיקייט — דער אַדווערטייזינג־דירעקטאָר און הויפּט פון פּראָפּאַגאַנדע־דעפּאַרטמענט פון דער „מעק׳מילען קאָמפּאַני״.ביידע זיינען געווען נעט אָנגעטאָן, גלאַט געראַזירט און מיט געשעפּטלעכע ערנסטע פּנימער.

— האַו דו יו דו, דזשענטלמען?

— האַו דו יו דו, מיסטער ריטשאַרדס?

דער פּרעזידענט האָט זיי אָנגעוויזן אויף צוויי שטולן ביי זיין שרייבטיש און געבעטן זיך זעצן.

אָן לאַנגע הקדמות האָט ער ערנסט און געשעפּטסמעסיק זיך געווענדעט צו זיי:

— איך האָב אייך איינגעלאַדן, מיינע הערן, זיך דורכצורעדן מיט אייך וועגן דעם איצטיקן צושטאַנד פון אונדזער פירמע.

און אויסווישנדיק זיינע אויגנגלעזער, ווי וועלנדיק דורך זיי קלאָרער זען דעם צושטאַנד, האָט ער געזאָגט:

— עס איז ניט קיין גוטער צושטאַנד לעצטנס, מיינע הערן, ניט קיין פריילעכער. אונדזער פירמע גייט באַרג־אַראָפּ, און ווען עס זאָל אַזוי כסדר אָנהאַלטן — ווער ווייס, צו וואָס עס קען פירן... אַזעלכע צייטן האָט נאָך אונדזער פירמע קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט.

— נישט בלויז אונדזער פירמע — האָט זיך דער פּאַרוואַלטער געפּרואווט אַריינמישן, ווי וועלנדיק טרייסטן אַ זיך, אַ דעם פּרעזידענט — עס איז די גאַנצע אינדוסטריע. איך האָב אַריינגעקראָגן ציפערן פון אַנדערע פירמעס, וואָס ווייזן, אַז דאָרט איז די לאַגע נאָך ערגער...

— עס איז ניט קיין טרייסט פאַר אונדז — האָט מיסטער ריטשאַרדס עטוואָס שאַרף איבערגעשלאָגן — מיר קאָנקורירן מיט אַנדערע פירמעס אין דער גרויס פון אומזאַץ און פּראָפיטן, אָבער בשום אופן ניט אין דער מאָס פון פאַרלוסטן... די הויפּט־זאַך, אפשר דאָס וויכטיקסטע פון אַלץ, איז וואָס דער איצטיקער צושטאַנד לייקנט אָפּ אונדזער גאַנצע ביז איצטיקע איינ־

שטעלונג... מיר ווייסן: דאָס לאַנד מאַכט דורך איצט אַ קריזיס, אַ גרויסן קריזיס. אָבער דאָס איז ניט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פונעם לאַנד. אַ סך קריזיסן זיינען שוין געווען. און יעדעס מאָל, ווען אַ קריזיס איז געקומען, האָט עס ניט בלויז אונדזער אינדוסטריע ניט געשאַדט, און באַזונדערס אונדזער פירמע, נאָר פאַרקערט: ביזנעס איז נאָך געשטאַרקט געוואָרן... עס קען אויסקוקן ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער דאָס איז דאָך געווען די איינשטעלונג פון אונדזער פירמע, די פּסיכאָלאָגישע אָפּשאַצונג און דער טיפער און וויטזיכטיקער קוק פון אירע ערשטע גרינדער: דער מענטש טרינקט אַלע מאָל, אין גוטע צייטן, ווי אין שלעכטע, אין פריילעכע, ווי אין אומעטיקע. עס איז אמת, ווען די צייט איז גוט, ווען אַלע אַרבעטן און פאַרדינען, האָט דער מענטש מער געלט אויסצוגעבן. אָבער דערפאַר איז די נויטיקייט צו טרינקען דעמאָלט ניט אַזוי גרויס. אַנדערש איז אין שלעכטע צייטן — דעמאָלט מוז דער מענטש טרינקען, צי ער האָט פאַר וואָס, צי ניט... אַט דאָס איז געווען די איינשטעלונג פון אונדזער פירמע, די איינשטעלונג פון דער גאַנצער אינדוסטריע אונדזערער. און ביז איצט, מוז מען זאָגן, איז עס געווען אַ קלוגע איינשטעלונג, אַ ריכטיקע. אָבער וואָס עס קומט איצטער פאָר, ווייס איך נישט. מיין קאָפּ איז ניט קלוג גענוג צו פאַרשטיין עס: וואָס קומט דאָ פאָר?

אַלע האָבן אַ סעקונדע געשוויגן אונטערן איינדרוק פונעם פּרעזידענטס ווערטער און אונטערן איינדרוק פון דער ערנסטער סיטואַציע, וואָס זיי אַליין האָבן אויך געוואוסט פון איר.

— מיר דוכט — האָט זיך מיסטער אַללען אָפּגערופן — אַז די הויפּט־סיבה איז פּאַרט די דעפּרעסיע, דער אַלגעמיינער שטילשטאַנד, וואָס הערשט ביי אונדז אין לאַנד. די איינשטעלונג פון אונדזער אינדוסטריע מעג זיך טאַקע זיין אַ ריכטיקע, אַ לאָגישע. אָבער ווען מענטשן אַרבעטן ניט און האָבן קיין געלט ניט, איז די ערשטע זאַך, וואָס זיי קויפן, איז פּאַרט ברויט, — ווייַן און שנאַפּס ווערט דעמאָלט אַ שפּעטערדיקע זאַך, אַמאָל אַפילו אַ לוקסוס־זאַך...

— איך שטים מיט אייך ניט איין — האָט זיך דער פּרעזידענט מיט אַוטאָ־ריטעט אָפּגערופן — אַזעלכע צייטן זיינען אין אונדזער לאַנד קיין בייס ניט און דאָך האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט דאָס, וואָס עס קומט איצטער פאָר...

— צייטן בייטן זיך...

די לעצטע ווערטער האָט מיסטער אַללען אַרויסגערעדט און באַלד זיך געכאַפּט, אַז עס איז געווען צו געוואַגט פון זיין זייט, אַז ער וואָלט דאָס ניט געדאַרפט זאָגן, אַפילו ווען ער וואָלט געווען אַבסאָלוט זיכער, אַז עס איז אַזוי. דער פּרעזידענט האָט אַן אַנדער מיינונג און ווידערשפּרעכן אים איז ניט

קיין נוצלעכע זאַך. ער האָט טאַקע באַלד באַמערקט, ווי יענעמס פּנים האָט זיך שטרענג אָנגעכמורעט.

— מיינע הערן — האָט דער פּרעזידענט שטרענגער, ווי ער איז געוואוינט געווען צו רעדן מיט זיי, געזאָגט, — אונדזער היינטיקער שמועס איז ניט אַזוי צו באַשטימען די אורזאַך פון דעם צושטאַנד, ווי די לייזונג זיינע, דאָס אויסגעפינען אַ מיטל, ווי אַזוי דעם צושטאַנד אויסצובעסערן. וואָס די אורזאַך זאָל ניט זיין, איז אונדזער אויפגאַבע ניט צו אונטערוואַרפן זיך די אומשטענדן, נאָר באַהערשן זיי, אויפהויבן זיך איבער זיי. דאָס איז איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן פון דער ביזנעס־וועלט, וואָס איז שטענדיק געווען אַ דערפאָלג, ווען מען האָט נאָר פאַרשטאַנען, ווי אַנצואווענדן אים. איך גלויב, אַז פון זיצן מיט פאַרלייגטע הענט וועט גאָרנישט אַרויסקומען. מיר דאַרפן עפּעס טאָן. וואָס זאָגט איר, מיינע הערן?

— יאָ, עס מוז עפּעס געטאָן ווערן. דאָס איז זיכער — האָט מיסטער אַללען געזאָגט, וועלנדיק גוט־מאַכן זיין פריערדיקע ניט־פאַרזיכטיקייט און וועלנדיק מיטהאַלטן מיטן פּרעזידענטס מיינונג, וועלכע ער האָט פריער געפּרואווט עטוואָס אָפּפרעגן — עס איז זיכער, אַז עפּעס מוז געטאָן ווערן, אָבער וואָס, איז שווער אויף דער מינוט צו באַשטימען. מען מוז די זאַך דורכטראַכטן און זען, וואָס מען קען טאָן. אויף דער מינוט ווייס איך ניט, וואָס נאָך מען קען טאָן. די אַדווערטייזמענטס גייען רעגלמעסיק אין די צייטונגען און זשורנאַלן. פאַקטיש, זיי זיינען פאַרביקער און שרייענדיקער, ווי ווען עס איז. די ראַדיאָ ווערט אויך ניט פאַרנאַכלעסיקט. אָבער — איך האָב מורא צו זאָגן: זיי נעמען, ווייזט אויס, ניט מערער דעם עולם...

— יאָ, איר זייט פולשטענדיק גערעכט. איר האָט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר דעם: זיי נעמען ניט מער דעם עולם. אָט די מיטלען זיינען ניט גענוג פאַר דער איצטיקער צייט. עפּעס שטאַרקערס מוז געפונען ווערן, נייערס, וואָס זאָל אויפבלאָזן, וואָס זאָל מאַכן דעם עולם זיך אומקוקן אויף אונדז, וואָס זאָל צווינגען זיך אומצוקוקן...

— איך שטים מיט אייך פולשטענדיק איין — האָט זיך אָנגערופן מיסטער עדעמס, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַזוי ווי פאַרטראַכט און כמעט ווי ניט גענומען קיין אָנטייל אין דעם שמועס — איך שטים מיט אייך פולשטענדיק איין, הער ריטשאַרדס. איך האָב אַליין שוין געטראַכט וועגן דעם, און זיצנדיק אַזוי און זיך צוהערנדיק צו אייער אַנאַליז און צו דער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע, האָט זיך עפּעס שוין אָנגעהויבן פּיקן אין מיין מוח. מיר דאַכט, אַז מיר וואָלטן געדאַרפט אויסנוצן דעם קומענדיקן יובילײ פון אונדזער פירמע פאַר עפּעס אַזוינס, וואָס — ווי איר האָט ריכטיק זיך אויסגעדריקט —

זאָל אויפשווימען, זאָל אויפברויזן, זאָל צווינגען זיך אומצוקוקן אויף אונדז און אונדזערע פּראָדוקטן. איך בין פולשטענדיק מסכים מיט אייך...

דעם פּרעזידענטס פּנים איז עטוואָס לויטערער געוואָרן פון די נייע אויסזיכטן, וואָס פּיקן זיך שוין אין דעם פּאַרוואַלטערס מוח. ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך ווייס, איר זייט ביידע פּעאיקע און איבערגעגעבענע מענטשן, און אונדזער פירמע קען זיך פאַרלאָזן אויף אייך. איך גיב אייך ביידן אײַ־בער אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן און מיר גלייך לאָזן וויסן פון אים. מיר מוזן גלייך עפּעס אָנהייבן טאָן. די צייט וואַרט ניט...

— איך האָף, אַז עפּעס וועט זיכער אַרויסקומען דערפון — האָט מיסטער עדעמס געזאָגט מיט דערמוטיקונג — און אַזוי שנעל, ווי דער פּלאַן וועט פאַרטיק ווערן, וועלן מיר אייך קומען באַריכטן פון אים און קריגן אייער גוטהייסונג.

— זייער פיין, מיינע הערן — האָט אויך דעם פּרעזידענטס פּנים האָפע־נונגספול אויפגעלויכטן — איך ווייס, אַז איך האָב זיך אויף וועמען צו פאַר־לאָזן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און פריינטלעך באַגלייט זיי צו דער טיר.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער זיינען די צווייִ הויכע באַאַמטע פון דער מעק'מילען פירמע ווידער געזעסן אין דעם פּרעזידענטס אָפיס. זיי זיינען געקומען צו אים מיט אַ פאַרטיק־אויסגעאַרבעטן פּלאַן און דער הויפּט־פאַר־וואַלטער, מיסטער עדעמס, האָט דעם פּלאַן אויסגעלייגט אין אַלע דעטאַלן:

— אונדזער יובילייִ דעם יאָר דאַרף זיין דער צענטער, אַרום וועלכן דער פּלאַן דאַרף זיך דרייען. מיר דאַרפן מאַכן פון אונדזער יובילייִ דעם יאָר אַ גרעסערן ווענזן, ווי ווען עס איז פריער, און אויסנוצן אים שטאַרקער, ווי ווען עס איז, פאַר אַ קאַמפּאַניע צו אַדווערטייזן אונדזערע פּראָדוקטן און אַזוי אַרום פאַרגרעסערן דעם פאַרקויף זייערן. ווי אַזוי קענען מיר דאָס טאָן? מיר מוזן קודם כל קומען אין קאָנטאַקט מיטן פאַרברויכער אַליין און סטי־מולירן אים צו קויפן אונדזערע פּראָדוקטן. מיר מוזן זען צופּאַסן אונדזערע פּרייזן צו זיינע קויף־מעגלעכקייטן און אַזוי אַרום אַרויסהעלפן אים, סיי אין זיין פאַרלאַנג צו טרינקען און סיי אין זיין פאַרלאַנג צו שפּאָרן. מיר שלאָגן פאָר דעריבער, אַז מיר זאָלן גלייך פאַרקלענערן עטוואָס דעם פּרייז פון אונ־דזערע פּראָדוקטן און אָנהייבן פאַרקויפן אונדזערע געטראַנקען עטוואָס ביי־ליקער. דאָס דאַרף בשום אופן ניט הייסן, אַז מיר שניידן אונדזערע פּרייזן, און אוודאי דאַרף עס ניט הייסן, אַז מיר טוען עס צוליבן אָפּפאַל פון ביזנעס

— בשום אופן ניט! עס דאַרף הייסן, אַז מיר טוען עס צייטווייליק און טוען עס צוליב אונדזער יובילײ... הונדערט און צען יאָר אין דער עקסיסטענץ פון אַ פירמע איז ניט קיין קלייניקייט! הונדערט און צען יאָר דינען דער געזעלשאַפט איז אַ פאַרדינסט, וואָס לאָזט זיך ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט! די צענדליקער טויזנטער קונים אונדזערע, וואָס האָבן אונטערגע־האַלטן אונדזערע ביזנעס די גאַנצע צייט, זיינען געוואָרן ווי שותפים אונ־דזערע און פאַרדינען זיך צו אונדזער יובילײ אַ פּרעמיע, אַ באָנוס... אַזוי דאַרף אָוועקגעשטעלט ווערן די זאַך! און ניט נאָר דאַרף עס ניט הייסן פאַרן עולם, אַז אונדזערע געשעפטן גייען ניט גוט, נאָר פּונקט פאַרקערט: ווייל אונדזערע ביזנעס גייען אַזוי גוט, קענען מיר זיך דערלויבן אַרויסווייזן די דאָזיקע גרויסמוטיקייט צום עולם און אים אויך לאָזן געניסן, סיי פון אונ־דזער דערפאָלג, סיי פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט צו אים. דורך דער האַנדלונג וועלן מיר גלייך שאַפן ביים עולם אַ גוטן ווילן צו אונדז און אַ פריינטלעכקייט צו אונדזערע פּראָדוקטן. עס וועט אויך הייסן, אַז כאָטש די גאַנצע ליקער־אינדוסטריע איז איצט אין אַ צערודערונג און שטאַרק אָפּ־געשוואַכט, טוען מיר נאָך אַלץ גוטע ביזנעס — מסתמא צוליב דעם צוטרוי פון די מענטשן צו אונדז און צוליב דער בעסערער קוואַליטעט פון אונדזערע פּראָדוקטן. דאָס אַליין איז שוין אַ גוטער אַדוועטייזמענט פאַר אונדז. עס ווייזט, אַז מערער מענטשן קויפן זייערע פּראָדוקטן פון אונדז, ווי פון וועלכער עס איז אַנדער ענלעכער אינסטיטוציע. און דאָס, ווידער, דינט שוין ווי אַ נייער סטימול! ווייל דאָס איז דאָך אַ באַקאַנטער פאַקט: דער עולם זוכט ניט נאָר קוואַליטעט, נאָר אויך קוואַנטיטעט — ס'הייסט: וואוהין אַלע גייען, אַהין גיי איך אויך... עס איז די אַזוי־גערופענע מאַסן־פּסיכאָלאָגיע פון אונדזער לאַנד...

מיסטער עדעמס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ סעקונדע און ווייטער פאַר־געזעצט:

— אָבער דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג צו סטימולירן ביזנעס אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. מיר קענען זיך אויפן פאַרברויכער אַליין, אויף אונדזער אַפילו צו אים, ניט פאַרלאָזן איינגאַנצן. מסתמא וועלן אויך אַנדערע באַלד נאָכטאָן אונדזער ביישפּיל... מוזן מיר דעריבער ווענדן זיך צו אַ צווייטן פאַקטאָר אין אונדזער אינדוסטריע — צו דעם פאַרקויפער, צו דעם קרעמער. ער, דער קרעמער, האָט ניט נאָר זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, וועלכע מיר קאָנען און דאַרפן אויסנוצן, נאָר דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס ער קומט טאָג־טעגלעך אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיטן קויפער און קען אים, גיכער ווי ווער עס איז, באַאיינפלוסן. ער איז אַ געוואַלדיקער כוח אין דער אינדוסטריע. מיט זיין מיינונג רעכנט זיך דער קונה און מיט זיין מויל קען ער אים איינ־

ריידן צו קויפן דאָס, וואָס פאַר אים, דעם קרעמער, לוינט זיך בעסער צו פאַר־קויפן. אין זיינע הענט ליגט דעריבער די מעגלעכקייט צו הויבן אַ וועלכן עס איז פּראָדוקט, אָדער, פאַרקערט, אים אַרונטערזעצן. מיר האָבן איבערן לאַנד קנאַפּע צוויי טויזנט אַזעלכע פאַרקויפער — אין אונדזער שטאַט אַליין קאַרגע צוויי הונדערט. אונדזער פאָרשלאַג איז, אַז מיר זאָלן אָנהייבן דערווייל מיט אונדזער שטאַט און מאַכן דעם ערשטן עקספּערימענט מיט איר. מיר וועלן זען, ווי אַזוי עס וועט אַרבעטן. מיר שלאָגן פאָר, אַז אין פאַרבינדונג מיט אונדזער הונדערט און צענטן יובילײ זאָל אונדזער פירמע שענקען איר באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויך דעם ריטעיל־פאַרקויפער און אונטער־טראָגן אים צו דער געלעגנהייט אויך זיין חלק, זיין באַנוס, וואָס זאָל זיין דערביי אין דער פאָרם פון אַזאַ צוקערל, פון אַזאַ נאַש, וואָס זאָל לאַנג בלייבן אין זיין זכרון און פאַר אַ לאַנגער צייט נאָכדעם שאַפן ביי אים אַ גוטן ווילן צו אונדז און אַ נייגונג צו אונדזערע פּראָדוקטן — אַ בעסערע אַלנפאַלס, ווי צו די פון אַנדערע פירמעס...

— אַנדערש גערעדט, מיר שלאָגן פאָר, מיסטער ריטשאַרדס — האָט מיסטער אַללען מיט אַ חניפהדיקן און כיטרען שמייכעלע פון זיין זייט זיך אַריינגעמישט און פאַרטייטשט — אַז מיר זאָלן פּשוט אונטערטראָגן אַ לע־קעכל אונדזערע קרעמער און זען, אַז ער זאָל זיין אַזאַ זיסער, אַז פאַר אַ לענ־גערער צייט נאָכדעם זאָל דער טעם זיינער אומוואַנדערן ביי זיי אין מויל און כסדר דערמאָנען זיי אָן אונדז און אונדזער פירמע...

— איך פאַרשטיי... — האָט דער פּרעזידענט פיל־באַדייטנדיק גע־זאָגט. — און וואָס פּלאַנירט איר קאָנקרעט דורכצופירן?

— מיר פּלאַנירן — האָט מיסטער עדעמס צוריק פון זיין זייט גענומען דאָס וואָרט — מיר פּלאַנירן צו מאַכן אַ גרויסן יום־טוב פאַר אונדזערע פאַר־קויפער, אַ פריילעכע יובילײ־פאַרווײלונג, וואָס זאָל זיי אי אַמוזירן, אי סטי־מולירן. אַלץ, פאַרשטייט זיך, אויף אונדזער רעכענונג. אין אַ יום־טובדיקן טאָג, ווען די געשעפטן זיינען סיי־ווי צוגעמאַכט — לאָמיר זאָגן, אין אַ זונ־טאָג — פּלאַנירן מיר די קנאַפּע צוויי הונדערט מענטשן אַרויסצונעמען צו אַ באַרימטן ים־רעזאָרט און דאָרטן זיי לאָזן זיך וואוילגיין אויף אונדזער רעכענונג. אָבער אַזוי זיך לאָזן וואוילגיין, ווי נאָר יעדן איינעמס האַרץ וועט גלוסטן: מיט וויין, פּרויען, פּרעס און אַזאַרט־שפּיל...

— איך פאַרשטיי... — האָט דער פּרעזידענט געזאָגט.

— אָבער עס זאָל זיין אַזאַ אַרויספאַר — האָט מיסטער עדעמס ווי פאַר־כליניעט זיך פון דעם אייגענעם איינפאַל — וואָס די גאַנצע אינדוסטריע זאָל נאָכדעם קאָכן מיט דעם, וואָס עס זאָל לאַנג קלינגען אין די אויערן פון אַלע אָנטיילנעמער זיינע...

— פֿאַרשטייט זיך — האָט מיסטער עדעמס ווייטער צוגעגעבן — די גאַנצע אונטערנעמונג וועט ניט דורכגעפֿירט ווערן ווי אַ סוד, ווי אַ שטילע פֿאַרשווערונג עפּעס, נאָר וועט ברייט אַדווערטייזט ווערן פֿאָרויס, צעקלונגען ווערן אין דער גאַנצער פּרעסע און צעשמירט ווערן אין אַלע צייטונגען מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס און בילדער. רעפּאָרטערס וועלן איינגעלאַדן ווערן אין אונדזער הויפּט־אָפֿיס און עס וועט זיי דערקלערט ווערן די אורזאַך פֿון דעם גרויסן יום־טוב, וואָס אונדזער פֿירמע גיט צו אירע ריטיילערס. עס וועט זיי דערקלערט ווערן, אַז אונדזער פֿירמע שאַצט אָפּ די לייסטונגען פֿון די צענדליקער פֿאַרקויפֿער אירע דאָ אין שטאָט, וואָס ברענגען איר אַריין הונדערטער און טויזנטער קונים אַ טאָג פֿאַר אירע באַרימטע משקאות. און איצט, ווען אַ גרויסער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט אונדזער לאַנד און פֿאַרכאַפּט אויך די ליקער־אינדוסטריע, איז אונדזער פֿירמע, אַדאַנק דער איבערגעגעבנקייט פֿון אירע פֿאַרקויפֿער און די אויסגעצייכנטע געטראַנקען, וואָס זי שטעלט צו, ניט נאָר ניט באַרירט געוואָרן פֿונעם קריזיס, נאָר פֿאַרקערט, טוט נאָך אויסגעצייכנטע געשעפֿטן, אַזוי אַז זי קען אָנהאַלטן אירע שטענדיקע הויכע דיווידענדן צו אירע שער־האָלדערס און צוטראָגן אויך דעם ספּעציעלן באָנוס צו אירע ריטיילערס... יאָ, מיסטער ריטשאַרדס, מיר דאַרפֿן קיין געלט ניט זשאַלעווען פֿאַר דער אונטערנעמונג און לאָזן מיסטער אַללען זי דורכפֿירן אַזוי ברייט און מיט אַזאַ קנאַק, ווי נאָר ער קען... זייט זיכער, מיר וועלן שפּעטער אַרויסנעמען אונדזערע אויסגאַבן מיט היפּשע פּראָצענטן דערצו און אונדזער פֿירמע וועט דערביי באַקומען אַזאַ פּובליסיטי, וואָס צענדליקער אַדווערטייזמענטס וועלן איר ניט פֿאַרשאַפֿן. די הויפּטזאַך: אונדזערע ריטיילערס וועלן פֿון אונדז באַקומען אַזאַ נאַש, פֿאַר וועלכן זיי וועלן זיך פֿילן לאַנג פֿאַרפֿליכטעט צו אונדז און פֿאַר וועלכן זיי וועלן אונדז קענען אָפּצאָלן נאָר מיט איין זאַך — מיט בעסער פֿאַרשפּרייטן אונדזערע פּראָדוקטן און מיט מערער אַדווערטייזן זיי צווישן זייערע קונים...

דער פּרעזידענט, מיסטער ריטשאַרדס, איז געזעסן און געשוויגן. ער איז געזעסן ווייט איבערגעלענט איבער זיין שטול, דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן אויף אַהינטער און די אויגן עטוואָס צוגעשלאָסן. ער האָט די גאַנצע צייט אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די רייד און אַרגומענטן פֿון זיינע ביידע הויכע באַאַמטע און איצט, קוקנדיק, איז ער געווען פֿאַרנומען מיט איבערטראַכטן און איבערדענקען, וואָס יענע האָבן אים פֿאָרגעשלאָגן, און מיט באַרעכענען, וויפֿיל אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף אָפּקאָסטן און צי לוינט זיך אַריינצולייגן אין איר אַזויפֿיל געלט און מי. פּלוצלונג, ווי קומענדיק צו אַ באַשלוס און אַנטשיידנדיק אָנצונעמען דעם פּלאַן, האָט ער געעפֿנט זיינע אויגן און, אויסגלייכנדיק זיך אין שטול, פֿעסט געזאָגט:

— אָקעי, מיינע הערן, איך גיב אייך מיין צושטימונג. גייט אָן מיט אייער פּלאַן און זאָל אייך גאָט העלפן. עס איז אַפילו אַ היפּשע אויסגאַבע פאַרבונדן מיט דעם, אויב מען זאָל עס דורכפירן ווי עס געהער צו זיין, אָבער אַז מען שטעלט גאָרנישט איין, געווינט מען גאָרנישט... סיי־ווי מוז עפּעס געטאָן ווערן, און דאָס איז די איינציקע זאַך, וואָס זעט זיך אונטערן האַנט. גייט אָן, איר האָט מיין צושטימונג פאַר דעם...

ביידע באַאַמטע האָבן פריילעך פאַרלאָזן דעם אָפיס און דער פּרעזידענט, באַגלייטנדיק זיי ביז צו דער טיר, האָט פריינטלעך געדריקט זייערע הענט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך אין דער גאַנצער פּרעסע באַוויזן אַ גרויסער אַנאָנס: „אַ גאָלדענער אָפּשיין פון אַ גליקלעכן עפּיזאָד". דער אַנאָנס האָט פאַרנומען אַ גאַנצע זייט, אָבער ניט די גאַנצע זייט איז געווען פאַרשריבן. אין מיטן איז געווען אַ גרויס בילד פון וויליאַם פּ. מעק'מילען, דעם גרינדער און בויער פון דער באַוואוסטער ליקער־פירמע „מעק'מילען און קאָמפּאַני", און פון ביידע זייטן איז מיט גרויסע אותיות קורץ, אָבער איינדרוקספול, געווען באַשריבן די ביאָגראַפיע פון דעם גרויסן אונטערנע־מער. אין דער קורצער ביאָגראַפיע האָט זיך פייערלעך דערציילט, ווי דער אַלטער מעק־מילען איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ גרויסער טרוימער. גאַנצענע טעג פלעגט ער זיצן פאַרשפאַרט אין זיין צימער און טראַכטן, ווי אַזוי מען ברענגט גליק און צופרידנקייט צו די מיטמענטשן פון זיין גע־מיינדע. ער האָט געזוכט נייע וועגן און נייע איינפאַלן. ביז איינמאָל איז אים געקומען אויפן געדאַנק צו גרינדן די פירמע. פאַרטראַכט, און גענומען זיך דורכפירן. מיט יוגנטלעכן ברען און אידעאַליסטישן פייער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. כאָטש די אינדוסטריע איז שוין דאַן גע־ווען היפּשלעך אַנטוויקלט, האָט ער אָבער אויסגעליגט נייע וועגן און גע־נומען בויען זיין פירמע אויף נייע יסודות. די מאָטאָ, וואָס ער האָט אָנגעק־געשטעלט, איז געווען: „גיב דעם פאָלק, וואָס עס וויל, און גיב אים פאַר זיין געלט דעם ווערט פון דעם." די מאָטאָ האָט ער געשאַפן מיט הונדערט און צען יאָר צוריק, און אַט־אָ דער מאָטאָ איז די פירמע געבליבן געטריי ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון דעם גרויסן אַנאָנס. און טאָמער איז פאַר וועמען ניט קלאָר געווען די אורזאַך פון זיין דערשיינונג און צו וואָס עפּעס פלוצלונג דערמאָנען זיך און דערציילן די ביאָגראַפיע פון אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט מיט הונדערט און צען יאָר צוריק און וואָס איז שוין לאַנג טויט, איז אונטן מיט קלענערע אותיות, מיט אַ שטערנדל ביים זייט, געווען צוגעשריבן: „וויטערדיקע אַנאָנסן קומען."

און ווירקלעך: דעם צווייטן טאָג איז געקומען אַ נייער אַנאַנס און דעם דריטן טאָג ווידער, און אַזוי יעדן טאָג כסדר. ניט נאָר איז דער אינהאַלט יעדן טאָג געווען פאַרשיידן, נאָר אויך די קעפּלעך. אַזוי האָט דער קאָפּ פון דעם צווייטן טאָג זיך געלייענט: „די וואונדערלעכע אַנטוויקלונג פון אַ גרויסן יאָרהונדערט." אינעווייניק אין דעם אַנאָנס האָט זיך דערציילט, ווי דער פאַבריקער יאָרהונדערט איז באַרימט געווען מיט די וואונדערלעכסטע דערפינדונגען אויפן געביט פון אינדוסטריע, טעכניק און מעדיצין. אָבער נישט קיין קלענערער ביטראָג צו דעם וואוילזיין פון די מענטשן איז אויך געווען די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער מעק־מילען פירמע.

דער קאָפּ פונעם דריטן טאָג האָט זיך געלייענט: „אַ גלאַטער שפּאַציר אויפן מילך־וועג", און דאָרט האָט זיך דערציילט, ווי אַזוי די מעק־מילען פירמע האָט זיך כסדר געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען און וואַקסן און שפּאַנען איבערן לאַנד — ווי איבערן גלאַטן מילך־וועג...

דער קאָפּ פונעם פערטן טאָג האָט זיך געלייענט: „ציפערן רעדן מיט די וואונדערלעכסטע קלאַנגען." דאָרט זיינען געגעבן געוואָרן דיאַגראַמעס און ציפערן פון פאַרשיידענע יאָרן, יאָרצענדליקער, און אַפילו אַ גאַנצן יאָרהונדערט, וואָס האָבן בולט געוויזן דעם כסדרדיקן באַרג־אַרויף גאַנג פון דער מעק־מילען פירמע.

און אַזוי כסדר טאָג נאָך טאָג.

אינטערעסאַנט און צוציענדיק איז געווען אַן אַנאַנס אונטערן קאָפּ: „דער מאַרש פון די שיינהייטן." דאָרט האָט אַ צייכענונג פאַרגעשטעלט אַ קרומען און געדרייטן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט און פאַרלאָרן אין דער ווייטקייט. און ווי לאַנג דער דאָזיקער וועג אַזוי געווען, איז ער געווען אָנגעשטעלט מיט די פלעשער און פלעשלעך פון די מעק־מילען פּראָדוקטן. איין פלעשל איז ניט געווען ענלעך צום צווייטן און האָט זיך אונטערשיידט סיי מיט דער גרויס, סיי מיט דער פאָרמע און סיי מיטן אינהאַלט. דער שפּיץ האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט די קלענסטע און איינפאַכסטע „מוסטער"־פלעשלעך און האָט זיך געצויגן וואָס ווייטער אַלץ גרעסער און העכער און פאַרשיידנאַרטיקער, מיט גאָלדענע און זילבערנע „היטעלעך", מיט פאַרשיידענע פאַרכאַפּנדיקע אַרויפקלעפּונגען און קאָלירפולע אַרומוויקלונגען. אַזוי, ווייט און טיף, ביז די גרויסע בייכיקע פלעשער מיטן ברוינעם אָדער קאַרש־רויטן שפּרודלדיקן וויין האָבן זיך פאַרלאָרן אין דער טיפקייט פון בילד.

עס איז באמת געווען אַן אָריגינעלער אַנאָנס, וואָס האָט קלאָר און פאַרביק אַרויסגעבראַכט די מעק־מילען פּראָדוקטן און וואָס האָט געקענט צווינגען דעם לעזער צו פאַרקוקן זיך אויף זיי און אַרויסרופן ביי אים אַ חשק אַליין צו וועלן געניסן פון וועלכן עס איז פון זיי.

אָבער ניט בלויז פֿון ציפֿערן און ווערטער און צייכענונגען זיינען באַ־
שטאַנען די אַנאָנסן, נאָר אויך פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס און אמתע בילדער. דאָרט,
אויף די בילדער, האָט זיך געוויזן, ווי אַזוי דער ווײַן, וואָס דער פֿאַרברויכער
קויפֿט אין דער מעק־מילען פֿירמע, הייבט אָן זיין גאָלדן־פֿליסיקן וועג ערגעץ
אין די גרויסע ווײַנגערטנער פֿון דער זוניקער קאַליפֿאָרניע און ווי אַזוי ער
מאַכט דורך פֿאַרשיידענע אומוואַנדלונגען, ביז ער דערגרייכט צו דעם קוי־
פֿער; ווי אַזוי ער וואַקסט אין שטענגלעך און רייפֿט זיך אין דער גאָלדענער
זון, ווי אַזוי פֿאַרברויכטע פֿאַרמער־יונגען שערן פֿאָרזיכטיק אָפּ די שטענגלעך
און לייגן זיי אין קערבלעך, ווי אַזוי מען קוועטשט זיי שפּעטער אויס, ווי
אַזוי מען גיסט דעם זאַפֿט אין פֿעסער, און ווי אַזוי יונגע בילד־שיינע מיידלעך
מיט גליקלעכע שמייכלען אויף די פּנימער אין שניי־ווייסע פֿאַרטעכער גיסן עס
אין פֿלעשער און פּאַקן זיי אין קאַסטנס. און אַלץ ווערט געטאָן מיט פֿרייד, מיט
זאָרג פֿאַרן פֿאַרברויכער און מיט דער אַבזיכט, אַז דער ווײַן, אָדער שנאַפּס, זאָל
אַרויסקומען וואָס ריינער, וואָס ציכטיקער, וואָס אָנגענעמער פֿאַרן אויג און גע־
שמאַק. קיין מענטשלעכע האַנט רירט זיך צו קיין זאַך ניט צו, אויסער צום
עלעקטרישן קנעפּל, וואָס לאָזט די מאָדערנסטע ווײַן אָדער שנאַפּס־מאַשין אין
גאַנג. אַפֿילו דער אָפֿיס, וואו עס זיצן בוכהאַלטערס און אַקאַונטנס, סטענאָגראַ־
פֿיסטקעס און סעקרעטאַרינס, איז אויסגעשטאַט מיט די נייעסטע און מאָדערנ־
סטע מעבל, ריין און ציכטיק, אָנגענעם פֿאַרן אויג און געשמאַק, און אַלע אָן אויס־
נאַם זיינען פֿאַרנומען נאָר מיט דער זאָרג, אַז אַלץ זאָל אַרויסקומען ראַיעל און
פּינקטלעך און די מינדסטע פּגימה זאָל ניט אַריינפֿאַלן, וואָס זאָל ווערן
מאַכן אומצופֿרידן, פֿאַרדריסלעך, אָדער אַנטוישט.

עס זיינען אויך געווען בילדער, וואָס האָבן געוויזן דעם דערפֿאָלג פֿון
דער פֿירמע, סיי ביים געוויינלעכן מענטשן פֿון גאַס, סיי ביי די פֿון די „הע־
כערע" שיכטן און קלאַסן, ווי אַרטיסטן, קינסטלער, עקזעקוטיוון און אַזוי
ווייטער.

אָט איז אַ בילד פֿון אַ ווײַן־געשעפֿט אויף איינער פֿון די צענטראַלע
גאַסן פֿון שטאָט. רייען פֿון צענדליקער און הונדערטער מענטשן, אַ בלאָק
די לענג, ציען זיך אין פֿראָנט פֿון דעם געשעפֿט און וואַרטן אויף דער מעג־
לעכקייט אַריינצוקומען אינעווייניק און קריגן זייער חלק שנאַפּס, אָדער ווײַן.
און גלייך פֿון אַ צווייטער טיר דערביי קומען אַרויס מיט שיינענדיקע פּנימער
און גליקלעכער צופֿרידנקייט די, וואָס האָבן געהאַט דעם מזל צו זיין פֿון די
ערשטע אַריינצוקומען און באַוויזן שוין די געטראַנקען איינצוקויפֿן. זיי
האַלטן די פֿלעשער פֿאָרזיכטיק און ציטעריק און טראָגן זיי פֿאַרויס פֿאַר זיך
מיט פֿרייד, ווי זיי וואָלטן איינגעהאַנדלט עפּעס אַ טייערע און זעלטענע

זאָך. אָבער דאָס זיינען אַלץ פּלעשער שנאַפּס און וויין — פון דער מעק־מילען פירמע.

און אָט איז אַ רייכער פּאַלאַץ, וואו אַ מיליאָנער פּראַוועט אַ שמחה פאַר זיינע פריינט און געסט. די טישן זיינען אָנגעשטעלט מיט כל טוב. פון די גאָלדענע שיסלען און טעלער גלאַנצן אַרויס די טייערסטע און זעלטנסטע מאכלים און פון די וואַזעס ווינקען און רופן די פיינסטע און איידלסטע פּרוכט. אָבער די געסט שענקען זייער אויפמערקזאַמקייט ניט זיי: אַלעמענס בליקן זיינען געווענדט צו דעם ווינקל, וואו עס שטייען אָנגעשטעלט די פאַרשיידענע משקאות און ווינען — אַלע פון דער מעק־מילען פירמע...

אָבער אַמצוציענדסטן זיינען געווען די בילדער פון די יונגע שיינע פרויען, אַקטריסעס און פילם־שטערן, וואָס זיינען געזעסן ביי טישלעך מיט העלדישע יונגען, מענער — אויך אַקטיאָרן פון דער טעאַטער און פילם־וועלט — און פריילעך פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל וויין פון דער מעק'מילען פירמע. אַלע זיינען זיי געווען בילד־שיינע, מיט גלאַטע ראָזעווע פּנימער, פערלדיקע ציין, פראַכטפולע פריזורן און שטייפע, קיילעכדיקע, רייצנדיקע בריסט. אַלעמענס פּנימער האָבן אויסגעדריקט פריידן און גליקזעליקייט, — און אָן שום ספק איז עס געווען פון האָבן דעם פאַרגעניגן צו זיצן און געניסן פון אַ גלעזל מעק'מילען משקה...

אַזוי זיינען געגאַנגען די אַנאָנסן און בילדער טאָג נאָך טאָג, וואָכן נאָכאַנאַנד. ביז איין טאָג האָט דער אַנאָנס געמאָלדן דורך אַ געוואַלדיקן קאָפּ פון אַרשיניקע אותיות: „אַ גאָלדענע געלעגנהייט צו אַ גאָלדענעם יובילײ".

וואָס פאַר אַ „געלעגנהייט" איז עס געווען? עס איז געווען די געלעגנהייט צו געניסן פון דעם גרויסן אַרויספאָר צו אַ באַוואוסטן ים־רעזאָרט, וואָס די באַוואוסטע פירמע „מעק'מילען און קאָמפּאַני" אָרדנט איין צו איר הונדערט און צענטן יובילײ פאַר די געטרייע און איבערגעגעבענע פאַר־קויפער פון אירע משקאות. אין דעם אַנאָנס האָט זיך מיט אייגצלהייטן דערציילט, ווי אַזוי די פירמע האָט אַפילו אין דעם קריזיס־יאָר אויך געטאָן גוטע געשעפטן און ווי אַזוי די פירער פילן, אַז ניט קיין קליינעם טייל דערביי האָבן אויך געהאַט די פאַרקויפער, וואָס מיט זייער איבערגעגעבנקייט און טריהייט צו די אינטערעסן פון דער פירמע, האָבן זיי געהאָלפן אָנהאַלטן דעם אַלגעמיינעם הויכן ניוואָ פון דער פירמע און ניט לאָזן אים פאַלן. די פירמע פילט דעריבער פאַר איר פליכט מיט וואָס עס איז אָפּצודאַנקען אירע פריינט און אַראַנזשירט דעריבער פאַר זיי אַ גרויסן און גוט־צוגעגרייטן אַרויספאָר צו אַ באַרימטן ים־רעזאָרט, וואו יעדער איינער וועט קענען געניסן פון אַ טאָג פול מיט פאַרגעניגן לויט זיינע וואונטשן און פאַרלאַנגען: אָדער אין אַ געמיטלעכער צעשטרייאונג ביים ברעג פון ים, אָדער, פאַרקערט,

אין רוישיקן און טומלדיקן וואַילגיין, וואָס מען קען געפינען נאָר אין אַזאַ פּלאַץ.

עס איז געווען דער אַדווערטייזינג־קאַמפּיין, וואָס מיסטער אַללען האָט אָנגעפירט, און די אַדווערטייזינג־צוגרייטונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דעם געפּלאַנטן גרויסן אַרויספאַר.

מיט צוויי וואָכן פאַר דעם אַרויספאַר האָט יעדער איינער פון די קנאַפּע צוויי הונדערט משקה־הענדלער אין שטאַט געקראָגן אַ בריוו פון דער פירמע „מעק׳מילען און קאַמפּאַני״. אין דעם בריוו האָט זיך געלייענט:

טייערער הער,

שוין איבער הונדערט יאָר, ווי אונדזער פירמע „מעק׳מילען און קאַמ־פּאַני״ זוכט צו דינען דער געזעלשאַפט דורך צושטעלן איר אַלערליי ווייַנען און אַנדערע שאַרפע משקאות. דורך דער צייט האָט זיך די פירמע אַרויסגע־שטעלט ווי איינע פון די ראַיעלסטע אויף דעם געביט. אַז אונדזער פירמע האָט געוואונען דעם צוטרוי פון די מענטשן, באַווייזט דער פאַקט, וואָס אַפילו אין די הייַנטיקע שלעכטע צייטן טוט אונדזער פירמע נאָך אַלץ בעסערע ביזנעס, ווי אַ סך אַנדערע, און טוט בכלל ניט קיין שלעכטע ביזנעס, נעמענדיק אין אַכט דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד אין לאַנד און דעם אַלגע־מיינעם שטילשטאַנד אין דער גאַנצער אינדוסטריע. מיר פילן, אַז דעם דאָזיקן גוטן צושטאַנד אונדזערן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען ניט נאָר דער גוטער קוואַליטעט פון אונדזער סחורה און דעם גוטן נאָמען, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן, נאָר אויך אין אַ היפשער מאָס אונדזערע פאַרקויפער, די ריטעילערס, וואָס אַרבעטן מיט לייב און לעבן צו פאַרשפרייטן אונדזערע פּראָדוקטן. מיר פילן דעריבער אַ גרויסן חוב צו זיי און אַ פליכט אויסצו־דריקן זיי אויף וועלכן עס איז אופן אונדזער דאַנק און אָנערקענונג.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אָנבאַטראַכט, האָט אונדזער פירמע באַשלאָסן, אין פאַרבינדונג מיטן הונדערט און צענטן יובילײ פון איר עקזיסטענץ, אויסצוטיילן די קנאַפּע צוויי הונדערט פאַרקויפער אונדזערע דאָ אין שטאַט אַ פּרעמיע דורך אַרויסנעמען זיי אויף אַן אַרויספאַר צו איינעם פון די באַ־רימטע רעזאָרט־פּלעצער, זונטאָג דעם עלפטן אָקטאָבער, און געבן זיי אַ מעגלעכקייט צו געניסן פון אַלע פאַרגעניגנס פון אַזאַ פּלאַץ — אויפן רעכע־נונג פון אונדזער פירמע.

מיר האָבן דעם כבוד איך צו מעלדן, אַז איר זייט איינער פון די איינגעלאַ־

דענע און אַז איר ווערט געבעטן זיך צו מעלדן אין דעם באַשטימטן טאָג, זיבן אין דערפֿרי, אויפֿן באַשטימטן פּלאַץ.

האָפֿנדיק, אַז איר וועט אונדזער איינלאַדונג זיכער אָננעמען, פֿאַרבלייבן מיר

מיט גרויס רעספּעקט און דרך־ארץ

„מעק׳מילען און קאָמפּאַני״

ב. ט. ריטשאַרדס, פּרעזידענט.

דער בריוו האָט אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע צווישן די קרעמער און מען האָט ניט אויפֿגעהערט צו רעדן פֿון אים. די קרעמער זיינען געוואויגט געוואָרן צו קריגן פֿאַרשיידענע קליינע פּרעמיעס פֿון די פֿירמעס, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַנדלט, הויפּטזעכלעך דורך די סעילסלייט זייערע, אָבער אַזאַ זאַך איז אין דער אינדוסטריע געווען אַ נייס. אַז אַ פֿירמע זאָל אויסדריקן די קרעמער איר אָפּשאַצונג און אָנערקענונג, און נאָך אויף אַזאַ אופֿן, איז ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט פֿאָרגעקומען. יעדער איינער איז געווען גע־שמייכלט פֿון דער קלוגקייט און גרויסמוטיקייט פֿון דער פֿירמע און געלויבט די געשעפֿטס־פֿאַרשטענדעניש פֿון אירע אָנפֿירער.

דעריבער, ווען דער טאָג איז געקומען, זיינען כמעט אַלע צו דער באַ־שטימטער צייט געווען אויפֿן באַשטימטן פּלאַץ. בלויז אַ פּאָר געציילטע האָבן געפֿעלט, ווייל זיי האָבן ניט געקענט קומען.

עס איז געווען אַ שיינער הארבסטיקער פֿרימאָרגן. דער פּלאַץ, געוויינט־לעך איינער פֿון די רוישיקסטע אין צענטער פֿון שטאָט, איז איצט געלעגן שטיל און איינגעוויקלט אין פֿרימאָרגנדיקער פֿאַרשלאָפֿנקייט און זונטאָג־דיקער רואיקייט. די קרעמער, כאָטש נאָך אויך האַלב־פֿאַרשלאָפֿן, זיינען געווען אויפֿגעלייגט פֿון דער פֿאַרשטייענדער רייזע. זיי האָבן געריבן די אויגן און אַרויסגעטריבן די פֿאַרשלאָפֿנקייט פֿון זיי. באַלד זיינען זיי אַלע געוואָרן אויפֿגעהייטערט און מונטער און, וואַרטנדיק אויף די פֿאַרטרעטער פֿון דער פֿירמע, איז מען געשטאַנען אין העדלעך און געשמועסט.

אַרום האָבן זיך געדרייט רעפּאָרטערס פֿון צייטונגען און פֿאָטאָגראַ־פֿערס. ווי זשוואָוועס מחבלים, האָבן די רעפּאָרטערס געשמעקט און געניש־טערט אַרום די ליקער־לייט און געזוכט עפּעס אַזוינס, פֿון וואָס עס זאָל זיך נאָכדעם לאָזן אויספֿלעכטן אַ מעשה. די פֿאָטאָגראַפֿערס זיינען געווען מזלדיקער. זיי האָבן גלייך איינעם געפֿונען. זיי האָבן באַמערקט צווישן די ליקער־לייט אַן אַלטן מאַן פֿון אַ יאָר פֿינף און זיבעציק, איינגעאַנצן ווייס און גרוי. צווישן די אַלע אַנדערע, וואָס האָבן מערסטנס אויסגעזען יונג, אָדער אין די מיטליאָרן, איז ער געווען ווי אַן אויסנאַם. אַרום אים האָבן געשמייעט

די פאָטאָגראַפּערס און כסדר גענומען פון אים בילדער. עס זיינען געווען נאָך איניקע אַנדערע, וועלכע די פאָטאָגראַפערס האָבן באַטראַכט, ווי טיפּישע פאַרשטייער פון דער ליקער־אינדוסטריע, און געהאַלטן אין בעמען פון זיי בילדער.

די רעפּאָרטערס דערוויל האָבן זיך אויסגעזוכט אַ בייע אַרבעט. זיי האָבן זיך געדרייט צווישן די ליקער־לייט און געזוכט וועמען צו אינטערוויואירן. געווען צווישן די קרעמער ביט קיין געניטע נאָך, יונגעלייט ביט לאַנג אין די ביזנעס. יענע זיינען געווען באַאיוו, און די רעפּאָרטערס מיט זייער חוש האָבן באַלד דערשמעקט, אַז פון אַזעלכע וועלן זיי גאָרנישט אַרויסקריגן. געווען אָבער אַנדערע, „אָלד־טיימערס”, פּיפּיקע ביזנעסלייט, וואָס האָבן גלייך דערשמעקט צוליב וואָס דער גאַנצער טאַראַראַם און טומל, און פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון זיי. יענע האָבן זיך אַליין געשפּאַרט צו די רעפּאָרטערס און געזוכט צו ווערן אינטערוויואירט פון זיי. אַגב האָבן זיי פאַראייניגוועגס געוואָלט קריגן אַביסל „פּובליסיטי”, סיי פאַר זיך און סיי פאַר די ביזנעס זייערע, און געוואָלט זען זייער נאָמען געדרוקט אין דער ציימונג.

די רעפּאָרטערס האָבן געוואָלט אויסגעפינען איין זאַך: — וואָס דענקען די ליקער־לייט וועגן דער פירמע „מעק׳מילען און קאָמפּאַני”?

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ליקער־לייט זיינען שטאַרק באַגייסטערט פאַר איר.

איינער אַ ליקערמאַן האָט געזאָגט:

— די פירמע האָט די פיינסטע פּראָדוקטן פון דער אינדוסטריע...

אַ צווייטער האָט געזאָגט:

— די פירמע האַלט כסדר אין גיין באַרג־אַרויף...

אַ דריטער האָט געזאָגט:

— די פירמע האַלט כסדר אין געווינען נייע פריינט און פאַרערער...

אַ פערטער האָט געזאָגט:

— די פירמע האָט פאַר זיך אַ גרויסע צוקונפט...

אַ פינפטער האָט געזאָגט:

— די פירמע האָט מיך געשטעלט אויף די פיס. ביזנעס איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און איך האָב שוין געהאַלטן גאָר שלעכט. האָט מיר גאָט אַריינגעגעבן אַ געדאַנק, איך זאָל אַריינגעמען די מעק־מילען פּראָדוקטן, בין איך צוריק אויפגעריכט געוואָרן. איך שטיי צוריק אויף מיינע פיס. אַ דאַנק גאָט פאַר דער פירמע...

אַ זעקסטער האָט געזאָגט:

— מיינע ביזנעס זיינען אין אַ געהויבענער געגנט: לויטער פּראָפּע־

סיאַנאַלן און געשעפּטסלייט וואוינען דאָרט. אַבי קיין ביסל משקה וועלן זיי ניט פאַרזוכן. איז פאָדערן זיי ביי מיר נאָר די מעק/מילען פּראָדוקטן...

אַ זיבעטער האָט געזאָגט:

—איך האַנדל מיט פאַרשיידענע פירמעס, אָבער איך בין זיכער, אַז דאָס איז די ראַיעלסטע...

אַרום דעם אַלטן זיינען געשטאַנען ניט אין רעפּאָרטער, נאָר עטלעכע. מיט זיין טיפער עלטער, איינדרוקספולער פיגור און ווייס־גרויער באָרד, האָט ער אויסגעקוקט באַזונדערס אימפּאָזאַנט. מיט אַ גלאָסענער און וויר־דיק־קלינגענדיקער שטימע, האָט ער זיי דערקלערט:

—איך וואָלט זיך לאַנג שוין צוריקגעצויגן, איבערגעגעבן די ביזנעס צו מיינע קינדער. צו וואָס דאַרף אַזאַ אַלטער מאַן ווי איך נאָך אַרבעטן? אָפּגעשטאַנען פינף און פערציק יאָר — איז גענוג. איז אָבער די מעק/מילען פירמע האַלט מיך צו... שווער איבערצורייסן מיט איר. אַזאַ פיינע באַציאונג פון דער מענעדזשמענט, אַזאַ קאָרעקטע באַהאַנדלונג, אַזאַ פּינקטלעכע באַדינונג — שווער זיך גאָר אָפּצולויבן... וועגן די פּראָדוקטן איז דאָך אָפּגערעדט: דער עולם צעצוקערט זיי פשוט...

די רעפּאָרטערס האָבן געהאַלטן זייערע נאָטיץ־ביכלעך און פלינק פאַר־שריבן, וואָס די ליקערלייט האָבן זיי איבערגעגעבן.

דערווייל זיינען אָנגעקומען די פאַרטרעטער פון דער פירמע, מיסטער עדעמס און מיסטער אַללען. סיי דער עולם און סיי די רעפּאָרטערס האָבן זיך געוואָרפן צו זיי. ביידע האָבן זיך אַנטשולדיקט, וואָס זיי האָבן זיך פאַר־שפּעטיקט אַ ווײַלע, נאָר סיי־ווי זיינען נאָך די באַסעס ניט אָנגעקומען און דער אַרויספאָר וועט זיך נישט אָנפאַנגען ביז פאַר אַכט אַ זייגער.

— דערווייל, חברה — האָט זיך מיסטער אַללען אָפּגערופן — וועלן מיר אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסן אָנבייסן. קיינער פון אייך האָט נאָך מסתם ניט געהאַט קיין פרישטיק. הייַנט זייט איר די געסט פון אונדזער פירמע און מיר האָבן די פליכט צו אונטערהאַלטן אייך און זען, אַז איר זאָלט ניט הונגערן — טאַקע פון אין דער פרי אָן, ביז איר קומט צוריק צו דער טיר...

— האָט ער מיט אַ געלעכטערל און אין שפּאַס געזאָגט.

אַלע, די ליקערלייט ווי די רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפערס, ווי אויך די צוויי פאַרטרעטער פון דער פירמע, זיינען אַוועק אין דעם דערבייאיקן רעסטאָראַן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט צופעליק זיינען זיי פאַרגאַנגען אַהער, נאָר אַלץ איז שוין געווען פאַרזאָרגט און צוגעגרייט פון פריער. די טישן זיינען געווען סערווירט און די וויטערס זיינען געשטאַנען גרייט מיט די ווייסע האַנטעכלעך אין האַנט צו נעמען אָרדערס.

מען האָט זיך געזעצט אַרום די טישן.

— דער אָנבייסן איז ניט קיין אייגהייטלעכער — האָט געמאָלדן מיסטער אַללען — יעדער איינער קאָן זיך אויסקלייבן און אָרדענען, וואָס ער וויל און וואָס זיין האַרץ גלוסט: פון אַ פיינקוכן ביז אַ סטייק... משקה וועט אויך ניט פעלן: דער רעסטאָראַן איז פאַרזאָרגט געוואָרן מיט דעם דורך אונדזער פירמע איבערגעבונג...

עס איז געוואָרן אַ געדרוקעריי פון די שטולן און אַ געבראַזגעריי מיט די טעלער און לעפל. דער עולם האָט זיך גענומען באַקוועם איינזעצן און די וויטערס האָבן אָנגעהויבן דערלאַנגען. דער עולם האָט זיך שוין היפש אויסגעהונגערט און געגעסן מיט אַפּעטיט. פון דעם רעסטאָראַנס „באַר" האָט מען געהאַלטן אין טראָגן פלעשער מיט משקה — אַלע פון דער מעק'מילען פירמע. דער עולם האָט געגעסן און געטרונקען און פריילעך זיך דורכגעשמועסט איינער מיטן אַנדערן. ביי אַ סך איז געווען די שטימונג אַזוי געהויבן, אַז מען האָט אָנגעהויבן קנאַקן מיט וויצן און וואַרפן זיך מיט ווערטלעך און אַנדערע פריילעכע באַמערקונגען.

די רעפּאָרטערס האָבן באַוויזן פליגק אָפּצועסן און ווען דער עולם איז נאָך געווען אין מיטן, האָבן זיי שוין געהאַלטן אין פאַרשרייבן עפּעס אין זייערע נאָטיץ־ביכלעך.

פלוצלונג האָט זיך מיסטער אַללען אויפגעשטעלט:

— פריינט! — האָט ער זיך געווענדעט צום עולם — די באַסעס זיינען שוין גרייט און מיר פאָרן באַלד אָפּ פון דאַנען. אָבער איידער מיר הויבן זיך אויף פון די טישן, וויל איך פאַר אייך פאָרשטעלן דעם הויפּט־פאַרוואַלטער פון אונדזער פירמע, מיסטער עדעמס, וועלכער וויל צו אייך רעדן אַ פּאָר ווערטער.

אַלע זיינען געוואָרן שטיל און אויפמערקזאַם.

עס האָט זיך אויפגעשטעלט מיסטער עדעמס, לייכט אָנגעטאָן אין אַ ספּאָרטישן רייזע־זשאַקעטל. אַלע האָבן געווענדעט זייערע בליקן צו אים.

— דזשענטללייט! — האָט ער געזאָגט — איר ווייסט אַלע פון וועמען דער היינטיקער אַרויספאָר איז אַראַנזשירט געוואָרן און צו וואָס פאַר אַ געלעגנהייט. אונדזער פירמע, האָבנדיק אַלע מאָל אין זינען די אינטערעסן פון אירע קאָסטאָמער און פונם פובליקום בכלל, זשאַלעוועט קיינמאָל ניט קיין מי צו דינען דעם דאָזיקן פובליקום און נאָכצוקומען זיינע פאַרלאַנגען און פאָדערונגען. מיר לאָזן ניט דורך פון אונדזער אויג קיין שום זאַך, וואָס זאָל דינען אויסצובעסערן סיי אונדזערע פּראָדוקטן, סיי דעם מעטאָד פון צושטעלן זיי צום פאַרברויכער. אין דער היגזיכט האָבן מיר אַ סך דערגרייכט. מען קען זאָגן, אַז ביי היינטיקן טאָג שטייט אונדזער פירמע אין פאָדער־פראָנט פון דער גאַנצער אינדוסטריע און איז באַליבט, סיי ביי אירע

קונדן, סיי ביי די אַלע מיט אַ פּיינערן געשמאַק און מיט אַ פיינערן זין פאַר אַ בעסערער ביסל משקה. די וואָס יאָגן זיך נאָך אַ פיינערן געטראַנק, האָבן עס געפונען ביי אונדז. מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם און שעמען זיך עס ניט צו פראָקלאַמירן פאַר דער גאַנצער וועלט — אַז די יעניקע, וואָס האָבן פון אונדז ניט געהערט, אָדער אונדז נאָך ניט דערגרייכט, זאָלן האָבן די געלעגנהייט דאָס נאָך צו טאָן.

— היינט צו טאָג — האָט ער ווייטער פאַרגעזעצט — ווילן מיר אויס־דריקן אונדזער אָנערקענונג און דאַנק צו די קרעמער פון אונדזער שטאָט, צו די ריטעיל־פאַרקויפער, וואָס האָבן אַזוי פיל מיטגעהאָלפן צו דער פאַר־שפרייטונג פון אונדזערע פּראָדוקטן און צו דעם שיינעם נאָמען, וואָס אונדזער פירמע האָט זיך דערוואָרבן. מיר דאַנקען אייך און פּרעזענטירן אייך מיט דעם דאָזיקן אַרויספאַר. דער אַרויספאַר וועט האָבן אין זיך אַ סך פאַרוויי־לערישע זייטן, אָבער פּונקט ווי היינט דאָ ביים אָנבייסן, וועט יעדערער פריי זיין אויסצוקלייבן, וואָס אים וועט געפעלן. איר קענט זיך היינטיקן טאָג לאָזן וואוילגיין אויפן רעכענונג פון אונדזער פירמע, ווייל דער וואוילזיין און גליק פון די מענטשן — און אין דעם פאַל פון אייך — איז דער גרעסטער וואונטש אונדזערער. מיר האָפן, אַז ווען דער טאָג וועט זיין אַריבער און יעדער איינער וועט זיך אומקערן צוריק אַהיים און, מאָרגן, צו זיינע ביזנעס, וועט זיך יעדער איינער פילן דערהויבן און באַרייכערט מיט אַ נייער דערפאַרונג, און וועט זיך מיט נייער ענערגיע אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט פון העלפן נאָך שטאַרקער אויפבויען אונדזער פירמע און צוברענגען אירע נוצלעכקייטן צו נאָך טויזנטער און טויזנטער מענטשן אין שטאָט לטובת דעם אַלגעמיינעם פּובליקום און לטובת דער גאַנצער אינ־דוסטריע. איך דאַנק אייך, מיינע הערן!...

— הוראַ! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון די מיילער פון די קנאַפע צוויי הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געזעסן ביי די טישן — הוראַ פאַר מיסטער עדעמס! הוראַ פאַר מיסטער אַללען! הוראַ פאַר „מעק'מילען און קאָמפּאַני"!

דער עולם איז געווען באַגייסטערט און אין זייער אַ געהויבענער שטי־מונג. קענטיק, מיסטער עדעמסעס ווערטער האָבן אַלעמען צוגעטראָפן און באַפרידיקט.

דער עולם האָט זיך גענומען אויפשטעלן און געוואָלט שוין אַרויס פון די טישן. אָבער מיסטער אַללען האָט אַלעמען פאַרהאַלטן:

— עס וואָלט געווען אַ שאָד, ווען אַזאַ שיינע פאַרזאַמלונג מיט אַזאַ געהויבענער שטימונג, זאָל ניט בלייבן פאַרפיקסירט אויף שטענדיק. וואַרט צו אַ מינוט...

דער עולם האָט באַמערקט, ווי אַ גרויסער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט

איז אָנגעשטעלט אויף זיי און זוכט אָפּצופּאָרטרעטלען, ווי זיי זיצן אַלע אַרום די טישן אין דער געהויבענער אַטמאָספערע. יעדער איינער האָט געזוכט צו אויסקוקן ערנסט און אַרויסקומען וואָס בעסער. מען האָט זיך באַקוועמער איינגעזעצט אין די שטולן און געזוכט אָננעמען שענערע פּאָזעס. מיסטער עדעמס האָט זיך אויפגעשטעלט און אַוועקגעשטעלט זיך אין דער זעלבער פּאָזע, אין וועלכער ער איז פריער געשטאַנען, האַלטנדיק זיין רעדע.

— איין מינוטקעלע — האָט דער פאָטאָגראַפער אויסגערופן.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָר ליקערלייט, אויסגעבעסערט זייערע זיץ־פּאָזיציעס, געהייסן אַלעמען זיין רואיק און אויפגעליגט, און זיך אומגעקערט צוריק צו זיין אָרט ביים אַפּאַראַט. נאָך אַ פּאָר קליינע אויסבעסערונגען — און אין דער לופט האָט, ווי אומדערוואַרט, אויפגעבליצט אַ שטאַרקע בלוילעכע ליכט און מאָמענטאַל זיך אויסגעלאָשן.

— שוין, איך דאַנק אייך — האָט דער פאָטאָגראַפער אויסגערופן.

— מאָרגן וועט איר זיך זען אויף דעם דאָזיקן בילד אין אַלע צייטונגען — האָט מיסטער אַללען געזאָגט.

דער עולם איז געווען דערהויבן און צופרידענע געלאָזט זיך אַרויסגיין פון עס־זאַל.

אין דרויסן האָבן שוין געוואַרט די באָסעס.

דער עולם האָט פון פריער געוואוסט, אַז מען וועט פאָרן מיט באָסעס. אַזוי איז געשטאַנען אין דעם בריוו. נאָר אַז מען איז אַרויס אין דרויסן, האָט יעדערער דערזען פאַר זיך אַ סיורפּריז: ניט ווייט פון רעסטאָראַן, אויפן אָפענעם סקווער, זיינען געשטאַנען פינף ריזיקע באָסעס, וואָס עס איז שווער געווען צו דערקענען, אַז דאָס זיינען באמת באָסעס. גיכער האָבן זיי אויסגעקוקט, ווי אויסגעפוצטע וואַגאָנעס, אין וועלכע עס דאַרפן זיך אַריינזעצן ווער ווייסט וועלכע באַרימטע מענטשן, אָדער ווי חתונה־קאַרעטן, אין וועלכע עס דאַרפן זיך אַריינזעצן חתן־כּלה צוזאַמען מיט די מחותּנים. די באָסעס זיינען געווען איינגעטונקט אין קאָלירפולע סטענגעס, פענדלעך און אַלערליי אויפשריפטן. אין פראָנט איז דער מאָטאָר־קאַסטן געווען איינגעהילט אין אַ קרעטאָנענעם צודעק פון די נאַציאָנאַלע קאָלירן און האָט גיכער אויסגעזען, ווי אַ קליינער אָרון־קודש. צום סאַמע נאָז פון מאָטאָר איז געווען צוגעטשעפּעט אַ גרויסער קראַנץ פון קינסטלעכע בלומען און אין מיטן פונעם קראַנץ איז געווען אויסגעפלאָכטן — טאַקע אויך פון בלומען — די איניציאַלן פון „מעק׳מילען און קאָמפּאַני״ און צוגעגעבן מיט באַגילדעטע אותיות אויף אַן אַריינגעשטעלטן טאָוול: „הונדערט און צען יאָר פון עקזיסטענץ״. פון ביידע זייטן מאָטאָר זיינען געווען אַריינגעשטעלט נאַציאָנאַלע פענדלעך, וואָס האָבן דער גאַנצער אונטערנעמונג צוגעגעבן אַ נאַציאָנאַלן קאָליר און נאַציאָנאַלע

חשיבות. אויף ביידע זייטן פון יעדן באָס, איבער דער גאַנצער לענג זייערער, זיינען געהאַנגען גרויסע פּלאַקאַטן מיט ריזיקע אותיות: „מעק׳מילען און קאָמפּאַני — פאַרקויפער און צעטיילער פון שאַרפע משקאות”. אינעווייניק זיינען די באָסעס געווען באַצירט מיט אויפשריפטן און סטענגעס, וואָס האָבן באַגריסט די ליקערלייט און געוואונטשן זיי אַ פריילעכן און פאַרגעניגנספולן טאָג. פון הינטן פון יעדן באָס איז געהאַנגען אַ פלאַקאַט, וואָס האָט זיך געלייענט: „נוצט די מעק׳מילען משקאות — איר וועט דערפון פּראָפיטירן”.

די ליקערלייט זיינען געווען אַנגענעם איבערראַשט פון דעם בילד. עס האָט צוגעגעבן חשיבות, סיי דעם אַרויספאָר זייערן, סיי זיי אַליין, און האָט דערגאַנצט די געהויבענע שטימונג, וואָס האָט זיך געשאַפן ביי זיי ביים עסן אין רעסטאָראַן.

אָבער ניט ווייניקער איבערראַשט און געשמייכלט זיינען זיי געווען פונעם עולם, וואָס האָט זיך דאָ צונויפגעזאַמלט צו זען זיי אָפפאָרן. די באָסעס האָבן זיך געפונען אויף אַ גרויסן סקווער און נישט געקוקט אויף דער פריער שעה און אויף דעם זונטאָג־טאָג, זיינען אַ סך מענטשן דאָ געווען צונויפגעזאַמלט. עס זיינען געווען דאָ מענטשן, וואָס זיינען געקומען אַהער, אָדער צופעליק פאַרבייגעגאַנגען, צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן און צילן. עס זיינען געווען דאָ קודם כל די פאַרשיידענע אָנגעשטעלטע און אָפיס־מענטשן פון דער מעק׳מילען פירמע, וואָס זיינען אָדער אָנגעזאָגט געוואָרן, אָדער אַליין פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן דאָ זיין. עס זיינען, ווייטער, געווען די, וואָס זיינען עקסטרע געקומען באַאָבאַכטן דעם אַרויספאָר, לייענענדיק וועגן דעם מיט אַ טאָג פריער אין די צייטונגען. עס זיינען אויך געווען אַנדערע, גלאַט ליידיק־גייער און פאַרבייגייער, וואָס דורכגייענדיק דעם סקווער און דערזעענדיק די אויסגעפוצטע באָסעס, זיינען זיי פון קוריאָזיטעט וועגן צוגעקומען און געבליבן שטיין, צו זען וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

די אַרויספאָרער זיינען געווען צופרידן מיטן גאַנצן טאַראַראַם און מיטן עולם, וואָס איז, אַזוי אָדער אַנדערש, געקומען זיי באַגלייטן, און האָבן זיך גוטמוטיק דורכגעשטופּט דורך אים.

מען האָט זיך אויפגעזעצט אין די באָסעס. די פאַרטרעטער פון דער פירמע, מיסטער עדעמס און מיסטער אַללען, זיינען אויך אַריין. זיי זיינען אַריין אין דעם ערשטן באָס און געזעצט זיך צוזאַמען אין דער ערשטער ריי, וואָס איז געווען רעזערווירט פאַר זיי.

די גאַנצע צייט האָבן די פאָטאָגראַפערס געהאַלטן אין איין אַרבעטן מיט זייערע אַפּאַראַטן, פאַרצייכענענדיק יעדן קער און ריר פון די אַרויס־פאָרער: ווי זיי שטייגן אַריין אין די באָסעס, ווי זיי קוקן אַרויס דורך די

פענצטערלעך, ווי זיי וואַרפן זיך דורך מיט באַמערקונגען מיט דיביישטייער־דיקע, און אַזוי ווייטער. דער אַרומיקער עולם איז אויך ניט דורכגעלאָזט געוואָרן און איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן פון די פּאַטאַגראַפערס אין דער אַלגעמיינער שפּיל: בילדער זיינען גענומען געוואָרן אויך פון אים — סיי פון אַלע צוזאַמען און סיי פון איניקע באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע טיפּן. דער גאַנצער פאַרזאַמלטער עולם, וואָס איז בלויז געקומען אַלס זייטיקע צוקוקער, האָבן זיך מיט־א־מאָל דערפילט, ווי מיטמאַכער פון דעם גאַנצן אַרויספאָר און ווי מיטגלידער פון דער מעק־מילען משפחה. יעדע־רער האָט געדולדיק געוואַרט, ביז דער אַפּאַראַט וועט דורכמאַכן זיינע צו־גרייטונגען און געפילט אַ פליכט אין זיך מיטצוהעלפן, אַז אַלץ זאָל אַרויס־קומען ווי אַמבעסטן.

ענדלעך האָט דער האָרן פון דעם ערשטן באַס אַ בלאָז געטאָן און אַלע אויטאָמאָבילן האָבן זיך גענומען רירן. די פּאַסאַזשירן אינעווייניק האָבן דורך די פענצטערלעך אַרויסגעשטעקט די קעפּ זייערע און טומלדיק צוגע־וואָרפן אַ הילכיק־פריילעכן „זיי־געזונט" צו די געבליבענע. יענע זיינען ניט געבליבן שולדיק און פונקט אַזוי טומלדיק און הילכיק צוגעוואונטשן אַ „פריילעכע רייזע." איניקע האָבן געפאָכעט מיט די הענט און צוגעוואָרפן צו די באַסעס חכמהדיקע וואויל־יונגערישע באַמערקונגען. אַ ווילע זיינען נאָך אַלע געווען פריילעך און אונטער דער שטימונג פון דעם אומזיסטן „פאָן", וואָס מען האָט דאָ געקראָגן. באַלד אָבער האָט זיך די שטימונג גע־נומען אויסוועפן און יעדערער האָט זיך דערפילט לעקישעוואַטע און נאַ־ריש, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. מען איז געשטאַנען און געוואַרט נאָך אַ ווילע, ביז די אויטאָמאָבילן האָבן זיך אויסגעדרייט און פאַרקערעוועט ער־געץ אין אַן אַנדער גאַס, און ביסלעכווייז זיך אַנגעהויבן פאַנאַנדערצוגיין.

אין די אויטאָמאָבילן איז געווען פריילעך און לעבעדיק. דער עולם האָט זיך געפונען אונטערן איינדרוק פונעם גאַנצן פרימאָרגן און איז געווען מונ־טער און אויפגעלייגט. די צינגער האָבן זיך ביי אַלעמען צעבונדן און מען איז געזעסן איינער מיטן אַנדערן און פריי געפלאַפּלט. פון איבער בענק האָט מען זיך אַריבערגעוואָרפן מיט חכמהלעך און וויצן. אַנדערע האָבן פאַרבונדן מיט שכנים אַן ערנסטן שמועס וועגן ביזנעס.

די באַסעס האָבן זיך אַ ווילע געדרייט דורך ברייטע און שמאָלע גאַסן אין צענטער פון שטאָט און זיינען באַלד צוגעקומען צום טונעל, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון שטאָט און געפירט צו אַ ברייטן געפלאַסטערטן וועג, וואָס האָט זיך צעצוויגט אין פאַרשיידענע ריכטונגען — איינע פון זיי צום גרויסן ים־רעזאָרט. די גאַסן זיינען אַ גאַנצע וואָך געווען טומלדיקע,

שרייענדיקע. אַ היפּשער טייל פֿונעם שטאָטישן האַנדל איז דורך זיי דורכגעגאַנגען. באָסעס און טראָקס, און גלאַט אַזוי וועגענער און אויטאָמאָבילן, האָבן זיך געשפּאַרט פֿון ביידע זייטן, געשטופּט זיך איינע אויף די אַנדערע, און געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אַרויס פֿון דער ענגשאַפֿט. דער ברוק האָט זיך געטרייסלט אונטער דער לאַסט פֿון שווערע וועגענער און די פֿענצטער האָבן געציטערט פֿון דער אויפֿגעטרייסלטער לופֿט, וואָס עס האָבן אָנגעמאַכט די שווער־אָנגעלאָדענע טראָקס, שיר ניט די גרויס ווי באַן־וואַגאָנען. דאָס בלאָזן פֿון די האָרנס און דאָס קרעכצן פֿון די וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט סחורה, האָט פֿאַרהילכט די לופֿט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אַפֿילו אין מיטן דער נאַכט ניט געגעבן קיין רו. איצט איז דאָ געווען טויט־שטיל, ווי אויסגעשטאָרבן, ווי דער גאַנצער האַנדל וואָלט מיט אַ מאָל איינגעזונקען ערגעץ און ווי די קולות וואָלטן ערגעץ־וואו פֿאַרשוואונדן. אַלץ האָט עדות־געזאָגט, אַז היינט איז זונטאָג און אַלץ איז אָפּגעשטעלט געוואָרן צו געבן אַ מעגלעכקייט אויך די גאַסן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און אויסרוען זיך פֿון טומל און געפּילדער.

געציילטע מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען פֿאַרביי און אָפּגעשטעלט זיך אַ ווײַלע צו כאַפּן אַ קוק אויף די מאָדנע באָסעס און מאָדנע דורכפֿאָרער. די מענטשן אינעווייניק זיינען נאָך געווען פֿאַרנומען מיט זיך און ניט געלייגט אויף זיי קיין אַכט.

באַלד זיינען די באָסעס אַרויסגעפֿאָרן פֿון טונעל און פֿאַרנומען זיך אויף אַ ברייטן הייכוועג. דער וועג איז געווען אַ געבעטער, אַ שווערער, איינגענומען אין קאָנקריט און בעטאָן, נאָר געצויגן האָט ער זיך ניט אייבערן באָדן, נאָר העכער פֿונעם באָדן, אָנגעשפּאַרט אָן דיקע זיילן — אויך פֿון קאָנקריט און בעטאָן געמאַכטע — אַזוי ווי אַ בריק. אונטן, אונטערן „בריק", און פֿון ביידע זייטן אַרום, האָט זיך געצויגן אַ ברייטער טאָל, פֿאַרשטעלט און אָנגעוואָרפֿן מיט טויזנטער זאַכן. דאָ האָבן זיך געצויגן פֿעלדער פֿאַרשאָטענע מיט שטאָטישן אָפּפֿאַל און מיסט, פֿון וועלכע דער געשטאַנק איז דערגאַנגען אויך צו דעם הייכוועג, און דאָ האָבן זיך אויך געפֿונען פֿעלדער, פֿאַרוואָרפֿענע מיט ברוכוואַרג פֿון הונדערטער אויטאָמאָבילן און טראָקס און אַנדערע שווערע מאַשינען.

אָבער, ווי שמוציק און אומעסטעטיש דער טאָל האָט ניט אויסגעזען, איז ער אָבער, ווייזט אויס, געווען אַ וויכטיקער נערוו אינעם שטאָטישן קערפּער און אַ וויכטיקער קנופּ, וואָס האָט פֿאַרבונדן די שטאָט מיט דער אַרומיקער וועלט. דורך דעם קנופּ, ווייזט אויס, האָט זיך געצויגן לעבן און צעפֿלאָסן זיך אין אַלע טיילן שטאָט, אין אַלע ווינקלען אירע, צושטעלנדיק זיי אַ היפּש ביסל פֿון זייערע באַדערפֿענישן. איצטער האָט דער דאָזיקער

קנופּ געדרוט צוליב זונטאָג. אָבער אַ גאַנצע וואָך, ווייזט אויס, האָט ער געקאָכט און געזאָטן, און געברענט מיט באַוועגונג. די צענדליקער ליניעס זײַנען אַן עדות אויף דעם, די צענדליקער באַנען און הונדערטער וואַגאָנעס. און וואָס פֿאַר אַן ענגשאַפֿט! וואָס פֿאַר אַ צונויפֿגעשפּאַרטקייט! ווי טויזנ־טער הינטלעך, וואָס שפּאַרן זיך צו דער מאַמעס ברוסט און קריכן איינס אויפֿן אַנדערן. און וואָס פֿאַר אַ געמיש! וואַגאָנעס פֿון מילך און וואַגאָנעס פֿון קוילן, וואַגאָנעס פֿון אויל און וואַגאָנעס פֿון פֿלייש! אַלץ — אין דעם דאָזיקן קנופּ, אין דעם דאָזיקן געדרענג, אין דעם דאָזיקן טאָל! מען דאַרף זײַן אַ מייסטער אַן אינזשעניער צו קענען דאָס אַלץ אויספּלאַנירן, צעשטעלן, וויסן וואו וואָס עס געפֿינט זיך, און ווי אַזוי עס פֿון דער דאָזיקער געדרענ־געניש נאָכדעם אַרויסצוקריגן. אָבער, ווייזט אויס, פֿאַראַן גרויסע מענטשן אויף דער וועלט! די דאָזיקע מענטשן האָבן די ליניעס אויסגעלייגט, און זיי, ווייזט אויס, וויסן ווי זיי פֿאַרנאַנדערצוגעמען. זיי האָבן די אַלע באַנען און וואַגאָנען אויסגעשטעלט, און זיי וועלן זיך שוין פֿאַרנאַנדערקלײַבן, ווי אַזוי זיי פֿון דאָרט אַרויסצופֿירן.

קוקנדיק פֿונעם הויכוועג אַרונטער, האָבן די הונדערטער באַנען און וואַגאָנען געמאַכט אַן אײַנדרוק פֿון אַ ריזיקער מאַשין, וואָס האָט זיך מיט אימפּעט באַוועגט אין דער ריכטונג פֿון שטאָט און פּלוצלונג געמוזט בלײַבן שטיין, — ווי דער אָטעם וואָלט איר פּלוצלונג פֿאַרכאַפּט און ווי דער אימפּעט וואָלט פּלוצלונג זיך אויסגעלאָזט פֿון איר.

עס איז געווען דער זונטאָג, וואָס האָט די באַוועגונג אָפּגעשטעלט און אויסגעצויגן דעם חיות פֿון די שווער־סאָפּענדיקע לאָקאָמאָטיוון און שנעל זיך באַוועגנדיקע רעדער. איצט ליגן זיי אויסגעצויגן און וואַרטן דער זונטאָג זאָל אָוועקגיין און דער אָטעם זאָל אין זיי צוריק אַרײַנגעבלאָזן ווערן און זיי זאָלן זיך צוריק קענען אָנהויבן באַוועגן און פֿאַרזעצן דעם איבערגעהאַקטן מאַרשרוט.

אָבער דערווײַל איז זונטאָג פֿרי. שטייען שטיל אויך די ריזיקע קוימענס פֿון די פֿאַבריקן, וואָס שטייען דאָ ניט ווייט דערבײַ און קוקן ווי גולמס אין הימל אַרײַן. אַ גאַנצע וואָך האָבן דאָ די מאַשינען געסאָפּעט מיט כּוח, געטאָטעמט און געשליידערט און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך טויזנטער טאָנען סחורה. איצט ליגן זיי באַוועגלאָז, ווי די פּגרים, שיִר ניט ווי די שטיקער ברוכוואַרג, וואָס ליגן צעוואָרפֿן אויף די פֿעלדער קעגנאיבער. זײַנען זיי אין כּעס, זײַנען זיי בייז, וואָס דער זונטאָג האָט פּלוצלונג זייער באַוועגונג אָפּגעשטעלט און אײַנגעצאַמט זייער ריזיקן כּוח. אָבער קעגן זונטאָג קען מען זיך ניט שטעלן — ער איז שטאַרקער! איז מען דערווײַל אַליין פֿאַר־זונקען אין זונטאָג־אָפּרו און מען כאַפּט אַ טיפֿן דרעמל, ווי דער האָרע־

פּאַשבער שווער־פּאַרהאַרעוועטער מענטש, וואָס האָט מיט זיך זונטאָג ניט וואָס צו טאָן און שלאָפט דעריבער אָפּ דעם גאַנצן טאָג.

די ליקערלייט האָבן אַראָפּגעקוקט פון די באָסעס אין טאָל און זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פונעם בילד. אַ סך פון זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערפילט דעם ריזיקן אָטעם פון דער שטאָט און צום ערשטן מאָל דערזען דורך וואַנען עס קומט אַריין דער מילך, וואָס זיי טרינקען אין די קאַווע, און דער אויל און קוילן, וואָס מאַכט זיי וואַרעם זייערע וואוינונגען. זיי האָבן אַראָפּגעקוקט אונטן מיט קוריאָזיטעט און קינדערשער בייגעריקייט.

באַלד אָבער האָבן די באָסעס פאַרלאַנגזאַמט זייער פאָרן און פאַרנומען זיך פונעם הויכוועג אַרונטער אויף די זייטיקע וועגן אין טאָל. קענטיק, עס איז ניט געווען אינטערעסאַנט פאַר זיי צו פאָרן מיטן הויכוועג, וואָס כאָטש ער איז געווען גלאַט און אָן שטערונגען, איז ער אָבער געווען צו אומעטיק און בישט האַרמאָנירט מיט אַ זייטיקן, אָבער אויך גאַנץ וויכטיקן, ציל פון אַרויספאַר: צו פּאָפּולאַריזירן די מעק־מילען פּראָדוקטן אויפן גאַנצן וועג, וואו מען קען עס נאָר טאָן. מיסטער אַללען און מיסטער עדעמס האָבן נישט געוואָלט דורכלאָזן די מינדסטע געלעגנהייט, און דער הויכוועג מיט אַלע זיינע מעלות האָט פאַר דעם ניט געטויגט: מער ווי פאַרבייפאָרנדיקע האַלב־לײדיקע מאַשינען האָט מען שוין אויפן וועג ניט געקענט אָנטרעפן, און די זיינען אויך געווען זעלטן אין דער דאָזיקער זונטאָגדיקער מאָרגן־שעה.

די באָסעס האָבן זיך פאַרנומען אָן אַ זייט און אַרונטערגעלאָזן זיך מיט די זייטיקע וועגן אונטן אין טאָל. דאָרטן איז שוין געווען פריילעכער. דאָרט זיינען געלעגן שטעטלעך און שטעטעלעך, וואָס האָבן זיך האַרט געצויגן איינס נאָכן אַנדערן, ווי פּערל אָנגעצויגן אויף אַ שנור. אײדער עס האָט זיך געענדיקט איין שטעטל, האָט זיך שוין באַלד אָנגעהויבן אַ צווייטס, און אויב ניט, איז כאָטש אַ פאַרם געלעגן אין מיטן, וואָס האָט ניט געלאָזן פאַרשווינדן דעם מין מענטשלעכן ישוב.

אויך דאָ איז אַלץ געווען איינגעוויקלט אין זונטאָג־רו און אָפּגעשטעלט דעם אָטעם פאַר אַ טאָג. די געזאָלין־סטאַנציעס איז געשטאַנען פוסט און דער „דאַינער" און „לאָנטש־רום" זיינען געווען פאַרשלאָסן, אַזוי אויך די סאָדאַ און קענדי־איינריכטונגען, ווי אויך די אַלע אַנדערע שטעלכלעך און בײדלעך, וואָס שפּראָצן אויפן וועג און ציען זייער חיונה פונעם פאַרבייפאָרנדיקן עולם.

אָבער דאָך איז דאָ פאָרט געווען אַן אָדער פון לעבן און הויפּטזעכלעך דאָס, וואָס די באָסעס האָבן געדאַרפט: פאַרבייגייענדיקע מענטשן. די קליי־נע הילצערנע און סטאָקאָ־הייזלעך זיינען געשטאַנען פאַרשלאָפן און אויך געענאָסן פון זייער חלק זונטאָג־רו. אָבער די מענטשן אינעווייניק זיינען

שוין מערסטנס געווען אויפגעשטאַנען און ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן אַרויס־רוקן אויף דער גאַס. עס איז געווען די צייט פון מאָרגנדיקן דאַוונען און די פרומע איינוואוינער פון די שטעטלעך זיינען געגאַנגען אין די קירכן. די פנימער זיינען נאָך געווען פאַרשלאָפן, די אויגן אָנגעפילט מיט ערנסטקייט און פרומע מחשבות, אָבער דער אויסטערלישער קליינער פאַראַד פון די באָסעס האָט זיי באַלד אויפגעטשוכעט און איבערגעווענדט זייערע בליקן און געדאַנקען צו זיך.

די באָסעס האָבן פאַרלאַנגזאַמט זייער באַוועגונג און גענומען פאָרן פאַמעלעך, ווי זיי וואָלטן פלוצלונג אַראָפּגעפאָרן פון אַ האַרטן גוט־געפלאַס־טערטן קאָנקריט־וועג אויף עפּעס אַ ווייכן זומפּיקן און גריבערדיקן זייט־וועג, וואו מען דאַרף זיין זייער פאָרזיכטיק און היטן יעדן טראָט.

די שטעטלדיקע קירכן־גייער האָבן אויך פאַרלאַנגזאַמט זייער אַזוי אויך געלאַסענעם טראָט און באַלד אינגאַנצן געבליבן שטיין. די מאָדנע פאַר־בייפאָרער און די ריזיקע מאָדנע און יום־טובדיק פאַרפּוצטע באָסעס האָבן זיי געחידושט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן און געוואונדערט זיך, ווער עס קענען דאָס זיין די, וואָס זיצן אינעווייניק, און וואוהין פאָרן זיי עס אַזוי יום־טובדיק און פריילעך אין דער פריער שעה.

די פאָרער אינעווייניק האָבן באַמערקט זייער נייגעריקייט און דורך די פענצטערלעך אַרויסגעשריען און אויפגעקלערט זיי:

— אונדזער פירמע גיט אונדז אַ פרייע רייזע מיט אַ „גוד־טיים״!...

די שטעטלדיקע איינוואוינער האָבן שוין אַליין באַמערקט און איבער־געלייענט די אויפשריפטן אויף די גרויסע פּלאַקאַטן: „מעק׳מילען און קאָמ־פּאַני״ — פאַרקויפער און צעטיילער פון שאַרפע משקאות.״

די ליקער־לייט אינעווייניק האָבן דערווייל געוואָרפן צורופן און צו־געגעבן חשק די צוקוקער:

— קויפט די מעק׳מילען שנאַפּס — האָבן אייניקע אויסגערופן — עס טרינקט זיך לייכט און גלאַטיק.

— קויפט די מעק׳מילען וויין־פּראָדוקטן — האָבן אַנדערע צוגעשריען — איר וועט אונדז נאָכדעם דאַנקבאַר זיין.

אָבער די שטעטלדיקע נייגעריקע האָבן שוין ניט געדאַרפט די פאָרער זאָלן אויסשרייען צו זיי — זיי האָבן אַליין איבערגעלייענט די שילדן, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די באָסעס און וואָס האָבן גערופן: „נוצט די מעק׳־מילען פּראָדוקטן — איר וועט דערפון פּראָפיטירן.״ אין קאָפּ ביי וועמען האָט זיך פאַרגנבעט אַ געדאַנק: מען דאַרף בעטן דעם שטעטלדיקן ליקער־פאַרקויפער, ער זאָל אַריינגעמען אייניקע פּראָדוקטן אויך פון דער פירמע,

אפשר זיינען זיי טאַקע בעסער פון די אַנדערע... עס לוינט זיך אַלע מאָל צו פּרובירן...

די באַסעס דערוויל זיינען אַזוי געפאָרן דורך גרעסערע און קלענערע שטעטלעך, אַנהאַלטנדיק די מונטערקייט פון די פּאַסאַזשירן און איבער־רייסנדיק די מאָנאָטאָנקייט פון פאָרן דורך פאַרבייפאָרן יעדעס מאָל נייע ישובים און דורך אַרויסרופן די קוריאָזיטעט און אויפמערקזאַמקייט פון אַלע נייע מענטשן.

ענדלעך באַכמיטאָג איז מען אָנגעקומען אין דעם רעזאָרט־פּלאַץ. עס איז געווען אַ היפּשע שטאָט מיט אַ סך גאַסן און הויפּט־גאַסן. אַ וואַרעמע מילדע זון האָט פריינטלעך באַגריסט די אָנגעקומענע און צוגעזאָגט אַן אָנגענעמען טאָג. די באַסעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרויסן ברייטן סקווער אין צענטער פון שטאָט. דער סקווער איז געווען אַרומגעצוימט מיט קוסטעס און בוימלעך און אַרום און אַרום האָבן זיך געצויגן בענק. איצט זיינען די בענק געווען באַזעצט מיט מענטשן, וואָס זיינען געקומען אַהער געניסן, סיי פון דער זון, סיי פון אַ ביסל פוילקייט, אין זייער פרייען טאָג. ביי איין צופאָר צום סקווער, טאַקע דאָרט, וואו די באַסעס האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, האָט אַ גרויסע שילד באַגריסט די אָנגעקומענע: — „ווילקאָמען, מעק׳מילען און קאָמפּאַני־לייט, אין אונדזער שטאָט!״ אונטן אויפן שילד, מיט קלענערע אותיות איז געווען צוגעשריבן: „די סוחרים־געזעלשאַפט פון דעם רעזאָרט.״

די ליקער־לייט זיינען געווען געשמייכלט, סיי פון דעם ברוך־הבא און סיי פון דעם טאָג, וואָס האָט אַזוי צוגעטראָפן צו זיין פּונקט צוגעפּאַסט צו אַן אַרויספאָר. זיי האָבן אָנגעהויבן איינציקווייז אַרויס פון די באַסעס און אויסגלייכן די פיס און די קערפּערס נאָך עטלעכע שעה זיצן אויף איין פּלאַץ.

אַ צאָל פון די, וואָס זיינען געזעסן אויף די בענק, האָבן זיך פויל אויפ־געהויבן און צוגעקומען צו די באַסעס. זיי האָט זיך געוואָלט אויסגעפינען, ווער די מעק׳מילען לייט זיינען און וואָס פאַר אַ צוזאַמענ־פאָר, זיי האָבן דאָ, וואָס איבער דער גאַנצער שטאָט, אין אַלע רעסטאָראַנען און פאַרווײלונגס־פּלעצער, אין אַלע שפּיל־פּלעצער און אַזאַרט־הייזער, זיי־נען אַרויסגעקלעפּט אין די פענצטער פּאַסן־אַפּשניטן, וואָס באַגריסן זייער קומען און לאַדן זיי איין אינעווייניק.

די מענטשן זיינען געווען אַ ביסל אַנטוישט פון דער צו־קלייבער צאָל אָנגעקומענע. זיי זיינען אָבער פאַראינטערעסירט געוואָרן צו כאַפּן אַ קורצן שמועס מיט זיי וועגן דער מעק׳מילען פירמע און אירע פּראָדוקטן. דאָ אין שטאָט איז די פירמע געווען ניט זייער פּאָפּולער און אַ סך האָבן פון

איר אַפּילו ניט געהערט. די ליקערלייט האָבן זי געפּרואווט פאַרלויבן און אויפהויבן אירע געטראַנקען ביזן הימל אַריין. מיסטער אַללען אַליין איז אַפּילו צוגעקומען און פאַרוואָרפן אַ פּאָר אייגענע ווערטער. נאָר ס'ווי איז ניט נויטיק געוועזן קיין סך אָנצוציען די מענטשן און אויפהויבן זייער לוסט פאַרן שאַרפן געטראַנק, — זיי האָבן גערעדט וועגן אים און געשטילט זייער פאַרלאַנג פאַר אים כאָטש מיט ווערטער.

מיסטער עדעמס איז דערווייל אויך צוגעקומען און צוזאַמענגעמענדיק מיט מיסטער אַללען די ליקערלייט אין איין ווינקל, האָט ער געזאָגט צו זיי:

— אָט, מיינע הערן, זיינען מיר דאָ. איר זעט, אַז גאָט אַליין איז מיט דער מעק'מילען פירמע. אַזאַ פּראַכטפולן טאָג האָט גאָט געגעבן, נאָר כדי איר זאָלט זיך קענען בעסער פאַרווילן און בעסער הנאה האָבן פון דעם אַרויספאָר. איצט זייט איר פריי צו טאָן, וואָס איר ווילט. איר קענט זיך צעשפּרייטן איבערן שטאָט, איינציקווייז אָדער גרופּעסווייז, און געניסן פון אַלע פאַרגעניגנס און אָנגענעמלעכקייטן, וואָס די שטאָט, וועלכע איז ספּעציעל פאַר דעם צוגעגרייט, קען אייך געבן. איר האָט געזען די שילדן, וואָס האָט אונדז באַגריסט ביים אַריינקומען. אַזעלכע באַגריסונגען און איינלאַדונגען וועט איר געפינען אויף די פענצטער פון יעדן רעסטאָראַן, פון יעדן פאַר־ווײלונגס־פּלאַץ. אומעטום וועט איר היינט זיין ווילקאָמען און אומעטום קענט איר היינט גיין. מיסטער אַללען וועט אייך אויסטיילן קאַרטלעך, וואָס וועלן אייך באַרעכטיקן צו אַלע פאַרגעניגנס פון דער שטאָט און וואָס וועלן אייך פריי עפענען די טירן צו יעדן פּלאַץ, וואו איר וועט נאָר וועלן אַריינ־גיין. מיר ווילן, אַז איר זאָלט זיך באַנוצן מיט דעם און אויסנוצן אויף אַ וואָס ברייטערן אופן. דער היינטיקער טאָג איז אייערער...

אַלעמענס פּנימער האָבן אויפגעשטראַלט מיט דאַנקבאַרקייט. מיס־טער עדעמס האָט איצט אויסגעקוקט אין אַלעמענס אויגן ווי אַ קלוגער און טיכטיקער פאַרוואַלטער, וואָס צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט זיין פּראַק־טישקייט, נאָר אויך מיט זיין ברייטהאַרציקייט. דער עולם האָט אונטערגע־טאַנצט, ווי קינדער.

— נאָר געדענקט — האָט מיסטער עדעמס זיי אויך אָנגעזאָגט ווי קינדער — צו זיין צוריק אין צייט. אַרום זעקס פאַרנאַכט קלייבן מיר זיך צו פאָרן צוריק.

— גוט — האָבן די ליקערלייט געענטפערט און גענומען זיך איילן צו מיסטער אַללען צו קריגן די קאַרטלעך, וואָס זאָלן פאַר זיי עפענען אַ פרייען אַריינגאַנג צו יעדן פאַרגעניגנס־פּלאַץ, וואו עס זאָל זיך זיי גלוסטן נאָר אַריינצוקומען.

מיסטער אַללען האָט יעדן איינעם אויסגעטיילט אַ קאַרטל פון דער

מעק'מילען פירמע מיט מיסטער עדעמסעס אונטערשריפט און די ליקער־לייט האָבן זיך אָנגעהויבן פּאַנאַנדערצוגיין.

דער עולם האָט זיך צעשפּרייט איבערן שטאָט און גענומען זיך לאָזן וואוילגיין. מען איז געגאַנגען פּאָרווייז, גרופּעסווייז און אויך איינציקווייז. אַ קורצע ווײַלע איז מען געגאַנגען באַקוקן די שטאָט. די געשעפטן זײַנען, צוליב זונטאָג, געווען געשלאָסן, אָבער די פאַרוויילונגס־פּלעצער — רעסטאָראַנען, קאַפּייען, קאַבאַרייען, טאַנץ־זאַלן און אַנדערע ענלעכע פּלעצער — זײַנען געווען אָפן. אומעטום האָט געשפּילט די מוזיק און אומעטום האָט מען דערוואַרט די געסט. פּאַסן־שילדן אין די פענצטער האָבן זיי באַגריסט און אײַנגעלאַדן אינעווייניק. עס איז שווער געווען וואָס אויסצוקלייבן און אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן. מען האָט גענומען דאָס ערשטע־בעסטע, אײַ־בערלאָזנדיק די איבעריקע אויף שפּעטער. אייניקע זײַנען פאַרגאַנגען אין רעסטאָראַנען, אַנדערע אין קאַבאַרייען, נאָך אַנדערע איז פאַרשיידענע אַזאַרט־פּלעצער, און גאָר אַנדערע האָבן שטילערהייט זיך אָפּגערוקט פון די אײַ־בעריקע און אַוועק אין די ווײַטיקע געסלעך זוכן דאָרטן גענוס און פאַרגעניגן...

יעדער איינער האָט געזוכט אַזוינס, וואָס אין שטאָט, אויפן אייגענעם רעכענונג, וואָלט ער ניט געקאָנט, אָדער עס וואָלט אים ניט געפּאַסט, צו דערלויבן זיך. דאָ האָט ער זיך געפילט פרײַ און ניט געבונדן.

אַזוי איז אַריבער דער טאָג.

פאַר זעקס האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן קלייבן צוריק. עס איז שווער געווען צו דערקענען די פריערדיקע מענטשן. עס איז גאָר געווען איצט אַן אַנדער עולם, ווי דער, וואָס האָט אין דער פרי פאַרלאָזן די שטאָט. אַ סך קונדן וואָלטן איצט ניט דערקענט זייערע שטענדיקע ערנסטע און געשעפטסמעסיקע קרעמער, בײַ וועלכע זיי פלעגן אײַנקויפן זייערע שנאַפּסן און ווײַנען. איצט איז דאָס געווען אַ דעפּאַרמירטער בינטל, וועלכער האָט אָנגעוואָרן יעדן אויסזען פון באַלעבעסלדיקער שטאַטנעקייט און רעספּעקטאַבלקייט. אייניקע האָבן זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס פון די שווערע, פעטע און שטאַפּיקע שפּייזן, וואָס זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין פּאַקן אין זיך. אַנדערע האָבן זיך געוואַקלט פון די פיס פון די שטאַרקע און צו שאַרפע געטראַנקען, וואָס זיי האָבן אַ היפּש ביסל איבער דער מאָס אַרײַנגעכאַפּט אין זיך. און גאָר אַנדערע זײַנען אויך געווען אַ ביסל בגילופּנ־דיק, נאָר אויף אַזוי פיל וואָך, צו פאַרשטיין, אַז עס איז גלײַכער פאַר זיי צו שטיין אָן אַ זײַט און ניט צו באַרימען זיך, וואו זיי האָבן דעם טאָג פאַר־בראַכט... בכלל איז דער עולם געווען צעפלאַכטן און באַרעדעוודיק און

גערן געטיילט זיך מיט די שאַרפע און פּיקאַנטע דערפאַרונגען, וואָס יעדערער כמעט האָט דורכן טאָג דורכגעמאַכט.

אַלע זיינען געווען אויפגערוישט און אַרויס פון גלייכגעוויכט.

מיסטער אַללען און מיסטער עדעמס, וואָס האָבן די צייט פאַרבראַכט באַזונדער און זיינען געווען פאַרנומען מיט אָפּשאַצן דעם דערפאָלג פון דעם אַרויספאַר און זיינע מעגלעכע עפעקטן אויפן ביזנעס-גאַנג פון דער פירמע, ווינציקסטנס אין דער שטאָט, האָבן באַקוקט דעם עולם און אָנגענומען זיין שטימונג, ווי אַ צייכן פון צופרידנקייט, פון דערפאָלג. מיסטער אַללען האָט מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין פּנים זיך טאַקע אָפּן אויסגעדריקט:

— מיר זיינען זייער צופרידן, וואָס אַלע האָבן אַזוי גוט פאַרבראַכט דעם טאָג און וואָס יעדער איינער פילט זיך גליקלעך. דאָס איז געווען אונדזער ציל...

און מיסטער עדעמס האָט פון זיין זייט צוגעגעבן:

— איך וועל זיין אָפנהערציק מיט אייך: איך האָב זיך צוערשט געשראָקן, צי אַזאַ אונטערנעמונג קען אַרויסקומען דערפאָלגרייך. איצט, אַז איך זע, ווי צופרידן איר זייט, בין איך גליקלעך עס צו פאַרצייכענען. די גאַנצע אונטערנעמונג איז געווען אַן עקספּערימענט פון אונדזער זייט. ביז איצט איז דער עקספּערימענט זייער געלונגען. איך בין זיכער, אַז אויב איר וועט נאָר פאַרשטיין און אַרויסווייזן אייער אָפּשאַצונג פאַר אונדזער פירמע, וועט אונדזער פירמע פון איר זייט אויך אַרויסווייזן איר אָפּשאַצונג פאַר אייך, און דער היינטיקער עקספּערימענט קען ווערן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע ביי אונדז. נאָכמער, אַזאַ אינסטיטוציע קען ווערן אַ טרייב-קראַפט אין אונדזערע ביזנעס און דינען ווי אַ סטימול פאַר איר ווייטערדיקער אויסברייטונג און אַנטוויקלונג. איך בין זיכער, אַז אויב מיר וועלן קעגנזייטיק דינען איינער דעם צווייטן, וועט עס אויך זיין צו אונדזער קעגנזייטיקן פּראָפיט...

מיסטער עדעמסעס ווערטער האָבן אַרויסגערופן באַגייסטערונג ביי יעדן איינעם און נאָך מער אויפגעהויבן די אַזוי אויך געהויבענע און אויפגעברויזטע שטימונג. מענטשן האָבן אין באַגייסטערונג פאַר מיסטער עדעמסעס ווערטער אָפּן אויסגעדריקט זייער אָפּשאַצונג פאַר אים און זייער אָנערקענונג פאַר זיינע פעאיקייטן.

— אָט דאָס הייסט אַ ביזנעסמאַן! — האָבן איניקע אין באַוואונדערונג געשריען.

— אָט דאָס הייסט אַ צוגאַנג צו ביזנעס! — האָבן אַנדערע אין באַגייסטערונג געקאָכט זיך.

— אָט דאָס הייסט פאַרשטייך, ווי צו געווינען מענטשן פאַר זיך! — האָבן נאָך אַנדערע זיך צעגאַנגען אין מתיקות.

מיסטער עדעמס און מיסטער אַללען האָבן אויפגעכאַפּט די באַגייס־טערונג פון די מענטשן און זייִנען געווען איבערגליקלעך פון זייער קלוגער צוטראַכטעניש, און ווי גלאַטיק און דערפאַלגרייך עס אַרבעט. זיי זייִנען גרייט געווען איצטער אין אַלץ נאָכצוגעבן די מענטשן און שטויסן דעם דערפאָלג נאָך ווייטער.

— איז וואָס, חברה, פאָרן מיר שוין טאַקע אַהיים? — האָט מיסטער אַללען געפרעגט דעם עולם.

ער האָט עס געפרעגט מיט אַ טאָן פון ניט זיכערקייט, ווי ער אַליין וואָלט ביי זיך געווען ניט פעסט און געזוכט זיך בעסער מישב צו זיין מיט זיי, צי זאָל מען שוין טאַקע אַזוי פאַרענדיקן דעם טאָג, אָדער צוטראַכטן נאָך עפּעס — שטאַרקערס — וואָס זאָל פאַרענדיקן דעם טאָג מיט אַ קנאַק.

דער עולם האָט גלייך אויפגעכאַפּט דעם טאָן און דערפילט אין מיס־טער אַללענס ווערטער אַ שוואַכקייט. מען האָט דערפילט, אַז ביידע פירער פון דער פירמע זייִנען אין אַ מוט פון נאָכגיביקייט, און אַז איצט קען מען ביי זיי אַלץ אויספועלן. אַלע זייִנען מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעלעבט און ווי שול־קינדער, דערפילנדיק דעם לערערס שוואַכקייט, גענומען שרייען:

— וואָס פאַר אַ פאָרן אַהיים? ווער וויל דאָס שוין פאָרן אַהיים אַזוי פרי?

— וואָס זייִנען מיר הינער, וואָס דאַרפן זיך פרי לייגן שלאָפן?

—איר ווילט, מען זאָל לאַכן פון אונדז, מיסטער אַללען? — האָט זיך איינער אַ לץ אָנגערופן.

— איר ווילט, מען זאָל זאָגן, אַז מסתמא האָבן מיר אָפּגעטאָן עפּעס אַ מיאוסע שטיקל אַרבעט דאָ, וואָס מיר האָבן געמוזט אַזוי פרי אַנט־לויפן פון דאַנען?

— וואָס עפּעס אַנטלויפן? — פאַריאָגט פשוט, וועט מען זאָגן...

דער עולם האָט זיך אָנגענומען מיט נאָכמער מוט און געפּאָדערט:

— וואָס איז די איילעניש? די אייגענע וויבּ פאַרשפּעטיקן?...

— ריכטיק, ריכטיק — האָבן אַלע אונטערגעהאַלטן.

מיסטער עדעמס און מיסטער אַללען זייִנען געשטאַנען און געקוקט אויף די ליקערלייט ווי לערער, וואָס נעמען גוטמוטיק די קינדערס שטיפע־רייען, און געשמייכלט פון זייערע לצנותדיקע אויסגעשרייען.

— איז וואָס־זשע שלאָגט איר פאָר? — האָט מיסטער עדעמס שוין גרייט זייִענדיק נאָכצוגעבן, האַלב ערנסט און האַלב שפּאַסיק, גע־פרעגט. — עס ווערט שפּעט, און מאָרגן איז ווידער אַן אַרבעטס־טאָג און די געשעפטן דאַרף מען עפענען פרי...

— זאָרגט זיך ניט, מיסטער עדעמס, מיר וועלן מאָרגן זיין אין צייט. דערווייל דאַרפן מיר זען וועגן היינט...

— איז וואָס־זשע שלאָגט איר פאָר?

— איך דענק, מיר וואָלטן געקענט גיין זען אַ „פלאָר־שאָו" אין אַ נאַכט־קלוב — האָט מיסטער אַללען געפּרוּווט צוטראַכטן אַ זאַך, וואָס זאָל אי פאַרענטפערן די פראַגע, אי אָנרייסן צווישן עולם.

מיסטער אַללען האָט צוגעטראָפן. אַלע ליקערלייט האָבן זיך אָנגע־כאַפּט:

— יאָ, יאָ, דאָס איז אַ גוטע זאַך...

— די בעסטע זאַך, וואָס מיסטער אַללען וואָלט געקאָנט צוטראַכטן...

— אַ קלוגער איינפאַל, באמנות...

— ווי אַזוי איז דאָס גאָר אונדז אַליין אין קאָפּ ניט געקומען?...

דער עולם איז געווען אויפגעברויזט און צעשטורעמט, ווי יונגע ייִנג־לעך, וואָס קלייבן זיך גיין אויף אַ „האַיק". דער געדאַנק פון גיין זען אַ „פלאָר־שאָו" אין אַ נאַכט־קלוב אין דעם פריילעכן רעזאָרט־פּלאַץ מיט אַלע פאַרשייטע צוזאָגן און באַהאַלטענע מעגלעכקייטן, האָט אַלעמען צעשאָקלט און אויפגערייצט.

— נו, גוט — האָט מיסטער עדעמס שמייכלענדיק געזאָגט. — איך נעם אָן מיסטער אַללענס פאָרשלאָג. סיי־ווי זע איך, אַז זאָגן „ניין", וועט מיר איצט ניט העלפן... עס פאַרדריסט מיר נאָר, וואָס מיר האָבן עס פריער ניט געהאַט אין זינען, אַז ניט וואָלט שוין איצטער אַלץ געווען אַראַנ־זשירט...

מיסטער עדעמס האָט איבערגעלאָזן דעם עולם און, עטוואָס פאַרזאָרגט, אַוועק זען וועגן אַראַנזשירן אַ ספּעציעלע „שאָו" פאַר זיינע לייט.

ער האָט באַמערקט אויפן ראָג גאָס אַ פּאָליסמאַן און איז צוגעגאַנגען צו אים:

— קענסט מיר, אפשר אָנווייזן, קעפּטן, וואו מען וואָלט דאָ מיין „געננ־" געקענט געבן אַ „גוד־טאַים"?

דער פּאָליסמאַן האָט אים אָנגעקוקט און אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן.

— דו זעסט, מיר זיינען פרעמדע דאָ, געקומען איינגאַנצן אויף עטלעכע שעה — האָט מיסטער עדעמס האַלב־שפּאַסיק געפּרוּווט דערקלערן דעם פּאָליסמאַן זיין פאַרלאַנג — מיר זיינען פרעמדע דאָ אין שטאָט און נויטיקן זיך דעריבער אין עמיצנס אָנווייזונגען...

ער האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַר און דערלאַנגט דעם פּאָליסמאַן.

דער פּאָליסמאַן האָט צוגענומען דעם סיגאַר און וויכער, כמעט פריינט־לעך, געפרעגט:

— ווער זיינען דאָס — די מעק־מילען באָיס ?...

—יאָ, די מעק׳מילען־לייט. אונדזער פירמע גיט זיי אַ „גוד־טאָים״...

דער פאָליסמאַן האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, נאָכדעם ווידער אַמאָל אָפּגעמאָסטן מיסטער עדעמס, און אַ זאָג געטאָן:

— פאַרוואָס ניט ? מיר קענען דיר רעקאָמענדירן אַזאַ פּלאַץ... זיי פעלן דאָ ביי אונדז אין שטאָט ניט אויס. מיר האָבן זיי דאָ אַ סך...

מיסטער עדעמס האָט דערפילט, אַז ער האָט אָנגעטראָפן דעם ריכטיקן מענטשן, וואָס קען אים ניט נאָר געבן די אינפאָרמאַציע, נאָר וואָס האַלט אויך די שליסלען צו די פּלעצער און ער קען ביי אים אויסקלייבן, וואָס ער וויל.

— מיר וואָלטן געוואָלט, קעפּטן — האָט מיסטער עדעמס געזאָגט — דו זאָלסט אונדז רעקאָמענדירן אַ פּלאַץ, וואָס זאָל זיין אַזוינס און אַזעל־כעס... דו ווייסט — האָט ער גוט־ברודעריש און פאַרטרוילעך געזאָגט — מיר האָבן אַרויסגענומען די „באָיס״ אויף איין טאָג בלויז און מיר וואָלטן געוואָלט, אַז עס זאָל ביי זיי נאָכדעם בלייבן אין זכרון אַ גאַנץ יאָר...

— איך פאַרשטיי... — האָט דער פאָליסמאַן צוּאווינקענדיק געזאָגט.

— ביי אונדז אין שטאָט קען מען אַלץ קריגן... אויף דעם איז דאָס אַ רעזאָרט־פּלאַץ, אַז מענטשן זאָלן דאָ קענען פאַרברענגען און הנאה האָבן... דעריבער איז אונדזער שטאָט אַזוי פּאָפּולער און דעריבער קומט מען אַהער פון אַלע עקן לאַנד. מענטשן ווייסן, וואָס גוט איז... מיר האָבן דאָ די פיינסטע „קלובן״ און „הייזער״, מיט דער פיינסטער באַדינונג...

דער פאָליסמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ סעקונדע, ווי איבערטראַכטנ־דיק, וואָס ער זאָל פאַרלייגן דער חברה, און זיך אָנגערופן:

— איך קען דיר רעקאָמענדירן אַ פיינעם פּלאַץ, גאַר אַ פיינעם... נאָר עס וועט דיר קאָסטן היפּשע געלט... ביסטו גרייט פאַר דעם ?...

מיסטער עדעמס האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אַז מען וויל רעכטס, מוז מען באַצאָלן רעכטס. מיר ווייסן דאָס פון אונדזערע אייגענע ביזנעס...

— נו, גוט, וועסט קיין חרטה ניט האָבן — האָט דער פאָליסמאַן גע־זאָגט — נעם מיין וואָרט...

ער האָט אַרויסגענומען אַ קאַרטל און דערלאַנגט מיסטער עדעמסן.

— אָט האָסטו דעם אַדרעס. נאָר זאָג, אַז „מעק״ האָט דיך געשיקט... דו פאַרשטייסט — האָט ער כיטרע אַ וואונק געטאָן מיט אַן אויג און פאַר־טרוילעך געזאָגט — איך קריג „קאָמישאָן״ פון יעדן קונד, וואָס איך שיק זיי...

— אָקעי, מעק, קענסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר... עס וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג...

מיסטער עדעמס האָט צוגענומען די קאַרטל, דערלאַנגט דעם פּאָליסמאַן אַ צווייטן סיגאַר, איינגעוויקלט אין עפּעס אַ גרינעם פּאַפּירל, און צוזעגע־נענדיק זיך גאָר פריינטלעך מיט אים, אַוועק אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס צו מאַכן אַלע צוגרייטונגען און אַראַנזשירונגען.

פּאַרוויץ און גרופּנוויץ איז דער עולם אַוועק זען די „שאָו". עס איז געווען ניט ווייט פון סקווער, בלויז אַ בלאָק פון איינער פון די צענטראַלע גאַסן אין שטאָט. עס איז געווען אַ גרויסע הויכע געביידע פון טונקעלן ציגל, אָן פענצטער, וואָס האָט עס גיכער געמאַכט אויסזען ווי אַ וועגהויז. אַ באַ־שיינענע עלעקטרישע שילד ביים אַריינגאַנג האָט זיך געלייענט: „דער קלוב פון די פיר הונדערט." אונטער דעם איז געווען צוגעגעבן: „קלוב פאַר פאַרווילונג און אונטערהאַלטונג."

עס איז גאַרניט אויסגעקומען צו וואַרטן. אַלץ איז שוין געווען אַראַנ־זשירט און איינגעאָרדנט: אַ מאַן אין אַ יוניפאָרם — אָט אַזאַ, ווי מען זעט געוויינטלעך ביי די אַריינגאַנגען אין די לוקסוסדיקע האָטעלן — האָט אַלע־מען דורכגעפירט דורכן פאָיע און אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זאַל אַריין. עס איז געווען דער זאַל, וואו די „שאָו" האָט געדאַרפט פאָרקומען.

די ליקערלייט האָבן זיך גענומען אַרומקוקן. זיי האָבן דערזען פאַר זיך אַ פּראַכטפולן טעאַטער, שיין דעקאָרירט און רייך אויסגעשטאַט. דער אונטערשייד צווישן דעם דרויסנדיקן אויסזען פון דער געביידע און דער אינעווייניקסטער אויסשטאַטונג האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן: דאָרטן — טונקל, מאָנאָטאָן און אומעטיק, און דאָ — ליכטיק, פאַרביק און פריילעך. פון דער קונציק־געמאַכטער און געמאָלענער סטעליע האָבן אַראָפּ־געהאָנגען קרישטאָלענע קאַנדעליאַברעס, וואָס האָבן צעוואָרפן אַן עלעקטרישן שיין און באַלויכטן יעדן ווינקל פון צימער. די ווענט זיינען געווען געפאַרבט אין רייכע און קאָלירפולע פאַרבן און די קאַרניזן זיינען געווען באַפּוצט מיט גאָלד און פאַרשיידענע טייערע אָרנאַמענטן. די דילן זיינען געווען געבעט מיט ווייכע טיף־האָריקע טאַפּעטן און די שטולן זיינען אויך געווען ווייכע, געבעטע, טיפע און באַקוועמע.

דער זאַל האָט אין אַלץ דערמאָנט אין אַ טעאַטער, מיט אַ בינע אַנט־קעגן און מיט אַ פאָרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט די בינע הינטער זיך.

נאָר דאָך איז דאָ געווען אַנדערש, ווי אין די געוויינטלעכע טעאַטערס. שוין בלויז דער ערשטער קוק אויף די ווענט האָט עדות געזאָגט, אַז די געביידע, אָן פענצטער און מיט אַ מיסטעריעזן פאַרדעכטיקן אויסזען פון

דרויסן, איז גיכער באַשטימט געוואָרן, ווי אַ טעמפּל פון ווענוס, דער געטין פון ליבע און פיזישן גענוס, אײדער אַ פּלאַץ פאַר קונסט און גײסטיקן פאַרגעניגן. וואָרעם די ווענט דאָ זײנען געווען באַמאָלן מיט אַזעלכע ביל־דער, וואָס האָבן קײן אַנדער צוועק ניט געהאַט, ווי שאַפן אַ שטימונג פאַר פיזישער אָנרעגונג און אַ בויגונג פאַר קערפּערלעכן פאַרגעניגן. אויך אין אַנדערע טעאַטערס און מוּאווי־הײזער זײנען די ווענט אַ סך מאָל באַמאָלן מיט נאַקעטע געטער און געטינס, מלאכים און מלאכטעס. אָבער דאָ זײ־נען זײ געווען געמאָלן אויף אַ ספּעציפישן אופן און געטראָגן אַ ספּעציעל־אָנרעגנדן, אויפרײצנדיקן כאַראַקטער, אַן אַרויסרופנדיקן און אויסגעלאַסע־נעם. אַזוי אויך זײנען געווען די סטאַטועס און באַרעליעפן, די אויסשני־צונגען אויף די קאָלאָנען און די אויסגעצײיטע פיגורן אויפן זײדענעם פאָר־האַנג, וואָס איז געהאָנגען איבער דער בינע אַנטקעגן. די ליקערלײט האָבן זיך אײנגעגעסן אין די בילדער מיט די אויגן און דערשפּירט דורך זײ עטוואָס שאַרפס און פעפערדיקס, וואָס דאַרף ערשט שפּעטער קומען.

נאָך אַ זאַך איז דאָ געווען, וואָס האָט צוגעצויגן יעדערנס אויפמערק־זאַמקײט און געוואָרפן זיך שטאַרק אין די אויגן. דאָס זײנען געווען די שמאָלע פּלאַטפאָרמעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער בינע אַראָפּ און דורכגעשנירלט זיך דורך אַלע רײען. די ליקערלײט האָבן ניט געקענט פאַרשטײן דעם ציל זײערן און צו וואָס מען דאַרף זײ.

אָבער לאַנג חידושן זיך און באַאָבאַכטן דעם זאַל האָבן זײ קײן צײט ניט געהאַט, וואָרעם דאָרט אויף דער בינע, הינטערן פאָרהאַנג, איז שוין אַלץ קענטיק גרײט געווען אָנצופאַנגען. אַ דומפּער מעטאַלענער קלאַנג האָט זיך דערהערט, ווי אַ קלונג אין אַ קופּערנעם טאָפּ, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די פאָרשטעלונג איז גרײט און פאַנגט זיך באַלד אָן. די ליכט אין זאַל האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן צאַנקען און ווערן טונקעלער און ביסלעכווײז אײנ־גאַנצן אויסגעלאָשן זיך, איבערלאָזנדיק בלויז בײ די זײטן קלײנע טונקעלע לעמפּלעך צו באַלויכטן די אַרויסגאַנגען.

עס האָט מיט אַ מאָל, אומדערוואַרטעט און שאַרף, אַ זעץ געטאָן די מוזיק. דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן און די בינע איז אויפגעדעקט געוואָרן. אַ גלאַנץ פון בלענדנדיקער ליכט, ווי פון טויזנטער דימענטן און ברילײאַנטן, האָט אַ זעץ געטאָן פאַר די אויגן, און אויף אַ סעקונדע איז יעדער אײנער געבליבן זיצן ווי געפּלעפט. באַלד אָבער איז יעדערער צו זיך געקומען און אינסטינקטיוו אַ הויב געטאָן זיך אין זײן שטול, אויסשטרעקנדיק דעם קאָפּ און אײנעסנדיק זיך מיט די בליקן אין דער בינע. אַן אויסערגע־װײנלעך בילד האָט זיך אויפגעוויקלט פאַר זײערע אויגן. אונטערן שײן פון צענדליקער לעמפּלעך, צווישן פּראַכטפולער דעקאָראַציע און אויסשטאַטונג,

האַבן עטלעכע צענדליק יונגע מיידלעך, בילד־שיינע, דינע און גראַציעזע, מיט לייכטע פיגורן און שטייפע בריסט, מוטער־נאַקעט, מיט קאָלירטע שי־מערירנדיקע שמאַטקעס פאַר פייגנבלעטלעך, גענומען מאַרשירן איבער דער בינע מיט פאַרשייטע פריילעכע לידלעך, צום אַקאָמפּאַנימענט פון מוזיק. וואַרפנדיק און צוקנאַקנדיק צום טאַקט מיט די הענט, אויסשטרעקנדיק די ברוסטן פאַראויס, האָבן זיי געוואָרפן לוסטיקע בליקן אין דער זייט פון דער אודיטאָריע. באַלד האָבן זיי זיך צעטיילט אין פאַרלעך, צעשפּרייט זיך איבער דער בינע און גענומען דורכפירן פאַרשיידענע טענץ. עס זיינען ניט געווען קיין געוויינלעכע טענץ, וועלכע מען קען זען אויף יעדער אַנדער בינע. דעם מאָל זיינען עס געווען טענץ דורכגעפירט הויפּטזעכלעך מיט יענע טיילן פון קערפּער, וואָס אין די געוויינטלעכע טענץ נעמען זיי אָדער אינגאַנצן קיין אָנטייל ניט, אָדער זייער אַ קליינעם אָנטייל. דאָ אָבער האָבן זיי געשפּילט די הויפּט־ראָליע. אַחוץ דעם זיינען זיי באַגלייט געוואָרן דורך אַקראָבאַטישע קונצן און שטיק אויפן ווייך־באַשלאָגענעם דיל, וואָס האָבן נאָר געקענט אויסדריקן ניט קיין פאַרשטעלטע אַנדייטן און פיל־מיינענדיקע אָנ־צוהערענישן.

די ליקערלייט האָבן נאָכגעפאָלגט די טענץ און באַוועגונגען פון די מייד־לעך און געפילט, ווי די לוסטיקע אַטמאָספערע פון דער בינע גייט אויך אַריבער צו זיי: די איינגעשטעלטע באַלעבעסלדיקייט און קאָדעקסירטע אָנ־שטענדיקייט טוט זיך אויס פון זיי און דער געדאַנק און קערפּער טוען זיך אָן אין אומפאַראַנטוואָרטלעכער הפקרדיקייט און אין יוגנטלעכער אימפּול־סיווקייט. דאָס בלוט אין זיי האָט זיך גענומען צינדן און אָנפילן דעם קאָפּ מיט פאַרשיכורטן רויש און תאוהדיקן ציטער.

די בינע איז געוואָרן אַלץ געדיכטער און שטיקנדיקער און אָנגעפילט מיט דער אָנגעהיצטער לופט פון פאַרשייטקייט און רייץ, נאַקעטקייט און ציניזםקייט. איין בילד נאָכן צווייטן האָט נאָכגעפאָלגט, וואָס האָט אָנגע־היצט די לופט אַלץ שטאַרקער און אָנגעצויגן די נערוון און די פאַנטאַזיע ביז צום פּלאַצן. די ליקערלייט זיינען געזעסן און געשלונגען די בילדער, ווי שטאַרקן פאַרשיכורנדיקן ווין.

אָט איז אַ בילד פון גן־עדן... ביימער און בלומען און פאַנטאַסטישע דעקאָראַציעס. מלאכים און מלאכטעס שפּאַצירן אום מוטער־נאַקעט, פאַר־דעקט מיט פייגנבלעטלעך, און לאָזן זיך וואוילגיין. אַ פאַרשטעלטע שלאַנג זוכט זיי צוריידן צו זינדיקן און געניסן פון די פריידן פון לעבן. אָבער די מלאכים און מלאכטעס לאַכן זיך ציניש פאַנאַנדער: זיי ווייסן עס שוין פון לאַנג!... זיי ווייסן אַלץ!... און טאַקע דאָ אויף דער בינע דערציילן זיי פון זייערע דערפאַרונגען — אַזעלכע שאַרפע און פּיקאַנטע, אַז די אויערן

קענען פּלאַצן פון שאַנדע... עס קומען דערביי וועדטלעך און וויצן, אַנעקדאָטן און מעשהלעך — אַזעלכע ציינישע, גראָבע, פול מיט תאווה און באַגער, באַגלייט מיט זינדיקע בליקן און אויסגעלאָסענע באַוועגונגען...

און אָט איז דוד המלך און די יונגפרוי... אַ ביבלישע סצענע... אַן אַלטער עובר בטל און אַ יונגע געזונטע פול־בלוטיקע פרוי. קאַמף און געראַנגל... תאווהדיקע לוסט און אַן־ציינערדיקע הילפלאָזיקייט... צעהיצטע קראַמפן און ציינישע מאַכטלאָזיקייט...

די אַדיטאָריע קראַכט פון אַפּלאָדיסמענטן און ווילדע אויפגעברויזטע אויסגעשרייען... דער זאַל וויגט זיך פון דער צעשטורעמטער לופט.

און אָט איז שלמה המלך מיט זיינע טויזנט ווייבער!...

און אָט איז דער אינדישער פּרינץ מיט זיין וואונדערלעכן האַרעם!...

און אָט איז דער טערקישער סולטאַן!...

און אָט איז נאָך און נאָך...

און אָט קומט דאָס לעצטע — דער קלימאַקס. — אַ צעשווימטע און אויפגערודערטע בינע... די פרויען זיינען אויפגערעגט און צעברויזט... זיי זוכן עפּעס און קאָנען ניט געפינען... זיי טראָגן זיך איבער דער בינע און גראַגערן און שרייען, ווי געענדז, און רייצן און צינדן דאָס בלוט — סיי דאָס איגענע און סיי פון די צוקוקער... און פּלוצלונג — טאַקע ווי געענדז — הייבן זיי זיך אויף און לאָזן זיך פליען — — — איבער די פּלאַטפאָרמעס גלייך צו די ליקערלייט אין די אָרעמס אַריין...

די בינע ווערט אויסגעלאָשן. די פינצטערניש אין זאַל ווערט געדיכטער און פון די רייען שטולן טראָגן זיך פאַרשייטע געלעכטערס, תאווהדיקע זיפצן, געראַנגלענישן און קרעכצן, און אַ הייסער שווערער אָטעם, וואָס מאַכט די לופט געדיכט און שטיקעדיק...

עס דויערט לאַנג, ביז עס ווערט ווידער ליכטיק — און די „שאָו" איז דאַן געענדיקט.

שפּעט אין דער נאַכט זיינען די באָסעס געפאָרן צוריק אַהיים. די ליקערלייט זיינען געווען מיד און אויסגעשעפּט און געלעגן צעוואָרפן אויף זייערע פּלעצער. די באָסעס האָבן זיך געיאָגט מיטן הויכוועג, דורכשניידנדיק מיילן און ניט האָבנדיק קיין אורזאַך זיך ערגעץ־וואו אָפּצושטעלן. די לופט אינעווייניק איז געווען געדיכט און פאַרשטיקט. פון די פּלעצער, וואו די ליקערלייט זיינען געזעסן, האָט זיך געטראָגן אַ כראָפּעריי און שנאָרכעריי. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ מגושמדיקע חיה וואָלט דאָרט געלעגן, וואָס האָט זיך אָנגעפרעסן און איבערגעגעסן און אַרבעט איצט שווער צו פאַרדייען די שפּייז אין אירע געדערים.

מיסטער עדעמס און מיסטער אַללען זיינען ביידע געזעסן אויף אַ הינטערשטן פּלאַץ און שטיל באַרעכנט די געווינסן פון דעם היינטיקן אַרויספּאַר. זיי זיינען ביידע געבליבן שטאַרק צופרידן.

נאָר אין איין באָס איז שטיל געזעסן אין אַ ווינקל דער אַלטער ליקערמאַן, אַ באַליידיקטער און אויפגערודערטער. ער האָט פאַרצווייפלט געקוקט אין דער פינצטער און ניט געפונען קיין רו אין זיין זיץ־פּלאַץ. ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרגעסן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען ביי דער „שאָו". ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן, ווי אַ שטאַרקע געזונטע מויד איז אַריינגעשפּרונגען איך זיינע אָרעמס און גענומען אים קושן און דריקן צו זיך. ווי ער האָט זיך געריסן פון איר און געבעטן זיך:

— לאָז אָפּ! גיי אַוועק פון מיר! פאַרשעם ניט מיין עלטער...

אָבער יענע האָט ניט אויפגעהערט צו דריקן אים צו זיך און דורך פאַרשיידענע מיטלען געזוכט נאָר אויפצוּוועקן אין אים זיין אַמאָליקע יונגקייט...

דער אַלטער האָט זיך געצאַפּלט פון שאַנדע און געהאַט דאָס געפיל, ווי אַן אומריינע עקלהאַפטע באַשעפעניש וואָלט באַרירט זיין לייב און פאַר־אומווירדיקט עס...

שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך קוים געשלעפּט מיט די טרעפּ אַרויף און שטיל געעפנט די טיר פון זיין וואוינונג. ער האָט ניט אָנגעצונדן קיין פייער און שטיל, ווי אַ גנב, זיך געלייגט אין בעט. ער האָט געציטערט, די ווייב זאָל זיך ניט אויפכאַפּן און ניט אָנהייבן רעדן צו אים. ער האָט איצט געציטערט פאַר איר שטימע און געשעמט זיך צו קוקן אין דער ליכטיקייט אַריין...

ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער, געקרעכצט און געשאָלטן: — „אַז פאַרברענט זאָל דאָס ווערן!..."

חתונה־געשאַנק

דער צוואַנציק־יעריקער מאַרי ווײַנריט האָט זיך געקליבן חתונה האָבן.

עס האָט אים אױסגעקוקט אַ ביסל קאָמיש, אַז ער, דער יונגער בחור, וואָס פילט זיך נאָך ביז הײַנטיקן טאָג װי אַ ייִנגל, זאָל פּלוצלונג נעמען און װערן אַ דערוואַקסענער, מיט אַלע פליכטן און פאַראַנטוואָרט־לעכקייטן פון אַ דערוואַקסענעם און מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, וואָס אַזאַ זאַך לייגט אַרויף אויפן מענטשן.

אַט געדענקט ער זיך נאָך גאָר אַ ייִנגל, וואו די מאַמע האָט געציטערט איבער אים און אויפגעפּאַסט אויף יעדן טראָט זײַנעם. געזען, ער זאָל ניט אַרויסגיין ווינטער ניט קיין פאַרשפיליעטער אין דרויסן, אָנגעזאָגט ער זאָל זײַן פאָרזיכטיק ביים אַראָפּלאָזן זיך מיטן שליטל באַרג־אַראָפּ און קיים דערלעבט ער זאָל קומען צוריק זומער פון באָדן און שיפלען זיך און מאַכן קונצן אין וואַסער. נישט איין מאָל אין מיטן נאַכט, אין רעכטן געשמאַקן שלאָף, פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, ווי עפּעס אַ שאָטן באַוועגט זיך אין זײַן צימער און דרייט זיך אַרום זײַן בעט. דאָס פלעגט די מאַמע נישט איינמאָל אויפשטיין בײַנאַכט, אַרײַן צו אים אין צימער און צודעכט מאַכן די קאָלדרע, וואָס ביז הײַנטיקן טאָג אַפילו האָט ער נאָך די געוואוינהייט אַראָפּצושאַרן אין שלאָף מיט זײַנע לאַנגע אומרויקע פיס.

אָבער אַז ריטאַ האָט געזאָגט, אַז זי וויל עס זאָל זײַן חתונה האָט מאָ־רי ניט געקאָנט זיך שטעלן אַנטקעגן און זאָגן: ניין. אַזאַ כוח האָט זי אין זיך. אַזאַ טעכניק האָט זיך שוין אויסגעאַרבעט ביי איר, אַז ווען זי וויל נאָר עפּעס, שפּרינגט זי אַרויף צו אים אויפן שויס, טוליעט זיך אײַן אין אים ווי אַן אויפגעדרייט קעצל, אָדער וויקלט זיך אַרום מיט אירע קליינע הענטלעך אַרום זײַן האַלדז, לייגט צו אירע ליפּן צו זײַנע — און ער דערפילט באַלד, ווי זײַן גאַנצע ווילנס־קראַפט ווערט פאַראַליזירט און זײַן גאַנצער כוח אַפּגענומען. ער איז שוין אין אירע הענט און זי קען טאָן מיט אים, וואָס זי וויל.

אַפילו דעם ערשטן מאָל, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי ניט גע־וואַרט ער זאָל זי אײַנלאַדן צו טרעפן זיך מיט אים נאָכאַמאָל, נאָר אַליין ביים געזעגענען זיך, ווען ער האָט זי נאָך אַ טאַנץ אונטערגעפירט צו איר הויז, געפרעגט אים:

— איז ווען טרעפן מיר זיך נאָכאַמאָל?

ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט באַשטימען אַ דאַטע.

און ווען אין אַ קורצער צייט אַרום איז זי — צום ערשטן מאָל איז דאָס געווען — אַרייַנגעשפּרונגען אין זיין שויס, צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיינע און מיט איר הייסן אָטעם געפרעגט אים:

— זאָג, האָסט מיך טאַקע ליב?

האָט ער ווידער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי ענטפערן איר: יע, עס איז טאַקע אויך טיילווייז אמת געווען. דאָס קליינע, פלינקע און ריי־רעוודיקע מיידל, מיט ברען אין אירע באַוועגונגען און מיט אַ צינדנדיקן גלי אין אירע אויגן, האָט שוין באַוויזן אָנצורירן זיין האַרץ.

און אַזוי איז דאָס שוין געבליבן פון דעמאָלט אָן. יעדעס מאָל, ווען זי וויל עפּעס, שפּרינגט זי אַריין אין זיין שויס, טוליעט זיך אין אים, און מיט קעצישער ווייכקייט און קלעפּיקייט, דריקט זי אויס איר פאַרלאַנג. אַזוי איז אויך געווען מיט דעם געדאַנק זיי זאָלן חתונה האָבן. דעם מאָל איז דער ענין געווען אַ צו ווילכטיקער, אַ צו ערנסטער, און צו שטאַרק ניט צום האַרצן אים, איז במילא דער ווידערשטאַנד זיינער אויך געווען אַ גרעסערער. עס האָט אים אויסגעקוקט קאָמיש, אַז ער זאָל שוין זיין אַ חתונה־געהאַטער, אַ באַווייבטער, און זאָל אויף זיך אַרויפציען דעם שווערן יאָך פון מאַכן אַ לעבן און זיין צוגעבונדן צו אימעצן. עס האָט זיך אים נאָך אַלץ געדאַכט, אַז ער איז אַ יינגל, לעבט אין דער יינגלשער זאָרג־לאָזער וועלט, און אַפילו דאָס אומגיין מיט ריטאַן איז אויך ניט מער ווי אַ שפּיל. ער האָט זיך געפּרואווט שטעלן אַנטקעגן. ער האָט געפּרואווט אויס־געפינען אַ תירוץ, וואָס זאָל זיין איבערצייגנדיק פאַר ריטאַן, און האָט אַזאַ תירוץ געפונען: די מאַטעריעלע לאַגע.

ווען מאַרי איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ער שטאַרק ליב געהאַט צו שפּילן זיך אין באַנען. אין פּאַרק, וואו ער פלעגט זיך שפּילן, פלעגט ער אויפקלייבן ריטלעך און צווייגלעך, אַמאָל אויך פּשוטע שטיינער, אויס־לייגן זיי איינס הינטערן צווייטן, און דאָס האָט אין זיין קינדערשער פאַנ־טאַזיע פאַרגעשטעלט אַ באַן. שעה'ן און שעה'ן האָט ער ליב געהאַט זיך מתעסק צו זיין מיט דער דאָזיקער אַרבעט און פלעגט ניט מיד ווערן פון דער שפּיל. פונקט אַזוי פלעגט ער ניט מיד ווערן אָפּצושטיין שטונדן און וואַרטן און קוקן, ווי די וואַגאָנען פון דער אונטערערדישער באַן, וואָס זיינען אויף יענער זייט פּאַרק געלאָפן אין דער הויך, באַוועגן זיך איינס הינטערן אַנדערן.

אימעצער האָט אין אַ שפּאַס איינמאָל געפרעגט אים:

— וואָס, מאָטעלע, ווילסט זיין אַן אינזשעניער?

— יע, — האָט ער ניט באַלד געענטפערט, נישט ווייסנדיק אַליין וואָס דאָס איז, נאָר אַסאָציאירנדיק ביסלעכווייז אין זיין קינדערשן מוח דאָס וואָרט מיט די באַוועגונגען פון די באַנען און וואַגאָנעס.

פון דעמאָלט אָן, ווען מען האָט אים יעדעס מאָל געפרעגט:

— וואָס וועסטו זיין, מאַטעלע, ווען דו וועסט אויסוואַקסן?

פלעגט ער שטאָלץ און חנוודיק ענטפערן:

— אַן אינזשעניער... — נישט ווייסנדיק געניי דעם באַדייט זיינעם און נישט קענענדיק אַפילו גאָר גוט דאָס וואָרט אַרויסריידן...

ער איז טאַקע אויסגעוואַקסן און געענדיקט אויף אינזשעניער. נישט אַן אינזשעניער, וואָס פירט אָדער בויט באַנען, אָבער פאָרט אַן אינזשעניער. אים האָט זיך אויך איינגעגעבן באַלד נאָכן פאַרענדיקן צו קריגן אַ שטעלע. זיינע חברים האָבן אים שטאַרק מקנא געווען. אַ סך פון זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט מאָנאַטן לאַנג און גאָרנישט געקענט קריגן. מאַרין האָט זיך איינגעגעבן. אָבער דער געהאַלט זיינער איז געווען זייער אַ קליינער פאַר אַן אינזשעניער, פאַר אַ מענטשן מיט בילדונג, וואָס האָט אַוועקגעגעבן אַזוי פיל יאָרן צו שטודירן.

מאַרי איז געווען אי צופרידן, אי אומצופרידן. אַ פּאָר מאָל האָט ער שוין געוואָלט בעטן אַ העכערונג, כאָטש אַ קליינע. אָבער יעדעס מאָל האָט אים עפּעס אָפּגעהאַלטן און ניט געלאָזן:

— און וואָס איז אויב מען וועט אים אָפּזאָגן און די העכערונג ניט געבן? וואָס וועט ער דעמאָלט טאָן? עס וועט דאָך זיין, ווי אַ פּאַטש אין פּנים. ווי מען וואָלט אים געזאָגט: ווילסטו אַרבעטן פאַר דעם געהאַלט, איז גוט, אַז ניט קענסטו גיין... — און אפשר וואָלט ער טאַקע נאָכדעם געדאַרפט אַוועקגיין..

ער האָט דעריבער יעדעס מאָל זיך אָפּגעהאַלטן און געוואָרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, וועלכע קען זיך מאַכן, אָדער ביז די פירמע אַליין וועט מעגלעך איינזען זיינע פאַרדינסטן און אַליין אַרויסקומען מיט דער דאָזיקער העכערונג.

ווען ריטאַ האָט אויפגעגעבן דעם געדאַנק זיי זאָלן חתונה האָבן, האָט מאַרי געפּרוּווט זיך ווערן מיט דעם אַרגומענט קעגן: ער פאַרדינט ניט גענוג! און ווי קען מען אָנהייבן אַ נייעם לעבן מיט אַזעלכע קליינע שכירות? — עס איז געווען זיין גרעסטער און איינציקער אַרגומענט.

אָבער פאַר ריטאַן איז דער אַרגומענט קיין אַרגומענט ניט געווען. זי האָט פאַרטראַכט חתונה האָבן און געוואָלט אירס דערגרייכן. זי האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין שויס, אַרומגענומען זיין האַלדז מיט אירע

קליינע אָבער וואַרעמע הענטלעך, צוגערוקט אירע ליפּן נאָענט צו זיינע און געגומען איינטענהן מיט אים:

— די פראַגע פון פאַרדינסט איז אינגאַנצן אַ קלייניקייט. זיכער וואָלט געווען בעסער, ווען ער פאַרדינט מערער. אָבער אָפּלייגן צוליב דעם און זיצן און וואַרטן — האָט גאַר קיין זינען ניט. און וואָס, אויב די העכערונג וועט ניט קומען? און וואָס, אויב קיין אַנדער דזשאָב וועט זיך ניט מאַכן? פאַרקערט: גראַדע דאָס חתונה האָבן גיט אים אַ געלעגנהייט צו בעטן און אויך טאָקע צו קריגן אַט די העכערונג. ער וועט אָפּילו גאַרניט דאַרפן בעטן. די פירמע וועט אַליין איינזען. דאָס וועט זיין, אַזוי צו זאָגן, זייער חתונה־געשאַנק צו אים. און טאָמער אָפּילו ניט, איז אויך ניט קיין גרויסער אומגליק: מען וועט שוין דורכקומען. קיין באַזונדערע דירה פאַר זיך וועלן זיי דערווייל ניט נעמען, מען וועט קענען וואוינען אין אַ צימער ביי אירע עלטערן און קיין דירה־געלט איבגאַנצן ניט דאַרפן צאָלן... דערווייל וועט אַריבער אַ יאָר, זי וועט האָבן געענדיקט איר קורס און אויך קענען אָנהייבן פאַרדינען. אין צוויי'ען וועט שוין דעמאָלט זיין גאַר גרינג, מען וועט זיך אַרויסציען פון אירע עלטערן און אָנהויבן לעבן אומגעשטערט, ווי אַלע יונגע פּאַרלעך...

מאַרי האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן. אָבער ריטאַ האָט פעסט צו־געפרעסט אירע ליפּן צו זיינע און פאַרחתמעט זיי. ער האָט גאַרנישט געקענט מער אַרויסריידן — און דער באַשלוס איז געווען אַ געפּאַסטער...

אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווען מאַרי האָט זיך איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, האָט ער טיף ביי זיך אין האַרצן געמוזט מודה זיין, אַז ריטאַ איז גערעכט: טאַקע צו וואָס אָפּציען און אָפּלייגן? אַ זאַך, וואָס מען מוז, איז גלייכער וואָס פריער אָפּצופּטרן... בכלל האָט ריטאַס שטענ־דיקער אויספירן און אָוועקשטעלן זאַכן אַזוי ווי זי האָט געוואָלט, גע־שאַפן ביי אים אַ באַציאונג צו איר, ווי צו אַ מענטשן מיט אַ העכערן פאַרשטאַנד און אַ טיפערן באַגריף פון לעבן. גייענדיק מיט איר קען מען זיך קיינמאָל ניט אויסגליטשן...

מאַרי האָט זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה. אין האַרצן האָט אים אַ ביסל געקלאַפּט און געטיאַכקעט. ריטאַ האָט געוואָלט, אַז די חתונה זאָל זיין צווישן איין קאַלעדזש־סעמעסטער און דעם צווייטן, ווען זי קען האָבן עטלעכע וואָכן פריי. איר האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ פאַרמעלע חתונה און אויך האָבן אַ קליינעם „האָני־מון" נאָכדעם: אַוועקפאָרן מיט מאַרין אויף אַ וואָך אָדער צוויי ערגעץ אין אַ האָטעל. אָבער, ווי אַזוי קען מען דאָס דערגרייכן, אַז מאַרי איז פאַרבונדן מיט זיין דזשאָב?

ריטאַ האָט אָנגעהויבן צושטיין צו מאַרין, ער זאָל בעטן צוויי וואָכן

וואַקאַציע, אָדער כאַטשבי איין וואָך. ביי מאַרין האָט זי געפּועלט: ער אַליין איז אויך דערפאַר. אָבער ווי אַזוי פּירט מען דאָס דורך? מאַרין וואָלט לייכטער געווען אַ באַרג אויפצוהויבן, איידער גיין ריידן צו זיין שעף: אי ער האָט זיך געשעמט, אי ער האָט מורא געהאַט.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט אַזוינס, אויף וואָס מאַרי האָט זיך גאַרניט גערעכט און וואָס האָט אים אינגאַנצן צעטומלט. אין דער פירמע איז געוואָרן שוואַך און מען האָט גענומען ריידן, אַז אַ צאָל אָנגעשטעלטע וועלן מוזן גיין. עס איז ניט געווען קיין פּוסטע רייד, ווייל איין פרימאָרגן האָט עס די פירמע אַליין באַשטעטיקט. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, און מער פאַר אַלע — מאַרי, ווייל ער איז געווען דער ייננסטער אויפן דזשאָב און דעריבער, לויטן שכל, דער ערשטער צו פאַרלירן אים.

אָבער, ווייזט אויס, אַז די פירמע האָט געהאַט אַנדערע חשבונות, ווייל אָפּגעזאָגט האָט מען גראַדע ניט מאַרין, נאָר אַ פּאָר אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געאַרבעט אין אָפיס אַ סך לענגער פון אים. מאַרי האָט זיך געוואונדערט און ניט געקענט דאָס פאַרשטיין. אָבער אַנדערע אינזשעניערן, עלטערע און געניטערע, וואָס האָבן שוין געהאַט גענוג דערפאַרונג מיט דער און אַנדערע פירמעס, האָבן עס פּשוט אויסגעטייטשט, אַז די פירמע, ניט האָבנדיק גענוג אַרבעט, וויל זיך צוערשט באַפרייען פון די, וואָס זי צאָלט העכערע שכירות, און די אַנדערע, מיט די קלענערע, לאָזט זי איבער אויף שפּעטער. ווען אַ שיף איז אין געפאַר, וואַרפט מען צוערשט אַרונטער דעם שווערן באַלאַסט...

מאַרי האָט איצט פאַרשטאַנען און אַפילו געהאָפט, אַז אפשר וועט די אָפּעראַציע אים אינגאַנצן אויסמיידן. עס וואָלט פאַר אים געווען אַזאַ שרעקלעכער קלאַפּ, אַז ער האָט גאָר מורא געהאַט צו טראַכטן פון דעם. אָבער אין האַרצן האָט אים ניט אויפגעהערט צו טיאַכקען און יעדן טאָג פלעגט ער קומען אין אָפיס און אַוועק פון דאָרט מיט שרעק.

ער האָט ניט געוואוסט, צי זאָל ער עס דערציילן ריטאַן, צי ניט. אָבער קוקנדיק אויף איר פאַרהאָוועטקייט מיט די חתונה־צוגרייטונגען און אויף דעם נייעם גלאַנץ אין אירע אויגן און איר שטאַרקערער צערטלעכקייט און צוגעבונדנקייט צו אים, איז אים געווען אַ שאָד צו צעשטערן איר פרייד און איבערגעבן איר זיין שרעק, וועלכע האָט זיך נאָך דערצו געקענט שפּעטער אַרויסווייזן צו זיין אינגאַנצן אַן אומזיסטע.

מאַרי האָט באַשלאָסן צו טראָגן זיין זאָרג אַליין אין האַרצן און וואַרטן ביז די כמאַרע וועט זיך פאַרבייטראָגן און ער אַליין וועט זיך אויך קענען באַרואיקן.

עס זיינען אָנגעקומען די לעצטע טעג. ריטא האָט ניט אויפגעהערט צו מאָנען ביי אים, ער זאָל איר צוזאָגן, אַז ער וועט בעטן נישט איין וואָך, נאָר גאַנצע צוויי. מאַרי איז געווען פאַרצווייפלט. ער האָט זיך געוואָרפן צווישן דער אייגענער שרעק און זאָרג און ריטאס צושטייענדיקע פאַר־לאַנגען, וועלכע ער האָט ניט געקענט אָפזאָגן.

ענדלעך איז געקומען דער לעצטער טאָג. אָפליגן ווייטער האָט מען ניט געקענט. עס איז געווען פרייטאָג און זונטאָג האָט געדאַרפט זיין די חתונה. מאַרי איז אַוועק מיט אַ פעסטן באַשלוס אויסצופאָלגן, וואָס ריטא האָט אים אָנגעזאָגט. זי האָט אַפילו איינגעשטודירט מיט אים וואָס און ווי אַזוי ער זאָל ריידן. ער האָט באַשלאָסן, ער וועט עס דורכפירן, מעג זיין וואָס עס איז.

אין אָפיס, ווען מאַרי איז געקומען, האָט ער געטראָפן אַ שווערע שטימונג, שווערער ווי אַלעמאָל. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס האָט פּאַסירט, נאָר ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן. די לופט איז געווען אָנ־געלאָדן און יעדעס אייניציקעס וואָרט וואָלט געקענט פאַראורזאַכן אַן אויפ־רייס. אַלע זיינען געזעסן שטיל און ווי פאַרטאָן אין דער אַרבעט.

מאַרי האָט זיך געפּאַסט מוט און אַוועק צו זיין שעף מיט ריטאס שליחות. יענער האָט אים קאַלט אויפגענומען און אויף זיין פּנים איז קאַנטיק געווען, אַז ער הערט אים אויס מיט אומגעדולד.

ווען מאַרי האָט געענדיקט, האָט יענער אויפגעהויבן די אויגן, אים קאַלט אָנגעקוקט, און ווי וועלנדיק אַרויסברענגען אַ פרייינטלעכערן טאָן, געזאָגט:

— עס טוט מיר לייד, יונגערמאַן, וואָס איר האָט ניט געוואַרט מיט אייער בקשה ביז נאָכמיטאָג. איר וואָלט דעמאָלט אויסגעפונען, אַז אייער פאַרלאַנג איז אינגאַנצן איבעריק, ווייל איר וועט איצט זיין פריי און קענען זיך נעמען וואַקאַציע, ויפל איר וועט וועלן... עס טוט מיר לייד...

מאַרי האָט די ווערטער געהערט ווי אין חלום. אַ הייטל האָט זיך פאַרצויגן איבער זיינע אויגן און ער האָט געפילט, ווי זיינע קני ברעכן זיך אונטער. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט און ער האָט אַלץ ניט גע־קענט באַרעכענען, ווי אַזוי וועט ער אונטערטראָגן ריטאַן דאָס חתונה־גע־שאַנק, וואָס זיין פירמע האָט אים היינט געגעבן...

צעשטערטע פרייד

פאַר די לעצטע מאָנאַטן איז דער שלום־בית ביי די זיסלמאַנס אינגאַנצן צעשטערט. מאַן און ווייב שטימען צווישן זיך ניט, און אויב מען קריגט זיך ניט, גייט מען גלאַט אַרום אָנגעבלאָזענע, אָנגעשטויסן איינער אויפן צווייטן.

פרוי זיסלמאַן פילט זיך פון דעם באַזונדערס אומגליקלעך. קיינמאָל ביז איצט איז אַזוי ניט געווען. זי קען דעם מאַן איירן שוין איבער צוואַנציק יאָר און קיינמאָל איז ער אַזאַ ניט געווען. ער איז אַלעמאָל געווען אַ שטילער, אַ פריינטלעכער, און שטענדיק גוט צו איר. קיינמאָל האָט ער אויף איר קיין הויך קול ניט אויפגעהויבן און באַהאַנדלט זי אויפן פיינסטן אופן.

איצט איז ער ווי ניט צו דערקענען. גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. גייט אַרום שטענדיק אָנגעבלאָזן, פאַרזאָרגט, ווי אַ באַרג מיט דאגות וואָלט אים אויפן קאָפּ געלעגן. אין שטוב האַלט ער אין איין אַרומגיין איבערן צימער און רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויס. ביים טיש זיצט ער אָנגעכמורעט און באַלד נאָכן עסן הויבט ער זיך אויף, זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל און טונקט איין דעם קאָפּ אין צייטונג.

צו איר האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן אַנדערש באַגיין. וואַרפט זיך און שליידערט זיך און גיט איר אַ זאָג אַמאָל אַ וואָרט, אַז עס פאַרגייט איר אין דער זיבעטער ריפּ. פון וואַנען קומט עס צו אים? זי האָט אים געפּרוואווט אַ צייט פאַרשווייגן, דורכלאָזן, טאָמער וועט דאָס איבערגיין. אָבער, אַז אָנשטאָט בעסער, האָט עס נאָך אָנגעהויבן ווערן ערגער, איז ווי לאַנג קען אַ מענטש דולדן?... האָט זי אַליין אויך אָנגעהויבן אַרויס פון געדולד און ענטפערן אים אויף צוריק: — וואָס וויל ער? וואָס וואַרפט ער זיך? זאָל ער כאָטש זאָגן, וואָס עס קוועטשט אים...

און אַז ער, זיסלמאַן, האָט גאָרנישט געענטפערט, אָדער געענטפערט אַזוי, אַז עס האָט זי נאָך מער אויפגערייצט, איז דאָס הויז פול געוואָרן אָדער מיט שטילן ברוגז, אָדער מיט בייסנדיקן איבערוואַרפן זיך, וואָס האָט אַלצאיינס פאַראומערט דאָס לעבן און געמאַכט זיך פילן אין הויז, ווי אין אַ ניט־צוגעשלאָסענער תפיסה.

באַזונדערס פילט זיך פרוי זיסלמאַן געקרענקט נישט אַזוי צוליב זיך, ווי צוליב די קינדער און צוליב זייטיקע מענטשן. מילא, זי אַליין וואָלט זיך שוין ווי עס איז צוגעוואוינט. אויף דעם איז מען אַ פרוי, אַז מען זאָל דאַרפן ליידן. אָבער וואָס וועט זיין, אַז פרעמדע וועלן אָנהויבן באַמערקן? עס וועט דאָך זיין אַ חרפה און אַ בזיון...

און די קינדער אַליין. מיט זיי איז נאָך ערגער. פון זיי קען מען אַוודאי ניט באַהאַלטן. די קלענערע האָבן שוין אָנגעהויבן באַמערקן און עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט זי: — מאַמע, וואָס איז מיטן טאַטן? וואָס איז ער שטענדיק אַזוי בייז און צעטראָגן? איז ער קראַנק?

אָבער די קלענערע, ווי די קלענערע. דאָס ערגסטע איז מיט דער עלטסטער, מיט ביטריסן. יענע פרעגט גאָרניט. איר דאַכט זיך, אַז זי הויבט אָן חושד זיין, אַז די ענדערונג אין דעם טאַטן איז פאָרגעקומען אַ דאַנק איר... און אויב זי, די טאָכטער, וועט אַזוי באַשליסן, וועט זיין זייער ניט גוט. ווער ווייס, מיט וואָס עס קען זיך ענדיקן?... עס קען זיך נאָך ענדיקן מיט דעם, וואָס די טאָכטער וועט אָנהויבן טראָגן אַ האַס אויפן טאַטן און וועט אים קיינמאָל ניט מוחל זיין...

יאָ, זי אַליין איז אויך חושד, אַז אַלץ אין שטוב קומט פאָר צוליב דער טאָכטער, זינט יענע האָט אָנגעהויבן אַרומגיין מיט סידנין, מיט איר שטענדיקן פריינט. אַזוי שנעל, ווי ער האָט באַמערקט, אַז סידני ווערט אַן אָפטער אַריינגייער אין הויז, אַז דער טאָכטערס באַנעמונג מיט אים איז אַנדערש, ווי מיט די אַנדערע ייִנגלעך: נענטער, אינטימער — אַזוי האָט ער אָנגעהויבן ווערן אַן אַנדער מענטש. דאַכט זיך, ער וואָלט געדאַרפט זיין גאָר צופרידן, אַז די טאָכטער האָט זיך אויסגעקליבן אַ בחור — און נאָך אַזאַ פיינעם דערצו און אַזאַ געראָטענעם, וואָס נאָך אַ יאָר־צוויי ענדיקט ער אויף אינזשעניער. אָבער ער, ווי אַ קליפּה וואָלט זיך אין אים אַריינגעזעצט, גייט אום אומצופרידן, אָנגעכמורעט, און רעדט זייער זעלטן אַ וואָרט אויס צו דער טאָכטער.

וואָלט ער זיך כאָטש אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר איר — זי איז דאָך אַ ווייב — וואָלט זי אים געפּרוווט טרייסטן, אויפקלערן, געבן צו פאַרשטיין, אַז כאָטש די טאָכטער איז נאָך ערשט אַכצן יאָר אַלט, איז אָבער דאָס די צייט אויסצוקלייבן זיך אַ זיווג. און אויב מען לאָזט דורך די פּאָר יאָר, ווערט שוין דערנאָך שווערער, ווערט מען אַליין איבערקלייבעריש, און נישט איינע איז צוליב דעם איינגאַנצן פאַרזעסן געוואָרן... בפרט, אַז סידני איז אַזאַ טייערער בחור, איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דער טאָכטער און זי אין אים אויך אַזוי. אַן אַנדער טאַטע וואָלט דאָך געוועזן נאָך מער ווי צופרידן.

ער מיינט, אַז זי פאַרשטייט ניט, וואָס אים קוועטשט. זי פאַרשטייט שוין גאָר גוט. ער וויל ניט זי זאָל זיך פאַרדרייען מיט אַ בחור, טאָמער באַשליסן זיי דערנאָך באַלד חתונה האָבן — און דאָס וואָלט פאַר אים געווען דאָס ערגסטע. אַז די טאָכטער זאָל חתונה האָבן און דאַרפן אַוועק פון שטוב — פאַר דעם, פאַרשטייט זי, ציטערט ער ווי פאַר פייער... ער האָט דאָס

איר קיינמאָל ניט געזאָגט, אָבער אויף דעם האָט זי אָפּגעלעבט מיט אים צוואַנציק יאָר צו קענען אים און פאַרשטיין אַלע זיינע געדאַנקען.

די מוטער פאַרשטייט די טאָכטער און פאַרשטייט אים, איר מאַן, אויך. ער האָט מורא צו פאַרלירן די שפּייזעריין פון הויז, כמעט די ברויט־געבעריין. דאַכט זיך אַ יונגע קינד נאָך, איינגאַנצן אַכצן יאָר אַלט, און האָט זיך שוין איינגעשטעלט אין הויז ווי די הויפּט־פאַרדינערין, שיר ניט ווי די איינציקע פאַרדינערין. זי פאַרשטייט זייער גוט איר מאַן, וואָס צו פינף און פערציק יאָר איז ער געבליבן אָן פיס, אָפּשטייענדיק עטלעכע צענדליק יאָר און פרעסנדיק אין די ערגסטע שעפער, אין די פייכטסטע לעכער... ער איז פאַרשעמט און באַליידיקט און דערצו נאָך פאַרביטערט. דאָס איינציקע שטיקל גליק איז, וואָס די עלטסטע טאָכטער, באַלד ווי זי האָט געענדיקט הײַ־סקול האָט געקראָגן אַ דזשאָב און פאַרדינט איצט פינף און פערציק דאָלער אַ וואָך. זי איז אַ גוטע קינד אויך: טראָגט אַריין ביז אַ פּעני אין הויז און קומט דערנאָך בעטן ביי דער מאַמען אַ פּאָר דאָלער אויף איינענע אויסגאָבן...

די מאַמע פאַרשטייט דאָס זייער גוט. עס איז אַ שווערע לאַגע. אָבער זאָל זיך דאָס אוועקשטעלן אין וועג פון דער טאָכטערס גליק? — אַזאַ זאַך קען זי זיך ניט דערלויבן. מילא, וואָס דערנאָכדעם וועט זיין, וועט מען שפּעטער זען. אַ טאַטע איז אָבער אַנדערש: מער עגאָאיסטיש און ווייניקער באַרעכענענדיק. און אפשר נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס ער טראָגט אויף זיך מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער הויז, פאַר דער פאַמיליע...

ווי עס זאָל ניט זיין, הערשט אין שטוב שטענדיק אַן אָנגעצויגנקייט, אַ שווערקייט. יעדעס מאָל, ווען סידני קומט צוגיין, באַמערקט זי, ווי ער ווערט נאָך מער אָנגעכמורעט, נאָך מער אָנגעברוגזט און פאַרשווינדט פון הויז. זי ציטערט נאָר, אַז סידני זאָל עס ניט אויפכאַפּן און דעמאָלט — ווער ווייס, וואָס עס קען אַרויסקומען...

איר דאַכט זיך, אַז די טאָכטער פאַרשטייט אַלץ און איז לעצטנס אַליין אויך געוואָרן אָנגעצויגן מיטן טאַטן. זי וואָלט זיך געוואָלט מיט אים דורכ־ריידן, אויפקלערן, געבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז ניט ריכטיק פון זיין זייט, ניט שיין אַפילו. אַז אַזוי פירט זיך די וועלט און עס קען גאָר אַנדערש ניט זיין. און סיי־ווי וועט אים ניט העלפן — איז צו וואָס פאַראומערן דאָס לעבן זיך און די קינדער און אפשר מאַכן נאָך פון זיי שונאים פאַר זיך... אָבער ער לאָזט זיך קיין וואָרט ניט אויסריידן. עפּעס וואָס־ווען גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ זאָג:

— וואָס איז פאַראַן צו ריידן מיט דיר? אַ בהמה אַ יידענע...

זי אַליין פילט איינגאַנצן אַנדערש. אוודאי, פאַרשטייט זי, וועט זיין אַ

גרויסער קלאַפּ פאַר דער שטוב, ווען די טאָכטער וועט אָוועקגיין. אירע פינף און פערציק דאָלער אַ וואָך שטעלן פאַר דעם הויפּט־פונדאַמענט פון דער הוצאה. אָן זיי ווייס זי טאַקע ניט, וואָס מען וועט טאָן מיט דעם מאַנס דורכשניטלעכן פאַרדינסט פאַר אַ דריי מאָנאַטן דורכן יאָר. אָבער, וואָס קען מען טאָן? מען וועט שוין דערנאָך זען, וואָס צו טאָן...

די טאָכטער אַליין, ביטריס, ווייזט אויס, פאַרשטייט דאָס אויך. ווען זי רעדט מיט דער מאַמען, פילט זי זיך אַזוי ווי אַ ביסל פאַרשולדיקט. און, ווייזט אויס, כדי וויכער צו מאַכן די שולד אירע, ווי צו פאַרענטפערן עס, הויבט זי אָן לויבן סידנין, וואָס פאַר אַ טייערער בחור ער איז און ווי שטאַרק ער האָט זי ליב...

— דו ווייסט, סידני איז אַזוי פאַרענגט אין געלט. יעדע פעני, וואָס ער האָט, מוז אָוועק אויפן לערנען, אויף ביכער, אינסטרומענטן און שכר־לימוד. און דאָך איז פאַר מיר קיין זאַך ניט צו־שווער פאַר אים. וואָס איך זאָל נאָר זאָגן...

— טאַקע גוט, וואָס דו האָסט אַריינגעקראָגן אַזאַ פיינעם בחור — באַ־שטעטיקט די מוטער דער טאָכטערס צופרידנקייט מיט איר גליק און זוכט הערביי צוגעבן איר איינענע. — עס איז מיר נאָר אַ פאַרדראָס, וואָס מיר קענען ניט אַרויסווייזן צו אים מער אויפמערקזאַמקייט דורך ממשותדיק שטיצן אים, ביז ער וועט עפּעס דערגרייכן...

— שטיצן אים? — פאַרוואונדערט זיך ביטריס, נעמענדיק ערנסט דער מוטערס פאַרלעגנהייט וועגן דעם. — ווי קענסטו דאָס גאָר אַרויסריידן?... דו מיינסט, איך ווייס ניט דעם טאַטנס לאַגע? שטיין אין שאַפּ אויף די קראַנקע פיס און הויבנדיק מיט די קראַנקע הענט דעם שווערן פרעס־אייזן... צייטנווייז גייט מיר מיין אייגענע פרייד ניט איין... איך האָף נאָר, אַז ווען די יינגערע קינדער וועלן אונטערוואַקסן, וועט אפשר אייער לאַגע ווערן בעסער... איך האָב שטאַרק רחמנות אויפן טאַטן...

נאָך אַזאַ שמועס, ליגט די מוטער ביינאַכט אין בעט און וויינט צו זיך. אַזאַ גאָלדן קינד! אַפילו זי דאַרף שוין טראָגן אויף זיך דעם עול פון דער לאַגע. און זיי, טאַטע־מאַמע, אַנשטאָט צו פרייען זיך, צו זיין גליקלעך סיי מיטן אייגענעם גאָלדענעם קינד, וואָס זיי פאַרמאָגן, און סיי מיטן די־מענט, וואָס זיי קריגן נאָך אַריין, דאַרפן זיך גאָר מצער זיין און פאַרדריסן אויף דעם...

„אַזאַ צייט אַ פאַסקודנע", טראַכט די מוטער מיט ביטערקייט און ווי־טאָג, „און אַזעלכע פאַרשאָלטענע אומשטענדן"...

די ערשטע דערפאַרונג

דעני בוירקאָוויץ איז אויפגעשטאַנען זייער פרי. ער האָט ניט גע־דאַרפט וואַרטן דער זייגער זאָל קלינגען און אויפוועקן אים און זיין מוטער. ביידע זיינען די נאַכט ווייניק געשלאָפן און ער, איבערהויפּט, איז שוין ניט געשלאָפן די לעצטע צוויי שעה און בלויז געוואַרט עס זאָל אָנהויבן עטוואָס ליכטיק ווערן, ער זאָל קאָנען אויפשטיין און אָנטאָן זיך. ער האָט אָבער ניט אויסגעהאַלטן און ווען אין צימער איז נאָך געווען גוט טונקל, איז ער אַראָפּ פון בעט, צוגעטראָגן דעם וועק־זייגער צום פענצטער, וואו די טונקלקייט איז געווען עטוואָס העלער, און אָנגעשטרענגט געפּרואווט אויס־זוכן די וויזערס און די צייט וואָס זיי ווייזן. און ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז דער זייגער ווייזט אויף זעקס, האָט ער באַשלאָסן, אַז עס האָט קיין זין ניט ווייטער צו ליגן אין בעט און גענומען זיך אָנטאָן.

ער האָט עס געטאָן לייכט און שטיל, כדי ניט אויפצואוועקן די מוטער און געבן איר אַ געלעגנהייט צו שלאָפן נאָך אַ האַלבע שעה צייט. אָבער דאָס איז געווען אינגאַנצן איבעריק, ווייל סיי־ווי איז זי ניט געשלאָפן און נאָר געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און האַלב געדרעמלט. און ווען ער האָט נאָר דעם ערשטן טראָט געמאַכט איבערן צימער, איז זי שוין געווען וואַך און געוואוסט, אַז דאָס איז ער שוין אויפגעשטאַנען. זי האָט אים בלויז פון יוצא וועגן אַ פרעג געטאָן:

— שוין אויפגעשטאַנען, דעני? וויפל איז דער זייגער?

ווען זי האָט געהערט, אַז עס איז שוין נאָך זעקס, האָט זי אויך גענו־מען אַרויסקריכן פון בעט, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז זי וואָלט נאָך געקענט ליגן נאָך אַ ווײַלע.

אין די דריי צימערלעך פון דער קליינער דירה איז איצט געווען טונקל און שטיל, אָבער אין דער לופט האָט נאָך אַלץ געהערשט דער אָפּקלאַנג פון דער נעכטיקער אויפרעגונג און טומלדיקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט.

נעכטן אין אָוונט איז דאָ געווען זייער פריילעך. עס האָבן זיך געטראָגן קלינגענדיקע און אויפגערעגטע שטימען פון יונגע בחורים, וואָס זיינען געווען זיינע שטענדיקע חברים און אין איין עלטער מיט אים. אַלע זיינען געווען אויפגעהעצט און אויפגעברויזט, ווי יונגע קינדער, וואָס דאַרפן באַלד דורכמאַכן אַ נייע אַקטיוויטעט, און געטומלט זיך און געהיצט זיך און איבערגעשלאָגן און אַריבערגערעדט דעם צווייטן.

אַלע האָבן זיך געגרייט צום קומענדיקן טאָג.

אין דעניס אויערן האָט נאָך איצט געקלונגען די נעכטיקע אויפרעגונג, און כאָטש ער וואָלט געדאַרפט זיין פאַרשלאָפן פון אַ נאַכט שלעכט און ווייניק שלאָפן, איז ער אָבער געווען אינגאַנצן וואַך און אויפגעהייטערט. ווי ער וואָלט אויפגעשטאַנען אין שפּעטן פרימאָרגן אַן אויסגערוטער און אויסגעשלאָפענער. דאָס קאַלטע וואַסער מיט וועלכן ער האָט זיך געוואַשן, האָט אים איצט נאָך מער אויפגעפרישט און געמאַכט אינגאַנצן וואַך און גרייט פאַרן אָנקומענדיקן טאָג.

פאַר דעניען איז אַ גרויסע געשעעניש פאַרגעשטאַנען, אַ נייע וויכטיקע דערפאַרונג אין לעבן, פאַר וועלכער ער האָט זיך געגרייט די לעצטע יאָרן און וועלכע ער האָט באַזונדערס דערוואַרט די לעצטע מאָנאַטן און פיבערדיק דורכגעמאַכט די לעצטע טעג.

דעני האָט געדאַרפט אַריינטרעטן אין לעבן און צום ערשטן מאָל אַריינוואַרפן זיך אין פּראַקטישן לעבן מיט זיינע אַלע יוגנטלעכע כוחות און יוגנטלעכן ברען: דעני האָט צום ערשטן מאָל געדאַרפט גיין זוכן אַ דזשאַב, ניט קיין ציטווייליקן, צופעליקן דזשאַב, נאָר אַ שטענדיקן, אַ זיכערן, וואָס זאָל אָוועקלייגן דעם פונדאַמענט פאַר זיין צוקונפט און וואָס זאָל זיין די אָנווענדונג אין פּראַקטיק, וואָס ער האָט אַזוי פיל יאָרן געלערנט טעאָרעטיש.

ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָט דעני געענדיקט קאָלעדזש. עס איז היינט מאָנטיק געווען און ערשט לעצטן דאָנערשטיק האָט ער זיין דיפּלאָמע געקראָגן ביי דער פאָרמעלער גראַדואירונג.

עס איז געווען אַ פייערלעכע צערעמאָניע. אינעם גרויסן האָל פון קאָלעדזש זיינען געווען צונויפגעזאַמלט אַ פּאָר טויזנט גראַדואַנטן, זייערע עלטערן און פריינט, ווי אויך באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געקומען די סטודענטן באַגריסן און ווינטשן זיי דערפאָלג אין זייער נייעם לעבן. אַלע זיינען געווען יום־טובדיק אויסגעפּוצט און יום־טובדיק געשטימט. די זון אין דרויסן האָט געשיינט און צוגעטראָגן ליכטיקייט און פרייד צו דעם אַלגעמיינעם יום־טוב און געמאַכט אַלעמענס געמיטער זאָרגלאָז און האָפענונגספול.

דערנאָך איז געקומען די צערעמאָניע אַליין. אַלעמענס הערצער פריידיק פאַרכאַפּט, אַלעמענס אויגן און אויערן וואַכזאַם אָנגעשטרענגט. דער פּרעזידענט פון קאָלעדזש האָט געזאָגט:

— איך באַגריס אייך צו אייער איבערבייט אין לעבן און ווינטש אייך דערפאָלג. איר טרעט צו צו אייער נייער אויפגאַבע אין לעבן פול מיט האָפענונג און פרייענדיקע אויסזיכטן. איר זייט די קינדער פון אונדזער לאַנד, אונדזער צוקונפט, די פרישע זיילן, וואָס דאַרפן פאַרבייטן די אַלטע,

אָפּגעענוצטע, און זען טרייבן דאָס לעבן אין דער זעלבער ריכטונג, אין וועלכער עס איז ביז איצט געגאַנגען, נאָר מיט נייעם אימפּעט און פרישע כוחות, ווי עס פּאַסט זיך פאַר יוגנטלעכע, און אויפהויבן עס צו נייע נאָך העכערע הויכן. אונדזער לאַנד האָט אייך דערצויגן פאַר דעם, געגעבן אייך טעאָרעטישע צוגרייטונג. איצט איז געקומען דער טאָג, ווען איר דאַרפט אייער וויסן אָנווענדן אין דער פּראַקטיק. אונדזער לאַנד וואַרט אויף אייך. גייט וואַרפט זיך אַריין אין לעבן און פאַרנעמט דאָרט אייערע פּאָזיציעס. אַלע וועגן זיינען פאַר אייך פריי, אַלע טירן זיינען פאַר אייך אָפן, אַלע געלעגנהייטן וואַרטן אויף אייך — גייט און נעמט זיי און נוצט זיי אויס צו אייער ווילזיק.

און אַ באַקאַנטער אָנגעזעענער פּאָליטיקער, וואָס איז ספּעציעל צו דער געלעגנהייט געקומען פון דער הויפּט־שטאָט, האָט גערעדט מער קאָנקרעט און פאַרבונדן זיין רעדע אויך מיט די וועלט־געשעענישן. ער האָט געזאָגט :

— הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען יוגנטלעכע איבער דער וועלט זיינען אייך מקנא. איר זייט די גליקלעכסטע יוגנט אין דער וועלט, די גליקלעכסטע יוגנט פון דער היינטיקער צייט. אומעטום הערשט כאַאָס און צעטומלונג, רייסערייען און פיינטשאַפט. איינער איז גרייט איינצושלינגען דעם צווייטן. וואָס פון אַזאַ לאַגע קומט אַרויס איז קלאָר : עס ברענגט מיט זיך קריגערייען, פיינטשאַפט און שנאה, סטאַגנאַציע און אָפּהענטיקייט, ווידערווילן און פּראָדוציר־אָפּשוואַכונג, די אָפּגעטויטקייט פון יעדן שאַפונגס־גייסט און שאַפונגס־אונטערנעמונג, וואָס דאָס איז דער אייביקער דראַנג פון דער אומדערמידלעכער יוגנט.

— בלויז אונדזער לאַנד איז אַ גאָלדענער אויסנאַם, און איר זייט די גליקלעכסטע אויסנאַם־יוגנט. דעמאָקראַטיע און פרייהייט הערשט אין אונדזער לאַנד און גלייכע געלעגנהייטן פאַר יעדן איינעם, וואָס וויל נאָר די געלעגנהייטן אויסנוצן. האַלט טייער אונדזער לאַנד און איר פרייהייט און זעצט־פאָר איר איינגעשטעלטע און אויסגעפּרובירטע טראַדיציע...

די יונגע סטודענטן זיינען מיטגעריסן געוואָרן פון די ווערטער און אָנגעצונדן געוואָרן מיט ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג. יעדעס וואָרט האָט געקלונגען ווי אַ גאָלדענער צוזאָג און יעדע פראַזע — ווי אַ גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט. די געמיטער זיינען אויפגעשטורעמט געוואָרן און די גייסטער זיינען דערהויבן געוואָרן און אַזוי ווי באַקומען פליגלען צו לאָזן זיך פליען אין דער ברייט און ווייט, וואו אַלע וועגן זיינען אָפן, אַלע מעגלעכקייטן פריי און אַרויסרופנדיק.

דעני איז אויך געווען אַזוי באַגייסטערט פון די רעדעס, אַז אים האָט

זיך געוואָלט כאַטש שוין, מיט דער דיפּלאָמע אין דער האַנט און אין דעם נייעם אַנצוג, וואָס זיין מוטער האָט אים געמאַכט, זיך אַרויסלאָזן איבערן שטאָט און אויסנוצן יענע געלעגנהייטן, וועגן וועלכע די רעדנער האָבן גערעדט און וועלכע ליגט זיכער אַנגעגרייט אויף פאַר אים. מער ניט וואָס די שטימונג איז געווען אַזאַ יום־טובדיקע, אַזאַ געהויבענע, און זיין מוטער האָט אים אָנגענומען פאַרן האַנט און געזאָגט:

— קום, מיין קינד, אַהיים און כאַטש אַ פּאָר טעג רו אויס דעם קאָפּ פונעם לערנען און אויפרעגונג. סיי־ווי מאַנטיק איז אַ נייע וואָך — און זאָל שוין זיין מיט נייעם מזל...

איצט איז געווען מאַנטיק און קיין זאַך האָט מער ניט געשטערט זיך אַרויסציִען פון די דלד אַמות פון הויז און פון קאָלעדזש, קומען אין באַרי־רונג מיטן פּראַקטישן לעבן און פאַרווירקלעכן שטרעבונגען, טרוימען און האָפענונגען פון די לעצטע יאָרן...

דעני איז געשטאַנען און געוואַשן זיך און לאַנגזאַם געווישט זיך, פאַר־טראַכט איבערן לעצטן דאָנערשטיק און איבער דעם טאָג, וואָס שטייט אים פאָר. ער איז געווען זיכער, אַז דער פּרעזידענט פון קאָלעדזש האָט געוואוסט, וואָס ער רעדט, און זיינע ווערטער זיינען גענומען פון דער הער־פאַרונג, וואָס ער האָט אַזויפיל יאָרן, און די געוויסע פאַרבינדונג, וואָס ער האָט מיט די געוועזענע סטודענטן אויך שפּעטער.

ער איז געווען זיכער, אַז אים שטייט פאָר אַ גוטע צוקונפט און היינט וועט זיין דער אָנהויב אירער.

צופרידנדיק שטיל האָט ער זיך ריין אָפּגעראַזירט און אָנגעטאָן דעם נייעם אַנצוג, וואָס די מוטער האָט אים געקויפט צו דער גראַדואירונג.

ער איז געווען אַ ביסל אויפגערעגט, ניט געקענט עסן קיין סך און בלויז אַ ביס געטאָן, כדי ניט אַרויס פון הויז אינגאַנצן אַ ניכטערער.

ער האָט זיך געזעגנט מיט דער מוטער, וועלכע האָט אים געוואונטשן דערפאָלג און געבענטשט: — זאָל זיין אין אַ גוטער שעה און מיט דער רעכ־טער פוס...

צו זוכן אַ דזשאָב איז פאַר דעניען ניט געווען קיין נייס. ניט נאָר אין די זומער־חדשים, ווען ער איז געווען פריי פון לערנען אַ דריי מאָנאַטן צייט, נאָר אַפילו אין די אַנדערע קורצע וואַקאַציעס פון בלויז געציילטע וואָכן אָדער אַפילו טעג, איז דעני, ווי אויך אַנדערע סטודענטן זיינע פריינט, גע־וואוינט געווען צו זוכן אַ דזשאָב און האָט עס אויך יעדעס מאָל כמעט אָן שוועריקייטן געפונען. אָבער דעמאָלט זיינען עס געווען קליינע צייטווייליקע דזשאָבס צו מאַכן עטלעכע דאָלער, און סיי דעני, סיי זיינע אַנדערע קאָלעגן

זיינען ניט געווען צו איבערקלייבעריש. אַמאָל האָט דעני געאַרבעט אַלס קאָנסעלאַר אין אַ קעמפּ, אַמאָל אַלס אַ „דיש־וואַשער" אין אַ האָטעל, און אַמאָל אַלס אַן אָנטרייבער פון אַ גרויסן טראָק. אָבער איצטער האָט דעני, ווי אויך די אַנדערע קאָלעגן זיינע, געדאַרפט אַ דזשאָב אַ שטענדיקן, אַ תכליתדיקן, ביי דער פּראָפעסיע, צו וועלכער מען האָט זיך געגרייט יאָרן אין קאָלעדזש. דאָס איז שוין געווען אַ מער ערנסטער ענין און געפאָדערט מער איבערקלייבערישקייט, סיי פון זיין זייט, און סיי מצד די, וואָס האָבן געזוכט אַזעלכע אָנצושטעלן.

דעניס פּראָפעסיע איז געווען בוכהאַלטעריע און אַלס אַזאַ האָט ער געזוכט אַ שטעלע.

ער האָט געקויפט אַ צייטונג — די וואָס ער פלעגט אַלעמאָל קויפן אין אַזעלכע פאַלן, ווייל דאָרטן זיינען געדרוקט געווען די מערסטע אָנבאָטן און נאָכפראַגן, סיי פון די, וואָס האָבן געזוכט שטעלעס און סיי פון די, וואָס האָבן געזוכט מענטשן אָנצושטעלן. איבערגייענדיק שנעל מיטן אויג די רובריק, וואו עס זיינען געזוכט געוואָרן מענטשן פון זיין פּראָפעסיע, האָט ער מיט אַ בלייפעדער אָנגעצייכנט איניקע פלעצער, וואָס האָבן אין זיינע אויגן אויסגעקוקט מער צוציענדיק און מער צוזאָגנדיק.

ער האָט באַשלאָסן די ערשטע זאַך צו ווענדן זיך צו דער גאַנז און עלעקטרישער פירמע, וואָס באַדינט די גאַנצע שטאָט מיט באַלייכטונג און באַהייצונג, וואו דער אַדווערטייזמענט האָט געזאָגט, אַז עס איז דאָ אַן עפּע־נונג פאַר אַ צאָל גוטע דזשאָבס, וואָס באַצאָלן זיך אַמבעסטן.

דעניס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נאָך אַ ביסל צו פרי. אָבער ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער געטראָפן שוין אַ פאָר צענדליק מענטשן זיצנדיק דאָרט — איניקע פון זיי זיינע באַקאַנטע און קאָלעגן פון קלאַס. דער צימער איז געווען אַן אומגעהויער גרויסער און אָנגעשטעלט מיט אַ סך קליינע טישלעך און שטולן דערביי. יעדערער האָט געדאַרפט ביי אַ פענצ־טערל נעמען געוויסע פּאַפּירן און אויספילן זיי, ענטפערן אויף פראַגן וועגן זיין סטאַטוס אין בילדונג, וואו ער האָט זיין בילדונג באַקומען, אין וועלכן קאָלעדזש ער איז געגאַנגען, ווי אויך די מאַס, מיט וועלכער די פאַרשיידענע געגנשטאַנדן זיינען אָפּגעשאַצט געוואָרן פון די לערער — איבערהויפּט טאַקע דער געגנשטאַנד פון זיין ספּעציאַליטעט. נאָך אַ צאָל קלענערע פראַגן זיי־נען געווען.

דאָס אויספילן פון די פּאַפּירן איז געווען אַ פאַרשפּיל צו דעם אינ־טערוויו, וואָס יעדער איינער האָט געדאַרפט האָבן מיט אַ העכערן באַאַמטן

פון דער קאָמפּאַני און אין וועמעס הענט עס איז געלעגן צו באַשטימען, צי דער אַפּליקאַנט איז פּאַסנד אָנגעשטעלט צו ווערן, צי ניט. ווען דער אַפּ־ליקאַנט איז אַריינגעקומען אין דעם צימערל פון דעם אינטערוויוער, האָט שוין יענער אַלץ געוואוסט וועגן אים, איבערקוקנדיק פאַר דעם יענעמס פּאַפּירן.

איינער נאָכן צווייטן זיינען די יונגעלייט אַריין אין די קליינע צימערלעך אינטערוויואירט צו ווערן און אין אַ צייט אַרום אַרויס פון דאָרט — ווער פריילעך־אויפגעלייגט, פאַרשטייענדיק, וויזט אויס, אַז זיין אַפּליקאַציע איז גוטגעהייסן, און ווער אומעטיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער נאָז.

ווען דעניס ריי איז געקומען, איז ער אויך אַריין אין איינעם פון די קליינע צימערלעך. אויף אַ שטול איז געזעסן דער אינטערוויוער, פאַרטיפט אין פּאַפּירן. דאָס האָט ער איבערגעקוקט טאַקע דעניס אַפּליקאַציע־פּאַפּירן. אויפהויבנדיק דעם קאָפּ און ענטפערנדיק אויף דעניס באַגריסונג, האָט ער אים געבעטן זיך זעצן.

פאַרענדיקנדיק אין אַ ווײַלע אַרום, האָט ער גענומען אויספרעגן דעניסן מינדלעך, שטעלנדיק אים אַ סך פון די זעלבע פראַגן, אויף וועלכע ער האָט שוין געענטפערט שריפטלעך. דעניסן האָט זיך געדאַכט, אַז דער טאָן פון דעם אויספרעגער איז אַ ביסל צו שטרענגלעך, כמעט ווי ניט העפלעך. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס.

פּלוצלונג האָט דער אינטערוויוער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים און אומגעריכטערהייט אַ פרעג געטאָן:

— ווי רעדט זיך אַרויס אייער נאָמען? בערקאָוויץ, בוירקאָוויץ?... וואָס פאַר אַ נאָמען איז דאָס? — אַ רומענישער? אַ סלאַווישער?...

— איך ווייס ניט... — האָט דעני, ווי דערשרעקנדיק זיך, פּלוצלונג דערפילט, אַז אין דער פראַגע ליגט זיין גאַנצע קאַריערע: — מיינע עלטערן זיינען געקומען פון רוסלאַנד, זיי זיינען יידן. מסתמא איז דער נאָמען אויך אַ רוסישער, אָדער אַ יידישער...

— אַ דאַנק, האָט דער אינטערוויוער כלומרשט העפלעך און רואיק געענטפערט. איר וועט מסתמא הערן פון אונדז... איר ווייסט, וואַקאַנסיעס זיינען דאָ ווייניק, אַפּליקאַציעס — אַ סך. קלייבן מיר אויס די, וואָס זיי־נען פאַר אונדז אַמפּאַסנדסטן... יענע לאָזן מיר וויסן דורך בריוו, אַז זייער אַפּליקאַציע איז אָנגענומען... זייט געזונט...

דעני איז אַרויס פון דעם אינטערוויוערס אָפיס אַ צעמישטער. ער האָט

געוואוסט, אַז דער באַשלוס פון דער קאָמפּאַני איז שוין אַ פאַרטיקער, אַ גע־מאַכטער... דער נאָמען זיינער געפעלט זיי ניט... מעגלעך אַפילו אַז עס איז מער ווי דאָס — ניט בלויז דער נאָמען, נאָר די גאַנצע אָפּשטאַמונג זיינע...

דעני איז געווען אַזוי צעבראָכן, אַז ער איז מער דעם טאָג ערגעץ ניט געגאַנגען און אַ מידער איז ער אַוועק אַהיים.

ביינאַכט איז ער געלעגן אין בעט און געטראַכט פונעם פּרעזידענט פון קאָלעדזש, און זיינע ווערטער האָבן אים געקלונגען אין די אויערן: „אַלע וועגן פאַר איך פריי, אַלע טירן פאַר איך אָפן און אַלע געלעגנהייטן פאַר איך גרייט...״ — האָט ער באמת געגלויבט אין זיי?...

בלוטיקע געלט

זינט דער זון איז אַוועק אין דער אַרמיי, איז דאָס הויז באַפאַלן אַן אומעט. ווי אַ חושך ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלץ. זעלטן לייכט זיך דורך די פענצטער אין די אָוונטן און זעלטן הערט מען אַ קלאַפּ פון דער טיר דורכן טאָג.

דאָס הויז פון די שולמאַנס איז צווישן די שכנים באַקאַנט געווען מיט זיין פריילעכקייט. קיין גרויסע משפחה איז עס ניט געווען, אינגאַנצן דריי מענטשן. אָבער דער איינציקער זון זייערער, מאַרווין, אַ צווײ און צוואַנציק יאָריקער בחור, איז געווען אַ געזונטער און לעבעדיקער יונג, אַ פריילעכער, וואָס האָט געקענט צו זיך צוציען מענטשן און געווינען זיך פריינט. ניט נאָר האָבן זיך מיידלעך צו אים געקלעפּט, נאָר אויך בחורים. איז דאָס הויז אין די אָוונטן שטענדיק פול געווען מיט יונגע מענטשן: אַמאָליקע חברים פון היי־סקול, איצטיקע פון קאָלעדזש, און גלאַט אַזוי באַקאַנטע און פריינט. יעדערן איז אָנגענעם געווען די גאַסטפרייַנטלעכקייט פון מאַרווינען און פון זיין מוטער, אַ מיטליאָריקע פרוי, אַ איינפאַכע, קלוגע און גאַסטפריינטלעכע. אין די אָוונטן פלעגן זיך צוזאַמענקומען יונגוואַרג, טאַנצן און פאַרברענגען, ביז מען האָט געפילט, אַז עס איז שוין זייער שפּעט און עס איז צייט צו גיין אַהיים.

אַזוי איז אַלץ געווען פריער. אָבער זינט מאַרווין איז אַוועק אין דער אַרמיי, האָט זיך אַלץ מיטאַמאָל איבערגעדרייט. דאָס הויז שטייט ווי נאָך אַ חתונה, ווען אין די אויערן קלינגט נאָך דאָס שפּילן פון דער מוזיק און דאָס טופּען פון די טאַנצנדיקע פאָרלעך, אָבער גלייכצייטיק פילט זיך שטאַרקער די איצטיקע פוסטקייט און איינזאַמקייט.

אַן אומעט איז באַפאַלן דאָס הויז פון די שולמאַנס. זעלטן ווער עס עפנט אַ טיר אויף, און דאָס אויך נאָר אויף אַ ווײַלע. וואָרעם ווער איז דאָ צו עפענען? דער גרעסטער טייל פון מאַרווינס חברים, אין איין עלטער מיט אים, זיינען צוגענומען געוואָרן אין דער אַרמיי, פונקט ווי ער. און די, וואָס זיינען צוליב דער אָדער יענער אורזאַך געבליבן אינדערהיים, איז אָדער זיי פילן זיך אומבאַקוועם, צוצוגיין צו די שולמאַנס, אָדער זיי האָבן פּשוט ניט צוליב וואָס. זעלטן ווען כאַפּט זיך אַריין אַ יונגער בחור, לויפנ־דיק אַהיים פון זיין דזשאַב, אויסצוגעפינען וואָס שרייבט מאַרווין און ווי גייט עס אים דאָרט. אַזוי יאָגט זיך יענער, דאַכט זיך שנעל, שפּרינגענדיק אויף די טרעפּ, נאָר ווי ער קומט צו צו דער טיר, פאַרלירט ער פּלוצלונג

זיין אימפעט און כאַפּט זיך, אַז ער דאַרף זיין געלאַסענער. ער קלינגט שטיל אַן אין טיר און גייט אַריין ערנסט און עטוואָס פאַרהאַלטן, ניט ווי עס פּאַסט פאַר אַ יונגן בחור.

די מיידלעך האָבן אַוודאי ניט קיין אויסרייד אַריינצוגיין. בלויז די בלוי־אויגיקע, בלאָנד־קעפּיקע דזשין, וואָס האָט שוין פריער געהאַט גע־וואָרפן אַן אויג אויף מאַרווינען, קומט אָפּטער זיך נאָכפרעגן אויף אים.

די שולמאַנס, איבערהויפּט די מוטער, נעמען אַלעמען אויף פריינט־לעך און דערפרייען זיך מיט יעדן איינעם, וואָס קומט אַריין. זיי פרעגן זיך נאָך אויף אַנדערע פריינט און בכלל וואָס עס הערט זיך אין דער יוגנטלעכער וועלט. נאָך אַזאַ באַזוך האָט מיסעס שולמאַן אַ סך צו שרייבן דעם זון און איז צופרידן, וואָס זי קען אים אַמאָל אָנשרייבן אַ פריילע־כערן בריוו, נישט מיט די שטענדיקע מאָנאָטאָנע איינצלהייטן פון שטו־ביקע קליינינקייטן און זאָרגן.

די שולמאַנס נעמען זייער שווער דעם זונס אַוועקגיין אין דער אַרמיי. עס איז אַראָפּגעפאַלן אויף זייערע קעפּ ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג און האָט זיי שטאַרק דערשלאָגן. זיי קענען בשום אופן צו זיך ניט קומען. פאַרוואָס זאָל אַ יונגער בחור, נאָר וואָס פון קאָלעדזש, וואָס האָט ערשט זיך גענומען דורכשלאָגן אַ וועג אין לעבן, פּלוצלונג מוזן איבעררייסן און אַוועקגעבן עטלעכע פון זיינע יונגע יאָרן, — אויף וואָס און אויף ווען? און וואָלט נאָך דאָס אַליין געווען, וואָלט עס נאָך געווען פיל־ווייניק צו דער־ליידן. אָבער עס איז דאָך מלחמה־צייט, און ווער ווייס, וואוהין מען וועט אים נאָך אַוועקשיקן, חלילה?

די שרעק פאַר אַזאַ מעגלעכקייט צעפרעסט זיי איינגאַנצן און לאָזט ניט רוען. ביידע גייען אום פאַראַבלעטע און קענען זיך קיין אָרט ניט גע־פינען. די פיר ווענט פון דער דירה זיינען געוואָרן צו שווער צו פאַר־טראָגן און עס ווילט זיך אַנטלויפן פון זיי. אַ גאַנצן טאָג איז קיינער אין הויז ניטאָ און אין אָוונט איז ליכטיק נאָר אין איין צימער, אין קיך. מען איז דאָך לעבעדיקע מענטשן, מוז מען דאָך עפּעס עסן. גרייט די פרוי שולמאַן צו דאָס עסן אין קיך און דער מאַן זיצט אויף אַ שטול דערביי און קוקט אַריין אין אַ צייטונג. ביידע זיינען אָנגעכמורעט און רעדן ווייניק, כאָטש זיי האָבן זיכער איינער צום צווייטן גאָרנישט.

ביינאַכט שלאָפט זיך ווייניק. די נאַכט ציט זיך, ווי זי וואָלט געווען ווער ווייס ווי לאַנג. עס וואָלט שוין דער טאָג געקומען... כאָטש ווען ער קומט, ווילט זיך ער זאָל שוין וואָס שנעלער אַוועק. ווען עס ווערט ליכ־טיק, טוען זיך מאַן און פרוי אָן און גייען אַוועק.

מיסעס שולמאַן איז מקנא דעם מאַן: ער האָט כאָטש וואוהין אַוועק־

צוגיין. ער גייט אוועק אין שאפ. אמת, קיין ארבעט איז סיי ווי ניטא און דאס גיין אהין איז כמעט ווי אומזיסט. אבער איצטער איז דאס אויך גוט. ער האט אן אויסרייד וואוהין אוועקצוגיין. און אז מען קומט, טרעפט מען נאך מענטשן, רעדט מען א ווײלע, הערט מען זיך צו, שטופט מען אזוי אוועק דעם טאג. איר איז נאך ערגער. וואוהין צו גיין איז כמעט ניטא. צו דער שוועסטער אלע טאג פארן, קען מען ניט. שלעפט זי זיך אוועק אין מארק. אבער וואס, מ׳שטייט גענוג, האט זי איינצוקויפן? אז מארווין איז ניטא, קיין געסט קומען ניט, און אליין — וויפל דארף מען? דאס הארץ איז שטענדיק פארלאפן, און אז מען זאל זיך ניט צוויגען, וואלט מען געקענט טעג אפילו ניט עסן און עס זאל גארניט ארן.

שולמאן גייט שוין ארום מאנאטן אן ארבעט. ניטא קיין ארבעט אין זיין פאך. ער איז א שניידער ביי מענער־מאנטלען, און אין פאך הערשט א שטילשטאנד. שוין א לענגערע צייט אזוי. אין לאנד האט זיך אנגעהויבן טומלען: עס וועט זיין מלחמה. קיין מלחמה איז דערווייל נאך ניטא, אבער סיי ווי איז געווארן אומרואיק. דער עולם האט זיך דערשראקן און איילט זיך ניט צו קויפן. א סך יונגעלייט, קונים פון מאנטלען, זיינען אוועק אין דער ארמיי, אנדערע ווארטן באלד גערופן צו ווערן. זיינען די שעפער געשטאנען ליידיק און ארבעטער האבן זיך ארומגעדרייט אן ארבעט. יעדן טאג איז מען אויפגעשטאנען פארפרי און געפארן אין שאפ, כדי שפעטער צו קומען צוריק אנטוישטע און אפהענטיקע.

שולמאן האט ניט געארבעט. אבער כאטש אין שטוב האט זיך שטארק געפילט דאס אויספעלן פון יעדער וואך שכירות, איז אבער ניט דאס געווען דער עיקר. נאר פיל ערגער איז די ארבעטסלאזיקייט געווען פארן גייסט, ווי פאר דער קעשענע. אז מען ארבעט, געפינט מען כאטש אן ארט פאר זיך. מען פארטומלט זיך און מען פארטרייבט אויף א ווײלע די געדאנקען. אבער אזוי קאן מען חלילה פון זינען ארונטער!

נאר אט איז שולמאן איינמאל געקומען אהיים און אנגעזאגט דער ווייב, אז קומענדיקע וואך וועט מען אנהויבן צוריק ארבעטן. דער באס האט אריינגעקראגן א גרויסע באשטעלונג אויף ארמיי־מאנטלען און קומענדיקע וואך וועט דער שאפ ווידער געלאזן ווערן אין גאנג. עס קען נאך אפילו זיין, אז מען זאל דארפן ארבעטן „אווערטאים".

האט מיסעס שולמאן אויסגעהערט די נייס און זיך גארנישט אנגערופן. אן אנדערש מאל וואלט זי אנגעהויבן שיינען פון אזא בשורה, איר פנים וואלט זיך באדעקט מיט פרייד. דעם מאל האט זי אבער גארניט געזאגט. אירע אויגן האבן זיך פארצויגן מיט א טרויער און אירע ליפן האבן עט־וואס א ציטער געטאן. מיסטער שולמאן האט עס באמערקט און מער

גאַרנישט געזאָגט. ער האָט פאַרשטאַנען דער ווייבס שטימונג און עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער האָט איר ניט געבראַכט די נייס מער איינ־געהאַלטן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס אין שאַפּ האָט ער זיך אַ מינוט שטאַרק דערפרייט פון די נייס און גאַרניט פאַרשטאַנען דעם אונטערשלאַק זייערן.

אַ גאַנצע וואָך איז מיסעס שולמאַן אומגעגאַנגען שטאַרק דערשלאָגן. זי איז געווען אומעטיקער און ווינציקער באַרעדעוודיק ווי אַלע מאָל. אין אָוונט, ווען שולמאַן איז געקומען אַהיים שפּעט און אַ שטאַרק מידער, האָט זי אים שווייגנדיק אַוועקגעשטעלט דאָס עסן אויפן טיש און אַליין באַלד אַוועק צו זיך אין בעט זיך לייגן. מיסטער שולמאַן האָט צו איר קיין טענות ניט געהאַט פאַר ניט אויספרעגן אים פונעם טאָג, ווי איר שטייגער איז אַלעמאָל געווען, — אים אַליין איז איצט אויך שווער געווען צו רעדן.

סוף וואָך איז שולמאַן געקומען אַהיים מיט אַ פולן „ענוועלאָפּ", וואָס ער האָט די וואָך געמאַכט סיי אין נאָרמאַלע שכירות און סיי אין „אָווער־טאַים". אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט. ער האָט מורא גע־האַט אַרויסצונעמען דאָס געלט און אָפּגעבן עס דער ווייב, ווי זיין שטייגער איז אַלע מאָל געווען. ענדלעך האָט ער מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַרויס־געצויגן דעם „ענוועלאָפּ" און אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, ווי מען גיט אַ וואָרף עפּעס אַ זאַך, וועלכע מען שרעקט זיך צו האַלטן.

מיסעס שולמאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם און מיטן גאַנצן קער־פּער אַ ציטער געטאָן. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און פון איר גאַנצן וועזן האָט צאַרנדיק אויסגעשריען:

— בלוטיקע געלט! בלוט טריפט דאָך פון דעם!...

זי האָט דאָס געלט געלאָזט ליגן אויפן טיש און שטילערהייט אַוועק אין שלאָפצימער.

דו־אינירט אַ שטוב

סידני ווײַנשטאָק איז לאַנג אין דער מלחמה ניט געווען. אַ סברה גאָר, אַז מער ווי אין אײן שלאַכט האָט ער זיך אינגאַנצן ניט באַטייליקט — און דאָס איז פאַר אים אויך געווען איבערגעגנוג. געווי קאָן מען דאָס ניט וויסן, אָבער אַלע סימנים צייגן אויף דעם. מיט אים אַליין קאָן מען וועגן דעם אינגאַנצן ניט ריידן — מען טאָר גאָר ניט ריידן. אָבער פאַרגלייכנדיק די דאַטע פונעם לעצטן בריוו זײַנעם, וואו ער האָט זיך געזעגנט און געשריבן, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט ער זיין אונטערן „פייער", מיט דער מעלדונג, וואָס די עלטערן האָבן געקראָגן, אַז ער איז אַ „מלחמה־קרבן", איז די צווישן־צייט געווען זייער אַ קורצע, און די אויסרעכענונג פון בלויז אײן שלאַכט — אַ באַרעכטיקטע.

אַלנפאַלס איז עס נישט צו וויכטיק געווען. וויכטיק איז סידניס איצטיקער צושטאַנד. סידני שוועבט אַרום אין אַ מין בין השמשות און וואַקלט זיך צווישן איינגעטאַיעטער דערשלאַגנקייט און פולער גייסטיקער צערודערטקייט.

צוערשט האָבן די עלטערן ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט דער אויסדרוק — „מלחמה־קרבן": צי איז עס אַ שטאַרק־ערנסטע זאַך אָדער נישט, אַ צייטווייליקע, אַ קורצע, אָדער אַ צרה אויף יאָרן, אפשר אויף שטענדיק. ביי וועמען צו פרעגן איז נאָך דאַן ניט געווען — די מלחמה האָט זיך ערשט ניט לאַנג געהאַט אָנגעהויבן און קיין דערפאַרונג אויף דעם געביט איז נאָך ניט געווען — און די וואָס האָבן פרעטענדירט עפּעס צו וויסן, האָבן געזאָגט, אַז עס קאָן מיינען פאַרשיידנס, און אַז מען דאַרף וואַרטן און זען.

האָבן די עלטערן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי צו וואַרטן און האָפן אויפן בעסטן.

לאַנג פונדעסטוועגן איז זיי ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. אַ צווייטע מעלדונג איז אָנגעקומען, אַ ברייטערע, אַ מער דעטאַלע, וואָס האָט די עלטערן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זייער זון סידני איז נישט פאַרוואונדעט געוואָרן, נישט צעקלאַפּט זיך, נאָר פשוט ניט געקאָנט נעמען די אָנשטרענגונג פון קריג, און איצטער רוט ער אויס זיינע נערוון אין אַ שפּיטאָל ערגעץ וויַט הינטערן פראָנט.

די עלטערן האָט עס קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט. פונדעסטוועגן האָט מען זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער איז נישט אין רעכטן פייער און וואָס

מען קען אַליין רואיקער שלאָפן ביינאַכט און ניט דאַרפן איבערקלערן יעדע מינוט דורכן טאָג, וואָס מיט אים „דאַרטן" קומט פאָר.

גאָר שטאַרק באַאומרואיקט האָט דאָס פעלן פון יעדער ידיעה פון אים אַליין: קיין וואָרט, קיין אָנדייטונג. מען האָט געקענט קלערן אויף אַלץ...

פּלוצלונג, נאָך עטלעכע חדשים, איז סידני אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים. און איצט האָבן שוין די עלטערן ניט געדאַרפט ברעכן זיך דעם קאָפּ מער: זיי האָבן אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן...

וואָס פאַר אַ שטאַרקע ענדערונג פאַרן יאָר זינט ער איז אַוועק! וואָס פאַר אַן אונטערשייד זינט דעם לעצטן בריוו זיינעם! דעמאָלט — אַ פריילעך ייִנגל, פול מיט לעבן און יוגנטלעכקייט, דער ערשטער באַל־שפּילער אין געגנט, און איצט — אַן אויסגעבלייכטער, אַ מאָגערער, וואָס דרייט זיך אַרום איבערן צימער, ווי אַ שאָטן, און ווערט צעפּרעסן פון עפּעס אַן אינעווייניקסטער שרעק...

דער דאָקטאָר זאָגט, עס וועט מעגלעך איבערגיין. ער האָפט, אַז עס וועט איבערגיין. צוליב דעם טאַקע האָט מען סידנין אָפּגעשיקט אַהיים: אפשר אין דער היימישער אַטמאָספער פון טאַטע־מאַמע און פריינט, אונטער דער צערטלעכער מאַמעשער אויפּפּאַסונג און וואַרעמער שטוביקער אויפזיכט, אין אַן אומגעבונג, וואָס וועט אינגאַנצן זיין ווייט און מיט גאָרנישט דערמאָנען דעם קוואַל פון דער אויפטרייסלונג, — אפשר אין אַזעלכע באַדינגונגען וועלן זיך זיינע נערוון גיכער באַרואיקן און ער וועט קענען קומען צו זיך.

אַוודאי האָבן טאַטע־מאַמע געהאָפט. אָבער דערווייל איז דאָס אומגליק פאַר די אויגן געשטאַנען און ניט אויפגעהערט צו פייניקן און דריקן. גייט־אַרום אַ בחור איבער דער שטוב, דרייט זיך אום איבער די צימערן און רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויס, שטיל פאַרטאַיעט אין זיך, ווי ער וואָלט אַ שרעקלעכן סוד געטראָגן. בלויז פון צייט צו צייט בלייבט ער שטיין אַ ווייל, טיף פאַרטראַכט אין זיך, שטייט אַזוי אָפּ אַ מינוט צוויי, טוט האַסטיק אַ שפּיי אויפן דיל, ברומט ביז אַרויס עפּעס אַ קללה אונטער דער נאָז, און לאָזט זיך ווידער מאָנאָטאָן שפּאַנען הין־און־צוריק און דרייען זיך ווי אַ שאָטן איבער די צימערן. ווי קען אַ מאַמעס האַרץ ניט צעפּלאַצט ווערן קוקנדיק!

אַלע ווייל גייט זי צו צו אים און מיט מאַמעשער ווייכקייט און באַזאָרגטקייט, און מיט אַ ציטער פאַר יעדן וואָרט, וואָס זי רעדט אַרויס, באַט זי אים אָן:

— ווילסט אפשר אַ גלאָז מילך, מיין קינד?... אַ פרישע פרוכט... אַ גלאָז זאַפט...

ער ענטפערט ניט און שפּאַנט ווייטער. בלויז אין זעלטענע פאַלן בלייבט ער שטיין, גראַבט איין זיינע אויגן אין דער מוטער, ווי ער וואָלט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, און דאָס איז דער צייכן פאַר איר, אַז ער שטימט צו, ער באַוויליקט... מיט פרייד לויפט זי אים דערלאַנגען.

ערגער ווי בייטאָג אָבער איז די נאַכט. אָט, דאַכט זיך, שלאָפט ער איין, און אָט באַרואיקן זיך די שטובּיקע און קלייבן זיך אויך איינשלאָפן, — און אָט ווערט שוין איבערגעריסן די שטילקייט דורך אַ שווערן סאָפּען און אָטעמען, דורך אַ שווער גערעַנגלעניש, וואָס הייבט זיך אַלץ העכער און שטאַרקער, ביז עס ברעכט אויס, צוערשט אין אַ שטיל געכליפּעריי און נאָכדעם אין אַ פאַרשטיקט געוויין, וואָס וואַרפט אָן אַן אומהיימלעכע שרעק אויף אַלעמען. טאַטע־מאַמע ציטערן אויף, כאַטש מען איז שוין געוווינט דערצו. צוערשט זי, נאָכדעם ער, נעמען זיך אָן מיט כוח און לאָזן זיך אין זונס שלאָפצימער. די מוטער גייט צו צום בעט, נעמט אים וועקן און בעטן זיך:

— כאַפּ זיך אויף, מיין קינד, באַרואיק זיך... אַ שלעכטער חלום מסתּם...

אין דער פינצטער טאַפּט זי אים און פילט, ווי ער איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט שווייס...

דער דאָקטאָר זאָגט, ער האָפט עס וועט איבערגיין: שרעקנס־בילדער פלאָגן זיין געמיט און פאַרוואַנדלען זיך אין בייזע חלומות. ער דאַרף זיך נאָר באַרואיקן, וועט עס איבערגיין...

אָבער ביז וואָס־ווען איז אין שטוב צרהדיק און חושך. די מאַמע פרוווט שטענדיק דערשטיקן אין זיך איר אייגענעם ווייטאָג און צער און באַמיט זיך צו זיין שטענדיק געמיטלעך און רואיק, כלומרשט צופרידן און באַרואיקנדיק, אפשר וועט דאָס ווירקן צום גוטן. אָבער שטילערהייט ברעכט זי די הענט פון פאַרצווייפלונג.

דער פאָטער גייט אום שוואַרץ ווי די ערד. ער האָט ניט אויף זיך אַזאַ עול ווי דאָס ווייב, אַזעלכע פליכטן און אָנזאָגן פון דעם דאָקטאָר. ער מוז ניט אַלעמאָל מיט געוואַלד אָנשטרענגען דעם ווילן און אַרויסווייזן רואיקייט, ווען דאָס האַרץ ווערט צעשפּרונגען פון ווייטאָג און צער, נאָר — אפשר ווייל זיין גייסט איז אַ שוואַכערער — אים האָט די מעשה אינגאַנצן דערשלאָגן. ווי אַ באַגראָבענער גייט ער אום, מרה־שחורהדיק שיר ניט ווי דער זון, מיידט־אויס זיך מיט וועמען צו טרעפן, און די הענט הויבן זיך אים ניט צו דער אַרבעט.

אַ קלייניקייט, וואָס מיט אים האָט דאָ פּאַסירט! וואָס מיט אים איז אין איין יאָר דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן! שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס סידני איז זיין איינציקער זון, זיין בן־יחיד — איז וואָס פאַר אַ זון איז דאָס געווען!

דער אַלטער ווינשטאָק איז בכלל קיינמאָל קיין צו־באַרעדעוודיקער ניט געווען. מערסטנס האָט ער ליב געהאַט צו הערן און צו לאָזן יענעם ריידן. נאָר האָט אים עמעצער אַ פרעג געטאָן וועגן דעם זון, אַזוי פלעגן זיינע אויגן אויפלויכטן און פון זיין מויל האָבן זיך גענומען שיטן ווערטער.

טאָקע, ווי האָט ער ניט געקענט שטאָלצירן מיט אַזאַ זון, ווי זיין סידני איז געווען? אַז ביי אַ קליינעם אויסגעדאַרטן טאַטן, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעפינצטערט אין שאַפּ, איז אויסגעוואַקסן אַ זון אַ העלד, אַ בילד פון געזונטקייט און לעבן. דער גאַנצער בלאָק האָט מיט אים געקערט וועלטן! און וויפל מאָל איז זיין בילד אין דער אָרטיקער צייטונג געווען, אין דעם באָל־קאָסטיום און אין דעם באָל־היטעלע און מיטן שטעקן אין האַנט, גרייט אַ זעץ צו טאָן דעם באָל, אַז ער זאָל פאַרפליען, וואו דער פעפער וואַקסט?

וויפל פרייד פלעגט עס פאַרשאַפן דעם טאַטן! ער אַליין, סידני, פלעגט זיך קיינמאָל ניט באַרימען מיט דעם. נאָר מאַשע, די ייִנגערע שוועסטער זיינע, פלעגט שוין אויסגעפינען די בילדער אין דער צייטונג און ברענגען זיי ווייזן טאַטע־מאַמען. די מאַמע פלעגט נייגעריק און מיט צופרידנקייט זיי אָנקוקן, און אַ נחת פלעגט זיך צעשפרייטן איבער איר פּנים. דער פאָטער פלעגט כלומרשט גלייכגילטיק אויסשניידן מיט אַ שער די בילדער, נישט ריידן קיין וואָרט, ווי עס וואָלט געווען פאַר אים אַ נאַטירלעכע טאָג־טעגלעכע זאַך. נאָר אויף מאָרגן, ווען ער פלעגט קומען אין שאַפּ, פלעגט ער מיטאָג־צייט אַרויסנעמען די בילדער פון בוזעם־קעשענע און מיט שטאָלץ ווייזן די אַרבעטער, וואָס פאַר אַ זון ער האָט.

איז גיי ריכט זיך, אַז דער דאָזיקער העלד וועט פּריטשמעליעט ווערן באַלד ביים ערשטן שאָס! עס איז דעם פאָטער אַ וויטאָג און אַ פאַר־דראָס. ווייזט אויס, אַז סידניס נערוון־געוועב איז געווען צו איידל פאַר אַזעלכע האַמעטנע זאַכן. נישט געקענט הרגענען קיין מענטשן... מיטן באָל־שטעקן איז ער געווען פלינק, און צו דער ביקס האָט ער זיך נישט אויסגעטויגט... ער איז טאָקע אַלעמאָל געווען אַזאַ גוטער, אַ ווייכער. גייט ער אַרום, דער פאָטער, אַ צעבראָכענער, אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרשטומטער אין זיך, שיער ניט ווי דער זון...

אָבער די, וואָס איז אַממערסטן אומגליקלעך, און דערפאַר שטענדיק

אויפגערעגט און אויפגערייצט, איז מאַשע, די יינגערע טאָכטער. פּופּצן יאָר איז זי אַלט און איז אין רעכטן בלי. זי איז נישט לאַנג צוריק פון סקול אַרויס און אָנגעהויבן שפּילן די ראָל פון אַ דערוואַקסן מיידל. זי איז פול מיט לעבן און ברען. זי איז ווי אַ זומער־פייגעלע, וואָס פלאַטערט מיט יונגע פליגל. זי קומט אַריין אין שטוב ראַשיק און צעקאַכט, מיט צעפלאַמטע באַקן, און אַלץ וואָס זי דערציילט, איז פול מיט אימפּעט. פאַר איר האָט זיך די וועלט ערשט געעפנט. יעדע זאַך איז פאַר איר ניי און וואונדערלעך. און אַלץ וואָלט זי וועלן איינשלינגען און איינזאַפּן אין זיך — מיט איר ברען, מיט איר יוגנט.

זי איז טאַקע שיין אויך. קלעפּן זיך צו איר די אַרומיקע יינגלעך, און טרעטן פון איר ניט אָפּ. פריער, איידער דער ברודער האָט זיך אומגע־קערט אָט אַזאַ, ווי ער איז איצט, איז דאָס הויז שטענדיק פול געווען מיט זיי. די יינגלעך פלעגן צופירן זי שפּעט אין אָוונט צו דער טיר און בלייבן דאָרטן שטיין און שמועסן — נאָך אויף אַ פּאָר שעה...

איצט האָבן די יינגלעך מורא אַריינצוגיין אין הויז. זיי שרעקן זיך פאַר איר ברודער... זיי שרעקן זיך פאַר דער שטילקייט, וואָס הערשט איצט אין הויז, פאַר דער אָנגעשטרענגטקייט און פאַרן טרויער, וואָס שלאָגט פון יעדן ווינקעלע. און פאַר איר אַליין, דאַכט זיך, שרעקן זיי זיך אויך...

באַמערקט זי, ווי די יינגלעך, וואָס זיינען איר פריער אַזוי נאָכגעלאָפן, מיידן זי אויס און באַהאַלטן זיך. פילט זי, ווי זי וואָלט אַרונטערגעפאַלן פון אַ גרויסן באַרג, פון אַ הויכן טורעם... פילט זי זיך באַליידיקט און פאַרביטערט. די צרות פון שטוב גייען איר דערפאַר צו שטאַרק ניט אָן: זי האָט אירע אייגענע... זי האָט אַמאָל ליב געהאַט דעם ברודער און שטאָלצירט מיט אים פאַר אירע יינגלעך. איצט איז זי אין כעס אויף אים, פילנדיק, אַז ער איז דער שולדיקער אין איר צוריקפאַל. איר גייט ניט אָן, צי עס איז ווירקלעך זיין שולד, אָדער ער איז אַליין אַן אומ־גליקלעכער, אַ קרבן פון עמעצנס שולד. — זי ווייס בלויז איין זאַך: ווען ניט ער, וואָלט אַלץ געווען אַזוי אַנדערש...

זי זאָגט עס, פאַרשטייט זיך, איין וואָרט ניט אַרויס. נאָר זי איז שטענדיק אויפגערעגט און בייז. זי וואַרפט זיך און שליידערט, אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועץ. זי זוכט אויס קלייניקייטן צו וואָס צו טשעפּען זיך און אויסלאָדן דערמיט איר שווערע שטימונג. אַ סך מאָל זאָגט זי אַפילו ניט, וואָס זי וויל, נאָר וואַרפט זיך גלאַט אַזוי און עסט זיך און די מוטער.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — בעט זיך ביי איר יענע הילפלאָז — ווייניק האָב איך נאָך, ווילסט מיר צוגעבן נאָך אַ ביסל?...

מאַשע וואָלט וועלן, אַז די מוטער זאָל זי פאַרשטיין און זיך לאָזן זיין אַ ציל־ברעטל, אויף וועלכן זי זאָל אויסשיסן די פיילן פון איר שווערן געמיט. אָבער אַז די מוטער איז אַליין הילפלאָז און נויטיקט זיך אַליין אין עמעצן, וואָס זאָל זי קרעפטיקן און אונטערהאַלטן, דער־פילט זי זיך גאָר צעבראָכן און אומגליקלעך און פאַלט אַוועק אויפן בעט און צעכליפּעט זיך.

די מוטער דערשרעקט זיך. זי דערשרעקט זיך פאַר דער פאַרצווייפל־טער שטימונג פונעם יונגן מיידל און זי דערשרעקט זיך, טאָמער כאַפּט דאָס אויך סידני איבעם צווייטן צימער. און פאַר אים, ווייסט זי, איז דאָס סם. דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט: „נאָר פריילעכקייט! אַרומ־רינגלען אים נאָר מיט פריילעכקייט און פריינטלעכקייט, וואַרעמקייט און אויפגעלייגטקייט"... און דאָ גאָר אַזאַ אויסברוך!...

די מוטער בעט זיך ווידער ביי מאַשען:

— וואָס ווינסטו? זאָג מיר, וואָס דו ווילסט? ווייסט ניט, אַז דו דאַרפסט דאָס איצט ניט טאָן?...

— איך ווייס, איך ווייס... — ווערט מאַשע נאָך מער צערייצט פון דער מוטערס ווערטער — אָבער איך וויל מער נישט וויסן... ער — ברעכט זי פלוצלונג אַרויס, אָנווייזנדיק אין דער ריכטונג פון דעם ברודערס צי־מער, און עס רייסט זיך ביי איר אַרויס, וואָס עס האָט זיך ביי איר אָנגעקליבן פאַר אַ לענגערער צייט — ער פאַרביטערט אונדזער אַלעמענס לעבן...

— שוויג! — דערשרעקט זיך די מוטער נאָך מער און באַמיט זיך צו פאַרהאַלטן דאָס נאַרישע מיידל: — רעד נישט...

און ווי צו פאַרענטפערן סיי סידנין, סיי די לאַגע בכלל, גיט זי צו ווייכער, מיט אַ לייכטן געבעט אין איר שטימע:

— וואָס איז ער נעבעך שולדיק? האָט ער געוואָלט די מלחמה? האָט ער געוואָלט דעם אומגליק? אים איז נעבעך ערגער, ווי אונדז אַלעמען. הלוואַי וואָלט אַזאַ שטראָף אויסגעפאַלן אויף די, וואָס ברענגען די אַלע אומ־גליקן, וואָלט מען אפשר פטור געוואָרן פון דעם אויף שטענדיק...

אין טיר באַווייזט זיך פלוצלונג דער פאָטער, וועלכער איז נאָר־וואָס

אַריין פון גאַס. ער קוקט פאַרוואונדערט אויפן ווייב און אויף דער פאַרוויינטער טאָכטער און פאַרשטייט ניט, וואָס דאָ איז געשען.

— וואָס איז שוין עפּעס נייס? — פרעגט ער האַלב־בייז און האַלב־דערשראָקן.

— נייס? וואָס פאַר אַ נייס? — ענטפערט די מוטער: — די זעלבע נייס, וואָס אַלעמאָל, נאָר מיט אַ שטיקל צולאָג דערצו...

דער פאָטער שטייט, קוקט אַ ווייל, און עפּעס הייבט־אָן פאַר אים קלאָר ווערן:

— אָט אַן אומגליק! רעדט ער אַרויס בייז און פאַרצווייפלט: — אַזאַ רואיקע שטוב, ווי דאָ, איז געווען! איז געקומען די מלחמה, און האָט עס מיט איין מאָל רואינירט...

טראַגעדיע

עסטעלס שוויגער איז געזעסן ביי עסטעלן, נאָכדעם ווי יענע האָט מיט דריי טעג צוריק פאַרלאָזן איר מאַן און איז אַוועק צו אירע עלטערן. אין צימער איז געהאַנגען אַ געדיכטע שווערקייט און פון די ווענט האָט גע־שלאָגן מיט טונקעלן טרויער, כאָטש זיי זיינען געפאַרבט געווען אין אַ העלן קאָליר. עס האָט זיך געפילט ווי נאָך אַ לוויה, ווי די מענטשן וואָלטן נאָר־וואָס פון בית־עולם געקומען. אָבער קיינער איז לעצטנס אין דער פאַמיליע ניט געשטאָרבן, און פון יענער זייט ים קיין שלעכטע בשורות וועגן איי־געגע האָבן נאָך אויך ניט באַוויזן אָנצוקומען. פאַרקערט, עסטעלס מאַן האָט זיך ניט לאַנג צוריק אומגעקערט פון דער מלחמה און אין אַ סך היימען האָבן ענלעכע פּאַסירונגען אַרויסגערופן גרויס פרייד, און די שמחות און פייערונגען האָבן זיך געצויגן וואָכן נאָכאַנאַנד.

אָבער ביי עסטעלן און איר מאַנס עלטערן איז עס געווען אַנדערש. כאָטש עסטעל האָט אומגעדולדיק דערוואַרט איר מאַן און אַוודאי האָבן אויך אַזוי זיינע עלטערן דערוואַרט זייער איינציקן זון, אָבער דאָס האַרץ האָט זיי געזאָגט, אַז קיין פרייד פון זיין קומען קענען זיי ניט דערוואַרטן. פאַרקערט, אַלץ האָט געוויזן אויף דעם, אַז מיט זיין קומען וועט ערשט אויפגעדעקט ווערן אַ סוד, וואָס פייניקט זיי אַזוי שטאַרק און וואָס וועט מעגלעך פאַר־וואונדן זייער אַלעמענס לעבן אויף אייביק.

ווען דער ערשטער אָנזאָג פון קריגס־דעפּאַרטמענט איז אָנגעקומען, אַז מאַרי, עסטעלס מאַן, איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט עס אויפגערו־דערט עסטעלן, פונקט ווי זיינע עלטערן. די שרעק פאַר זיין לעבן איז גע־האַנגען פאַר אַ צייט איבער זייער קאָפּ, ווי אַ טויט־אורטייל. אָבער עס האָט געצאַפּלט אין זיי די האָפענונג, געשטיצט פונעם שטאַרקסטן וואונטש, אַז די שווערע טעג וועלן אַריבער און אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט. ווען מיט אַ צייט שפּעטער איז אָנגעקומען אַ צווייטע ידיעה, צוזאַמען מיט אַ קורצער באַשרייבונג פון זיין וואונד, האָט עס זיי עטוואָס געטרייסט, וואָס ער בע־סערט זיך, אָבער גלייכצייטיק אַרויסגערופן אַ טיף־באַהאַלטענע זאָרג פאַר דעם כאַראַקטער פון דער וואונד. קיינער האָט וועגן דעם מיטן צווייטן ניט גערעדט, אָבער טיף אין האַרצן האָט יעדערער זיך געשראָקן פאַר די קאָנ־סעקווענצן, וואָס אַזאַ וואונד קאָן אַרויסרופן, און פאַר דעם שטעמפּל, וואָס עס קאָן אַרויפלייגן אויפן מענטשנס גאַנצן צוקונפטיקן לעבן.

עטלעכע וואָכן זיינען אַריבער. פונעם קריגס־דעפּאַרטמענט האָבן גע־

האַלטן אין אַנקומען רעגלמעסיקע ידיעות, אַז ער בעסערט זיך צוביסלעך, אָבער פון אים אַליין איז קיין וואָרט ניט געווען. עס האָט אַלעמען באַ־אומרואיקט. ווידער האָט איינער פאַרן צווייטן זיינע געדאַנקען ניט אויפ־געדעקט, אָבער ביי זיך האָט יעדערער געטראַכט: ווער ווייס? אפשר איז די באַהאַלטענע שרעק זייערע אַ ווירקלעכקייט און דאָס איז אויך די אורזאַך פון זיין ניט־שרייבן? — און ביי זיך אין האַרצן איז יעדנס שרעק געוואַקסן נאָך שטאַרקער און געווען ווי אַ שטאַרקערע באַשטעטיקונג פון דער מורא, וואָס האָט סיי־ווי אַזוי באַאומרואיקט.

די עלטערן האָבן שפּעטער ניט אויסגעהאַלטן, אויסגעפונען ווער זיין טשאַפּליין איז דאָרט, און מיט רחמים געבעטן אים, ער זאָל זען אויסגעפי־נען, וואָס מיט זייער זון איז, און פאַרוואָס שרייבט ער זיי ניט — כאָטש צוויי ווערטער, אַז זיי זאָלן זען זיין האַנטשריפט...

עס איז זיי לאַנג ניט אויסגעקומען צו וואַרטן. פונעם טשאַפּליין איז אָנגעקומען אַן ענטפער. אָבער אַזעלכע מאָדנע זיינען זיי דאָרטן. אַזעלכע מאָדנע אַנדערע מענטשן זיינען זיי דאָרטן געוואָרן! דאַכט זיך, אַזאַ האַר־ציקן בריוו האָט ער פון דאָבען געקראַגן — טאַקע גאָר אַזוי ווי אַ טאַטע קאָן שרייבן און ווי אַ מאַמע קאָן דיקטירן — און וואָס פאַר אַ קורצער טרוקענער ענטפער! טאַקע בלויז געציילטע ווערטער: אַז ער האָט געזען זייער זון, גערעדט מיט אים — ער האַלט זיך אין בעסערן — און אַז ער האָט אים צוגעזאָגט צו שרייבן זיי.

אַזאַ בריוו, אָדער אַן אַנדערער — אָבער עפּעס האָט עס פאַרט אויפגע־טאָן. אין אַ קורצער צייט נאָכדעם האָבן זיי אויך פון זון געקראָגן אַ בריוו. די פרייד, ווען מען האָט דערזען דעם זונס האַנטשריפט, איז געווען אויסער־געוויינלעך. עס איז געווען, ווי מען וואָלט דערזען אַ גערוס פון יענער וועלט. אָבער די פרייד איז באַלד פאַרטונקלט געוואָרן דורכן איינהאַלט: אַזוי קורץ און טרוקן — בלויז אַ פּאָר ווערטער — אַז ער לעבט, געפינט זיך אין שפּיטאָל און איז ניט אין קיין לעבנס־געפאַר. ווידער אַזוי מאָדנע און אַזוי אַנדערש פון פריער. וואָס פאַר אַ געטרייער זון ער איז דאָס געווען! וואָס פאַר אַ פיינע געפילפולע בריוו ער פלעגט דאָס שרייבן! — בעטן די על־טערן ניט צו זאָרגן זיך איבעריק און טרייסטן זיי, אַז דאָס שווערע וועט אַריבערגיין און וועט נאָכדעם פאַרגעסן ווערן, ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געווען... און דאָ — אַזוי קורץ און טרוקן, גאַרניט ווי עס וואָלט זייער זון געווען!... בלויז די האַנטשריפט איז זיינע — און די איז אויך געענדערט: נערוועז, צעבראָכן און אָן דער פריערדיקער קראַפט און שיינ־קייט. וואָס די מלחמה האָט עס געמאַכט פון זיי דאָרטן! ניט נאָר פיזיש צעקריפּלט, נאָר אויך גייסטיק...

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס דער ווייבס, עסטעלס נאָמען איז דאָרטן גאָרניט דערמאָנט געוואָרן. עס האָט געוואונדערט און שווער באַאומרואיקט. וואָס קאָן עס מיינען? אַ שטילער געדאַנק, אַ חשד, האָט זיך אַריינגעגנבעט, צי איז ער ביי זיינע פולע געדאַנקען? צי איז זיין גייסטיקער צושטאַנד ניט אָנגעריירט געוואָרן פון די איבערלעבונגען? — וואָס וואָלט זיך דאָ געווען צו וואונדערן? אַזויפיל יונגע מענטשן האָט עס אָנגערירט, האָט עס אים אויך ניט אויסגעלאָזן. בפרט, אַז ער איז אַלעמאָל געווען פון אַזאַ אידעלער קאָנסטרוקציע, דערצויגן אין אַן אַטמאָספער פון ווייכקייט און צערטלעכקייט...

מען האָט צען און צוואַנציק מאָל איבערגעלייענט דעם בריוו, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַריינגעטראַכט זיך אין יעדן וואָרט און גאָרנישט ספּעציעלעס געקענט דאָרט געפינען, וואָס זאָל דעם חשד באַשטעטיקן. די גאַנצע פראַגע איז אָפּגעפאַלן, ווען אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אויך די פרוי, עסטעל, באַקומען פון אים אַ בריוו. עס איז געווען אַ טרייסט אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע פּאָר טעג, אָבער קיין צופיל פרייד האָט עס ניט צוגעגעבן און קיין צופיל ליכט אויף דער מיסטעריע האָט עס אויך ניט געוואָרפן. עס איז געווען בוכשטעבלעך דער זעלבער אינהאַלט, וואָס אין דעם פריערדיקן בריוו, נאָר בלויז אויף אַן אַנדער אַדרעס געשיקט...

און ווידער די זעלבע זאַך — וואָס די מלחמה האָט עס צעמאַכט פון זיי דאָרטן! אַזעלכע פיינע און אויפריכטיקע ליבע־בריוו, וואָס ער פלעגט שרייבן! אַזאַ באַגער און בענקשאַפט נאָך איר! — און דאָ אַזאַ קאַלטקייט, אַזאַ פרעמדקייט, ווי עס וואָלט פון אַ פאַרפרוירן האַרץ געקומען... עס האָט פאַרשטאַרקט די אומרואיקייט און פאַרגרעסערט די מורא, אַז דער חשד וואָס האָט אַלעמען געמאַטערט איז שוין מער קיין חשד ניט נאָר אַ שוידערלעכעווירקלעכקייט...

שווערע מאָנאָטן זיינען אַוועק. פונעם קריגס־דעפּאַרטמענט פלעגן רעגולערע מעסיק אָנקומען קורצע איינטאָניקע באַריכטן מיטן זעלבן טרייסטנדיקן אינהאַלט, אַז זיין צושטאַנד האַלט זיך כסדר אין בעסערן. פון אים אַליין אָבער זיינען די בריוו געווען זעלטענער און כאָטש ניט אַזוי קורץ, ווי פון קריגס־דעפּאַרטמענט, אָבער קורץ גענוג צו באַאומרואיקן אַלעמען און ניט צו געבן וועלכע עס איז אָנדייטונג אויפן אמתן צושטאַנד זיינעם. אונטער די שטענדיקע אומאויפהערלעכע בריוו פון די עלטערן און עסטעלן, פול מיט וואַרעמקייט און הייסער ליבע, פול מיט טרייסט און אויפמונטערונג, זיינען די ענטפערס געקומען אָפּטער, די צאָל שורות — גרעסער, אָבער קיין שום וואָרט, וואָס זאָל געבן די מינדסטע אָנדייטונג ניט אויף זיין פיזישן צו־

שטאַנד און ניט אויף זיין גייסטיקן געמיט־צושטאַנד. מען האָט געמוזט לעבן אין וואַרטונג, אין שרעק און ניט־זיכערער האָפענונג.

נאָר אָט איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז מאַרי קומט. ער ווערט אויסגע־שריבן פון שפּיטאָל און ווערט אָפּגעשיקט אַהיים. געמישטע געפילן האָבן אַרומגעכאַפּט עסטעלן און זיינע עלטערן: פריידע געמישט מיט שרעק. פרייד פאַר דעם, וואָס זייער זון און מאַן קערט זיך אום אַ לעבעדיקער, און שרעק — פאַר דעם אומבאַוואוסטן, מיסטעריעזן, וואָס האָט ביז איצט געלויערט אויף זיי בלויז מיט אומבאַשטימטע מעגלעכקייטן און וואָס קען איצט אויפגע־דעקט ווערן אין דער פולסטער שוידערלעכסטער נאַקעטקייט.

טעג זיינען אַוועק אין איבערקלערן און נעכט אין ניט שלאָפן.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען די שיף האָט געדאַרפט אָנקומען. עסטעל און זיינע עלטערן האָבן זיך אויסגעפּוצט יום־טובדיק און אָנגעצויגן אויפן פּנים אַ פריילעכע מינע. זיי זיינען אַוועק צום שיף. פון דאָרט אָבער זיינען זיי אַוועק אַנטוישטע. די געוועזענע פאַרוואונדעטע האָט מען ניט אָפּגעלאָזן גלייך און מען האָט קיינעם צו זיי ניט צוגעלאָזן, נאָר זיי האָבן געמוזט פריער זיך אויסשרייבן פונעם שפּיטאָל, וואוהין מען האָט זיי גלייך פון שיף אַוועקגעפירט. אַהין איז אויך אַוועק עסטעל און זיינע עלטערן.

ווען אַלע פאָרמאַליטעטן זיינען ענדלעך געווען דורכגעמאַכט, האָט זיך די טיר פון שפּיטאָל געעפנט און מאַרי איז אַרויסגעקומען — אַ פרייער צו גיין אַהיים. די עלטערן און עסטעל האָבן זיך געוואָרפן צו אים, געוואָלט אים פריידיק אַרומנעמען און כאַפּן קושן, אָבער פאַר זיי איז געשטאַנען אַ מאַן, וואָס בלויז ווייניקע שטריכן אין אים האָבן דערציילט, אַז דאָס איז דער, וועמען מען האָט דערוואַרט. עס איז אַן אַנדער מענטש געווען: קלענער, איינגעשרומפּענער און, איבערהויפּט, דער פּנים אַן אַנדערער. די אַמאָ־ליקע ווייכקייט איז פאַרביטן געוואָרן דורך אַ גלייכגילטיקער טעמפּקייט און אין די אַמאָל מילדע אויגן איז געלעגן אַ בייזקייט, האָט זיך געטוקט אַ מאָדנער פייערל...

די ערשטע האָט זיך געוואָרפן אויף אים די מוטער:

— מיין קינד, מיין טייער קינד, דו ביסט גאַרניט געליקלעך, וואָס דו ביסט געקומען צוריק אַ לעבעדיקער? זאָג עפּעס, רייד...

אויף מאַריס פּנים האָט זיך עטוואָס ווי אַ שמייכל אַ קרים געטאָן און ער האָט געזאָגט:

— יאָ, מאַמע, געקומען צוריק אַ לעבעדיקער... — עס האָט זיך קלאָר געפילט די ביטערקייט, מיט וועלכער ער האָט דאָס געזאָגט.

עסטעל איז געבליבן די לעצטע נאָכן פאָטער צוגיין צו אים. זי האָט אים געוואָלט אַרומנעמען און הייס קושן, נאָר עפּעס אַזאַ פרעמדער איז ער

געשטאַנען און אַזוי ווייט און מאָדנע געקוקט אויף איר. זי האָט זיך דער־שראָקן. זי האָט אים פונדעסטוועגן אַ קוש געטאָן און אַ רגע דערפילט אין אים די אַמאָליקע ווייכקייט, דעם אַמאָליקן מאָרין. צוויי טרערן האָבן גענומען פינקלען אין זיינע אויגן, וועלכע ער האָט מיט איינגעשפּאַרטער עקשנות בשום אופן ניט געלאָזט אַרויסקוועטשן פון זיך און אַראָפּפאַלן. די מוטער האָט עס אָבער גלייך באַמערקט און צווישן אייגענע טרערן גע־זוכט אים צו טרייסטן:

— נו, וואָס איז דאָ צו וויינען מיין קינד? אַבי געקומען...

— יאָ, אַבי געקומען... — האָט ער מיט נאָך שטאַרקערער ביטער־קייט קוים אַרויסגעזיפט דורך די ליפּן און אין די אויגן האָט זיך צוריק אָנגעצונדן יענער מאָדנער פייערל, וועלכער איז אויף אַ סעקונדע געווען פאַרשוואונדן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פאַר עסטעלן קלאָר געוואָרן, אַז יענער שרעקלעכער חשד, וועלכער האָט זי אַזוי געפּייניקט די גאַנצע צייט, איז שוין מער גאָר קיין חשד ניט געווען — נאָר אַ שוידערלעכעווירקלעכקייט: מאָרין האָט די מלחמה באַשטראָפט מיט דער ערגסטער שטראָף, וואָס קען אַ יונגן מענטשן, אין דער ערשטער בליאונג פון זיין לעבן, אויסגעטיילט ווערן...

די מוטער איז שטום אומגעגאַנגען איבערן שטוב און געשוויגן. זי האָט עסטעלן ניט געפרעגט, אָבער אַליין זיך אָנגעשטויסן. אַזוי אויך דער פאָטער.

עסטעל איז געזעסן מיט איר שוויגער און ביידע האָבן געשוויגן. די שטילקייט האָט שרעקלעך געדריקט און געווען אָנגעלאָדן מיט טרויער, מיט ווייטאָג. עסטעל איז געווען פאַרוויינט און איר שוויגערס פּנים האָט אויסגעדריקט טיפן פיין און צעבראָכנקייט. אין האָפענונגסלאָזער פאַר־צווייפלונג האָט זי אויפגעהויבן די אויגן צו עסטעלן און געבעטן זיך:

— איז וואָס וועט זיין? געפין אַן אויסוועג... דו מוזט געפינען...

עסטעל האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער שוויגער און מיט אַרויפ־געצוואונגענער אַנטשלאָסנקייט געזאָגט:

— דער אויסוועג איז געפונען געוואָרן... נישטאָ קיין אַנדערער...

— איך פאַרשטיי, עסטעל. דו מיינסט, איך פאַרשטיי ניט?... אָבער דאָס מיינט דאָך פאַר אונדז טויט — אונדזער אַלעמענס טויט... ער וועט דאָס ניט אַריבערטראָגן, און אָן אים — וואָס איז אונדזער לעבן?...

עסטעל האָט ברוטאַל געענטפערט:

— אַמאָל איז דער טויט בעסער פאַרן לעבן... מיין לעבן איז ביי מיר אויך גאָרניט ווערט...

די אַלטע איז ניט מיטגעריסן געוואָרן פון עסטעלס האַרטקייט:

— דו ביסט מיר געוועזן אַ קינד און ביסט נאָך איצטער אויך... ווען איך פאַרליר דיך, פאַרליר איך מיין צווייטע קינד און מיין לעצטע האָפע־נונג...

— איך ווייס דאָס. אָבער וואָס זאָל איך טאָן?... — האָט עסטעל כמעט היסטעריש געשריען: — איך קען ניט מער... איך קען ניט...

— נו, פאַרשטייט מיך — האָט זי שוין עטוואָס וויכער און אַליין מיט געבעט געזאָגט: — איר זייט דאָך אַליין אַ מענטש, אַ פרוי... איר זייט דאָך אַליין אַמאָל יונג געווען... ווי קאָנט איר פאָדערן פון מיר אַזאַ קרבן?... איר ווייסט, איך האָב אייער זון ליב געהאַט און בין גרייט געווען אַלץ צו טאָן פאַר אים — אָבער דאָס קען איך ניט... דאָס איז איבער מיי־נע כוחות... דאָס איז איבער יעדן מענטשנס כוחות... קיינער קען זיך אַליין ניט פאַרמשפּטן צו אייביקן גיהנום...

— נו, און מיר? וואָס זאָלן מיר טאָן?... טאַטע־מאַמע? און ער אַליין?...

— איך ווייס ניט... איך בין ניט קלוג גענוג...

די פרוי האָט געזען, אַז איר זיצן דאָ לענגער איז אומזיסט. מיט צע־בראָכנקייט האָט זי זיך אויפגעהויבן פון אָרט און וואַרפנדיק אַ בליק אויף עסטעלן, וואָס האָט ניט אויסגעדריקט קיין שום שנאה, האָט זי פאַרלאָזט דאָס צימער.

זי איז געגאַנגען און פאַר די אויגן האָט איר געשווינדלט. אין פאַר־צווייפלונג זיינען איר אין איין מינוט דורכגעגאַנגען אין קאָפּ די לעצטע עטלעכע יאָר, די מלחמה, די לעצטע עטלעכע וואָכן... זי האָט געטראַכט פון עסטעלן, פון איר זון מאַרין:

— וואָס פאַר אַ טייערע קינדער דאָס זיינען געווען! וואָס פאַר אַ גאָלדענע פּאָר! און וואָס די מלחמה האָט עס צעמאַכט פון זיי!...

דאָס וואָרט פון דער צייט

דער יידישער שרייבער שאַפּיראָ האָט זיך געזעצט צום שרייב־טיש.

ער האָט געהאַט אַ פאַרטיקע טעמע. מיט פינף טעג צוריק איז ער געפאָרן אין סאָבוויי און עפּעס באַמערקט. אַנטקעגן אים איז געזעסן אַ יונג שיין מיידל, קענטיק ערשט נאָך דער חתונה, און לעבן איר איר מאַן, אַ מאָדנע־הויכער און דיקער, מיט אומנאַטירלעך־ברייטע פּלייצעס און מגושמדיקע גראָבע הענט, און געזוכט איר אַרויסצואווייזן זיין ליבע, וועלכע זי האָט אָנגענומען קענטיק אָן חשק און אפילו מיט עטוואָס ווידערווילן. מענטשן אין דער באַן האָבן געוואָרפן שטילע בליקן אויף דעם דאָזיקן ניט־גלייכן פּאָר, דעם אומגעלומפּערט־הויכן און דיקן מאַן און דעם דינעם גראַציעזן מיידל. אויף אים אָבער האָט עס געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק. ער האָט דערפילט אַ מאָדנעם רחמנות צו דער דאָזיקער שיינער און יונגער פרוי, וועלכע האָט זיך, איין גאָט וויס פאַרוואָס, פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן מענטשן, און וועלכע וועט דאַרפן אָפּפינצטערן אַ גאַנץ לעבן מיט אים.

דאָס בילד האָט זיך באַלד אַסאָציאירט אין זיין פאַנטאַזיע מיט נאָך אַנדערע בילדער און געדאַנקען, און באַלד איז פון דעם אַלעם אויסגעוואָקסן „אַ גאַנצע זאַך" — אַ פאַרטיקע, אַ פאַרקיילעכדיקטע, מיט אַלע איינצלהייטן און קלייניקייטן. ער האָט דאָס נאָר געדאַרפט פאַרצייכענען אויף פּאַפּיר, און עס וועט זיך געוויס באַקומען אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פון גרויסשטאָטישן לעבן פון דער איצטיקער צייט.

האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט, אַז ער האָט זיך אַלץ ניט געקענט אויסקלייבן צו טאָן דאָס: דאָ איז ער געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש, דאָ האָט אים אויסגעפעלט די נויטיקע שטימונג, און דאָ, איבערן וואָך־ענד, איז געווען צו־טומלדיק אין הויז.

איצט אָבער האָט ער געהאַט די פּאַסיקע באַדינגונגען פאַר דעם. עס איז מיטנוואָך אין דער פרי; די פרוי זיינע איז אַוועק צו דער אַרבעט, דער זון — אין קאַלעדזש, און ער איז איינער אַליין אין הויז. אין שטוב איז שטיל. ער האָט זיך בלויז געשראָקן, אַז דער טעלעפאָן זאָל פּלוצלונג אָנהייבן קלינגען און עמעצער פון זיינע קאָלעגן אָדער באַקאַנטע זאָל דורך אַ לענגערן שמועס אים ניט אַרויספירן פון דער איינגעשטעלטער שטימונג, און ווידער צעשטערן זיין איינגעשטעלטן פּלאַן.

ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ פּעקל בלעטלעך פון ווייסן גלאַטן

פּאַפּיר, זיין פּאַונטען־פּען, נאָך אַ פּאָר קליינוקייטן, און גענומען זיך איינמאַש־טשען אין זיין שטול.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אין קאָרידאָר אַ לייכטער, ניט־זיכערער קלונג פונעם גלעקל. שאַפּיראָ האָט נערוועז אַ ציטער געטאָן:

„עס הייבט זיך שוין אָן דער ריכטיקער טאָג...‟ האָט ער מיט כעס געזאָגט צו זיך אַליין: „ווייזט־אויס, עס וועט שוין ווידער ניט באַשערט זיין עפּעס צו טאָן היינט...‟

ער האָט אַ טראַכט געטאָן, ווער עס קאָן דאָס קלינגען איצט. אוודאי דער „פּולער‟־בראַש־מאַן. אָדער אַ „וואַקואום־קלינער‟־פּאַרקויפער, אַלץ אַזעלכע זאַכן, אָן וועלכע ער קאָן זיך זייער פּיין באַגיין... אָבער שוין אַלץ בעסער זיי, ווי עפּעס אַ גאַסט, וואָס זאָל אים אי צונעמען צייט, אי צעשטערן זיינע געדאַנקען.

ער האָט זיך געישובט, צי זאָל ער גיין עפענען די טיר, אָדער גאָר זיך מאַכן ניט־וויסנדיק.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ צווייטער קלונג, שוין אַ שטאַר־קערער און מער דרינגענדער.

ער האָט זיך אָן חשק אויפגעהויבן פון אָרט און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ווער איז? — האָט ער געפרעגט עטוואָס ניט־פריינטלעך, אַנטשלאָסן ניט צו עפענען, נאָר אָפּצופּטרן זיך מיט אַ קורצן ענטפער.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך דערהערט אַ ניט־דרייסטע פרויען־שטימע:

— עפנט, זייט אַזוי גוט.

ער האָט ניט גערן געעפנט די טיר.

פון יענער זייט איז געשטאַנען אַ פרוי, פון אַ יאָר עטלעכע־און־פערציק, אָבער מיט אַ צעקנייטשטן פאַרעלטערטן פנים און דינע פאַסמעס גרוילעכע האָר, און הכנעהדיק־פריינטלעך געשמייכלט.

ער האָט זי שטרענגלעך אָנגעקוקט:

— צו וועמען דאַרפט איר?

— איך דאַרף צו אייך... אויב איך מאַך ניט קיין טעות, זייט איר הער שאַפּיראָ, אָן אַמאָליקער לערער...

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט ער שוין עטוואָס פריינטלעכער געענט־פערט.

ער האָט אַ רגע אַ טראַכט געטאָן: וואָס קאָן זי דאַרפן צו אים, די פרוי? איר פנים קוקט אים אויס עטוואָס קענטלעך, ווי ער וואָלט זי האָבן ערגעץ געזען. אָבער — וואו? ווען? יאָ, ער דערמאָנט זיך... עס איז

געוויין מיט עטלעכע וואָכן צוריק. ער איז געפּאָרן אין סאָבורי, הויבט ער אַזוי אויף די אויגן און דערזעט, ווי אַ פרוי זיצט אַנטקעגן און שמייכלט צו אים — אַט טאַקע אַזוי ווי איצט. קוקט ער זיך בעסער איין צו זען, צי איז עס טאַקע צו אים, און ווער דאָס איז. צעשמייכלט זיך די פרוי נאָך ברייטער און גריסט זיך צו אים מיטן קאָפּ פון אַנטקעגנאיבער. אינסטינקטיוו האָט ער אויך געענטפערט מיט אַ בויג מיטן קאָפּ און מיט אַ פריינטלעך־צושטימענדיקן שמייכל. באַלד אָבער האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער קען גאָר די פרוי ניט און ווייס ניט, ווער זי איז; האָט ער פאַמעלעך צוגעשלאָסן דעם שמייכל און צוריק זיך פאַרטיפט אין דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען. — יאָ, דאָס איז די זעלבע פרוי, — האָט ער זיך איצט דערמאָנט: טאַקע די זעלבע...

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צו לאַנג פאַרטראַכט, האָט ער שוין עטוואָס מילדער געפרעגט:

— איר ווילט מיך זען?

— יאָ, — האָט די פרוי געזאָגט מיטן זעלבן שמייכל, נאָר נאָך מער הכנעהדיק: — איך וואָלט געוואָלט זיך מיט אייך דורכריידן וועגן עפּעס, פרעגן ביי אייך אַן עצה...

— אַנטשולדיקט, וואָס איך האַלט אייך אַזוי אין טיר. קומט אַריין, — האָט שאַפּיראָ געזוכט צו זיין פריינטלעך, פילנדיק, אַז די אַרבעט איז שוין סיי־ווי אַן איבערגעשלאָגענע, און דער טאָג — אַ צעשטערטער.

ער האָט זי אַריינגעפירט צו זיך אין צימער און געבעטן זיך זעצן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן שרייב־טיש, און באַמערקנדיק די צוגעגרייטע בייגעלעך פּאַפּיר און די אָפענע פען דערביי, דערפילט זיך שולדיק.

— איך האָב אַוודאי געשטערט אייך אין אייער אַרבעט, — האָט זי מיט אַ טאָן פון שולדיקייט געזאָגט, — איר וועט מיר מוזן מוחל זיין... איך האָב זיך אַלץ געקליבן קומען צו אייך — אָבער אַלץ ניט געוואַגט... איך ווייס: איר זייט אַ פאַרנומענער מענטש, און האָט בילכערע אַרבעט צו טאָן... אָבער היינט האָב איך דערפילט, אַז איך מוז, איך קאָן מער ניט אָפּלייגן...

— איר דאַרפט זיך ניט אַנטשולדיקן, — האָט שאַפּיראָ געזאָגט, פילנדיק אין דעם טאָן פון אירע רייד, אַז עפּעס דריקט זי, — וואָס איז אייער נאָמען?

— מיין נאָמען איז מרס. גאָלדפאַרב...

— מרס. גאָלדפאַרב? — האָט שאַפּיראָ איבערגעחזרט דעם נאָמען פאַר זיך אַליין, — אַ באַקאַנטער נאָמען. ערגעץ־וואו געהערט... האָב איך אייך ערגעץ־וואו פריער געטראָפן?

— יאָ, אַוודאי האָט איר מיך געטראָפן... ניט איין מאָל געטראָפן...

איר געדענקט, ווי מיט זעכצן יאָר צוריק זייט איר געווען אַ לערער און גע־לערנט אין אַ יידישער שול?

— געוויס געדענק איך... ווי דען? ניט נאָר מיט זעכצן יאָר צוריק, נאָר אַפילו מיט צוועלף... עס איז אינגאַנצן אַ יאָר צען, ווי איך האָב אויפגעגעבן מיין לערעריי און גיב זיך אָפּ בלויז מיט שרייבן...

— איז אָט, געדענקט איר, ווי מיט זעכצן יאָר צוריק האָט ביי אייך אין שול געלערנט אַ יינגעלע פיליפּ גאָלדפאַרב? אַכט יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען...

אירע אויגן האָבן עטוואָס אויפגעלויכטן און זי האָט געקוקט שאַפּיראָן גלייך אין פּנים, ווי דערוואַרטנדיק פון אים אַ באַשטעטיקנדיקן ענטפער.

שאַפּיראָ האָט זיך געפּרוּווט דערמאָנען. אַזויפיל קינדער האָבן ביי אים אין שול די אַלע יאָרן געלערנט, און אַזוי פיל פאַרשיידענע פיליפּס, אַז אים איז שווער געווען אַרויסצושיילן דאָס בילד פון איינעם און פאַרשטעלן זיך זיין אויסזען.

זי האָט דאָס באַמערקט און געפּרוּווט אים אַרויסהעלפן:

— איר געדענקט? אַ שטיל יינגעלע אַזאַ געווען, מיט שוואַרצע האָר. אַ שטשופּלער, אַ דאַרינקער... אַמאָל פלעג איך אים ברענגען אין שול, אַמאָל דער פאָטער זיינער — אויך אַזאַ דאַרער און שטשופּלער...

ביי שאַפּיראָן אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן עטוואָס אויפלויכטן:

— יאָ, יאָ, איך דערמאָן זיך... דער פאָטער פלעגט אַלעמאָל וואַרטן צו נעמען אים אַהיים. פלעג איך אים שטענדיק פאַרלייגן, ער זאָל זיך אַוועק־זעצן אין אַ זייט און זיך צוהערן, ווי די קינדער לערנען. ער פלעגט בשום אופן ניט וועלן, נאָר אויף דער גאַס פלעגט ער וואַרטן... אַ שעמעוודיקער אַזאַ געווען, אַ שטילער...

— יאָ, יאָ, דאָס איז ער...

— נו, איצט מוז שוין דאַך אייער פיליפּ אוודאי זיין אַ גרויסער בחור.

— האָט שאַפּיראָ געוואָלט זאָגן דער מוטער אַ גוט וואָרט וועגן איר קינד: — ער האָט שוין אוודאי לאַנג געמוזט ענדיקן קאָלעדזש, און אפשר חתונה געהאַט שוין אויך?

דער פרויס אויגן, וואָס האָבן פריער עטוואָס אויפגעלויכטן ביים אויפ־פרישן אין שאַפּיראָס זכרון קלייניקייטן פון איר קינדס שול־יאָרן, זיינען פלוצלונג אויסגעלאָשן געוואָרן, און מיט אַ שטילער רעזיגנירטער שטימע האָט זי קורץ אַ זאָג געטאָן:

— פיליפּ איז שוין ניטאָ...

שאַפּיראָ איז פון אירע לעצטע ווערטער פלוצלונג אויפגעוועקט געוואָרן, ווי פון אַ שטאַרקן קלאַפּ, און געקוקט אויף איר מיט דערשטוינטע אויגן, ווי

איבערפרעגנדיק, צי האָט ער ריכטיק באַנומען אירע ווערטער, אָדער האָט זיי בלויז צוגעגעבן אַ שלעכטע אויסטייטשונג.

זי האָט פאַרשטאַנען זיין בליק, און ניט וועלנדיק איבערלאָזן קיין שום ספק ביי אים אין דער קלאָרקייט פון אירע רייד, האָט זי נאָכאַמאָל איבער־געחזרט:

— יאָ, פיליפּ איז שוין ניטאָ... שוין איבער אַ יאָר...

זי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, ווי דורך אויפדעקן פאַר שאַפּיראָן די נייס, וואָלט איר אַ שווערער שטיין אַראָפּ פון האַרצן.

שאַפּיראָ איז געזעסן אַ צעמישטער, אַ פאַרלוירענער, פילנדיק ניט נאָר אַ פאַרדראָס אויפן טויט פון זיין אַמאָליקן שילער, נאָר נאָכמער אַ שטאַר־קע חרטה פאַר דער לעצטער באַמערקונג זיינער, וואָס האָט געמוזט דער מוטער אַזוי שרעקלעך וויי טאָן.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? — האָט ער מיט ניט־געמאַכטן אינטע־רעס און אויפריכטיקן מיטגעפיל געפרעגט. — וואָס האָט פאַסירט מיט אים?

— גאַרנישט, — האָט די מוטער מיט אַ צעבראָכענער שטימע געענט־פערט. — דאָס, וואָס מיט הונדערטער אַנדערע האָט פאַסירט: אַוועק — און ניט געקומען צוריק... אינגאַנצן זעקס וואָכן דאָרטן געווען...

שאַפּיראָס בליק איז געפאַלן אויפן בילד, וואָס איז געשטאַנען אַנט־קעגן אין אַ ווינקל אויף זיין שרייב־טיש. דאָס איז געווען זיין זונס בילד. ער איז געווען אין זעלנערישן אוניפאָרם, נאָך פון דער צייט, וואָס ער איז געווען אין דער אַרמיי.

מזל האָבן זיי געהאַט: סיי ער — דער זון, און סיי זיי — די עלטערן זיינע. צוויי יאָר איז ער געווען אין דער מלחמה, אין אַלע שלאַכטן זיך באַטייליקט, אויף אַלע פראָנטן אויסגעווען, און איז געקומען צוריק אַהיים אַ גאַנצער און אַ געזונטער, סיי פיזיש און סיי גייסטיק.

איצט גייט ער אין קאַלעדזש און איז דאָרט אַ גאַנצער פירער. לעצטנס האָבן אים די סטודענטן אויסגעקליבן אַפילו פאַרן פירער פון דער אַנטי־מלחמה באַוועגונג.

שאַפּיראָ קוקט אַלעמאָל אויפן בילד און פרייט זיך מיטן זון און טראַכט פון דעם גרויסן נס, וואָס האָט פאַסירט מיט זיי אַלע. איצט אָבער פאַר־דריסט אים, פאַרוואָס דאָס בילד שטייט אויפן שרייב־טיש און גאָך דערצו פונקט אַנטקעגן. עס דאַכט זיך אים, ווי ער וואָלט מיט דעם גערייצט זיך מיט דער אומגליקלעכער מוטער, געשטאָכן זי און געוויטיקט אירע אַזוי אויך מסתם צעוויטאָקטע נערוון. ער קערט אָפּ דעם קאָפּ און באַמיט זיך ניט צו קוקן אויפן בילד.

אין צימער איז אַ ווייל געוואָרן שטיל, פיינלעך שטיל, אין פולן קאָנ־

טראַסט צו דער זוניקער ליכטיקייט און היימלעכער אויפגערוימטקייט. ענד־לעך האָט זי איבערגעריסן:

— וואָס איז דאָ צו ריידן? דאָס אומגליק האָט פּאַסירט... איך בין נישט די איינציקע — טויזנטער זיינען פאַראַן אַזוי ווי איך, צענדליקער טויזנטער... כאָטש יעדנס ווייטאָק איז פאַר אים דער שטאַרקסטער...

— יאָ, — האָט שאַפּיראָ אויסגעצויגן מיט אַ טיפן זיפץ, ווי נאָך אַ לאַנגן נאָכטראַכטן.

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, זייענדיק אין דער מינוט פאַרזונקען נאָך אין אַ טיפערן טרויער, ווי די פרוי אַליין.

— און איצט, — האָט זי איבערגעשלאָגן די שטימונג, — בין איך גע־קומען צו אייך פרעגן אַן עצה, בעטן אייך, איר זאָלט מיר העלפן באַשליסן, וואָס צו טאָן... פאַרט זייט איר דאָך געווען מיין זונס לערער אַמאָל...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו איר מיט אַ פראַגע, ווי איינער זאָגט: וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? אין וואָס באַשטייט די עצה, וואָס איך קען אייך געבן?

זי האָט אויסגעגלייכט דעם קאָפּ און מיט געצוואונגענער רואיקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס אַ טרוקענער פראַגע, האָט זי זאַכלעך דערציילט:

— מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָב איך געקראָגן פונעם קריגס־דעפּאַרט־מענט אַ בריוו, אַז איבגיכן וועט מען ברענגען צוריק פון יענער זייט עטלעכע טויזנט געפאַלענע סאָלדאַטן — און צווישן זיי אויך מיין פיליפּן... איז אויב איך וויל, שרייבן זיי מיר, קאָנען זיי מיר אים אַרויסגעבן און איך קאָן אים אַליין מקבר זיין, וואו איך וויל... און דאָ איז מיין פאַרלעגנהייט: זינט מיר — איך און מיין מאַן — האָבן געקראָגן דעם בריוו, שלאָפן מיר קיין נעכט ניט. מיר קאָנען זיך ניט באַשליסן: זאָלן מיר יאָ אָננעמען דעם פאָרשלאָג, אָדער ניט... אויבן־אויף, דאַכט זיך, איז דאָס גאָר קיין פראַגע ניט — וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלערן? וואָס זיי גיבן מיר — דאַרף איך נעמען...

איר שטימע האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן איר רואיקייט און איז געוואָרן נערוועז. עפּעס האָט איר ווי געשטיקט אין האַלדז. זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

זי האָט אַ מינוט געשוויגן און אָננעמענדיק זיך ווידער מיט רואיקייט, האָט זי פאַרגעזעצט:

— איז ווי האָב איך נאָר־וואָס געזאָגט? אַזוי, דאַכט זיך, דאַרף דאָס גאָר קיין פראַגע ניט זיין. קומען אָבער אַ סך פון דער משפחה און זאָגן: „ניין, דו דאַרפסט דאָס ניט טאָן... דעם טויטן וועסטו דערמיט קיין טובה

ניט טאָן — פאַר אים איז קיין אונטערשייד ניט, וואו מען לייגט אים... פאַר איך אָבער, זאָגן זיי, פאַר טאַטע־מאַמע, איז דאָס יאָ אַן אונטערשייד. ווייל נאָכאַמאָל דורכגיין דאָס זעלבע איז שרעקלעך..." איך ווייס אויך, אַז עס איז שרעקלעך... איר דאַרפט וויסן, אַז זינט דאָס אומגליק האָט פּאַסירט, בין איך אינגאַנצן גאָר קיין מענטש ניט געוואָרן. כ'גיי אַרום ווי אַ שאָטן און ווייס ניט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר... ער איז נאָך ווי עס איז: זוכט זיך פאַרטומלען מיט אַרבעט... וואו איז ער איצט דען ניט אַקטיוו? אין דער יוניאָן, אין קלוב, אין דער הילפס־אַרבעט פאַר ישראל... ער רוט ניט — נאָר ער איז פאַרנומען. ער וואָלט גאָר אַהיים ניט געקומען, ווען ניט איך... איך פּרואוו זיך אויך פאַרטומלען: בין אַקטיוו אין שול, אין דער "עמאַ לאַזאַרוס", אָבער עס העלפט ניט... וואו איך שטיי און וואו איך גיי, שטייט מיר נאָר פאַר די אויגן מיין פיליפּ... גייט מיר אויף קיין רגע פון קאָפּ ניט אַרויס...

עס האָט איר ווידער גענומען דריקן אין האַלדז, דאָס מאָל שטאַרקער, מיט אַ ספּאַזמע, און עס האָט איר גענומען אַ ביסל לענגער, ביז זי האָט זיך געקענט באַרואיקן און פאָרזעצן:

— איז אַט וועגן דעם בין איך דאָס געקומען: איך ווייס ניט וועמען צו פאָלגן — צי זיי, צי זיך... סיי־ווי, וואָס האָב איך זיך צו שאַנעווען? מיר איז נאָר אַ רחמנות אויף אים, אויף דעם מאַן מיינעם...

— און וואָס זאָגט ער, דער מאַן אייערער? — האָט שאַפּיראָ, אַנכאַפּנדיק זיך, געפרעגט. ער האָט געפילט די שווערקייט פון דער פּראָבלעם, וואָס שטייט אים פאַר, און געזוכט נאָך עמעצן אַנדערש צו הילף.

— וואָס זאָל ער זאָגן? "טו, ווי דו ווילסט", זאָגט ער. ער שוויגט. רעדט בכלל ניט קיין סך. אָבער איך ווייס, אַז אין האַרצן פייניקט אים די פראַגע, ניט ווייניקער, ווי מיך... נו, איז בלייבט דאָס אינגאַנצן אויף מיר צו באַשטימען... און מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז אַ טויט קינד איז אויך אַ קינד, און עס פילט זיך עפּעס אַנדערש, ווען מען האָט עס נענטער צו זיך, ווען מען ווייסט כאָטש, וואו דאָס געביין איז אַהינגעקומען...

זי איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן, ווי פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווייל אין דער פּראָבלעם, וואָס האָט זי געמאַטערט, און אויפהויבנדיק די אויגן צו שאַפּיראָן, האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס, איר וועט אפשר לאַכן פון מיר... איר זייט אַ קלוגער און געלערנטער מענטש, וועט איר זיך טראַכטן: וואָס איז דער אונטערשייד, וואו מען לייגט? פאַר אַ מאַמען אָבער איז דאָס אַן אונטערשייד... מיין געדאַנק איז, אַז מיר זאָלן אויסקלייבן דריי קברים איינעם לעבן דעם אַנ־דערן — און ווען די צייט וועט קומען, זאָלן מיר ליגן אַלע צוזאַמען... וואָס

זאָגט איר? וואָס איז אייער מיינונג? איך קומט־אויס אוודאי מאָדנע, וואָס עפּעס בין איך געקומען צו אייך, איר זאָלט מיר אַרויסהעלפן מיט דער פראַגע. וויל איך אייך זאָגן, אַז פּיליפּ, ווען ער האָט געלעבט, פלעגט אייך אַלעמאָל דערמאָנען און זאָגן וועגן אייך, אַז איר זייט זיין בעסטער לערער געווען, און וואָס איר האָט אים אויסגעלערנט, דאָס געדענקט ער... נאָך פון דער אַרמיי האָט ער מיר געשריבן: „מאַמע, אַדאַנק דעם לערער שאַ־פּיראָ, קען איך דיר איצט שרייבן יידישע בריוו...״ און ווען איך האָב אייך מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געטראָפן אין דער באַן פאַרנדיק, איז מיר איינגע־פאַלן אַ געדאַנק: גאָר פרעגן זיך ביי פּיליפּס אַמאָליקן לערער — און ווי ער וועט מיר זאָגן, אַזוי וועל איך טאָן... איר זייט אַ געבילדעטער און פאַרשטענדיקער מענטש, איר האָט אַלעמאָל געהאַט צו טאָן מיט מאַמעס און קינדער, ווייסט איר מסתם, ווי אַ מאַמעס האַרץ פילט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, קוקנדיק מיט פרעגנדיקע און בעטנדיקע אויגן אויף שאַפּיראָן, ווי דערוואַרטנדיק, אַז ער זאָל זי אַרויספירן פון איר שווערער פאַרלעגנהייט און אָנווייזן איר, ווי זי זאָל האַנדלען.

שאַפּיראָ איז געזעסן אומבאַוועגלעך, האַלטנדיק די גאַנצע צייט די אויגן אַראָפּגעלאָזן, ווי שעמענדיק זיך צו קוקן איר גלייך אין פּנים און אויפ־הויבנדיק זיי צו איר בלויז פון צייט צו צייט, כדי צו ווייזן, אַז ער הערט זי, אַז ער איז אויפמערקזאַם צו אירע רייד.

אים איז מאָדנע שווער געוואָרן פון אירע רייד. יעדעס וואָרט אירס האָט זיך ווייטיקדיק געלייגט אויף זיין האַרץ און שווער געדריקט דאָרט. די פּראָבלעם, וואָס ער האָט געדאַרפט איצט העלפן לייזן, איז אויך געווען איבער זיינע כוחות. דאָס איז ניט געווען קיין פּראָבלעם אויפן פּאַפּיר, וועלכע מען קען אַמאָל לייזן דורך אַ שיינער פּראָזע, אָדער דורך אַ קלוגן איינפאַל. פאַר אים זיינען געשטאַנען איצט לעבעדיקע מענטשן. יאָ, פּיליפּ איז אויך געשטאַנען פאַר אים איצט אַ לעבעדיקער... ער האָט זיך אָן אים איינגאַנצן דערמאָנט און אויפגעלעבט אים אין זכרון, פּונקט ווי ער האָט אויסגעזען, ווען ער איז צו אים אין שול געגאַנגען... ער האָט געוואוסט, אַז וואָס ער זאָל דער מוטער ניט זאָגן, וועט עס זיין אומגערעכט קעגן איינעם, וועט עס זיין ווייטאָקדיק פאַרן צווייטן. ער האָט געוואוסט, אַז דורכמאַכן פאַר די עלטערן כמעט דאָס זעלבע נאָכאַמאָל איז שרעקלעך. ער האָט אָבער אויך געזען פאַר זיך פּיליפּן... ווי ער וואָלט פאַר אים איצט געשטאַנען אַ לעבעדיקער, איז געשטאַנען פאַר אים דער אַכט־יאָריקער פּיליפּ — אַ דאַרער, אַ שטילער און אידעלער, און געטענהט צו אים:

— „לערער, איך האָב אייך אַלעמאָל ליב געהאַט און רעספּעקטירט, ניט געווען ווי אַ סך אַנדערע... איך האָב זיך צוגעהערט צו אייך און איינ־

געזאָפּט אייער לערע: ברודער־ליבע און מענטשן־פריינטשאַפט... און ווען דער גרויסער נסיון איז געקומען און איך האָב געדאַרפט באַשליסן: הרגע, אָדער ווער דערהרגעט — האָט אייער דערציאונג דעצידירט אין מיר... איך האָב בשום אופן ניט געקענט... מיר איז גרינגער געווען אַליין אומ־צוקומען, אידער יענעם אומצוברענגען"...

— „און איצט, ווען אין אייערע הענט ליגט דער באַשלוס, צי איבער־לאָזן מיך אַליין, ווייט פון טאַטע־מאַמע, פריינט און באַקאַנטע, ערגעץ אויף אַ פאַרוואָרפן פעלד, וואו קיינער זאָל גאָר קיינמאָל מיין נאָמען ניט קומען איבערלייענען — ווער איר מיטהעלפן אין דעם? האָב איך עס פאַרדינט ביי איך, לערער?"

שאַפּיראָ איז איצט געווען אינגאַנצן לערער. ער איז געזעסן פאַרטראַכט אין די אייגענע געדאַנקען און ווייזיעס וועגן פיליפן, פאַרגעסנדיק אינגאַנצן, אַז פיליפס מוטער זיצט אַנטקעגן אים און וואַרט אויף זיין ענטפער.

— איז וואָס זאָגט איר מר. שאַפּיראָ? — האָט איר שטימע אים אויפגעוועקט פון פאַרטראַכטקייט, — איך וויל הערן אייער מיינונג...

— מיין מיינונג איז, — האָט שאַפּיראָ נאָך אַלץ אונטערן איינדרוק פון די באַר־וואָס געזעענע ווייזיעס, געזאָגט, — מיין מיינונג איז, אַז איר זאָלט קיינעם ניט פרעגן קיין עצות, אַבסאָליוט קיינעם ניט — נאָר זיך אַליין... דאָס הייסט, מיין מיינונג איז, אַז איר זאָלט טאָן, ווי אייער אייגן האַרץ הייסט אייך... אַ מאַמעס האַרץ איז דער בעסטער וועגווייזער פאַר איר, ווען עס האָט צו טאָן מיט איר אייגן קינד...

ער האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט האַרץ, מיט געפיל, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן, אַ זיכערער אין דער גערעכטיקייט פון זיין מיינונג און אין דער יושרדיקייט פונעם אורטייל.

דער פרויס אויגן האָבן מיטאַמאָל אויפגעלויכטן, ווי אַ ניי ליכט וואָלט זיך אין זיי אָנגעצונדן. אירע באַקן האָבן זיך גענומען רויטלען ווי פון בייער האָפענונג, און איר גאַנצער פנים האָט עדות געזאָגט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט איר אַראָפּ פון האַרצן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און, צוגייענדיק צו שאַפּיראָן, האָט זי ניט־דרייסט גענומען זיין האַנט און געדריקט זי:

— איך דאַנק אייך, מר. שאַפּיראָ, פאַר אייער עצה... איך האָב גע־וואוסט, אַז אַ לערער פאַרשטייט די קינדער און קען אויך פאַרשטיין זייערע מאַמעס... איך דאַנק אייך פון טיפן האַרצן... און זייט מיר מוחל פאַר דער שווערקייט, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך דעם פרימאָרגן — מיר איז געוואָרן אַ ביסל גרינגער... מיר פאַרדריסט נאָר, וואָס מיין מאַן איז דאָ מיט מיר ניט געווען...

שאַפּיראָ האָט זי באַגלייט ביז דער טיר און אומגעקערט זיך צוריק צו זיך אין צימער. ער איז נאָך געווען איינגאַנצן דורכגענומען מיט דעם נאַר־וואָס דורכגעלעבטן. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען פיליפּ, זיין מוטער און דער שטילער, שעמעוודיקער פאָטער, וואָס פלעגט בעסער שטיין אינדרויסן, איידער אפשר זיין אין קלאַס אַ שטערונג פאַרן לערער. זיין בליק איז גע־פאַלן אויף די ביי גע לעך פּאַפּיר, אויף וועלכע ער האָט געזאָלט אָנהייבן שרייבן זיין דערציילונג וועגן דעם גראַציעזן יונגן מיידל און איר אומגע־לומפּערטן, מסתם רייכן, מאַן — און אַ פּאַרדראָס, אַ ווייטאָקדיקער פאַר־דראָס קעגן זיך אַליין, האָט אים אָנגעכאַפּט. ער האָט זיך געשעמט אַריינ־קוקן זיך אַליין אין האַרצן: ווי האָט ער דאָס גאָר געקענט נעמען זיך שרייבן אַזאַ זאַך! ארום־און־אַרום באַדט זיך די וועלט אין בלוט און צער, גייען אויס מאַמעס הערצער אין שטילן, הילפלאָזן ווייטיק, פלאַטערן אין שרעק פאַרן דראָענדיקן מאָרגן און טוליען צו די עופהלעך אין הילפלאָזער ניט־זיכערקייט, — און ער האָט גאָר געוואָלט שרייבן וועגן דער פּאַפּירענער ליאַלקע און דעם אָנגעבלאָזענעם, מגושמדיקן העלפאַנט! ער האָט זיך גע־שעמט צו גלויבן, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע געווען, אַז ער האָט דאָס טאַקע געוואָלט טאָן...

„איך בין אַ קינד, אַן אמתדיק קינד", האָט ער מיט פאָרוואורף גע־טראַכט וועגן זיך אַליין — „און פאַרדין גאָרניט דעם נאָמען לערער, וואָס דאַרף: לערנען, פירן... און אַ שרייבער דאַרף אויך זיין אַ לערער, אַ וועגווייזער, וואָס דאַרף אָפּשפּיגלען זיין צייט דורכן וואָרט פון דער צייט... יאָ, דורכן וואָרט פון דער צייט..."

ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דעם לעצטן געדאַנק: „דאָס וואָרט פון דער צייט..." — אַ גאָלדענער געדאַנק! אַ מאָטאָ! יאָ, אַ מאָטאָ! ער וועט עס פאַר זיך מאָטאָ מאַכן — און זאָל עס אַרויסהילכן פון זיין יעדער שאַפונג, פון זיין יעדער ליד און דערציילונג, און צוטראָגן זיך צו די מענטשן און אַריינדרינגען אין זייערע הערצער און וועקן און מוטיקן און ברענגען זיי טרייסט און האָפענונג...

שאַפּיראָ האָט זיך פּלוצלונג דערפילט ווי אויף פליגל, און אַ דערהויבענער איז ער אַרויס אין גאַס באַפרוכפּערן זיין נייעם געדאַנק מיט די גאָלדענע זון־שטראַלן...

דער „מוזיי"

ישט בלויז דער אַפּאַרטמענט פון דער פרוי זיסקינד האָט אָנגעוואָרפן אויף אַלעמען אַ פּחד, נאָר זינט דאָס אומגליק האָט געטראָפן, איז דאָס גאַנצע הויז ווי איינגעוויקלט אין שאָטנס, און אַ טרויער ליגט אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון כמעט אַלע איינוואוינער. ווען עס וואָלט ניט שווער געווען צו קריגן דירות ערגעץ אַנדערשוואו, וואָלטן זיכער אַ סך איינוואוי־נער זיך אַרויסגעצויגן פונעם הויז. עס איז שווער יעדן טאָג צו גיין אַראָפּ און אַרויף די טרעפּ און פאַרבייגיין אַ טיר, וואָס עס זאָל זיך וועלן אויס־מיידן אַ קוק צו טאָן אויף איר. אַוודאי איז עס פּיינלעך יעדעס מאָל אָנצוטרעפן די פרוי זיסקינד אַליין און דאַרפן זיך אָפּשטעלן און צום צענטן מאָל אויסהערן די משונהדיקע מעשה, ווי זי פּאַסט־אויף אויף איר אוצר, אויף דעם איינציקן איבערגעבליבענעם זכר פון איר קינד — דעם „מוזיי". אַ סקרוד גייט יעדערן איבערן דורך איבערן לייב, און שעה'ן נאָכדעם קאָן מען זיך ניט באַפרייען פון דעם שוידערלעכן געפיל, וואָס אירע ווער־טער האָבן איבערגעלאָזט.

דאָס אומגליק האָט פּאַסירט, קען מען זאָגן, ניט אומדערוואַרטעט. מען האָט זיך אַפילו געקענט ריכטן אויף דעם. אָבער ווען עס האָט פּאַסירט, האָט עס קיינעמס צער און ווייטאָג ניט וויכער געמאַכט, דער מוטערס אַוודאי ניט. פאַר איר איז עס געווען אַ באָמבע־אויפרייס, ווי דער הימל וואָלט זיך פּלוצלונג אַראָפּגעלאָזן אויף איר קאָפּ און ווי די ערד וואָלט זיך פּלוצ־לונג אויפגעשפּאָלטן און איינגעשלונגען זי. פאַר איר איז עס געווען עק לעבן, און פאַר איר איז מער גאָרנישט געבליבן.

עס איז געווען די קורצע און אומברחמנותדיקע ידיעה, וואָס האָט איר שאַרף געלאָזט וויסן, אַז איר זון, איר איינציקער זון, איז טויט. „מיט טיפן טרויער", האָט זיך אין דער ידיעה געלייענט, „לאָזן מיר איך וויסן, אַז אייער זון, עדי זיסקינד, איז געפאַלן אין שלאַכט. ער איז געשטאָרבן אַ העלדן־טויט. ווייטערדיקע ידיעות וועגן זיין טויט וועלן קומען אַ פּאָר טעג שפּעטער."

די בייס האָט אויפגעריסן אין דעם הויז און אַפילו אין דער אַרומי־קער געגנט, ווי אַ באָמבע. יעדער איינער איז געוואָרן אויפגעטרייסלט. ווער האָט עס דעם צווויי און צוואַנציק־יאָריקן עדי זיסקינד ניט געקענט? דאָ, אין דעם הויז, איז ער געבוירן געוואָרן, און אין דער געגנט זיך אויפ־געהאָדעוועט. יעדעס שטיינדל וואָלט געקענט דערציילן, ווי עדיס פוס איז

איבער אים געטראַכטן, און יעדער מאַן און פרוי וואָלטן געקענט זיך דער־מאָנען דעם „גוט־מאָרגן‟, וואָס עדי האָט זיי אַנטקעגנגעטראָגן מיטן פריינט־לעכן שמייכל אויפן פּנים, יעדעס מאָל ווען ער האָט וועמען פון די שכנים באַגעגנט.

אַלע האָבן געקענט עדין, דעם שיינעם בחור מיט די לעבעדיקע אויגן, מיט די פיינע, איידעלע, נאַטירלעך־איינגעבוירענע מאַניערן. אַן איידל־קייט, אַ ראַפינירטקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים. יעדער איינער האָט זיך מיט אים געבענטשט און געוואונטשן זיך, הלוואי וואָלטן זיינע קינדער געווען אַזעלכע. די פרוי זיסקינד, אַן אָרעמע אַרבעטער־פרוי, אַן אַלמנה, האָט מיט די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס פון איר פאַרדינסט געזוכט צו געבן איר קינד אַ גוטע דערציאונג. יעדערער האָט איר גע־וואונטשן דעם גרעסטן נחת פון איר קינד.

און ווען די נייס איז געקומען, אַז עדי איז געפאַלן, האָט עס אַלעמען אויפגעטרייסלט.

ווי שווער עס איז ניט געווען פאַר די שכנים אָנצוקוקן אַ מוטער אין איר גרעסטן בראָך און בייזיין ביי דעם ערשטן מאָמענט פון גרויל־האַפטער פאַרצווייפלונג, האָט קיינער פון זיי ניט געוואָלט בלייבן אין שטוב, ביז די ערשטע צערודערונג וועט אַריבער. אַלע האָבן זיך גע־איילט צו פרוי זיסקינד אין אַפּאַרטמענט. מען האָט געוואוסט, אַז מען טאָר זי ניט איבערלאָזן איצט אַליין.

ווען מען איז אַריין אין שטוב, האָט מען געטראָפן די פרוי זיסקינד אָן אויפגעדרייטע אין בעט, איינגענורעט מיטן פּנים אין קישן, אַט אַזוי ווי זי איז אַנידערגעפאַלן באַלד ביים איבערלייענען די טעלעגראַמע. מען האָט פון איר ניט געהערט ניט קיין קרעכץ און ניט קיין אָטעם, אַזוי אַז די שכנים האָבן אַ מינוט געצווייפלט, צי איז זי בכלל לעבעדיק. קיין וואונדער וואָלט עס ניט געווען. אָבער זי האָט געלעבט. כאָטש אומבאַוועג־לעך געלעגן אַזוי און נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימן פון לעבן. די שכנים האָבן עס פאַרשטאַנען. קיינער האָט ניט געפּרואווט זי אויפטשוכען, קיינער האָט ניט געזוכט אַרויסצורופן ביי איר קיין סימן פון באַוועגונג. מען האָט געוואוסט, אַז אַזוי איז בעסער. אָבער ווען אַ טאָג און צוויי זיי־נען אַריבער און זי איז אַלץ געבליבן אין דעם זעלביקן צושטאַנד, האָבן די שכנים זיך אָנגעהויבן באַאומרואיקן וועגן איר. אַ לעבעדיקער מענטש מוז עסן, מוז כאָטש בעמען אַ לעפל וואַסער אין מויל. זי האָט זיך געפּרואווט ווערן, אָבער די שכנים האָט זיך ווי עס איז איינגעגעבן. קיינער האָט זי ניט געפּרואווט טרייסטן, כאָטש מיט איין וואָרט אַרויסברענגען פון מויל אַ טרייסט־אָנצוהערעניש. מען האָט געוואוסט, נישטאָ זי מיט וואָס צו טרייסטן,

מיט וואָס ווייכער צו מאַכן איר אומגליק. מען האָט עס אויך ניט גע־קענט. גיי טרייסט אַ מוטער אויפן טויט פון איר איינציקן קינד! און נאָך אַזאַ ווי עדי! מען האָט בלויז געוואָלט, אַז זי זאָל זיך דערהאַלטן ביים לעבן, און נאָכדעם — ווער ווייס, וואָס נאָכדעם וועט זיין...

אַכט טעג איז זי אַזוי געלעגן, ווי אין אַ הינער־פּלעט, נישט רירנדיק זיך, נישט קרעכצנדיק, בלויז אונטערגעבנדיק זיך פון צייט צו צייט די אָנ־שטרענגונגען פון די שכנים צו געבן איר עטוואָס שפּייז אין מויל. קיינער איז פון איר ניט אָפּגעטראָטן און אויף אַ מינוט ניט איבערגעלאָזט אַליין.

אָבער נאָך די אַכט טעג איז עפּעס אַזוי ווי אַן איבערבראָך פאָרגעקומען מיט איר. פּלוצלונג איז זי אַראָפּ פון בעט, אַרומגעוואַשן זיך, פאַרקעמט זיך און מיט אימפּעט גענומען זיך צוראַמען דאָס הויז. דער עולם האָט געמיינט, אַז זי איז פון זינען אַראָפּ. מען האָט פאַרדעכטיק נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען און געשראָקן זיך, אַז באַלד וועט עפּעס אַן אויסברוך קומען און עפּעס וואָס וואַזניקעס וועט פאַרקומען. אָבער אַזאַ זאַך האָט ניט פּאַסירט. פאַרקערט, אין איר אַרבעט איז געווען אַ ציל. זי האָט צוגע־ראַמט דאָס הויז און גענומען זיך צום זונס צימער. זי האָט אויסגעפּאַקט אַלע קעסטלעך, אויפגעעפנט אַלע שופלאָדן און אַרויסגענומען פון דאָרטן אַלע זאַכן. דאָס זיינען געווען דעם זונס העמדער און נאַזטיכלעך, זאָקן און אונטערוועש. זי האָט אַלץ איבערגעקוקט, איבערגעלייגט און געבראַכט אין אַ סדר. זי האָט אויסגעלופטערט דורכן פענצטער זיינע מלבושים און געפונען אין מאַנטל־קעשענע אַ ניקל. זי האָט עס אַ קוש געטאָן. דאָס איז געווען די לעצטע מטבע, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט פון אים. זי האָט עס געפונען אינעם מאַנטל, וואָס ער האָט אָפּגעשיקט, באַקומענדיק אַרמיי־קליידער און אָפּשיקנדיק אַהיים די ציווילע.

זי האָט נאָכדעם גענומען צעשטעלן און צעלייגן אַלץ מיט אַ סדר. אויף די ווענט האָט זי אויפגעהאַנגען זיינע מאָלערייען, וואָס ער האָט גע־מאָלן סיי אין פּאַבליק סקול און סיי אין האַי־סקול, און וואָס זי האָט אַלע יאָרן אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. אויף אַ באַזונדער פּלאַץ האָט זי אויפ־געהאַנגען זיין פידל, וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן. אויף די ביי־כער־פּאָליצעס האָט זי צעשטעלט זיינע ביכער און אָנגעלייגט זיי גאַנצע בערג אַרויף, שיער ניט ביז צו דער סטעליע. אַ וועלט מיט ביכער האָט ער געהאַט, דער זון אירער, ביכער וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן פון יאָרן־לאַנג שטודירן און לייענען. „מאַמע, פלעגט ער איר אַמאָל זאָגן, עס איז ניטאָ מער קיין פּלאַץ וואו נייע ביכער אַוועקצולייגן. אפשר וואָלט מען זיך אַ ביסל באַפרייט פון די אָנפאַנגער־ביכלעך? סיי־ווי, ווייסטו, וועל איך זיי שוין מער ניט נוצן..." — „ניין, מיין קינד", פלעגט זי אים ענטפערן, „מען

דאַרף גאַרניט אַרויסוואַרפן. אַמאָל וועט דאָס דיינס אַ קינד דאַרפן...״ איצט האָט זי זיי אַלע אַרויסגענומען, אויסגעלופטערט, אויסגעקלאַפּט דעם שטויב פון דעם און אויסגעלייגט אויף די פּאַליצעס און איבער די פּאַליצעס. אויף אַ באַזונדער טישעלע דערביי, האָט זי אויסגעלייגט פּאַרשיידענע פּאַפּירן זיינע און העפטן, אַרבעטן פון קלאַס און אין שטוב געמאַכט, אונטערגעצייכנט פונעם לערער מיט רויטן אָדער בלויען בליישטיפט און אַלע כמעט באַצייכנט מיטן אות „א״, וואָס מיינט „אויסגעצייכנט״.

דאָס בעט האָט זי צוגעקליבן פּונקט ווי ער האָט ליב געהאַט. ער האָט אַלע מאָל ליב געהאַט, אַז דאָס קישעלע זאָל ליגן ווינקלדיק, ספּאָרטיש, עטוואָס אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. האָט זי עס איצטער אויך אַזוי אויסגעלייגט. דאָס בעט אַליין האָט זי באַלייגט מיט פאַרשיידענע אַנטיקן, וואָס זיינען איר געבליבן פון דער צייט, ווען איר זון איז נאָך אַ קינד געווען. דאָרט האָט זיך געפונען די ערשטע פּאָר שיכעלעך, וואָס זי האָט אים געקויפט, די ערשטע זעקעלעך, דאָס ערשטע העמדעלע און הייזעלעך און אַ וואָרעמער „טעדי־בער״... דערביי האָט זיך אויך געפונען דאָס ערשטע שפּילצייג — אַ קיילעכדיק בייגעלע מיט גלעקעלעך, וואָס עמעצער האָט אים די ערשטע מתנה געבראַכט. און נאָך אַנדערע שפּילצייג און מתנות.

אַממערסטן פאַרשטעלט און אָנגעלייגט איז געווען דער שרייב־טיש. זי האָט אַרויסגענומען אַלע זיינע פאָטאָגראַפיעס, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, צענדליקער פון זיי, פון אַן עופהלע אין וויגעלע, ביז דער סאָמע לעצטער, וואָס ער האָט איר געשיקט, פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט אַ בילד־שיין מיידל מיט אַן אָפענעם פּנים און זוניקן שמייכל. מיט אָט דעם מיידל האָט זיך עדי באַקאַנט שוין דאָרטן אין שטעטל, וואו ער האָט געדינט, און ער האָט זי באַטראַכט, ווי זיין כלה... „מאַמע, האָט ער געשריבן צוזאַמען מיט דער פאָטאָגראַפיע וואָס ער האָט געשיקט, זאָל דיר ניט פאַרדריסן וואָס זי קומט פון אַזאַ וויטן שטעטל. ווען דו וועסט זי זען, וועט זי דיר ווערן נאָענט און דו וועסט זי ליב קריגן פּונקט ווי איך...״ איצט האָט אָט דאָס בילד צוזאַמען מיט די איבעריקע אַראָפּגעקוקט פונעם שרייב־טיש, און אַלע האָבן זיי געלויכטן מיט קינדערשער פרישקייט און יוגנטלעכער פרייד, מיט אָנגעפילטער ענערגיע און וויטן פאַרמעסט אין לעבן... איצט זיינען זיי געווען, ווי אַ וויטער אָפּקלאַנג פון אַמאָל. נאָר סיי־ווי איז די ליכטיקייט פון זיי ניט אָפּגעמעקט געוואָרן, און דאָס צימער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ מאָדנעם אויסגעמיש פון לעבן און טויט, טרויער און ליכטיקייט...

און נאָך זאַכן האָט זי אויסגעשטעלט און אויסגעלייגט: דעם ערשטן באַיסיקל זיינעם, דאָס ערשטע שליטעלע... זי האָט עס אויסגעשטעלט

מיט אַ סדר און מיט אַ טאַלק, מיט געשמאַק און מיט ליבע, און עס האָט אויסגעקוקט איצט ווי אַן עכטער מוזיי, אָנגעשטעלט מיט אַנטיקן, וואָס האָבן אַ ווערט פאַר מענטשן, וועלכע האָבן אַ געפיל פאַר דעם.

זי האָט אַ שטאַרקן געפיל פאַר די אַלע זאַכן אינעם צימער, אפשר דעם איינציקן געפיל נאָך, וואָס איז אין איר פאַרבליבן אַ לעבעדיקער, אַ צאַפּל־דיקער, אַ מונטערנדיקער.

זי האָט אויפגעשטעלט איר „מוזיי", און עס איז געוואָרן איצט איר לעבן און איר טעגלעכע באַשעפטיקונג. יעדן פרימאָרגן, ווי זי כאַפּט זיך נאָר אויף פון שלאָף — און אַנטשלאָפן ווערט זי ערשט אין די פאַרטאָגן, ווען מענטשן הויבן שוין אָן אויפשטיין און גרייטן זיך גיין צו דער אַרבעט — נעמט זי זיך גלייך צו דער מלאכה. זי גייט אַריין אין דעם זונס צימער, עפנט פאַנאַנדער די פענצטער, און נעמט זיך גלייך ראַמען און פּוצן. זי ווישט אָפּ דעם שטויב פון אַלץ, טרייסלט אויס איניקע זאַכן, קלאַפּט אויס, ציט איבער פרישע בעט־געצייג אויפן בעט, און פון אירע אויגן שטראָמט מיט אימפּעט און מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט. נאָר ווען זי קומט־צו צו די פאָטאָגראַפיעס און נעמט זיך זיי אַרומווישן, און נעמט אין האַנט די לעצטע פאָטאָגראַפיע — אָט די מיטן מיידל — ברעכט זי פּלוצלונג צוזאַמען, פאַלט אַנידער אויפן שטול דערביי, און נעמט מוראדיק יאָמערן און רייסן זיך די האָר פון קאָפּ...

די שכנים, וואָס זי באַגעגנט אין הויף און אויף די טרעפּ, דערציילט זי, ווי שיין זי האָט אויסגעפּוצט איר זונס צימער, ווי אַלץ בלאַנקט אינעם צימער. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק פאַר איר: זי צווינגט זיי אַריינצוקומען און באַקוקן אַלץ. זיי האָבן מורא אָפּצוזאָגן. זיי קומען אַריין, און עס כאַפּט זיי אָן אַ שוידער. זיי נעמען זיך איינגאַנצן טרייסלען... און זי רעדט און רעדט, צום צענטן מאָל איבערווייזנדיק יעדע קלייניקייט און באַטאַפּנדיק עס מיט פרייד, ווי אַ נאַר־וואָס צוגעשיקטע מתנה פון אַ ליבן מענטשן...

אַ סך שכנים מיידן־אויס צו טרעפן זיך מיט איר — די נערוון זייערע זיינען צו־שוואַך פאַר דעם. אַנדערע געפינען פאַר נויטיק אויך איצט אַריינצוקומען, ווי שווער עס זאָל זיי ניט זיין, צו געבן איר כאָטש אַ נישטיקן טייל פון דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס זי וואָלט געקראָגן פון אים, פון עדין... זיי פילן עס פאַר זייער פליכט צו טראָגן אויף זיך אַ וועלכן עס איז טייל פון איר אומגליק, וועלכן זיי באַטראַכטן ווי אַלעמענס אומגליק...

אַ פּחד ליגט אויסגעגאָסן אויף דער איינצלנער דירה, נאָר דאָס גאַנצע הויז איז אויך איינגעוויקלט אין אומעט, און טרויער־שאָטנס פאַלן פון איר אין אַלע זייטן...

דאָס וואַלד־קינד

פון די טיפע פוילישע וועלדער איז שרהלע געקומען אַהער, פון יענער זייט ים איז זי געקומען צו איר פעטער אין אַמעריקע.

דאָס „וואַלד־פויגעלע" — רופן זי דער פעטער און די מומע. ווייל ווי אַנדערש קען מען טראַכטן וועגן אַזאַ יונג קינד, וואָס ווייזט אַרויס אַזויפיל געניטקייט אין וואַלד — אין אַלע זיינע וועגן און שטעגן, געדיכטענישן און באַהעלטענישן. בלויז אַ פייגעלע, וואָס איז געבאָרן אין וואַלד און גיט אַוועק אירע טעג און לעבן אויף זוכן שפייז און אויסבאַהאַלטן זיך פונעם שונא, קען אַרויסווייזן אַזאַ געניטקייט...

אָבער שרהלע איז נישט קיין פייגעלע. שרהלע איז אַ מיידעלע, וואָס האָט בלויז געלעבט אין וואַלד. און ווייל זי האָט געלעבט אין וואַלד גאַנצע פיר יאָר, איז זי אַזוי אַנדערש פון די אַנדערע קינדער פון איר עלטער. זי קוקט גאָרניט אויס ווי אַ קינד, און ווען זי רעדט, וואָלט מען געמיינט, עס רעדט אַ דערוואַקסענע...

שרהלע ווייסט אַזוי פיל זאַכן, אַז עס איז צו באַוואונדערן, ווי זי ווייסט דאָס אַלץ. אָבער מער ווי אַלץ, ווייסט זי וועגן וואַלד. דאָ וואָלט זיך מיט איר קיינער נישט געקענט פאַרגלייכן און דאָ וואָלט מען איר מיט גאָרנישט געקענט איבעררעדן: זי ווייסט בעסער פון אַלע דערציילער און מערער, ווי מען קען אַרויסלייענען פון די ביכלעך.

עס טרעפט: מען שרעקט קינדער מיטן וואַלד. מען דערציילט זיי פאַרשיידענע מעשיות וועגן וואַלד־חיות און וואַלד־מענטשן, וואָס האָבן אַוועקגעשלעפּט קליינע קינדער און דאָרטן געהאַלטן זיי לאַנג געפאַנגען. שרהלען וואָלט מען אַזעלכע מעשיות נישט געקענט דערציילן און אוודאי נישט אָנשרעקן מיט זיי, זי וואָלט זיך פשוט אויסגעלאַכט. זי קען בעסער ווי יענע דערציילער דעם וואַלד. יענע זיינען אַליין גאָר אפשר קיינמאָל אין וואַלד נישט געווען, זי אָבער, שרהלע, האָט פיר יאָר געוואוינט אינעם וואַלד — פיר יאָר: זומער און ווינטער, טאָג און נאַכט... ווייסט טאַקע שרהלע, אַז די מעשיות וועגן ווילדע וואַלד־חיות, וואָס עסן מענטשן, זיינען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. וואָרעם, ווי קען דאָס זיין, ווען אין וואַלד וואָלטן טאַקע געווען ווילדע חיות, אַז זי זאָל זיי קיין איין מאָל גאָרניט אָנטרעפן? אַז זיי זאָלן קיין איין מאָל גאָרניט באַפאַלן ווע מען פון די וואַלד־ברידער? און יענע זיינען דאָך אין וואַלד געווען פונקט ווי זי: ניט איין טאָג, ניט איין חודש — נאָר גאַנצע פיר יאָר! און ניט אין איין

פּלאַץ בלויז, נאָר אין צענדליקער און צענדליקער פּלעצער! כסדר זיך געדאַרפט באַוועגן, אויסבאַהאַלטן זיך, אָפּנאַרן די נאַציס, — איז ווי קען דאָס זיין, אַז זיי זאָלן גאָר פאַר דער דאָזיקער גאַנצער צייט קיין איין ווילדע חיה ניט האָבן באַגעגנט? סיידן די חיות זיינען גאָרניט אַזוי ווילד, ווי מען רעדט וועגן זיי, אָדער די מענטשן זיינען נאָך ווילדער... שרהלע האָט טאָקע אַ סך מאָל געהערט איר מאַמען און די אַנדערע אין וואַלד ריידן וועגן די נאַציס ווי וועגן ווילדע בעסטיעס...

און ניט נאָר פאַר חיות האָט שרהלע ניט קיין מורא, נאָר פאַר קיין שום זאַך בכלל. עס טרעפט: קינדער האָבן אַליין מורא צו בלייבן אין הויז, אָדער זיין אין דער פינצטער, אָדער גיין אַליין ביינאַכט — ביי שרה־לען קוקט עס אויס קאָמיש: וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס מורא צו האָבן? פאַר וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו שרעקן זיך? מורא האָבן האָט מען גע־קאָנט בלויז פאַר די נאַציס. אָבער יענע זיינען שוין ניטאָ, — אויסגע־הרגעט אָדער געפאַנגען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי...

עס טרעפט אַמאָל: קינדער וויינען. שרהלע ווייסט ניט, וואָס עס מיינט וויינען. אמת, זי קען אויך ניט גוט לאַכן — הויך, האַרציק — אָבער זי ווייסט אויך ניט, וואָס עס מיינט אַזוינס וויינען... ניט נאָר זי — קיינער אין וואַלד האָט ניט געוואוסט: ניט געטאָרט... די קינדער זיינען אַזוי אָנגעזאָגט און אָנגעשראָקן געוואָרן ניט צו וויינען און אַזוי אַרום אַרויס־צוגעבן זיך צו די נאַציס, אַז די דאָזיקע מענטשלעכע געוואוינהייט איז כמעט ווי פאַרשוואונדן געוואָרן ביי זיי. אַפילו די קינדער, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין וואַלד, האָבן נאָר דעם ערשטן קוויטשעלע אַרויסגע־לאָזט און באַלד געמוזט אַנטשווייגן ווערן. די מאַמעס האָבן שוין אַזוי אויפגעפּאַסט אויף זיי, אַז זיי זאָלן קיינמאָל ניט וויינען, ווייל טאָמער האָט זיך אַ קינד איינגעשפּאַרט און דווקא געוואָלט וויינען, האָט מען אים מיט אַ שמאַטע דעם מויל פאַרדעקט, ביז עס האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער צו ליגן אָן אַ שמאַטע אין מויל און ניט וויינען...

אַזוי האָבן די מענטשן דאָרט געלעבט...

שרהלע געדענקט גאָרנישט פון דעם, וואָס פריער איז געווען, איידער זי מיט אירע עלטערן זיינען אַוועק אין וואַלד וואוינען. זי געדענקט בכלל גאָרנישט פון פריער. זי געדענקט ניט אירע חברטעס, איר ריידן מיט דער באָבען, זייער הייזל, דעם הויף מיט דעם ברונען אינמיטן — אַלץ איז ווי אויסגעמעקט געוואָרן פון איר זכרון. ווי אַ גרויסע שוואָם וואָלט זיך דאָרט אויפגעזעצט און אַלץ איינגעזאַפּט, אַלץ אויסגעזויגן. דאָס, וואָס זי ווייסט יאָ, ווייסט זי נאָר פון דעם, וואָס די מאַמע האָט שפּעטער דערציילט און וואָס זי האָט געהערט אַנדערע מענטשן אין וואַלד דערציילן.

די מאַמע האָט דערציילט, אַז אין איינע פּאָר טעג איז דאָס פּלוצלונג געשען. עס איז, דאַכט זיך געווען זומער, אָבער אין שטעטל איז געווען פינצטער און חושכדיק. די מענטשן זיינען אומגעגאַנגען צעטומלטע, שטאַרק פאַרזאָרגט. פּלוצלונג איז עפּעס געשען. עפּעס האָט אויפגעריסן, הייזער האָבן גענומען ברענען, מען האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן שטעטל ווי משוגע, און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. איינער האָט ווי ניט דערקענט דעם צווייטן און אַלע זיינען געלאָפן צום וואַלד.

איר טאַטע און מאַמע האָבן זי געכאַפּט אויף די הענט און זיינען אויך געלאָפן צום וואַלד, נישט צייט געהאַט אַפילו צולויפן צו זיידע־באָבע און זאָגן זיי, זיי זאָלן אויך לויפן. נאָר סיי ווי מסתם וואָלטן יענע ניט געקאָנט לויפן: צו אַלט שוין געווען און קראַנק דערצו...

און אַזוי זיינען זיי געלאָפן, ביז זיי זיינען אין וואַלד געקומען. און דאָרטן האָבן זיי נאָך אויך מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן. זיינען זיי געלאָפן נאָך ווייטער, ביז זיי זיינען אין דער רעכטער געדיכטעניש געקומען. און דאָרטן ערשט זיינען זיי געבליבן שטיין...

און פון דעמאָלט אָן זיינען זיי שוין אַזוי געבליבן אין וואַלד.

ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט מיט זיי דאָרטן געוואָרן? מענטשן זיינען דאָך בלויז מענטשן און זיינען געוואוינט צו לעבן אין הייזער און שלאָפן אין בעטן — און דאָ גאָר אין וואַלד, אויף דער הוילער ערד! בלויז אַ ביסל מאָך אונטערגעבעט, אָדער בלעטער אַ ביסל, אָדער טרוקענע צווייגן. האָבן טאָקע אַ סך געמיינט, אַז מען וועט דאָ צעשטאַרבן. אָבער מען איז ניט געשטאָרבן, סיידן נאָר די, וואָס האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן און די וואָס זיינען געפאַלן שלאָגנדיק זיך מיט די נאַציס... דער גרעסטער טייל איז געבליבן לעבן. זי, שרהלע, אויך. איר מאַמע איז שפּעטער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, איר טאַטע איז אומגעקומען אין אַ שלאַכט מיט די נאַציס...

ווינטער איז געווען גאָר שווער. מען האָט אויסגעגראָבן אין דער ערד גריבער, פאַרדעקט זיי מיט מאָך, מיט צווייגן און מיט בלעטער, און אַזוי אַרום ווי עס איז דורכגעמאַכט די ווינטערדיקע חדשים. זומער איז שוין געווען גרינגער.

מען האָט נאָך אַלץ געלעבט ווי חיות, געמוזט זאָרגן זיך ווי צו קריגן שפּייז, און די געפאַר פון די נאַציס איז געוואָרן גרעסער — אָבער דאָך איז זומער געוואָרן גרינגער.

אַ גליק וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט אַרטשען — אַרטשע טאַבאַטשניק. די עלטערע מענטשן פלעגן אים אַלעמאָל רופן פאַרצויגן: אַרעלע. אָט דער אַרטשע איז געווען פאַר זיי אַזוי ווי פון הימל אַראָפּגע־

שיקט, ווי די עלטערע מענטשן פלעגן זיך אויסדריקן. ער איז געווען טאַקע פון דעם זעלבן שטעטל, וואָס זיי אַלע. אַלע האָבן אים פריער אויך געקענט, אַז ער נעמט זיך שטענדיק אָן פאַר די אַרבעטער און פאַר די אָרעמע. אָבער פריער האָט גאָר קיינער ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ העלד דער אָרטשע איז, וואָס פאַר אַ גאָלדענע האַרץ ער האָט. ערשט דאָ אין וואַלד האָט אים יעדערער דערקענט. ערשט דאָ האָט אים יעדערער אַזוי ליב באַקומען, אַז ווען די דייטשן זיינען שפּעטער באַזיגט געוואָרן און מ׳איז אַרויס פון וואַלד און מ׳איז פריי געווען צו גיין, וואוהין מען האָט נאָר געוואָלט, האָבן אַלע געזאָגט, אַז וואוהין אָרטשע וועט גיין, וועלן זיי אויך גיין און וואָס ער וועט הייסן טאָן, וועלן זיי טאָן, — פּונקט, ווי פריער אין וואַלד... אַלע האָבן אים אַרומגענומען און געקושט און געוויינט — איצטער האָט מען שוין געמעגט וויינען...

דאָס אַלץ איז געווען שפּעטער. אָבער פריער אין וואַלד איז אָרטשע געווען פאַר די מענטשן אַזוי פיל, אַז עס איז אַ פראַגע, וואָס עס וואָלט מיט זיי געוואָרן אָן אים.

און אָרטשע האָט גוט געקענט דעם וואַלד נאָך פון פריער. ערשטנס, האָט אָרטשעס זיידע אַמאָל געוואוינט לעבן וואַלד און יעדעס מאָל, ווען אָרטשע פלעגט קומען צו אים, פלעגט ער ליב האָבן אַוועק אין וואַלד און שפּילן זיך דאָרט. אַמאָל פלעגט ער קומען אַהער קלייבן יאַגדעס און שוועמלעך און אַמאָל כאַפּן וועווערקעס. צווייטנס, איז שוין אָרטשען ניט איינמאָל פריער אויסגעקומען צוזאַמען מיט נאָך בחורים און מיידלעך אויסצובאַהאַלטן זיך אין וואַלד. דעמאָלט איז דאָס געווען פאַר די פּוילישע פאַשיסטן און פּאָליציי. אָרטשע האָט געקענט דעם וואַלד ווי זיך אַליין, און געפילט זיך דאָרטן היימיש ווי ביי זיך אין שטעטל. ער האָט געקענט מיט פאַרבונדענע אויגן טרעפן, וואוהין מען זאָל אים נאָר ניט הייסן גיין. ער האָט געהאַט זיינע סימנים ווי זיך צו באַהאַלטן און ווי אָפּצונאַרן דעם שונא... און אָט די געניטקייט זיינע איז זייער שטאַרק צונוץ געקומען סיי ביים אויסבאַהאַלטן זיך פון שונא, סיי ביים קריגן עסן, סיי ביים קריגן הילף פון די אַרומיקע דערפער און סיי ביים באַפאַלן דעם שונא און פאַרכאַפּן זיין שפּייז און געווער.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אָרטשע איז באַלד געוואָרן דער פירער פון די אַנטלאָפענע יידן פון שטעטל און דער פירער פון די אַלע וואָס זיינען געגאַנגען שלאָגן זיך קעגן די נאַציס. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו אים און גענומען זיינע אָנווייזונגען און עצות.

ביסלעכווייז האָט מען ערשט דאָ דערפילט, וואָס פאַר אַ מענטש אָרטשע איז. צו יעדערן איז ער עפּעס געווען: צו די קינדער איז ער געווען

אַ טאַטע, צו זיינס גלייכן — אַ ברודער און צו די עלטערע מענטשן — אַ זון.

מיט יעדן איינעם האָט ער געוואוסט ווי צו ריידן, יעדן איינעם האָט ער געוואוסט, ווי צו טרייסטן און מאַכן פילן בעסער. קיינמאָל האָט ער זיך ביט אויפגערעגט און קיינמאָל ניט געוואָרן אין כעס אויף קיינעם. פלעגט ער זען צווייען קריגן זיך, פלעגט ער צוגיין, אויסגלייכן און באַלד פלעגט שוין ווערן שלום צווישן זיי.

אָבער מער ווי אַלץ פלעגט זיך אַרטשע זאָרגן פאַר די קינדער.

— זיי זיינען אונדזער האָפענונג, אונדזער צוקונפט, — פלעגט ער אַלע מאָל זאָגן צו די דערוואַקסענע און קיין זאַך איז פאַר אים ניט שווער געווען צו טאָן פאַר זיי.

פון וואַנען, מיינט איר, קען שרהלע שרייבן און לייענען? אַרטשע האָט זי אויסגעלערנט... ווי אַזוי? דאָס איז שוין געווען אַרטשעס זאָרג...

ניט נאָר זי אַליין האָט אַרטשע געלערנט לייענען און שרייבן — אַלע קינדער אין וואַלד... אַ גאַנצע שול דאָרטן געהאַט...

— וואָס הייסט, מיר וועלן לאָזן קינדער וואַקסן ווילד אָן אַ שול? — פלעגט ער זאָגן: דעם שונא אויף צעפּיקעניש וועלן מיר ווייזן, אַז ניט נאָר וועלן מיר אויסהאָדעווען אונדזערע קינדער, נאָר אויך אויסהאָדעווען פון זיי מענטשן...

אַז די מענטשן אין וואַלד האָבן אים געפרעגט, ווי אַזוי ער וועט קריגן די נויטיקע שול־געצייג, האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— איר וועט שוין זען... און ווי האָבן געטאָן די אַמאָליקע מענטשן? האָבן זיי דען יע געהאַט די אַלע זאַכן? און אַז זיי האָבן ניט געהאַט, האָבן זיי דען ניט געלייענט, ניט געשריבן?...

אַרטשע איז ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן: אַנשטאַט פּאַפּיר האָט ער גע־נוצט די פייכטע ערד און אַנשטאַט אַ פען — טרוקענע צווייגלעך... און עס איז אַרויסגעקומען גוט: די קינדער האָבן זיך געלערנט...

און ביי די קינדער אַליין איז דאָס אַ גאַנצע שפּיל געוואָרן. אין קיין שום שול וואָלטן זיך די קינדער ניט געלערנט מיט אַזאַ חשק, ווי ביי אַרטשען. סיי זיין לערנען האָבן זיי ליב געהאַט, סיי זיינע איינפאַלן. און איינפאַלן האָט ער געהאַט אַ וועלט! ער האָט געשריבן אויף ערד, אויף זאַמד, אויף ליים, אויף שניי, און די ריטלעך פון די צווייגן האָבן ביי אים געדינט אי פאַר בלייפעדערס, אי פאַר אותיות... אַמאָל האָט ער מיט זיי געשריבן און אַמאָל אויסגעבויגן, אָדער אויסגעלייגט פון זיי אותיות און ציפער...

און וואָס עפּעס נאָר זאַמד און צווייגלעך? און וואו זיינען געווען

שטיינדלעך? מיט שטיינדלעך פלעגט ער אויך מאַכן די זעלבע קונצן און אויסלייגן פון זיי גאַנצע ווערטער, זאַצן און מעשהלעך...

אַי האָבן די קינדער ליב געהאַט אַרבעטן אַרום די דאָזיקע שטיינדלעך! צוערשט קלייבן זיי און דערנאָך אויסשטעלן זיי אין אותיות און פיגורן. עס האָט, פאַרשטייט זיך, גענומען אַ סך צייט, אָבער אַרטשע האָט גע־האַלט געדולד פאַר אַלץ און די קינדער האָבן עס ליב געהאַט.

זיינען טאַקע די קינדער געוואָרן פאַרקאַכט אין אַרטשען און ליב גע־האַט אים אפשר נאָך מער, ווי די אייגענע עלטערן...

און זי, שרהלע, האָט אים אַוודאי ליב געהאַט! וואָרעם נאָך איר מוטערס טויט איז ער פאַר איר געוואָרן אי אַ טאַטע, אי אַ מאַמע... נאָך בעסער ווי צו אַנדערע קינדער איז ער צו איר געווען, פלעגט זי שטענדיק נעמען צו זיך, גלעטן זי און קושן, — טאַקע אַזוי ווי אַן אמתער טאַטע און מאַמע...

אַרטשע פלעגט נישט נאָר לייענען און שרייבן מיט די קינדער. ער פלעגט אויך זינגען מיט זיי... די רויט־אַרמייאישע לידער פלעגט ער זינ־גען. הויך זינגען האָט מען אָבער ניט געקענט, פלעגט מען מוזן זינגען שטיל, אין זיך, קוים באַוועגן מיט די ליפּן — און אַרטשע פלעגט קוקן יעדערן אויף די ליפּן און זען, צי ער זינגט ריכטיק...

אַרטשע האָט דערציילט די קינדער, אַז זיין פאָטער איז פרי געשטאָרבן און זיין מוטער האָט געדאַרפט אַרבעטן צו פאַרדינען פאַר זיך און די קינדער. ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר האָט ער שוין געמוזט אָנהויבן אַרבעטן און אין קיין שול דעריבער ניט געקענט לערנען. דאָס ביסל, וואָס ער קען, האָט ער זיך שפּעטער אַליין אויסגעלערנט...

אַרטשע ווערט אומעטיק, ווען ער דערציילט דאָס. באַלד אָבער ווערט ער צוריק פריילעכער. אַרטשע קען קיינמאָל לאַנג ניט זיין אומעטיק, אין דער שווערסטער צייט אַפילו. אַ סך מאָל דאַכט זיך אויס, אַז עס איז שוין גאָר שלעכט: דער ווינטער איז שווער, די פרעסט — שרעקלעכע, קיין עסן איז ניטאָ, און אַרויסגיין פון וואַלד קען מען אויך ניט — און די מלחמה זאָל זיך באַלד ענדיקן, זעט זיך אויך ניט אויס... אַלעמען ווערט שווער אויפן האַרצן און עס דאַכט זיך אויס, אַז מען וועט שוין פון וואַלד קיינמאָל ניט אַרויסגיין, אַז מען וועט שוין אָט אַזוי בלייבן דאָ פאַר־שאָטן אונטערן שניי... אָבער אַרטשע פאַרלירט זיך ניט. ער נעמט טרייסטן די מענטשן, אַז די מלחמה וועט אייביק ניט געדויערן, אַז די נאַציס וועלן פאַרניכטעט ווערן און דאַן... און אַרטשע נעמט מאָלן, ווי גוט עס וועט דעמאָלט זיין, וואָס פאַר אַ גליקלעך לעבן עס וועט זיך דאַן אָנפאַנגען... אַרטשע רעדט און דערציילט, ווי אַ מעשהלע. סיי די קינדער און סיי די גרויסע הערן זיך צו צו דער מעשהלע און גלויבן, אַז עס איז אַלץ אמת.

אַז אַרטשע דערציילט, מוז עס זיין אמת... עס ווערט אַ ביסל פריילע־כער און מען וויל שוין וואָס גיכער אַריבערקומען די שווערע צייט און דערלעבן זען יענע גליקלעכע טעג...

און דער סוף איז טאַקע געווען, ווי אַרטשע האָט געזאָגט: מען איז טאַקע אַריבערגעקומען די שווערע צייט!

ווידער איז געקומען זומער, אַט אַזוי ווי יענער, ווען וועלכן די מאַמע אירע האָט דערציילט, ווען זיי זיינען געלאָפן אין וואַלד. נאָר דעם מאָל איז עס געווען אַ פריילעכער, אַ ליכטיקער און ניט ווי יענער: אַ פינצ־טערער, אַ טרויעריקער. אַלץ אָפטער און אָפטער פלעגט צוקומען צום וואַלד אַ ווייטער דונער פון קאַנאָנען.

אַרטשע פלעגט צולייגן זיין אויער צו דער ערד, זיך שטיל איינהערן — אַלע אַרום אים אין דערוואַרטונג — און באַלד פלעגט ער אויפשפרינגען אַ פריילעכער, אַ גליקלעכער:

— ברידער, דאָס זיינען קאַנאָנען פון דער רויטער אַרמיי! זיי דער־נענטערן זיך, זיי קומען אונדז באַפרייען...

עס ווערט אַ פרייד אַרום און אַרום. מען שטייט אין דערוואַרטונג, אין גרייטקייט, ווי איינער, וואָס האַלט זיך ביים אַרויסציען פון אַ דירה און עס גייט אים ניט אָן די לעצטע טעג, ווי עס קוקט אויס אין הויז.

און איינמאָל איז דאָס שיסן צוגעקומען אַזוי נאָענט, אַז מען האָט מער דאָס אויער צו דער ערד ניט געדאַרפט צולייגן, און ניט נאָר אַרטשע, נאָר אַלע האָבן עס גוט געקענט הערן און דערקענען. און נאָכן שיסן האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג.

דער עולם האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן: צי כאַפּן זיך צו די פּעקלעך און נעמען זיי מיט זיך, אָדער איבערלאָזן זיי אין וואַלד. אָבער אַרטשע האָט געגעבן דעם באַפעל:

— לאָזט איבער אייערע פּעקלעך דאָ, מיר גייען צו אַ נייעם טאָג. קומט, לאָמיר גיין!...

און איצטער, ווי די גאַנצע פיר יאָר אין וואַלד, האָבן אַלע נאָכגע־פאָלגט אַרטשען און געטאָן, וואָס ער האָט געזאָגט, ער איז געגאַנגען פאַר־אויס און זי, שרה׳לען, געפירט פאַר אַ האַנט לעבן זיך — אויך פאַרויס...

באַלד זיינען זיי אַרויס פון וואַלד, און ביים וועג דערזען די מאַרשירנ־דיקע רויטע אַרמייער. די יידן האָבן זיך געוואָרפן קושן די רויט־אַרמייער, די באַפרייער זייערע, און יענע האָבן זיי אַרומגענומען. אויף אַ ווילע האָבן די רויט־אַרמייער פאַרהאַלטן זייער מאַרש. און ווען דער קאָמאַנדיר האָט זיך דערוואוסט פון די יידן אין וואַלד, וואָס אַרטשע האָט אויפגעטאָן פאַר זיי אין די פיר יאָר, האָט ער אַרויסגענומען אַ מעדאַל, אויף וועלכן עס

האָט זיך געלייענט: „פאַר העלדישקייט, בראַווקייט און אויסדויער" און געוואָלט עס אָנטאָן אַרטשען. אָבער אַרטשע האָט זיך אָפּגעזאָגט, טענהנ־דיק:

— וואָס פאַר אַ מעדאַל קומט מיר? וואָס פאַר אַן אָנערקענונג? איך האָב דען געקאָנט טאָן אַנדערש?

און איצטער האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך: אַלע מאָל פלעגן די יידן אין וואַלד זיין פאַרטרויערט, און אַרטשע איז שטענדיק געווען דער, וואָס פלעגט זיי טרייסטן און ניט לאָזן וויינען. איצטער איז געווען פונקט פאַרקערט: ביי אַרטשען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און אַלע יידן אַרום האָבן זיך געפרייט.

און די קינדער האָבן זיך אויך געפרייט און געריצט זיך מיט אַרטשען און געשפּאַסט מיט אים:

— אַרטשע, מען טאָר ניט וויינען...

אָבער ער האָט דורך טרערן אָנגעהויבן שמייכלען און געזאָגט:

— ניין, קינדער, איצטער מעג מען שוין... מיר דאַרפן שוין ניט מער מורא האָבן אויפצוהויבן אונדזערע שטימען. און סיי־ווי זיינען עס טרערן פון פרייד...

די רויט־אַרמייער האָבן קיין צייט ניט געהאַט לאַנג צו שטיין דאָ מיט די יידן. זיי האָבן זיך געאיילט אין אַנדערע שטעטלעך, וואו זיי האָבן גע־דאַרפט באַפרייען נאָך אַנדערע מענטשן, באַהאַלטענע אין די וועלדער. זיי האָבן זיך דעריבער געזעגנט מיט אַרטשען און מיט די יידן און זיינען אַוועק ווייטער. און אַרטשע מיט זיינע יידן האָבן זיך אומגעקערט אין שטעטל.

אַ שרעקלעך בילד האָבן זיי געטראָפן אין שטעטל: דאָס גאַנצע שטעטל פאַרברענט, און דאָס ביסל מענטשן אין אים, וואָס זיינען ניט אַנטלאָפן אין וואַלד, אויסגעהרגעט... צווישן זיי אויך שרהלעס זיידע און באָבע...

שרהלע איז איצטער געבליבן אַליין. זי האָט זיך געקלאַמערט אין אַרטשען, ווי אין דעם איינציקן מענטשן, וואָס איז איר געבליבן. אַר־טשע האָט זי צוגעטוליעט צו זיך, אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט:

— שרהלע, מיר זיינען געקומען צוריק אַהיים. דו זעסט, וואָס מיר האָבן געפונען... מיר אַלע דערוואַקסענע — און אויך איך — וועלן האָבן אַ סך אַרבעט צו טאָן. מיר וועלן דאַרפן אויפבויען אַלץ, וואָס דער שונא האָט צעשטערט, און בויען דאָס נייע לעבן, וועגן וועלכן מיר האָבן אַלע מאָל געטרעדט אין וואַלד. עס וועט דאַרפן נעמען אַ ביסל צייט. איך וועל ניט האָבן קיין צופיל צייט זיך אָפּצוגעבן מיט דיר. דו ביסט נאָך אַ קינד. דו דאַרפסט האָבן וואַרעמקייט און ליבע פון אַ פאָטער און

מוטער, וועלכע דו האָסט ניט. דו האָסט אָבער אין דעם ווייטן לאַנד אַמעריקע אַ פעטער, דיין מוטערס אַ ברודער און זיין ווייב. דיין מוטער פלעגט מיר אַלע מאָל דערציילן, אַז זיי זיינען דייער גוטע מענטשן. וועלן זיי דיך געוויס צונעמען און האַלטן, ווי אַן אייגן קינד. פאַר צו זיי, שרהלע, און געניס פון דייער פריינטשאַפט. לערן זיך דאָרט גוט און וואַקס אויס אַ גוטער מענטש. נאָר איין זאַך, שרהלע, בעט איך דיך: זאָלסט קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן אין די, וואָס האָבן מיט דיר פיר יאָר געלעבט אין וואַלד — און אויך אין דעם נייעם לעבן, וואָס מיר האָבן וועגן אים אין וואַלד אַזוי פיל גערעדט און וואָס מיר נעמען זיך איצט מיט אונדזערע הענט אויפבויען...

שרהלע האָט אים אַרומגענומען, זיך שטיף איינגעדריקט אין אים, ווי זי וואָלט ניט וועלן פון אים זיך אָפרייסן, און באַהאַלטן איר פנים אין זיינעם. זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל זען זי וויינען, אָבער סיי־ווי האָט ער געפילט אירע טרערן אויף זיינע באַקן...

איינגיכן איז זי אַוועקגעפאָרן.

איצטער איז שרהלע ביי איר פעטער און מומען. זיי זיינען טאַקע אַזעלכע גוטע מענטשן, ווי אַרטשע האָט איר געזאָגט וועגן זיי, און האַלטן זי ווי אַן אייגן קינד. זיי זעען, אַז קיין זאַך זאָל איר ניט פעלן און אַז זי זאָל זיך פילן צופרידן און היימיש. אָבער שרהלען קומט אַלץ אויס מאָד־נע דאָ. זי איז ניט געוואוינט צו אַזאַ ווייכער און וואַרעמער בעט, צו אַזעל־כע גוטע עסנס און צו דער לערערין אין סקול. עפעס אַזאַ ווייטע און פרעמדע איז זי — ווי קומט זי צו אַרטשען? און כאָטש זי האָט דאָ גע־נוג פאַפיר און ביכלעך און בלייפעדערס, בענקט זי נאָכן זאַמד און נאָך די צוויגעלעך פונעם וואַלד און דעם אופן, ווי אַרטשע האָט זי געלערנט... דער פעטער און די מומע זעען, אַז זי בענקט און מיינען, אַז זי בענקט נאָכן וואַלד. זי בענקט אָבער גאָרניט נאָכן וואַלד, נאָר — נאָך אַרטשען און נאָכן נייעם לעבן, וואָס זיי בויען דאָרט...

אָ, ווי זי וואָלט שוין געוואָלט אויסוואַקסן און זען דאָס צוגעזאָגטע נייע לעבן מיט די אייגענע אויגן...

פליכטלינגען

אַלע זיינען שטאַרק נייגעריק געווען צו גיין צו דער אויפנאַמע, וואָס בערנאַרד סיטקין האָט געמאַכט לכבוד זיין חתונה. סיטקינס חתונה האָט צווישן באַקאַנטע אַרויסגערופן אַ גרויסן טומל. פון אַזאַ שידוך האָט נאָך קיינמאָל קיינער ניט געהערט. אַז אַ פּשוטער בחור, אַ ליקער־קרעמער — זאָל זיין אַפילו אַ רייכער קרעמער — זאָל חתונה האָבן מיט אַ „פּראָפעסאָר־שע״! ווי קומט ער צו איר? וואָס פאַר אַן אינטערעס קען זי האָבן אין אים? אמת, די „פּראָפעסאָרשע״ איז אַ פּליכטלינג, שוין ניט קיין יונגע מיידע־לע, האָט צווי טעכטער פון אַכצן און זעכצן יאָר. הערצו האָט זי זיך גע־נוג אָנגעליטן ביז זי איז געקומען אַהער. אָבער ווי קומט פּאָרט אַ קרע־מער צו אַ „פּראָפעסאָרשע״, און ווי אַזוי שטימט אַ „פּראָפעסאָרשע״ איין חתונה צו האָבן מיט אַ קרעמער? מען האָט געפּרואווט שפּעקולירן, אַז אפשר איז זי אַ מיאוסקייט, אַ פאַרזעעניש, אַ קרומע, אַ לאָמע — כאָטש דאָס וואָלט נאָך אויך ניט אינגאַנצן פאַרענטפערט די פראַגע — אָבער מענטשן האָבן דערציילט, אַז כאָטש זי איז נישט קיין גרויסע פאַרשוין, איז זי אָבער אויך ניט קיין מיאוסקייט; אַז זי גייט אויףביידע פיס און אַז זי זעט אויס צו זיין אַ קלוגע און ענערגישע פרוי.

מען האָט גענומען ספּעקולירן — זאָל זיין ליבע? מעגלעך. בפרט נאָך, אַז זי איז אַ פרוי, קוקט אויס אין די פערציקער, און ער, כאָטש שוין אויך ניט קיין יונג בעקעלע, איז פּאָרט נאָך אַ בחור... — זאָל זיין אויסרעכענונג? אויך דאָס איז מעגלעך. אויסגעוואָלגערט זיך אַלע לאַגערן, אויסגעמוטשעט זיך אינעם היטלער־גיהנום, וואָלט דעריבער קיין וואונדער ניט געווען, וואָס זי האָט אָנגעכאַפּט זיך אָן דער ערשטער געלעגנהייט איינ־צואָרדענען זיך און אָנהויבן פירן אַ רואיקערן, זיכערן לעבן.

מען האָט אויך גענומען אין אַכט די צווי טעכטער אירע, וואָס נויטיקן זיך אין אַ היים, אין אַ פּאַטערלעכער אויפפּאַסונג, און בערנאַרד, האָבן אַלע איינגעשטימט איז פאַר דעם ווי צוגעפּאַסט געווען.

וועגן אים האָט כמעט קיינער ניט ספּעקולירט. — וואָס? ער האָט זיך נאָך געדאַרפט בריקלען — נעמען אַ „פּראָפעסאָרשע״ פאַר אַ ווייב? וואו האָט זיך דאָס אים געקענט חלומען?... פאַר אַלעמען איז קלאָר גע־ווען, אַז אויב ער האָט זי אָנגעטראָפן, איז פאַר אים זיכער שווער געווען ביישטיין דעם נסיון, צוריקצואווייזן די געלעגנהייט. קיינער ווייס ניט, ווי אַזוי ער אַליין וואָלט געהאַנדלט...

מען האָט אָנגעהויבן וויצלען זיך, ווי אַזוי וועט דאָס איצטער זיין? וועט זי אויפגעבן איר פריערדיקע שטעלונג פון אַ געהילף פון אַ פּראָפּע־סאָר אין קאָלעדזש — ווי מען האָט דערציילט וועגן איר, אַז זי איז געווען אַמאָל אין פּוילן — און ווערן אַ פּשוטע הויז־פרוי און גיין אַרויסהעלפן אים אין געשעפט, אָדער, פאַרקערט, ער וועט אויפגעבן דעם געשעפט, נעמען זיך צו בילדונג און מיט דער צייט אַליין ווערן אַ גאַנצער „פּראָפעסאָר״?...

און דעריבער האָבן זיך אַלע אַזוי אָנגעכאַפּט אָן דער איינלאַדונג, גיין זען זאַכן מיט די אייגענע אויגן.

אין שטוב האָט אָנגעשלאָגן אַ ליבע וואַרעמקייט. אין דער טיר האָט באַגעגנט אַן ערנסטע דאַמע מיט אַ פריינטלעכן שמייכל. די פרוי איז ניט געווען קיין זייער יונגע, האָט ניט געטראָגן אויף זיך קיין קענטלעכע סימנים פון אַ „פּראָפעסאָרשע״, דערפאַר אָבער האָבן די שטריכן פון איר פּנים עדות געזאָגט אויף אַ קלוגן און דערפאַרענעם מענטשן, און די יעניקע, וואָס זיינען געקומען אין אַן עטוואָס ציניש ער שטימונג, האָבן באַלד דער־פילט, אַז זיי מוזן זייער שטימונג בייטן.

בערנאַרד האָט פאַרגעשטעלט זיין פרוי. די געסט האָבן זיך אַ ביסל פאַרלאָרן, ניט געוואוסט אַ סעקונדע, ווי צו האַלטן זיך, ווי אָנצורופן זי: צי מיסעס סיטקין, צי פּיליכט מיט אַ טיטול אַ וועלכן... אָבער די באַ־לעבאָסטע האָט גלייך דערפילט די פאַרלאָרנקייט און אַלעמען אַרויסגעפירט פון דער פאַרלעגנהייט.

— רופט מיך פאַניע, פּראָסט־פּשוט פאַניע... — האָט זי אין אַן איינפאַכן יידיש זיך פאַרגעשטעלט און גלייך אַלעמען געמאַכט זיך פילן היימיש און לייכט.

איר אָפענער פּנים מיטן פריינטלעכן שמייכל און די איינפאַכקייט ביים פאַרשטעלן זיך האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ סימפּאַטישן איינדרוק. אַזוי אויך דאָס הויז: ניט קיין צו גרויסע דירה, דערפאַר אָבער ציכטיק אויפגערוימט, און דאָס נייע מעבל און די בילדער אויף די ווענט — מיט געשמאַק.

עס איז אויסגעקומען אויסצוטאָן זיך און אָוועקלייגן די זאַכן אין אַ באַזונדער צימערל, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען איר קאַבינעט. די ווענט פונעם צימערל זיינען אונטן פאַרשטעלט געווען מיט שאַפעס, אָנגעפּיל־טע מיט ביכער. איבער זיי זיינען געהאַנגען בילדער פון גרויסע מענטשן. די געסט האָבן ניט געוואוסט, ווער זיי זיינען, אָבער פון די קענטיקע פּער־זענלעכקייטן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוזן זיין גרויסע שרייבער, מוזיקער, אָדער אַזוי „פּראָפעסאָרן״.

אייניקע האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון קנאה און שטיל זיך אָנגערופן:

— נו, וואָס זאָגסטו צו בערנאַרדן? וואָלסטו דאָס זיך פאָרגעשטעלט?...

דער טיש אין גאַסט־צימער איז שוין געווען אויסגעשטעלט מיט אַלער־ליי שנאַפּסן און ווײַנען, קענדי און פּרוכטן און אַנדערע לײַכטע צובײַסן. די באַלעבאָסטע איז דאָ געווען די הויפּט־סאַרווערין. מיט אַ טעצל אין האַנט און מיט אַ פרײַנטלעכן שמייכל אויף די ליפּן, איז זי אומגעגאַנגען פון גאַסט צו גאַסט.

דאָס איז בלויז געווען דער אָנהייב. באַלד זײַנען צוגעקומען אויף די טישן גרויסע וואַזעס און שיסלען מיט אַלערליי געריכערטע פליישן און אויפשניטן, סאַרדינען און הערינגלעך; גרויסע טעלער מיט סאַלאַטן און צוגעפּראַוועטע גרינסן.

בערנאַרד האָט געשײַנט, ווי אַ יונגער ייִנגעלע. פון זײַן גאַנצן פּנים און אויגן האָט אַרויסגעקוקט צופרידנקייט און גליק. ער האָט אַרומגע־שמייעט צווישן די געסט און יעדן איינעם צוגעוואָרפן עפּעס אַ באַמערקונג. פאַראייניוועגס האָט ער אָפּט געוואָרפן אַ פאַרליבטן בליק צו דער ווײַב און פון צײַט צו צײַט אַפילו צוגעלאָפן צו איר און צאַרט אַ גלעט געטאָן זי און אַרומגענומען.

די געסט האָבן זיך צוגעקוקט און ניט געוואוסט פון וואָס זיך פריער צו וואונדערן. בערנאַרד האָט, ווײַזט אויס, אויפגעכאַפּט די פאַרוואונדע־רונג פון די געסט און כדי זיי נאָך מער צו איבערראַשן, האָט ער מיט ניט קיין געמאַכטן שטאָלץ, אָנווײַזנדיק אויף די פליישן און סאַלאַדן, גע־בעקס און אַלערליי זיסע שטיקלעך, אָנגערופן זיך:

— איר מיינט אַוודאי, אַז דאָס איז געקויפטע — מײַן ווײַב אַליין האָט דאָס אַלץ געבאַקט און געמאַכט...

דער עולם האָט דאָס מאָל אינגאַנצן אויפריכטיק שטאַרק אַפּלאָדירט און הויך אויסגעדריקט זייער באַגײַסטערונג.

מען האָט שוין אָנגעהויבן קומען צום שלום, אַז דאָס איז עפּעס אַ נס, אַז בערנאַרדן איז באַשערט געווען אַ גרויסער גליק. באַלד אָבער האָט זיך דערהערט אַ גלעקל: נאָך געסט, ווײַזט אויס, זײַנען געקומען.

אין טיר האָבן אַרײַנגעשטראָמט אַ גאַנצע גרופּע מיטליאַריקע פרויען. דאָס זײַנען געווען געסט פון דער באַלעבאָסטעס צד, אירע פרײַנדינס.

זי האָט זיי איינציקווײַז גענומען פאָרשטעלן פאַרן עולם.

— דאָקטאָר ווילענקינאַ, דאָקטאָר קאָוועלסקאַיאַ, דאָקטאָר דינקינאַ...

דער עולם איז אויף אַ מינוט צעטומלט געוואָרן. מען האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן פאַר דערזען זיך מיטאַמאָל אין אַזאַ געהויבענער געזעלשאַפט,

אין וועלכער מען דאַרף וויסן ווי צו ריידן און ווי צו האַלטן זיך. עס איז דורכגעפלויגן אַ שטילער געפיל פון קנאה צו בערנאַרדן. עס האָט שיר ניט פאַרדראָסן, וואָס מען איז גאָר אײַנגאַנצן היינט געקומען אַהער. די קאָמבינאַציע פון זיי מיט די אַנדערע געסט האָט זיי אויסגעזען, ווי פון בערנאַרדן מיט דער ווײַב...

באַלד אָבער האָט זיך דער עולם אַ ביסל באַרואיקט און גענומען זיך צוקוקן צו די נײַע געסט. פּרויען, ווי אַלע פרויען. קיין באַזונדערס איז אויף זיי ניט געלעגן, און ווען די באַלעבאָסטע שטעלט זיי ניט פאָר מיט זייערע דאָקטאָר־טיטולן, וואָלט קיינעם גאָרניט אײַנגעפאַלן, אַז די פרויען צייכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדערער חשיבות. פאַרקערט, אַ פּאָר פון זיי, שטאַרק דיקלעכע, האָבן גאָרניט האַרמאָנירט מיט דעם, וואָס דאָקטוירים פאַרשרייבן געוויינלעך די פּאַציענטן זייערע, און זאָגן אַן:

— נאָר ניט צופיל עסן. נאָר ניט אַרויפציען אויף זיך קיין וואָג...

די דאָקטאָרינס האָבן זיך אַ ווײַלע געהאַלטן אָפּגעזונדערט, גערעדט צווישן זיך בלויז רוסיש, אָדער פּויליש, און פון צײַט צו צײַט אויך איבער־געגאַנגען אויף דײַטש. באַלד אָבער האָט זיך אַרײַנגעמישט די באַלע־באָסטע:

— וואָס זיצן עפּעס די געסט פאַנאַנדערגעטיילט? זײַט ניט שעמעוו־דיק, באַקענט זיך נעענטער...

און פאַרן מאַנס פריינט האָט זי דערקלערט:

— מײַנע פרײַנדינס זײַנען ניט לאַנג דאָ אין לאַנד, פליכטלינגען... זיי קענען נאָך ניט גוט די שפּראַך פון לאַנד, זײַנען זיי אַזוי צוריקגע־האַלטן...

— אָ, מיר געדענקען נאָך אויך אַ ביסל רוסיש אָדער פּויליש — האָבן בערנאַרדס פרײַנט געפּרוּווט אַרויסהעלפן דער באַלעבאָסטע.

באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז — בעסער אָדער ערגער — אַלע ריידן זיי ייִדיש, כאָטש אַמאָל געמישט מיט דײַטש.

ביידע צדדים זײַנען געוואָרן היימישער און שנעל זיך גענומען פאַ־נאַנדערקלײַבן, ווער איז ווער.

איינע אַ דאָקטאָרין, שוין ווײַט אין די פערציקער, האָט זיך צוגערוקט צו מעקסן, אַ היימישער סטאַליער־יונג, וועלכער האָט זיך גוט אַרויפגעאַר־בעט, אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן מעבל־געשעפט. ער איז אַן אַלטער בחור פון אַ יאָר פופציק, און וויפל לאַנדסלייט האָבן ניט געאַרבעט איבער אים און וויפל לאַנדס־מיידלעך האָבן אַליין ניט געפּרוּווט, איז ער געבליבן אײַנגעשפּאַרט: וויל ניט חתונה האָבן...

מען דערציילט וועגן אים, אַז ער מיידט אויס צו טרעפן זיך מיט

מיידלעך, ווייל ער האָט מורא, טאָמער וועלן זיי אים אַמאָל צוטרעפן אין אַ שוואַכן מאָמענט און איבעררעדן...

דעם מאָל אָבער, ווייזט אויס, איז ער ניט געווען איבערגעשראָקן. דער עולם האָט באַמערקט, ווי טיף ער איז אַריינגעטאָן אין שמועס און שוין אַנגעהויבן איבערזווינקען זיך אויף אים אויך...

אַ צווייטע דאָקטאָרין, אויך ניט קיין יונגע און קיין איבעריק שיינע, האָט זיך פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט אַן אַלמן, אַ צאָן־טעכניקער, מיט אַן אייגענער לאַבאָראַטאָריע...

אַלע זיינען געוואָרן נאָנט, היימיש. די מורא פאַר דעם „אַנדערן" צד איז ביסלעכווייז אויסגערונען. יענע זיינען געווען איצט פאַר זיי, ווי פליכט־לינגען פון דער פרעמד...

און ווען שפּעט אין דער נאַכט איז דער עולם צוריקגעגאַנגען אַהיים, איז מען נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פון דער מאָדנער צונויפ־קייטלעניש, פון די קאַפּריזן פון דער איצטיקער צייט און דעם איצטיקן יידישן לעבן אויף דער וועלט...

צערונען אַ חלום

הערי עפּשטיין איז געקומען אין אָונט אַהיים פונעם לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינג אַ צערודערטער און אַ צעבראָכענער. עס איז ניט געווען קיין גע־ווינלעכער צוויי־וואָכעדיקער מיטינג, וועלכן ער האָט ניט גאָר אַלעמאָל באַזוכט, נאָר אַ ספּעציעלער מיטינג, גערופן דעם מאָל אָנשטאָט שבת אָונט אויף זונטאָג נאָכמיטאָג. עס איז ניט געווען קיין פייערלעכער מיטינג, ווייל די אומשטענדן צוליב וועלכע דער מיטינג איז גערופן געוואָרן, האָבן ביי קיינעם קיין פייערלעכקייט ניט געקענט אַרויסרופן. נאָר דאָך האָבן אַלע מיטגלידער, און אויך ער, אַרויסגעקוקט אויפן מיטינג מיט גרויס דער־וואַרטונג און געוואַרט אויפן זונטאָג נאָכמיטאָג מיט גרויס אומגעדולד. עס איז טאַקע אויך געקומען דער גרעסטער עולם, וואָס די לאַנדסמאַנשאַפט האָט ווען געהאַט צו אירן אַ מיטינג אָדער אונטערנעמונג. עס זיינען גע־קומען כמעט אַלע, מיט פרויען און קינדער, און אַנדערע אויך מיט פריינט, וואָס האָבן צו דער לאַנדסמאַנשאַפט ניט געהערט.

עס איז געווען אַ מיטינג מיט אַ באַוואוסטן אַמעריקאַנער שרייבער, אַ ייד, וועלכער איז פון זיין צייטונג געשיקט געוואָרן אַלס קאָרעספּאָנדענט אין די חרובע געגענטן פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד צו זען דעם חורבן מיט זיינע אייגענע אויגן און באַשרייבן עס פאַר זיין צייטונג. און כאָטש דער שרייבער איז געווען אַ געבאָרענער דאָ אין לאַנד און האָט דעריבער קיין לאַנדסמאַן ניט געקענט זיין, האָבן אָבער זיינע עלטערן, וועלכע האָבן נאָך געלעבט, געשטאַמט פון יענע ווייס־רוסישע מקומות און פלעגן אַזוי אָפט ריידן פון דער אַלטער היים, אַז ער אַליין האָט געקוקט אויף זיך ווי אַ נאָענטער מחותן צו יענער געגנט, און האָט דעריבער אויף זיין רייזע זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אין יעדן שטעטל און פאַרצייכנט אַלע איינצלהייטן מיט אַ באַזונדערן אינטערעס.

דער עולם, וועלכער האָט זיך פריער געטומלט און ווייזט אויס דיס־קוטירט איבער די זעלבע פראַגן, איבער וועלכע דער שרייבער האָט גע־דאַרפט ריידן, איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן, ווען דער שרייבער האָט זיך באַוויזן אינעם גרויסן מיטינג־זאַל.

ער איז צוגעטראָטן צו זיין באַריכט אָן לאַנגע הקדמות און מיט אַן ערנסט, וועלכן עס האָבן, ווייזט אויס, אַרויפגעלייגט אויף אים, סיי די גע־שעענישן פון די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר און סיי דאָס, וואָס ער האָט געזען אויף זיין היפּשער רייזע אין די חרוב־געוואָרענע געגנטן. ער האָט

צוערשט גערעדט אין אַלגעמיין איבער דעם גרויסן חורבן, וואָס איז באַ־
פאַלן יענע מעריבדיקע געגנטן, און ספּעציעל די יידישע שטעט און שטעט־
לעך, געמאָלן בילדער פון אומקום און פאַרניכטונג, פון שטעט וואָס זיינען
אָפּגעווישט געוואָרן, פון שטעטלעך וואָס זיינען אַוועק מיטן פייער און פון
געגנטן, וואו אויף צענדליקער מיילן אַרום הערשט אַ טויטע שטילקייט ווי
אויף אַ בית־עולם און מען קען אַפילו ניט הערן קיין צוויטשערן פון קיין
פייגל.

ער איז שפּעטער אַריבער צום שטעטל, וועמעס נאָמען די לאַנדסמאַנ־
שאַפט האָט געטראָגן, און פון וואַנען דער גרעסטער טייל אַנוועזנדע האָבן
געשטאַמט. עס איז געווען דאָס זעלבע בילד פון שוידער און פאַרניכטונג,
נאָר מיט מער איינצלהייטן. פון דעם שטעטל איז מער ווי דער נאָמען
און דאָס אָרט ניט פאַרבליבן. אינגאַנצן צוויי גאַנצע געביידעס זיינען אי־
בערגעבליבן: דאָס איז דער קאָשטשיאָל אויפן באַרג, וואָס לעבן מאַרק
אין מיטן שטאָט, און דער מאָנאַסטיר הינטערן שטאָט. וויטער איז אַלץ
אַוועק מיטן רויך: אַ טייל ביים איינגעמען דאָס שטעטל, פון אַנהייב קריג,
און דאָס איבעריקע ביים פאַרלאָזן, צום ענדע קריג. ער האָט אָנגערופן
נעמען פון גאַסן און פלעצער, וואָס זיינען אַלעמען געווען באַקאַנט, און מיט
וועלכע ביי זייער אַ סך זיינען געווען פאַרבונדן אָנגענעמע דערינערונגען
פון דער יוגנט, אָדער פון די קינדערישע יאָרן. פון די אַלע פלעצער, ווי
דער שטאָטישער גאָרטן, דער פּריצישער סאָד, וואוהין מען פלעגט אַלע
זומער גיין אויף מאַיאָוועקעס, די ברייטע גאַס, דער בולוואַר אינמיטן, די
קאַלטע שול, — פון דעם אַלעם איז קיין זכר מערניט געבליבן. וואו־ניט־
וואו שטייען פאַרקוילטע אָדער פאַרסמאַליעטע ביימער, ווי מענטשלעכע
סקעליעטן, וואָס דערמאָנען, אַז דאָ איז אַמאָל אַ סאָד געווען, אָדער פאַר־
ברענטע צעבראָכענע אויוונס, וואָס דערמאָנען, אַז דאָ זיינען אַמאָל הייזער
געשטאַנען. אַפילו קיין קעץ און קיין הינט קען מען אין ערגעץ ניט זען:
פאַר די צוויי טעג, וואָס ער האָט דאָרטן פאַרבראַכט, האָט ער קיין איינצי־
קע פון זיי ניט באַמערקט.

דער עולם איז געזעסן פאַרגאַפט מיט אָנגעשטעלטע מויל און אויערן
און זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט וואָס איז אַרויס פונעם רעדנערס ליפּן.
מען האָט געקוקט דעם רעדנער גלייך אין מויל אַריין, ווי מורא האָבנדיק
אַן איינציקן וואָרט צו פאַרלירן, אַן איינציקע שילדערונג צו פאַרהערן.
ביי אַלעמען איז געווען אויסגעגאָסן וויטאָג און צער אויפן פּנים און אין די
אויגן זיינען טרערן געשטאַנען. עלטערע פרויען האָבן טאַקע שטיל גע־
וויינט און געקרעכצט. אַפילו קינדער האָבן געפילט די אָנגעשטרענגטקייט
פון דער שטימונג און מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן.

ווען דער רעדנער איז אָבער איבערגעגאַנגען פון גאַסן און פּלעצער צו נעמען פון מענטשן און פאַמיליעס, האָט דער עולם פּלוצעם פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך און אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן געוויין. קיינער האָט אין זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן דעם פאַרשטיקטן וויטאָג און ווי קינדער זיך הויך צעכליפּעט אויפן קול. דער רעדנער האָט עטלעכע מאָל געמוזט איבעררייסן זיין ריידן, סיי צוליב דעם, וואָס דער אַלגעמיינער צער האָט אים אַליין אויך איבערגעוועלטיקט און סיי צוליב דעם, וואָס ער האָט געפילט, אַז דער געוויין שטייגט אַריבער זיין שטימע און קיינער קען אים סיי־ווי ניט הערן.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן אַזאַ טרויעריקע מיסיע, און ווי וועלנדיק דעם עולם אַרויסנעמען פון דער פאַר־צווייפלטער שטימונג, האָט ער פאַרענדיקט מיט דעם, אַז אַ טרייסט קען דאָך געפונען ווערן אין דעם, וואָס דער מערדער האָט ענדלעך זיין שטראָף באַקומען, און אַז די לאַנד־רעגירונג, ווי אַ געטרייע מאַמע, זוכט צו פאַר־היילן די וואונדן פון דער באַפעלקערונג. וועגן דער קליינער צאָל געראַ־טעוועטע און איבערגעבליבענע ווערט הייס געזאָרגט, און כאָטש די טויטע וועלן שוין צוריק לעבעדיק ניט ווערן, איז עס אָבער זיכער ווי דער טאָג, אַז די שטאָט וועט צוריק אויפגעבויט ווערן און איר נאָמען וועט פון דער מאַ־פּע ניט אַראָפּגענומען ווערן. זיי אַליין קאָנען אין דעם שטאַרק באַהילפיק זיין און דאַרפן טאָן אַלץ אין זייערע כוחות, אַז דאָס זאָל וואָס שנעלער דערגרייכט ווערן.

הערי עפּשטיין איז פּונקט ווי אַלע געזעסן אָנגעשטרענגט און זיך צו־געהערט צום רעדנערס ווערטער און שילדערונגען. אויף זיין פּנים איז געלעגן אויסגעגאָסן דער זעלבער צער, וואָס אויף אַלע אַנדערע פּנימער, נאָר קיין טרערן זיינען אין זיינע אויגן ניט געשטאַנען. כאָטש ער האָט פּונקט ווי אַלע געפילט דעם וויטאָג און דעם בראָך וואָס איז באַפאַלן די דאָרטיקע ייִדן, האָט ער אָבער אַליין קיין נאָענטע קרובים, ברידער אָדער שוועסטער, וואָס זאָלן האָבן אומגעקומען, אין דער אַלטער היים ניט געהאַט. בלויז ווייטע משפּחה וועלכע ער האָט שוין כמעט ניט געדענקט. אַחוץ דעם איז ער ניט געווען קיין מענטש פון וויינען. ווי ווייט ער געדענקט זיך האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געוויינט און אַפילו ייִנגלווייז, האָט אים ווער באַליידיקט, האָט ער קיינמאָל זיינע פאַרדראָסן ניט אויסגעדריקט דורך טרערן, נאָר שטענדיק זיי פאַרשטיקט טיף אין זיך.

אויך איצטער איז ער געזעסן אַן אָנגעשטרענגטער און אַ פאַרזיכ־דיקער מיט אַ פאַרשטיינערטן פּנים און טרוקענע טרויעריקע אויגן. אָבער דער וויטאָג איז דורך דעם ניט קלענער געווען, נאָר בלויז פאַרשטיקט געווען

טיף אין אים. מיט אַ שטילער ניט־אַנטשלאָסענער שטימע האָט ער, פּונקט ווי אַנדערע, געשטעלט דעם רעדנער אַ פּאָר פֿראַגן, ווען יענער האָט געענדיקט ריידן, און דער ענטפֿער, וואָס ער האָט באַקומען, איז געווען אַזוי ווייטאָגדיק און אַזוי שניידנדיק, אַז אַ צעטומלטער און אַפּהענטיקער, ווי איינער וואָס האָט אַ וויכטיקע זאַך פֿאַרלאָרן, איז ער, ניט וואַרטנדיק אויפֿן סוף פֿונעם מיטינג, אַוועק אַהיים.

אַהיים איז ער געקומען אַ מידער און אַ צעבראָכענער און אינגאַנצן אַ צערודערטער. זיין פֿרוי האָט עס גלייך דערקענט אין אים און עס האָט איר ווי געטאָן פֿאַר זיין שטימונג. עס האָט איר פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס עס האָט זיך פּונקט אַזוי געמאַכט אין דער לעצטער מינוט, אַז זי האָט ניט געקענט מיטגיין מיט אים, און זי האָט זיך געפֿילט ווי פֿאַרשולדיקט. זי האָט דעריבער געפּרוּווט מאַכן אַ פֿריילעכע מינע, מאַכנדיק זיך ווי זי וואָלט גאָרנישט באַמערקט אויף זיין פּנים, און געהאָפֿט אַז ביסלעכווייז וועט ער זיך צעשטרייען.

ער האָט געגעסן ווייניק און אָן חשק און כמורנע געשוויגן, ענטפֿערנדיק בלויז מיט אַ וואָרט אָדער צוויי אויף דער ווייבס פֿראַגן און באַמערקונגען. זי האָט אים געפּרוּווט צעשטרייען מיט אַ פּאָר מעשיות פֿון די קינדער און באַקאַנטע, וואָס האָבן פֿאַר דער צייט וואָס ער איז ניט געווען אין הויז אָפּגערופֿן, אָבער עפּשטיין האָט זעלטן־ווען אַ בלאַסן שמייכל געטאָן און אַרויסגעוויזן ווייניק אינטערעס פֿאַר אירע מעשיות. ענדלעך איז זי מיד געוואָרן צו שפּילן די פֿאַרשטעלטע ראָליע און זיך ערנסט אָנגערופֿן:

— נו, וואָס ביסטו אַזוי צעבראָכן? איז דאָס דען פֿאַר דיר געווען אַ נייס? האָסט דען פֿריער פֿון דעם ניט געוואוסט? ווייניק לייענט מען זיך אָן אין די צייטונגען און מען הערט זיך אָן אויף דער ראַדיאָ? האָט ער דען געקענט מאָלן דעם חורבן גרעסער ווי מען באַשרייבט עס טאָג־איין טאָג־אויס?

עפּשטיין האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך געשעמט זאָגן דער ווייב, אַז זיין צעבראָכנקייט שטאַמט ניט אַזוי פֿיל פֿונעם אַלגעמיינעם אומגליק, ווי פֿון אַ פּערזענלעכן באַהאַלטענעם אינטערעס. ער האָט איר ניט געקענט דערציילן און ניט געקענט ריידן מיט איר וועגן דעם. ווען די גאַנצע וועלט טרויערט אַזוי, ווען יעדנס פּערזענלעכער אומגליק הערט אויף צו זיין פּערזענלעך און באַקומט אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, ווייל דער אומגליק האָט אַלעמען געטראָפֿן כמעט גלייך און אויף איינעם און דעם זעלבן אופֿן, — אין אַזאַ צייט, ווען ער וואָלט איר אַפֿילו געקענט דערציילן פֿון דעם כאַראַקטער פֿון זיין טרויער, וואָלט ער זיך דאָס גאָר געשעמט צו טאָן. זי וואָלט זיכער ניט פֿאַרשטאַנען אים און וואָלט

זיכער זיך געפילט באַליידיקט און געטראָפן. אין בעסטן פאַל וואָלט ער זייער אַ סך פאַרלאָרן אין אירע אויגן און אינעם אָנגעזיכט פונעם אַלגעמיינעם גרויסן אומגליק, וואָלט ער אויסגעקוקט קינדיש, שיר־ניט נאַריש.

אָבער ווי קען ער מיט איר בכלל גאָר ריידן וועגן דעם, אַז דעם גאַנצן לעבן האָט ער עס אויסבאַהאַלטן פון איר און געטראָגן ווי אַ סוד אין זיין האַרצן? ווי וואָלט ער זיך געקענט פאַרענטפערן פאַר איר, פאַרוואָס ער האָט דעם סוד געטראָגן צענדליקער יאָרן און קיינמאָל ניט מיט קיין איין באַמערקונג, מיט קיין איין וואָרט אַפילו, ניט געלאָזט פאַלן די מינדסטע אָנדייטונג וועגן דעם?

און ווי וואָלט ער איר געקענט געבן צו פאַרשטיין, אַז זיין אומגליק איז, אויב נישט קיין גרעסערע, איז אַלעבפאַלס אַן אַנדערע, אַ טיפערע. אַז נישט איז ביי אים אַ ברודער אָדער אַ שוועסטער אומגעקומען, נאָר אַ פיל איינטימערע זאַך — אַ טרוים! אַ טרוים, וועלכער האָט אויסגעפילט זיין גאַנץ לעבן, וועלכער איז שיר ניט געווען די באַוועג־קראַפט פון זיין לעבן — און איז איצטער צערונען געוואָרן; אַן אומזעבאַרער דינער פאָדעם, צו וועלכן זיין גאַנץ לעבן איז שיר ניט געווען צוגעבונדן, האָט זיך פלוצלונג איבערגעריסן. ווי וואָלט ער איר דאָס געקענט געבן צו פאַרשטיין?

ער האָט זיך מיד אויסגעטאָן און געלייגט זיך, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט סיי־ווי ניט איינשלאָפן. פאַר אים זיינען דורכגעגאַנגען די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פון זיין לעבן און יונגע געשעענישן, וואָס האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפל אויף זיין נשמה און פאַרזיגלט זיין גאַנצע ווייטערדיקע צוקונפט.

עס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעפאַנגען. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן און האָט געלערנט אין אַ פּריוואַטער גימנאַזיע אין איינער פון די גרעסערע מעריב־רוסישע שטעט. ער האָט ערשט מיט אַ פאָר וואָכן צוריק, נאָך די זומער־קאַניקולעס, זיך אומגעקערט פון דער היים. נאָר פלוצלונג האָבן זיך אין שטאָט, צוליב די מפּלות פון דער רוסישער אַרמיי, אָנגעהויבן טראָגן באַאומרואיקנדיקע קלאַנגען. מען האָט גערעדט וועגן אַ פאָגראָם אויף יידן. די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן. זיי האָבן געפילט, אַז אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער שטימונג, צי אימעצער גרייט יאָ אַ פאָגראָם, צי ניט, קענען די קלאַנגען אַליין גורם זיין צו אַ פאָגראָם. די שטימונג איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ אָנגעשטרענגטער. די ציימונגען האָבן געגומען שרייבן וועגן דעם, ניט נאָר די שטאָטישע, נאָר אויך די אַלעמיינע — איבערן לאַנד. די מוטער זיינע האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם. זי האָט אים אָנגעהויבן שרייבן יעדן טאָג אַ בריוו, אויסדריקנדיק איר שרעק פאַר זיין לעבן. ער האָט זיך אין זיינע

ענטפערס באַמיט זי צו באַרואיקן, צו פאַרקלענערן די געפאַר. אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט די גימנאַזיע באַקומען אַ טעלעגראַמע פון זיין מו־טער, אַז זי איז געפערלעך קראַנק, אַז זי מוז האָבן אַן ערנסטע אָפעראַציע, און אַזוי ווי ער איז איר איינציק קינד, בעט זי מען זאָל אים אַנטשולדיקן און דערלויבן באַלד צו קומען אַהיים און זיין לעבן איר ביז זי וועט די אָפעראַציע דורכמאַכן און זיך אָנהויבן בעסערן. ווען מען האָט אים אַריינ־גערופן אין אָפיס פון גימנאַזיע און דערציילט פון דער טעלעגראַמע, איז ער באַטירלעך בלאַס געוואָרן פון דער אומגעריכטקייט, אָבער אין האַרצן האָט ער געוואוסט, אַז די טעלעגראַמע איז ניט קיין אמתע, אַז די מוטער איז ניט קראַנק, אַז זי וויל בלויז ער זאָל אַוועקפאָרן פון דער שטאָט, ביז די געפאַר וועט אַריבער אָדער קלענער ווערן.

ער האָט באַקומען די דערלויבעניש און איז אַוועקגעפאָרן.

דריי וואָכן איז ער געווען אין דער היים און יענע דריי וואָכן האָבן אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין ווייטערדיקן לעבן און אויף זיין גאַנ־צער צוקונפט.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין שטוב האָט זיך די מוטער דערפרייט מיט אים. דערהפרייט, ווי מען דערפרייט זיך מיט איינעם, וואָס מען האָט פון אַ פלוצלונגער מאָמענטאַלער געפאַר אַרויסגעראַטעוועט. ער האָט זיך אויסגעטאָן און אַרויסגעזאָגט פאַר זיין מוטער זיין אומצופרידנקייט איבער איר איבערטריבענער שרעק און ציטערן איבער אים. ער האָט געוואָלט אַרייך אין זיין צימער. אָבער זיין מוטער האָט ווי פאַרשעמט און פאַר־שולדיקט אים דערקלערט, אַז זיין צימער איז פאַרדונגען. אַז ניט אַזוי צוליבן געלט, ווי צוליב דעם, אַז איר זאָל זיין פריילעכער אין די ווינ־טערדיקע אָוונטן, האָט זי פאַרדונגען דאָס צימער צו אַ יונגער מיידל, וועל־כע לערנט אין דער היגער פּרויען־גימנאַזיע. ער האָט כלומרשט אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידנקייט, אָבער אין האַרצן איז ער אויך געווען צופרידן, וואָס כאָטש אים וועט זיין אַ ביסל אומבאַקוועם, וועט ער אָבער אויך האָבן מיט וועמען די צייט צו פאַרברענגען. ער האָט בלויז געטראַכט וועגן דעם, צי זי איז אינטערעסאַנט גענוג, און מיט אַ לייכטן האַרץ־קלאַפּן געוואַרט אויף איר אָנקומען.

נאָכמיטאָג איז זי געקומען. זיין מוטער איז גראָדע אין הויז ניט געווען. אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע, ווי אַ לייכטער ווינטל, איז זי אַריינגעלאָפן אין הויז, אַ מינוט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעם פרעמדן בחור און באַלד אים לייכט און פריילעך אַ פרעג געטאָן:

— זייט איר עס דער באַלעבאָסטעס זון, וואָס האָט געדאַרפט קומען צופאָרן? אייער מוטער האָט מיר פאַר די לעצטע פאַר טעג אַזויפיל אָנ־

גערעדט וועגן איך, אַז איך ווייס שוין וועגן איך, ווי איך וואָלט איך געקענט יאָרן.

מיט אַ פריילעכן געלעכטער און אָן שום צערעמאָניעס האָט זי, אַ וואָרף־טוענדיק די ביכער אויפן טיש, דערלאַנגט אים די האַנט און געזאָגט:

— מיין נאָמען איז פּרוסיע, אָבער רופט מיך פּראָסט: פּרושקע. אַזוי רופן מיך אַלע. און אייער נאָמען איז גרישע — איך ווייס! — קען איך איך אַזוי רופן?

ער איז צעטומלט געוואָרן, רויט געוואָרן פון פּלוצימדיקייט און פון דער מיידלס ניט־באַצוואונגענער לייכטקייט. אַ קוק געטאָן איר דרייסט אין די אויגן און דערזען דאָרט אַזאַ ליכטיקייט און אַזאַ פריילעכקייט, אַז ער האָט פּלוצלונג דערפילט צו דער מיידל אַ נאָענטקייט און אַ וואַרעמקייט.

ער האָט זיך אויך באַלד געפונען, פאַרלאָרן זיין צעטומלטקייט און דערפילט זיך לייכט און היימיש. מיט גלאַנצנדיקע אויגן און מיט אַ פאַר־פלאַמטן פּנים האָט זי געהאַלטן אין איין רײדן, ווי זי וואָלט אים שוין געקענט פון לאַנג און געהאַט אַ סך צו דערציילן פאַר די פאַר וואָכן, וואָס ער איז ניט געווען אין דער היים. זי האָט גערעדט און פריילעך געקלאַפּט מיטן ציינגל, און ער האָט געפילט ווי יעדעס וואָרט אירס ציט זיך צו אים ווי אַ זיידענער פאָדעם און ווי אַ שטראַל, וואָס וואַרעמט און גלעט זיינע באַקן און זיין גאַנצן קערפּער.

ווען זיין מוטער איז אַריינגעקומען, האָט זי געזען, אַז עס איז ניט נויטיק זיי צו באַקאַנען, אַז זיי רײדן צווישן זיך אַזוי לייכט און פריי, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט פון יאָרן.

ער איז באַלד אין איר צימער געזעסן, און יענעם אָוונט האָבן זיי פאַרבראַכט שפּעט און איר ציינגל איז ניט מיד געוואָרן צו קלינגען, רײדנ־דיק און דערציילנדיק.

און אַזוי זיינען זיי צוגעבונדן געוואָרן איינער צום צווייטן.

ער ווייס ניט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. נאָר פון יענעם טאָג אָן, בוכשטעבלעך פון עם ערשטן טאָג, אפשר פון דער ערשטער מינוט, פון די ערשטע פאָר ווערטער, וואָס זי האָט צו אים אַרויסגערעדט, האָט ער דער־פילט, אַז דאָס מיידל האָט זיך אים איינגעשניטן אין האַרצן און אַז קיינמאָל שוין וועט ניט קיינער און קיין שום זאַך ניט זיין ביכולת אַרויסצורייסן זי פון האַרצן. ער איז אַלט געווען זיבעצן און זי ניט מער ווי פופצן, אָבער געפילט האָט ער, אַז זי עקזיסטירט שוין פאַר אים אַ סך לענגער, נאָך לאַנג פאַר זייער ביידנס געבורט — אפשר משישת ימי בראשית...

זיי זיינען איינער פונעם צווייטן ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ מינוט. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי געווען צוזאַמען. אונטער

פֿאַרשיידענע תּרוצים האָט זי דורכגעלאָזט דאָס לערנען, זיך ניט געזאָרגט וועגן שלעכטע צייכנס, און געזוכט ניט צו פֿאַרלירן קיין סעקונדע פֿון צו זיין מיט אים. זיי האָבן ביידע געלעבט ווי אין אַ טשאַד. אַרום האָט די וועלט געשטורעמט. מאַנען פֿון ווייבער און טאַטעס פֿון קינדער זיינען אין מלחמה אַוועק. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות אין שטאָט פֿון געהרגעטע, פֿאַרוואונדעטע און פֿאַרלוירענע, אָבער זיי איז קיין זאַך ניט אָנגעגאַנגען, ווי זיי וואָלטן געלעבט אין אַן אַנדער וועלט. די טעג, כאָטש האַרבסטיקע, זיינען געווען וואַרעמע און שיינע, פֿלעגן זיי אַוועק הינטערן שטאָט, אומשפּאַצירן איבער די הינטער־שטאָטישע פֿעלדער און סטעזשקעס און געפֿילט ווי עס וואָלט געווען פֿרילינג אויף דער וועלט. אָדער זיי פֿלעגן אַוועק אַמאָל אויפֿן ציכטיקן קאַלווינישן בית־עולם, וואָס צוליב דער קליינער צאָל קברים און אַלטע צעצווייגטע ביימער און שמאָלע, ציכטיקע, מיט זאַמד־אויסגעשאָטענע סטעזשקעס, פֿלעגט ער גיכער אויסזען ווי אַ פּאַרק, און דאָרט, אָפּגעשיידט פֿון זייטיקע אויגן, אין דער טויטער האַרבסטיקער און בית־עולם שטילקייט, פֿלעגן זיי זיך זעצן אויף אַ באַנק און זי פֿלעגט זיך איינטוליען אין אים, צונויפֿדרייען זיך ווי אַ קאַץ, און מיטן פּנים איינבורען זיך אין זיין ברוסט, — און אַזוי פֿלעגן זיי אָפּזיצן אַמאָל שעה'ן און שווייגן. אַמאָל בלויז, ווי נאָך אַ לאַנגן דורכטראַכטן, פֿלעגט זי פּלוצלונג אויפֿהויבן איר קאָפּ, אַרייַנקוקן אים אין די אויגן און אַ פֿרעג טאָן: „וועסט אַוועקפֿאָרן?" ער האָט געפֿילט דעם זין פֿון דער פֿראַגע און עס פֿלעגט אים ווי טאָן. ער פֿלעגט בלויז אַ וואַרעמען קוק טאָן אויף איר, אַ בלאַסן שמייכל טאָן — און גאָרנישט ענטפֿערן. זי האָט אויף קיין ענטפֿער ניט געוואַרט.

אין די אָוונטן האָט זי ליב געהאַט פֿריילעכקייט און פֿאַרברענגען. זיי פֿלעגן גיין איבער די פּאָר הויפּט־גאַסן פֿון דער שטאָט, וועלכע זיינען שטענדיק פֿול געווען מיט שפּאַצירער און שטייענדיקע רעדלעך מענטשן, אַפֿילו איצטער אין מלחמה־צייט, פֿלעגן אַריינגיין אין אַ קאָנדיטעריי, וואו זי פֿלעגט שטיפֿעריש און באַפֿעלעריש פֿאַרלאַנגען פֿון אים, ער זאָל איר קויפֿן פֿאַרשיידענע נאַשערייען, און אַמאָל פֿלעגן זיי אומפֿאָרן איבערן שטאָט, און וויַט הינטערן שטאָט, אין אַ געדונגענער דראָזשקע, מיט גומענע רעדלעך — עס האָט געמעגט קאָסטן וועד ווייסט וויפֿל. שפּעטער פֿלעגט זי זיך לייגן אויפֿן בעט און ער פֿלעגט זיך זעצן לעבן איר, איבערבייגנדיק זיך איבער איר און גלעטנדיק אירע האָר מיט זיינע הענט, אָדער קושנדיק אירע הייסע באַקן און אויגן מיט זיינע נאָך הייסערע ליפּן.

זי איז געווען שטום און איינגעהאַלטן, אָבער פּלוצלונג פֿלעגט זי מיט אירע הייסע ליפּן זיך איינבייסן אין זיינע און לאַנג ניט אָפּלאָזן. עפּעס איז

אין איר געלעגן אַזאַ קראַפט, אַזאַ דראַנג און אַזאַ ברען, און אַ פאַרלאַנג אויסצונוצן יעדע מינוט און אַריינצוכאַפּן וואָס מער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס גליק איז בלויז אויף אַ ווײַלע און מען דאַרף דעריבער זיך אײַלן און געניסן וואָס מער.

זי האָט אים דערציילט פון איר דאָרפישן לעבן און אײַנגעלאַדן אויף אַ פּאָר טעג צו זיך אַהיים, וועלנדיק אים באַקאַנען מיט איר פאַמיליע. יענע האָבן געוואוינט אין אַ גוט, עטלעכע ווייאָרסט פון דער שטאָט, וואו עס האָט זיך געפונען אַ גלאָז־פאַבריק און וואו איר פאָטער איז געווען דער פאַרוואַלטער. עס איז געווען אַן אַריסטאָקראַטישע, אָבער לעבנסלוסטיקע יידישע פאַמיליע. אין שטוב איז געווען אויסערגעוויינלעך ציכטיק און פון די מענטשן האָט געשפּראָצט מיט געזונט און פריילעכקייט. יעדער איינער איז געווען פריינטלעך און אײַנפאַך אין זײַנע באַנעמונגען. ער האָט זיך גלייך דערפילט ווי צווישן היימישע, ווי ער וואָלט די מענטשן געקענט שוין זייער לאַנג און ווי ער וואָלט דאָ אין שטוב געווען אַן אייגענער. יעדער איינער האָט אַרויסגעוויזן אויפמערקזאַמקייט צו אים און אויפריכטיק געזוכט אים מיט וואָס צו באַדינען און פאַרווײַלן. דער פאָטער האָט אים אומגעפירט איבער דער הוטע און געוויזן אַלע אײַנריכטונגען, אַ ברודער האָט אים געלערנט רײַטן אויף אַ פערד, אַן עלטערע צווײ און צוואַנציק־יאָריקע שוועסטער האָט געשפּילט מיט אים קראָקעט און די מוטער האָט זיך באַמיט צו מאַכן די בעסטע מאכלים. אַפילו די דינסט האָט זיך אײַנגאַנצן אָפּ־געגעבן מיטן יונגן „פּאַניטש" און, ווי מען האָט געלאַכט אין שטוב, איז זי געווען מער פאַרליבט אין אים ווי אַלע.

די עטלעכע טעג זײַנען אַריבער ווי אין אַ חלום.

אָבער נישט בלויז די עטלעכע טעג. עס איז געקומען די צייט ווען ער האָט געמוזט צוריקפאָרן. פּרושקען האָט אַ טרויער אַרומגעכאַפּט. זי האָט פּלוצלונג פאַרלאָרן איר פריילעכקייט, איר פּנים איז בלאַס געוואָרן און אײַנגאַנצן איז זי געוואָרן ווי דינער. די לעצטע צווײ טעג האָט זי כמעט ווי ניט געגעסן. ווי אַ שאָטן איז זי נאָכגעגאַנגען נאָך אים און געקוקט אים אין די אויגן אַרײַן. זי האָט ווייניק גערעדט, געטוליעט זיך צו אים און געשוויגן. דעם לעצטן אָוונט, ווען זיי זײַנען געזעסן אויפן גאַניק, האָט זי זיך טיפער אײַנגעטוליעט אין אים און נאָך שטאַרקער געשוויגן. שפּעטער האָט זי אים הייס און שטאַרק אַ קוש געטאָן אין די ליפּן און געזאָגט:

— גיי שלאָפן, עס איז שפּעט. דאַרפסט מאָרגן אויפשטיין פרי.

אינדערפרי האָט זי זיך געהאַלטן אַן אַ זײַט, לאָזנדיק אים שענקען זיך גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דער מוטער.

זי האָט אים צוזאַמען מיט דער מוטער באַגלייט צו דער באַן, האַלטנדיק

זיך די גאַנצע צייט ווי אַן אַ זייט. נאָר ווען עס האָט זיך דערהערט דער דריטער קלונג, האָט זי אים שטיל דערלאַנגט די האַנט און ער האָט דער־פילט איר הייסן דרוק. ער האָט באַמערקט טרערן אין אירע אויגן.

אַזוי איז ער אַוועקגעפאָרן.

אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין אָנקומען האָט ער איר ערשטן בריוו גע־קראָגן. זי האָט אים געשריבן:

„איך בין נאָר־וואָס צוריק פון באַגלייטן דיך צו דער באַן געקומען. דיין מוטער איז אַליין אַוועק ערגעץ, ווייניק ריידנדיק מיט מיר. איך ווייס ניט, צי איז איר אַזוי שווער פון דיין אַוועקפאָר, אָדער זי פילט אַ פאַר־דראָס צו מיר. עס וואָלט פאַר מיר ניט געווען קיין וואונדער, ווען דאָס צווייטע וואָלט געווען ריכטיק. איך ווייס, אַז איך בין אַ סך שולדיק קעגן איר. זי האָט דיך אַזוי ליב און זי האָט זיך אַזוי געפרייט מיט דיין קו־מען — און איך, אַ פרעמדע, אַן אומבאַקאַנטע, האָב דיך גלייך אין דער ערשטער מינוט צוגענומען פון איר. איך האָב דעמאָלט אויך געפילט, אַז עס איז ניט ריכטיק, אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט העלפן. מיין געפיל צו דיר איז געווען שטאַרקער ווי מיין פליכט צו דיין מוטער. אָבער אפשר וועט מיין ניט־ריכטיקע האַנדלונג קעגן איר אויסגעקויפט ווערן דורך דעם, וואָס ווען זי וועט איצטער ריידן צו מיר וועגן דיר — און זי האָט שטענדיק ליב צו ריידן וועגן דיר — וועט זי וויסן, אַז זי רעדט צו איינער, וואָס בעמט אויף יעדן וואָרט וועגן דיר און וואָס טיילט מיט איר די זעלבע געפילן.

„איך בין נאָר־וואָס געקומען. אין שטוב איז אַזוי שטיל, אַזוי אומ־היימלעך. אָט דאָ ביסטו נאָך נישט לאַנג געשטאַנען, דאָ — דיינע זאַכן געלעגן, און אין דער לופטן קלינגט נאָך דיין שטימע. איך פרוּוו איינ־זאַפּן אין זיך דעם קלאַנג אירן, איך זאָל זי הערן יעדעס מאָל, ווען איך וועל בענקען נאָך דיר. עס איז מיר אומעטיק און שווער, אָבער מען וועט זיך מוזן צוגעוואוינען".

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט ער איר צווייטן בריוו געקראָגן. זי האָט אים געשריבן אויף מאָרגן נאָכן ערשטן. זי האָט געשריבן:

„איך בין היינט צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע צוויי וואָכן אין גימ־נאַזיע געקומען. געזאָגט אַ ליגן, אַז איך בין געווען קראַנק. די דירעקטאָר־שע האָט אַזוי אומצופרידנלעך אויפגענומען מיין דערקלערונג. אַזוי אויך די לערער. מיר דאַכט, אַז זיי ווייסן, אַז עס איז ניט אמת. מיר דאַכט, אַז זיי פאַרשטייען אַלץ. עפּעס קוקט מיר אַלץ אַזוי אויס מאָדנע דאָ און ניט נויטיק.

„איך בין אַ גאַנצע נאַכט שלעכט געשלאָפן. געטראַכט און געחלומט וועגן דיר. אָ, וויפל איך וואָלט געגעבן צו קענען זיין מיט דיר אין איין שטאָט!"

און אַזוי זיינען געווען אירע אַלע בריוו — פול מיט בענקשאַפט צו אים און הייסער ליבע. זי האָט געשריבן כמעט יעדן טאָג. זעלטן ווען אַ טאָג איז דורכגעגאַנגען, ער זאָל פון איר קיין בריוו ניט קריגן. זי האָט אים געשריבן פון איר לערנען זיך — מערסטנס שלעכט — פון אירע חברטעס, פון די לערער, זיין מוטער, שטעטלדיקע און גימנאַזיסטישע רכילות, — די זעלבע זאַכן כמעט וועגן וואָס איר ציינגל פלעגט קלינגען, ווען זי פלעגט זיצן מיט אים. אָבער שטענדיק האָט זיך אין אירע בריוו געפילט אַן אומגעווײנלעכע ליבע צו אים און אַ ברענענדיקע, כמעט לײדנשאַפטלעכע, בענקשאַפט צו אים.

ער פלעגט איר ענטפערן מיטן זעלבן. אויך דערציילט פון זיין לערנען זיך, פון גרעסערע און קלענערע פּאַסירונגען אין גימנאַזיע, פון פּאַסירונגען אין שטאָט. אָבער אויך זיינע בריוו האָבן געאָטעמט מיטן זעלבן פייער פון ליבע און בענקשאַפט צו איר.

אַ פּאָר מאָנאַטן זיינען אַזוי אַוועק, ווען עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דערנענטערן די ווינטער־קאַניקולעס. ער האָט געזאָלט קומען אַהיים אויף צוויי וואָכן. אירע בריוו זיינען געוואָרן ערנסטער און זאַכלעכער. אין די לעצטע בריוו האָט זי מערסטנטייל געשריבן וועגן דעם, ווי זיי וועלן פאַרברענגען די צייט, וועגן די פּלענער וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט פאַר די צוויי וואָכן, און פאַנטאַזירט אין די בריוו פון העלע זילבערנע לבנהדיקע נעכט און קאַלטע פראָסטיקע טעג, און פון ווייסן זילבערנעם שניי און שאַרפע גליטשערס אויפן גלאַטן אייז. זיי זיינען ביידע זיכער געווען, אַז נאָך אַ פּאָר וואָכן און זייער בענקשאַפט אײנער צום צווייטן וועט פון אַ וואונטש ווערן אַ ווירקלעכקייט.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך אַלץ מיטאַמאָל געגעבן אַ דריי איבער. די מלחמה, וועלכע זיי האָבן זעלטן ווען דערמאָנט אין זייערע בריוו און וועלכע איז זיי כמעט ווי ניט אָנגעגאַנגען, האָט זיך פּלוצלונג אַ שאַרפן קער געטאָן און אָנגעהויבן זיך מיט שנעלע טריט דערנענטערן צו דער שטאָט, וואו ער האָט זיך געלערנט. אין שטאָט איז געוואָרן אַ טומל. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו לויפן און אינסטיטוציעס זיך אַרויסציען. אויך זיין גימנאַזיע האָט אָנגעהויבן זיך צו פּאַקן. ער האָט געשריבן וועגן דעם זיין מוטער און איר, אָבער יענע האָבן נאָך פריער זיך פון דעם דערוואוסט. ביידנס בריוו זיינען געוואָרן אַלאַרמירנדיק. זיין מוטער, ביי וועמען אין קאָפּ עס האָט זיך שוין ווײזט אויס געפּיקט אַ פּלאַן, האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל זיך ניט איילן צו פאַרלאָזן די שטאָט. זי, דאַקעגן, האָט געקלאַפּט אין אירע בריוו, אַז ער זאָל זען אויספּועלן אַ דערלויבעניש און גלייך קומען אַהיים.

זי האָט געשריבן: „איך גיי אַרום ווי אַ צעטומלטע און האָב זיך

איינגעגאַנצן אויפגעהערט צו לערנען. איך שרעק זיך פאַר דיין גורל (און זיי ווייסן, אַז מיט אים איז אויך פאַרבונדן מיינער). עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק, ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז איך קען אָפּגעריסן ווערן פון דיר (און ווער ווייס, וואָס נאָך עס קען פּאַסירן). אום גאָטעס ווילן, קום גלייך צופאָרן".

איר סאַמע לעצטער בריוו איז געווען ווי אַן אויסגעשריי פון פאַרצווייפ־לונג. ער האָט זיך געלייענט: „ליבער, האַרציקער, איך בעט זיך ביי דיר, קום גלייך צופאָרן. איך פיל, אַז איך ווער משוגע".

ער האָט זיך געוואָרפן אין פאַרלעגנהייט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, און אין זיינע בריוו צו איר געפּרואווט איינשטילן איר זאָרג און באַרואיקן זי מיט דער מעגלעכקייט פון זיין באַלדיקן קומען.

אָבער אין דער צייט פון זיין קווינקלען זיך, פון אומאַנטשלאָסנקייט און וואַרפן זיך אין פאַרלעגנהייט צווישן דער מוטערס און אירע בריוו, איז זיין מוטער פלוצלונג געקומען צופאָרן. זי האָט אים דערציילט, אַז זי האָט איבערגעלאָזן דאָס הויז כמעט ווי אויף הפקר, אָבער צוליב אים איז זי גרייט אויף אַלץ. זי האָט פאַר אים אַנטוויקלט פּלענער, וועלכע האָבן געקענט אַרויסוואַקסן בלויז פון איר מוטער־ליבע און פון איר זעלטענער איבערגעגעבנקייט צו אים, וואָס האָבן אים געדאַרפט איבערצייגן, אַז דאָס פאַר־בלייבן דאָ אין שטאָט איז פאַר אים זיכערער און נוצלעכער. ער האָט זיך געוואָרפן ווי צווישן צוויי פייערן, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. אָבער דאָס האַרץ האָט אים געצויגן אַהיים צו איר. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף און מוז פאָרן צו איר, מיט וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן עס זאָל ניט דראָען פאַר אים.

אָבער, ווען ער האָט דאָס ענדלעך באַשלאָסן, איז שוין געווען צו שפּעט. די דייטשן האָבן דורך אַן אומדערוואַרטעטער און שנעלער אַטאַקע פאַרנו־מען די שטאָט. טראַכטן איז שוין איצט ניט געווען פון וואָס און אין וואָס צו באַשליסן איז שוין אויך ניט געווען קיין נויטיקייט: אַלץ איז געווען איצט באַשלאָסן. צווישן אים און איר איז איצט געשטאַנען אַן אייזערנע וואַנט, אַן אומדורכדרינגלעכע וואַנט פון צוויי קעגנערישע באַוואָפנטע אַרמייען. ער האָט זיך געוואָרפן אין פאַרצווייפלונג, ניט געפונען קיין אָרט פאַר זיך, אומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן, געטראָגן אין האַרצן אַ כעס אויף זיין מוטער, וואָס זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג צו האַנדלען — אָבער טאָן איז ניט געווען וואָס. בלויז איין האָפענונג, אַ שוואַכע, האָט געטליעט אין זיין האַרצן, אַז אפשר וועט דער שונא גיין, ביז ער וועט אויך צו זייער שטאָט דערגריין און אויף אַזאַ אופן זיי ביידן צוריק צוזאַמענברענגען. און אַז די האָפענונג איז אויך צערונען געוואָרן, ווייל די דייטשן זיינען באַלד אָפּגעשטעלט גע־

וואַרן, איז די איינציקע שוואַכע האָפענונג און וואונטש געבליבן, אַז די מלחמה זאָל זיך שנעל ענדיקן.

אָבער די מלחמה האָט זיך אַזוי שנעל ניט געענדיקט. זי האָט זיך געצויגן און געצויגן, אַ חודש נאָך אַ חודש, אַ יאָר נאָך אַ יאָר — גאַנצע פיר יאָר.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ער אויסגעפּרובירט פאַרשיידענע מיטלען צו קומען אין קאָנטאַקט מיט איר. געשריבן איר צענדליקער און צענדליקער בריוו און געפּרואווט זיי איבערשיקן דורך פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען איינצושטעלן בריוולעכע פאַרבינדונגען צווישן קרובים פון די פאַרשיידענע קריגס־פירנדע לענדער. אין די דאָזיקע בריוו האָט ער זיך הייס אַנטשולדיקט פאַר דער געשאַפענער לאַגע, כאָטש די שולד איז ניט אינגאַנצן זיינע, פאַרזיכערט איר אין זיין פלאַמענדיקער ליבע און אין זיין טיפער בענקשאַפט נאָך איר, און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז נאָך דעם שטורעם וועט קומען אַ ליכטיקער שיינענדיקער טאָג, וואָס וועט זיין אַ גליקלעכער פאַר אַלעמען און אויך פאַר זיי — דער טאָג, וואָס וועט זיי ביידן צוריק צוזאַמענברענגען, און קיין שום פייער און שטורעם וועט ניט זיין ביכולת זיי מער צו צעשיידן.

אַ טייל פון די בריוו זיינען געקומען צוריק מיט דער צושריפט, אַז עס איז זיי ניט מעגלעך געווען איבערצושיקן, אַנדערע אָבער זיינען ניט צוריקגעקומען. און אָט די, וואָס זיינען ניט צוריקגעקומען, האָבן אים געגעבן האָפענונג און מוט, אַז זיי וועלן איר דערגרייכן. האָט ער אָנגעהויבן וואַרטן אויף אַן ענטפער דורך די זעלבע אינסטיטוציעס און אויסגעקוקט יעדן טאָג אויף אַ בריוו פון איר. אָבער ווידער זיינען חדשים און חדשים אַוועק און פון איר איז ניט געווען צו הערן די מינדסטע זאַך. ער האָט געפּרואווט שרייבן צו אירע עלטערן, צו איר שוועסטער, אָבער מיט דעם זעלבן רעזולטאַט. ער איז אומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, אָבער ער האָט זיין האָפענונג ניט פאַרלאָרן. ער איז זיכער געווען אין איר איבערגעגעבנקייט צו אים און אין איר געטריישאַפט, און פון דעם וואָלט אים קיין שום זאַך ניט געקענט רירן. איין זאַך בלויז האָט אים געמאַטערט און געשראָקן: צי האָט מיט איר עפּעס ניט פּאַסירט? צי האָט מיט איר ניט פּאַסירט עפּעס אין דעם דאָזיקן כאָאָס און שטורעם? און צי איז זי ניט אַמאָל צעמאָלן געוואָרן צווישן די שטיינער פון טויט און פאַרניכטונג? אָט די געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט און געפּייניקט. און ווי האָט זי בכלל דורכגעמאַכט די צעשיידונג? ער האָט איר אַפילו קיין לעצטן געזעגענונגס־בריוו ניט געשיקט — קיין צייט ניט געווען פאַר דעם, און איז אַפילו ניט זיכער געווען, צי האָבן איר זיינע לעצטע בריוו דערגרייכט — אַזאַ כאָאָס און טומל איז אין לאַנד געווען.

און אַט אַזוי האָט זיך די צייט געצויגן: שווער, דריקנדיק, ווי אַ שלאָפלאָזע נאַכט, און לאַנגזאַם, פּאַמעלעך, ווי כמאַרנע, רעגנדיקע, אָסיענ־דיקע טעג. דאָס זיינען געווען טעג אָן פרייד און נעכט אָן שלאָף, אָדער פול מיט שווערע, שרעקנדיקע חלומות.

אָבער פּונקט ווי אָסיענדיקע טעג, וואָס כאָטש זיי ציען זיך לאַנגזאַם און שווער, גייען זיי אָבער דאָך ווען עס איז אַוועק, אַזוי אויך די צייט, ווי לאַנגזאַם און שווער זי האָט זיך ניט גערוקט, איז זי אָבער סוף־כל־סוף אויך אַוועק. פרישע ווינטלעך האָבן אָנגעהויבן בלאָזן און די לופט איז פול געוואָרן מיט דערוואַרטונג. די מענטשן זיינען געוואָרן אומרואיק און געוואַרט יעדן טאָג אויף עפּעס נייעס, פּלוצלונגעס, אומגעריכטעס. אין דער לופט האָט זיך געפילט דאָס אָנקומען פון דעם סוף פון דער מלחמה.

און ענדלעך האָט עס פּאַסירט. אַ בליץ האָט די לופט דורכגעשניטן און אָנגעזאָגט אַלעמען די בשורה: די מלחמה איז געענדיקט, וואַפנשטילשטאַנד איז אונטערגעשריבן! ווי אומגעצוימטע כוואַליעס געטריבן פון ווינט, האָבן זיך די מענטשן אַרויסגעגאָסן פון די היזער און אין מאַסן זיך געלאָזט איבער די גאַסן. פרייד האָט געשטראַלט פון אַלעמענס פּנימער, און פון פינצטערע, אויסגעלאָשענע און אויסגעהונגערטע אויגן האָט פרישע האָ־פענונג אַרויסגעשיינט. מענטשן פרעמדע, אומבאַקאַנטע האָבן זיך אַרומ־גענומען און געקושט ווי איגענע, באַענטע.

אויך אין אים האָט זיך אַ נייע פרייד אויפגעוועקט, נייער מוט און נייעס לעבן. ענדלעך איז די נאַכט אַוועק און דער טאָג, דער לאַנג־גע־וואַרטער טאָג, איז געקומען. ווי אַ פויגל, וואָס איז מאָנאַטן־לאַנג געווען איינגעשפּאַרט אין שטייג, האָט ער זיינע פליגל צענומען און געוואָלט זיך לאָזן פליען. ער איז גרייט געווען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, ניט אָפּשטעלנדיק זיך דעם מאָל פאַר קיינע שטרויכלונגען, פאַר קיינע שטערונגען.

אָבער ווידער האָט זיך אים אַ וואַנט אין וועג געשטעלט, אַ וואַנט אפשר ניט אַזאַ דיקע ווי די ערשטע, אָבער דאָך אַן אייזערנע, אַן אומדורכדרינג־לעכע. אין דעם זעלבן טאָג כמעט, וואָס איין מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אַ צווייטע אָנגעפאַנגען: עס איז געווען די מלחמה צווישן פוילן און דעם נייעם סאָוועטישן רוסלאַנד.

און ווידער איז ער צוגעשמידט געוואָרן צו זיין אָרט און זיך ניט גע־קענט רירן. ער האָט זיך געריסן, אָבער די קייטן האָבן אים צוריקגעהאַלטן. און אַזוי איז ער געבליבן אויף איין אָרט — אנטוישט און פאַרצווייפלט. ער האָט ווידער געפרוווט שרייבן, אָבער אָן רעזולטאַטן.

אָבער — מען ווייס ניט, ווי אַזוי און דורך וועמען: איבער דער איי־זערנער וואַנט, צי דורך איר — אָבער גרוסן און ידיעות האָבן זיך דאָך אָנ־

געהויבן דורכרייסן און דערגרייכן די, פאַר וועמען זיי זיינען געווען באַ־שטימט: גרויסן בלאָסע, אָפּגעבליאַקעוועטע, אַמאָל אומפאַרשטענדלעכע, אָבער אַלץ בעסער ווי גאָרניט. מענטשן זיינען דאַנקבאַר געווען אויך פאַר דעם. ווי פון הימל אַראָפּ, האָבן ידיעות פון שטעט און פון מענטשן אָנגעהויבן דורכרייסן די לופט און אַראָפּוואַרפן גרוסן, דאָ פאַר דעם, דאָ פאַר יענעם. פאַר איינעם זיינען עס געווען גרוסן דערפרייענדיקע, דערמוטיקנדיקע, פון משפחה וואָס מען האָט שוין געהאַלטן פאַר פאַרלאָרן — און דאָ גאָר האָבן זיי זיך אָפּגעזוכט, אַלע געזונט און לעבעדיק, און, פאַרקערט, אַנדערע, וואָס מען האָט געהאָפט צו הערן פון זיי גוטס, האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. אָט אַזאַ איז געווען דער קרומער גייסט פון די געררוסן.

אויך פאַר אים איז עפּעס וואָס אָנגעקומען. נישט דירעקט, נישט צו אים פערזענלעך, נאָר הינטער־אַרומיק. עפּעס איז דאָס געווען דורך איינעם, וואָס קיינער האָט אים ניט געקענט. און וואָס יענער האָט דערציילט, איז אויך ניט געווען קיין גביעת־עין, ער זאָל האָבן אַליין געזען אָדער אַליין געהערט, נאָר אַלץ אַזוי זייטיק: איינער האָט געהערט, ווי איינער האָט דערציילט...

נאָר וואָלט דאָס כאָטש געווען פריילעכס, צוזאָגנדיקעס, וואָלט ער שוין געווען צופרידן כאָטש מיט דער זייטיקייט, מיט דער קרומקייט, וואָלט ער זיך געלאָזט נאָרן מיט דער אילוזיע און וואַרטן אויף מער באַשטימטעס. איז עס אָבער געווען אַזוינס, וואָס האָט אים געטראָפן ווי אַ דונער, וואָס האָט אים פריטשמעליעט ווי אַ בליץ. וואָס, ווען ער האָט עס דעם ערשטן מאָל געהערט, האָט ער זיך הויך אין זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. און ווען ער האָט צום צווייטן מאָל דאָס זעלבע געהערט, האָט ער זיך אָפּגעקערט פון דעם מיט כעס. און ווען ער האָט עס צום דריטן מאָל געהערט, האָט ער, ווידער אין זיך, כאָטש ניט אַזוי שטורמיש שוין, אָבער אַלץ נאָך הויך, פּראָ־טעסטירט.

אָבער דאָס וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אים איז געקומען אַלץ אָפטער, אַלץ איינגעשפּאַרטער, און אַלץ מיטן זעלבן נוסח און אַלץ מיט די זעלבע איינצלהייטן, אַז איינמאָל האָט ער דערפילט, ווי עפּעס האָט ביי אים אין מוח געפּלאַצט און ער האָט דערזען דעם נאַקעטן אמת פאַר די אויגן. בעכט איז ער דעמאָלט אומגעגאַנגען און געוואָלט זיך עפּעס קלאָר מאַכן, אָבער פאַר די אויגן איז געהאַנגען אַ טונקעלער נעפּל, און טעג זיינען פאַר אים גע־שטאַנען איינגעטונקט אין נאַכטיקער שוואַרצקייט. ער האָט געוואָלט זיין האַרץ צערייסן און עס אַרויסוואַרפן, אָבער ער האָט קיין האַרץ ניט גע־פילט: אַ ליידיקע פוסטקייט האָט אויסגעפילט דעם אָרט.

ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן? ווי אַזוי? זיין מוח וואָס האָט

געוויטאָגט, האָט עס ניט געקענט באַנעמען. זיין געדאַנק, וואָס האָט גע־בלוטיקט, האָט עס ניט געקענט באַגרייפן: ווי אַזוי? ער וואָלט עס בשום אופן קיינעם ניט מוחל געווען. ווען אַ מענטש, אַ לעבעדיקער מענטש, קומט צו אים און דערציילט עס אים, וואָלט ער יענעם אַרויסגעטריבן — ניין, ער וואָלט אים די צונג אַרויסגעריסן פאַר אַזאַ חוצפה. אָבער דאָס האָט אים קיין מענטש ניט דערציילט, דאָס האָט אים בכלל קיינער ניט דער־ציילט — דאָס זיינען געווען קלאַנגען. און די קלאַנגען זיינען געווען אַזוינע ענלעכע, אַזוינע איינגעשפּאַרטע, אַזוינע איין־נוסחדיקע, אַז פּלוצלונג האָט ער דערפילט דעם אמת אין זיי, דעם בלוטיקן אמת, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע האָפענונגען און אַן ענדע צו זיינע וואַרטונגען.

אָבער פאַרט, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז זי, וועמעס נשמה און לעבן איז ווי אַ צווייגל אַריינגעוואַקסן אין זיינער, זאָל זיך גאָר אָפּרייסן פון אים און מיט אַן אַנדערן באַהעפטן? ווי אַזוי האָט זי זיך גאָר בכלל געקאָנט אָפּרייסן פון אים, אַז עפּעס אַן אומזעבאַרע קראַפט האָט זייביידן פאַרבונדן און באַהעפט — ניין, ניט באַ־העפט, נאָר צוזאַמענגעגאָסן, צונויפגעשמאָלצן און געמאַכט פון זיי ביידן — איינס?

ער איז אומגעגאַנגען ווי משוגע און מענטשן האָבן טאַקע געמיינט, אַז ער איז ניט ביים זינען. די מוטער איז צו „גוטע יידן" געגאַנגען, פּדיונות זיי געצאָלט און קוויטלעך אַרויסגענומען. ער איז אָבער משוגע ניט געווען. ער האָט בלויז זיין האַרץ פאַרלאָרן און זיין געדאַנק האָט געבלוטיקט ווי אַ וואונד. אים האָט שוין אַפילו ניט געאַרט וואָס עס האָט פּאַסירט, נאָר ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, ווי אַזוי עס האָט גאָר געקאָנט פּאַסירן. אָט דער גע־דאַנק האָט אים געעקבערט דעם מוח און ניט אָפּגעלאָזט טאָג און נאַכט.

ער איז שפּעטער אין אַמעריקע געקומען. ער האָט זיך אין ערגעץ קיין אָרט ניט געקענט געפינען, האָט ער געוואָלט ריזן ווייט־ווייט, האָט ער זיך געלאָזט אינעם וויטן לאַנד. די מוטער איז געווען גליקלעך פון זיין באַשלוס. „גוטע יידן" האָבן איר געראָטן זי זאָל אים איבער אַ וואַסער נעמען, אפשר וועט די שטילקייט און רואיקייט פונעם וואַסער זיין געמיט באַרואיקן. האָט זי זיין באַשלוס באַגריסט און איז מיט אים מיטגעפאָרן. און אפשר זיינען די „גוטע יידן" גערעכט געווען? ער ווייס ניט, צי דאָס וואַסער, צי די יאָרן, אָבער ער האָט זיך דאָך ביסלעכווייז באַרואיקט.

ער האָט זיך דאָ שפּעטער מיט אַ מיידל געטראָפן — זיין איצטיקע פרוי — און מיט איר חתונה געהאַט. עס איז ניט געווען קיין ליבע ביי זיי, אָבער דאָך איז עס געווען אַ גליקלעכער צוזאַמענפּאַר. זי האָט אים געגעבן גליק און צופרידנקייט אין לעבן און באַרואיקט זיין צעטרייסלטן געמיט. ער האָט

געפילט אין איר אַן איבערגעגעבענעם און געטרייען פריינט און אַ געטרייע באַגלייטעריך, וואָס איז שטענדיק גרייט צו שטיין ביי זיין זייט און צוזאַמען מיט אים אַריבערטראָגן אַלע שווערע נסיונות. ער רעספעקטירט זי און האָט זי אויפריכטיק ליב. און ער פילט אין איר אויך דאָס זעלבע. מענטשן זיינען זיי אַפילו מקנא און שטעלן זיי אַרויס ווי אַ מוסטער פון גליקלעכן צוזאַמענלעבן און ווי אַ ביישפיל פון גליקלעכע מאַן און ווייב. און אין דער אמתן איז עס טאַקע אַזוי. עס איז ניטאָ קיין איינציקע זאַך, וואָס ער זאָל ניט טאָן אָן איר עצה, קיין איינציקער שריט, וואָס ער זאָל מאַכן אָן איר. און דאָס גלייכן אויך פאַרקערט. אָבער נאָך מער ווי דאָס. עס איז ניטאָ קיין איינציקער געדאַנק אין זיין מוח, וואָס ער זאָל זיך מיט איר אים ניט טיילן און קיין איינציקע שטימונג אַפילו, וואָס ער זאָל זי פאַר איר ניט אויפדעקן.

בלויז צוויי זאַכן האָלט ער פון איר פאַרבאָרגן און ער טראָגט זיי אַרום מיט זיך און היט זיי אָפּ ווי אַ טייערן אוצר: דאָס איז פרושקעס בריוו, וואָס ער האָלט זיי פאַרבונדן און באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון דער אייזערנער שאַפע, וואו ער האַלט זיינע וויכטיקסטע פאַפירן, און צווייטנס — זיין טרוים...

די צוויי זאַכן האַלט ער באַהאַלטן פון איר און האָט איר קיינמאָל וועגן זיי ניט דערציילט. עס דריקט אים שווער דער סוד און עס ליגט אים שווער אויפן געוויסן: ווי קען ער עפּעס פון איר אויסבאַהאַלטן? אַ סך מאָל אַפילו האָט ער שוין געוואָלט אויף וועלכן עס איז אופן כאָטש עטוואָס פון דעם סוד פאַר איר אויפדעקן, כאָטש בלויז אַ טייל פון אים. אָבער יעדעס מאָל ווען עס קומט דערצו, פילט ער ווי עטוואָס ציט אים צוריק, און ער האַלט זיך אָפּ, ווי איינער וואָס וויל זיך מיט עטוואָס טייערעס ניט שיידן. עס האַלט אים אויך אָפּ נאָך עפּעס, פאַרוואָס ער שרעקט זיך זייער שטאַרק: פיליכט וועט זי פון זיינע אויגן דאָס גאַנצע אַרויסלייענען און דעמאָלט וועט עס איר שרעקלעך ווי טאָן און עס וועט זיך אפשר פאַרציען ווי אַ וואָלקן איבער זייער צופרידענעם לעבן — איז צו וואָס דאַרף מען עס?

אָבער אין זיין לעבן האָבן די ביידע זאַכן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע. ווי אַ הייליקטום האָט ער אָפּגעהיט דאָס פּעקעלע בריוו און ווי אַ קדשי קדשים, וואָס נאָר איין מאָל אין יאָר ווערט זיין שוועל פונעם כהן גדול אַריבערגעטראָטן. און ווירקלעך, בלויז איין מאָל אַ יאָר האָט ער די בריוו געלייענט. נישט געטראַכט וועגן זיי דעם גאַנצן יאָר, נאָר געפילט ווי אינעם הינטער־באַוואוסטזיין פלאַטערט אין אים ערגעץ־וואו אַ שטילער און פאַרכ־טיקער געפיל פאַר יענעם טאָג אין יאָר, ווען ער וועט עפענען דאָס פּעקע־

לע. אַרויסנעמען די בריוו און לייענען זיי איין מאָל און אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן... און אַזוי האָט ער געטאָן אַלע יאָר. אַזאַ איינגעשטעלטע זאַך שוין ביי אים געוואָרן, אַזאַ איינגעשטעלטער און באַשטימטער מאָמענט פון זיין לעבן, אַז ווען ער טוט עס ניט, וואָלט ער געפילט ווי עפּעס וויכטיקעס האָט ער דורכגעלאָזן, און עס וואָלט אים געמאַנט און געמאָנט. ווען ער פאָרט אויף וואַקאַציע אַוועק — מיט דער פרוי, אָדער אַמאָל אָן איר — נעמט ער די בריוו מיט זיך און איינמאָל אין אַ טאָג, פול מיט שטימונג און סודותדיקייט, זונדערט ער זיך אָפּ אין אַ באַזונדערן ווינקל — מערסטנס אונטער אַ געדיכטן שאָטנדיקן בוים — און מיט ציטערדיקע הענט און מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ עפנט ער עס אויף. אַלטע באַקאַנטע בריוו, אַן אַלט־באַקאַנטע האַנטשריפט, דאָס טינט און פּאַפּיר בלויז עטוואָס פון יאָרן אָפּ־געבליאַקירט, נאָר אייביק־ניי קוקט אים אויס דער אינהאַלט זייערער. ווי אַ דאָרשטיקער צום וואַסער וואַרפט ער זיך צו צו זיי און לייענט, און לייענט — איין מאָל און צווײ מאָל און דריי מאָל... אַלץ ווערט אויפגע־לעבט אויף דאָס ניי, און עס דוכט זיך אים, אַז ערשט נעכטן האָט עס פּאַ־סירט, און ווי אַ יונגע פּופּצן־יאָריקע מיידעלע, בלאָסט פאַר אים פונעם נעבעל פון די דריי צענדליק יאָר פרושקעס פּנים אַרויס. יענע דריי וואָכן, מיט אַלע קלענסטע מאָמענטן און קלענסטע איבערלעבונגען, דערשיינען פאַר אים ווידער און לעבן־אויף, ווי זיי וואָלטן ערשט נעכטן געשען.

אַ גאַנצן טאָג באַכדעם, און אַמאָל אויך טעג, גייט ער אום ווי צעמישט, רעדט ניט און עסט ניט און איז אַזוי ווי קראַנק. ווען זיין פרוי איז מיט אים און באַמערקט עס, פאַרשטייט זי ניט, וואָס מיט אים איז, נאָר שרייבט עס צו צו זיינע געוויינלעכע שטימונגען.

און נאָך אַ זאַך לעבט אין אים און ליגט באַהאַלטן טיף אין זיין האַרצן, וואָס ער היט עס אָפּ ווי אַ טייערן דימענט — דאָס איז זיין טרוים! זיין טרוים צו טרעפן זיך מיט איר בלויז נאָך איין מאָל אין לעבן, איין איינציק מאָל, און פרעגן זי און קריגן פון איר דעם ענטפער צו דער רעטעניש, וואָס פייניקט אים זיין גאַנצן לעבן: וואָס האָט דע־מאָלט פּאַסירט?

אָט דער טרוים לאָזט אים קיינמאָל ניט אָפּ. ער איז מיט אים טאָג ווי נאַכט, אַ גאַנץ יאָר, זיין גאַנץ לעבן. און אויב ער דענקט נישט פון אים יעדע מינוט פון זיין לעבן, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אַז דאָס איז ניט קיין פאַנטאַסטישער טרוים, אַ חלום, נאָר אַ טרוים, וואָס קען פאַרווירקלעכט ווערן, אַ טרוים, וואָס פריער אָדער שפּע־טער וועט ער אים פאַרווירקלעכן. עס דאַרף נאָר קומען די פּאַסיקע גע־לעגנהייט פאַר דעם.

אַ סך מאָל האָט ער געוואָלט מאַכן אַ לוסט־רייזע אין איראָפּע, אָבער יעדעס מאָל זיינען געווען אַנדערע שטערונגען: דאָ זיינען די קינדער צו קליין געווען, דאָ האָבן די געשעפטן ניט געלאָזן און דאָ אַנדערע אורזאַכן.

פאַר דער מלחמה איז ער שוין גרייט געווען זיין טרוים צו פאַר־ווירקלעכן. די קינדער אויסגעגעבן, די געשעפטן געבראַכט אין אָרדענונג, איז ער גרייט געווען מיט דער פרוי זיך לאָזן אין וועג צו באַזוכן אַ צאָל לענדער אין איראָפּע, אָבער הויפּטזאַכלעך זיין איגן לאַנד און זיין אייגענע שטאָט. ער האָט שוין אַלץ געהאַט גרייט פאַרן וועג און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער געזאָלט אָפּפאָרן, ווי פּלוצלונג האָט די מלחמה אויסגעבראָכן.

מיט פאַרדראָס האָט ער זיין פּלאַן געמוזט אויפגעבן, אָבער מיט דעם פעסטן באַשלוס, אַז ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט ער זיין פּלאַן דורכפירן — מעג זיין וואָס עס איז.

די גאַנצע צייט פון דער מלחמה האָט ער זיך אינטערעסירט מיט איר ווי אַלע אַנדערע: סיי אַלס ייד און סיי אַלס מענטש האָט ער גע־זוכט די מפּלה פון פאַשיזם. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן זיג קעגן די נאַציס און איז געווען באַזאָרגט פון יעדן דורכפאַל. אָבער איין פּינטל אויף דער מאַפּע האָט ער שטענדיק געהאַט אין זינען מער פון אַלע אַנ־דערע, וויכטיקערע און גרעסערע — און דאָס איז געווען זיין היים־שטאָט. געוויס האָט אים זיין געבורטס־שטאָט געדאַרפט זיין נענטער און טייערער ווי אַנדערע, כאָטש ער איז שוין אַזוי לאַנג אַוועק פון איר און מערסטנ־טייל פון איר איז שוין געווען אויסגעמעקט פון זיין זכרון. אָבער די שטאָט איז אים טייער געווען ניט אַזוי צוליב זיך אַליין, ווי צוליב דעם טרוים וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט איר און וואָס האָט זיך ווי אַ פאַ־דעם געצויגן פון אים צו איר. ער איז געווען באַזאָרגט וועגן איר און די מענטשן דאָרט מער ווי וועגן אַלע אַנדערע שטעט מיט גרעסערע קבוצים יידן. זיין פרוי האָט פאַרשטאַנען זיין נענטערקייט צו זיין אייגע־נער שטאָט, אָבער אַזאַ טיפע אומרואיקייט און זאָרג וועגן איר, ספּעציעל ווען ער איז אַוועק פון איר אַזוי יונג, האָט זי געוואונדערט. זי האָט אים אַ פּאָר מאָל באַמערקט וועגן דעם, אָבער קיין ענטפער האָט זי ניט באַקומען.

פאַר אים אָבער איז זיין שטאָט געווען דער צענטער פון דער וועלט און דער צענטער פון דער מלחמה. אַלע מעסטונגען און אַלע אויסרעכע־נונגען זיינען געווען פאַרבונדן מיט איר. ער האָט איר נאָמען שטענדיק געזוכט אין די נייס. און כאָטש זי איז ניט מער געווען ווי איינע צווישן

נאָך הונדערטער אַזעלכע שטעט און שטעטלעך, האָט ער שטענדיק גע־זוכט איר נאָמען צו טרעפן אין די נייס און פּיליכט אַזוי אַרום זיך עפּעס דערוויסן וועגן איר.

אַ פּאָר מאָל האָט ער יאָ געטראָפן איר נאָמען אין די צייטונגען. איינמאָל האָט זיך געדעדט וועגן גרויסע שלאַכטן אַרום דער שטאָט און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, אַז דער שונא האָט די שטאָט פאַרנומען. אין אַ צייט אַרום איז אין די צייטונגען געווען אַ בילד ווי די שטאָט ברענט. ער איז פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט איצט מער ווי ווען עס איז פריער פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ געפאַר די יידן דאָרטן, און די איינוואוינער בכלל, האָבן זיך געפונען, און במילא אויך זי, פרושקע, צוזאַמען מיט איר מאַן און אירע קינדער. ער האָט גאַנצענע טעג געטראַכט וועגן דער געפאַר.

ווען די צייטונגען האָבן אָנגעהויבן דרוקן נייס וועגן יידישע קרבנות אין די הונדערטער טויזנטער, נישט אומגעקומענע צוליב מלחמה, נאָר אומגעבראַכטע מיט אַ כיוון דורך דער האַנט פון שונא, האָט זיך זיין האַרץ אַ צאַפּל געטאָן: „ווער ווייס, וואָס מיט איר איז געוואָרן? ווער ווייס, צי איז זי נישט איינע פון די דאָזיקע קרבנות?"

אָבער אין האַרצן ביי אים האָט געטליעט אַ פונק, אַ האָפענונג — די האָפענונג, וואָס טליעט ביי עלטערן, ווען זיי לייענען, אַז צווישן אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן זייגען אַלע אומגעקומען און נאָר איניקע געציילטע האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען, און יעדן טאַטע־מאַמע ווילט זיך גלויבן, אַז זייער זון איז עס צווישן די לעבן־געבליבענע. עס איז געווען אַ שוואַכע האָפענונג, אָבער די איינציקע, אויף וועלכער זיין טרוים, דער טרוים פון די לעצטע דרייסיק יאָר, איז געהאָנגען. און ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן אים, ווי עס האַלט זיך אָן אָן אַ ברעט איינער, ביי וועמען בלויז אַ ברעט איז איבערגעבליבן פון אַ צעשמעטערטן שיפל.

אַזוי האָבן זיך חדשים געצויגן און יאָרן, ביז דער זיג איז ענדלעך געקומען. געוויס האָבן זיך אַלע געפרייט. געוויס זייגען דעם מאָל, פונקט ווי נאָך דער ערשטער מלחמה, מענטשן אַרויס אין די גאַסן און אויס־געדריקט זייער פרייד. אָבער נישט ווי נאָך יענער מלחמה איז געווען דאָס געפיל און די שטימונג פון יענע, וואָס האָבן געהאַט פריינט און קרובים אויף יענער זייט ים, איבערהויפּט די יידן. ביי די האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט נישט בלויז פון פרייד, נאָר נאָך מער פון שרעק. פאַר זיי האָט איצט ערשט דער יום־הדין געדאַרפט קומען: מי לחיים ומי למות — ווער פון זייערע קרובים, אויב נישט אַלע, איז אומגעקומען און ווער פון זיי איז געבליבן לעבן. ביז איצט האָט נאָך יעדערער געקענט לעבן מיט

דער אילוזיע, מיט דער האָפענונג, אָבער איצט וועט מוזן קומען די רויע ווירקלעכקייט. און ביי יעדן איינעם האָט געציטערט דאָס האַרץ.

אויך עפּשטיין האָט אַזאַ געפיל געהאַט און מיט דעם געפיל איז ער געגאַנגען הערן דעם גערוס פון זיין היימשטאָט דורך אַ מענטשן, וואָס איז אַליין דאָרט געווען, וואָס האָט אַלץ אַליין מיט די אייגענע אויגן געזען. ער האָט אויף קיין גוטס פון זיין שטאָט ניט גערעכנט זיך. נאָר פונקט ווי אַברהם, וואָס האָט זיך געבעטן ביי די מלאכים צו געפינען אין סדום כאָטש אייך גוטן מענטשן און צוליב אים די שטאָט ניט פאַרניכטן, אַזוי האָט ער אין האַרצן געבעטן, אַז וויפל מענטשן אין שטאָט זאָלן ניט האָבן געבליבן, זאָל זי איינע כאָטש זיין צווישן זיי, זי — די אַמאַליקע פרושקע.

ער איז געזעסן און געהערט דעם באַריכט. און ווי עס האָט אים ניט ווי געטאָן פאַר דעם, וואָס מיט דער שטאָט איז געשען און וואָס מיט אירע איינוואוינער איז געטאָן געוואָרן, האָט ער אין געדאַנק געשטופּט דעם רעדנער פאָראויס, נענטער צום סוף, צום פאַרענדיקן, ווען עס וועלן קענען קומען פראַגן און מען וועט פיללייכט קענען אויסגעפינען פון דעם באַריכט־אָפּגעבער דירעקט וועגן דער אָדער יענער פערזאָן פון דער שטאָט: צי איז ער פון די געבליבענע, אָדער, חלילה, אומגעקומענע. ער האָט געשטופּט די צייט אַזוי לאַנג, ביז זי איז ענדלעך אַוועק. דער עולם איז געווען צעוויטאָגט און צעבראָכן פון דעם וואָס זיי האָבן געהערט, אָבער דאָך האָט יעדערער געפונען אין זיך גענוג כוח זיך נאָכצופרעגן דירעקט אויף קרובים און משפחה. פיללייכט האָט דער רעדנער עפּעס אַ ידיעה פון זיי, אַנגעבנדיק זייערע ערשטע און צווייטע נעמען, ווי אויך אַנדערע איינצלהייטן. אויך ער האָט דאָס זעלבע געטאָן, אָנגעבנדיק פון פאַרזיכט וועגן די נעמען פון אַ פּאָר ווייטע קרובים און אויך איר נאָמען, סיי דעם אַמאַליקן מיידלשן און סיי דעם איצטיקן פאַרהייראַטן. דער רעדנער האָט קיינעם דירעקט אויף די פראַגן ניט געענטפערט, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ נאָטיץ־ביכל און פאַרגעלייענט לאַנגזאַם, ביי אַ טויטער שטילקייט פון די אַנוועזנדע, די נעמען פון דער קליינער צאָל לעבן־געבליבענע: געזונטע, קראַנקע און פאַרוואונדעטע. זייער צאָל איז געווען ניט גרויס, אינגאַנצן עטלעכע און פערציק, און צווישן זיי בלויז איין גאַנצע פאַמיליע, וואָס האָט זיך געראַטעוועט ווי דורך אַ נס.

אין זאַל האָט ווידער אויסגעבראָכן אַ געוויין פון די וואָס האָבן זייערע קרובים אין דעם קליינעם צעטל לעבן־געבליבענע ניט געפונען און פאַר־

שלונגען די איינצלנע, וואָס האָבן אין דעם צעטל געפונען כאָטש צו איינ־ציקע פון זייער משפּחה.

עפּשטיין האָט געפילט, ווי עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן ביי אים אין האַרצן און גענומען זיך אַראָפּלאָזן ערגעץ טיף־טיף, ווי אין אַן אָפּגרונט, און מיטציען אים אויך מיט זיך. ווי אַ פאַרשעמטער, וואָס האָט זיין גאַנצן פאַרמעגן פאַרשפּילט און איז געבליבן מיט גאָרניט, האָט ער אַ שווייגנדיקער און שטילער פאַרלאָזן דעם מיטינג און מיט וואַקלדיקע טריט אַוועק אַהיים.

ער איז געלעגן איצט אין בעט אַ הילפלאָזער און אַן עלנטער און געפילט, אַז צווישן די מיליאָנען קרבנות, וואָס ליגן באַגראָבן אין די איי־ראָפּיאישע פעלדער, ליגט אויך באַגראָבן זיין איינזאַמער קרבן — זיין טרוים, וועלכער ליגט איצט צעשמעטערט...

קינדער

מיני און איַיב באָרנשטיין זיינען געווען אינטעליגענטע יידישע אַרבעטער. דאָס הויז זייערס איז געווען אַ קולטורעל יידיש הויז. די נישט איבעריק גערױמע דירה מיטן אַלטן מעבל איז שטענדיק געווען ריין צוגעקליבן און געמאַכט אַן איינדרוק פון יום־טובדיקייט. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען איניקע בילדער פון אָנגעזעענע מאָלער, קענטיק מיט געשמאַק אויסגעקליבן, וואָס האָבן צוגעגעבן די צימערן נישט נאָר שיינקייט נאָר אויך שטימונג.

די באָרנשטיינס זיינען געווען יידיש געשטימט. אין אַ היפּשער ביכער־שאַפע זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט די ווערק פון כמעט אַלע קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור: שלום־עליכם, פּרץ, מענדעלע, ווינטשעווסקי, אויך רייזען און שלום אַש. אַחוץ דעם איז געשטאַנען אין ווינקל אַן אָפענע עטאַזשערקע, אַ ספּעציעל־געקויפטע, פאַר די נייע ביכער, וואָס זיינען יעדעס מאָל איינציקווייז צוגעלייגט געוואָרן. די באָרנשטיינס האָבן געהערט צו אַ צאָל קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, און יעדעס מאָל וואָס מען איז געקומען צו אַ מיטינג, האָט זיך עס שוין געמאַכט אַזוי, אַז מען איז צוריק אַוועק מיט אַ בוך. אַמאָל האָט עס טאַקע די אָרגאַניזאַציע אַליין פאַרשפּרייט, אַמאָל האָבן זיך שרייבער געווענדט מען זאָל קויפן זייערע ביכער און עס האָט נישט געפּאַסט אָפּזאָגן, און אַמאָל איז גאָר אַ באַקאַנטער געקומען אין הויז און פאַרגעלייגט מען זאָל ביי אים קויפן אַ בוך פון זיינעם אַ פריינט אַ שרייבער. די באָרנשטיינס זיינען נישט געווען אַזעלכע, וואָס זאָלן זיך קענען שטעלן אַנטקעגן. טיף אין האַרצן האָבן זיי געפילט ביי זיך אַ פליכט צו שטיצן, סיי דעם איינצלנעם שרייבער און סיי די יידישע ליטעראַטור בכלל. איז אַז מען האָט זיך געווענדט צו זיי, האָבן זיי נישט געפילט, ווי אָפּצוזאָגן זיך. אַזוי אויך מיט זשורנאַלן. אויף אַ פּאָר האָבן זיי זיך אַבאָנירט און די איבעריקע האָט מען געקויפט צופעליקערווייז, דאָ ביי דער געלעגנהייט און דאָ ביי אַן אַנדערער.

דאָס הויז ביי די באָרנשטיינס איז דעריבער שטענדיק פול געווען מיט ביכער און זשורנאַלן, וועלכע זיינען געלעגן אויסגעלייגט נישט נאָר אין אָרדענונג, נאָר אויך אַ סך מאָל צעוואָרפן איבערן טיש און סאָפע. דאָס גלייכן מיט צייטונגען. אין שטוב זיינען שטענדיק געווען אַ פּאָר צייטונגען, אָבער איינע פון זיי האָט שטענדיק געמוזט זיין אַ יידישע: די האָבן זיי קיינמאָל נישט דורכגעלאָזן צו לייענען.

בכלל איז דאָס הויז געווען יידיש געשטימט און די איינציק־גערעדטע שפּראַך איז געווען יידיש, — און ניט נאָר צוליב דעם, וואָס דאָס איז געווען ביידנס מוטער־שפּראַך און וואָס אויף דער שפּראַך האָבן זיי זיך גע־קענט בעסער אויסדריקן, נאָר אויך פּרינציפּיעל.

די באָרנשטיינס זיינען ניט נאָר ניט געווען רעליגיעז, נאָר אַפילו אויס־געשפּראָכן פרייִדענקעריש. אָבער אַ צאָל יידישע טראַדיציעס, ספּעציעל די, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט יום־טובים, זיינען אָפּגעהיט געוואָרן, זיי האָבן עס באַטראַכט ווי אַ טייל פון דער יידישער קולטור.

זייער איינציקן זון, סאַל, האָבן זיי אויך געזוכט צו דערציִען אין יידיש־קולטורעלן גייסט. זיי איז אין לעבן געגאַנגען, אַז ער זאָל אויסוואַקסן ניט נאָר אַ פרייער מענטש, פריי פון יעדן אָבערגלויבן, נאָר זאָל אויך פילן זיין אָנגעהעריקייט און צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק, זאָל עס באַוואוסטזיניק אָקצעפּטירן און נישט וועלן אָפּטרייסלען זיך פון דעם. אַלס דעם בעסטן מיטל פאַר דעם האָבן זיי באַטראַכט די יידישע שפּראַך און יידישע קולטור. זיי האָבן שטענדיק גערעדט מיט אים יידיש, אין שטוב און אין גאַס, און וואו עס איז נאָר מעגלעך געווען, האָבן זיי אים מיטגענומען צו די קולטור־אונטערנעמונגען, צו וועלכע זיי זיינען אַליין געגאַנגען. צו אַכט יאָר האָבן זיי אים פאַרשריבן אין דער יידישער שול, און כדי ער זאָל פילן די וויכטי־קייט אירע, זיינען זיי געוואָרן אַקטיווע אַרייִנגייער אַהין און אַפילו ביסלעכווייז אַקטיוו. סאַל איז טאַקע געוואַקסן, ווי זיי האָבן געוואָלט: אַ יידישלעכער יינגל, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט יידישע פראַגן, וואָס האָט זיך ניט גע־שעמט צו ריידן יידיש, און מיט די עלטערן באַנוצט בלויז די שפּראַך.

נאָר אין איין זאַך איז די עלטערן ניט געגאַנגען. די באָרנשטיינס האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז זייער סאַל זאָל זיך באַפריינדן מיט אַ מיידל פון זיינס גלייכן, וואָס זאָל האָבן דעם זעלבן קולטורעלן הינטערגרונט, וואָס ער. אַזוינס, האָבן זיי געפילט, קען מען קריגן נאָר אין דער יידישער שול. וואו עס גייען קינדער, וואָס באַקומען אַ מער־וויניקער גלייכע דערציִאונג ווי ער, און וועלן מסתם אויך אויסוואַקסן מיט די זעלבע אידייען, וואָס ער. און דעריבער, ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר פופצן־זעכצן און איז גע־גאַנגען אין דער מיטלשול, וואו עס זיינען געגאַנגען אויך מיידלעך פון דעם זעלבן עלטער, האָט זיך זיי זייער שטאַרק געוואָלט, אַז ער זאָל זיך באַפריינדן מיט איינער פון זיי און שפּעטער, ווען די צייט וועט קומען, זאָל זי ווערן זייער טאָכטער. זיי האָבן גאָר אַנדערש אין זינען ניט געהאַט, אַז זייער זונס ווייב זאָל זיין פאַר זיי, ווי אַן אייגענע טאָכטער. זיי זיינען שוין גרייט געווען זי ליב צו באַקומען.

אָבער סאַל האָט זיך צו די מיידלעך ניט געקלעפּט. זיי צו אים — יאָ.

ער אָבער האָט זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו זיי. עס איז שווער געווען צו זאָגן, פאַרוואָס. גיכער ווי אַלץ איז שולדיק געווען זיין קינדערישקייט. כאָטש ער איז געווען אַ לעבעדיקער און אינטעליגענטער ייִנגל, איז ער אָבער אין דעם פּרט נאָך געווען גאָר אַ קינד און קיין שום אינטערעס ניט אַרויסגעוויזן פאַר מיידלעך.

די עלטערן, דער מוטער איבערהויפּט, האָט דאָס שטאַרק געקרענקט. די גאַנצע זאַך איז טאַקע געווען פּריציפּיעל, און עס איז געווען קאָמיש זיך שוין אָנהויבן זאָרגן וועגן דעם, אָבער די מוטער מיט איר באַגער צו זען איר זון גליקלעך און אין דער חברשאַפט פון אַ מיידל, דערצויגן אין די זעלבע אומגעבונגען וואָס ער, האָט געטראַכט, אַז דאָס איז מעגלעך די איינציקע געלעגנהייט, וואָס ער האָט, און אויב ער וועט זי דורכלאָזן, וועט אַ צווייטע אפשר שפּעטער ניט קומען.

סאָל האָט פון דעם ניט געטראַכט און דעריבער איז ער זיך געגאַנגען מיט זיין וועג און זיך ניט גערעכנט, וואָס ער פאַרשאַפט די עלטערן עגמת נפש.

צו ניינצן יאָר איז סאָל אַוועקגעפאָרן אין אַ קעמפּ אַרבעטן און ווען ער האָט זיך צום סוף זומער אומגעקערט, האָט ער אָנגעזאָגט דער מוטער די שמחה, אַז ער האָט שוין אַ מיידל.

דער מוטער האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: סיי פון פרייד, סיי פון אומדערוואַרטעטקייט און סיי פון עפּעס אַן אומקלאָרן געפיל, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט דער פרייד. סיי־ווי איז דאָס געווען אַ וויכטיקער מאָמענט פאַר איר, ווי פאַר יעדער אַנדער מוטער אין אַזאַ פאַל: יענער מאָמענט צווישן עלטערן און קינדער, ווען אַ שאַרפע ליניע ווערט געצויגן צווישן דער פאַרגאַנגענהייט און דער צוקונפט, וואו אַט איז דאָס קינד געווען זייערס, געפונען זיך אונטער זייער רשות, און אַט האַלט עס ביים אַוועק פון זיי און אַריבערגיין אין דעם רשות פון אַנדערע — פרעמדע...

ווען זי האָט זיך באַהערשט אַ ביסל, האָט זי, קוים באַהאַלטנדיק איר אויפרעגונג, געזאָגט:

— נו, זאָל זיין מיט גליק. איך בין זייער צופרידן. עפּעס אַ וואוילע מיידל?...

— איך האָב ניט געטראַכט וועגן איר וואוילקייט, מאַמע, — האָט סאָל געענטפערט. — איך ווייס, אַז איך האָב זי ליב...

— אַ שיינע כאָטש?...

— זיכער אַ שיינע. קיין מיאוסע וואָלט מיר ניט געפעלן געוואָרן...

ער איז אַליין געווען צערוישט, סיי פון דער אייגענער איבערלעבונג,

סיי פונעם דערציילן עס דער מוטער, סיי פונעם פלוצלונגן דערפילן זיך ווי אַ דערוואַקסענער מאַן.

— איז זי אַ קלוגע? — האָט די מוטער ווייטער געפרעגט.

— ניט נאַרישער פון מיר... — האָט סאַל געענטפערט וואָווילעריש, נאָך אַלץ זייענדיק אין דער זעלבער געהויבענער און אויפגעברויזטער שטימונג.

זי האָט געזען, אַז איצט איז ניט די צייט צו שטעלן איר זון פראַגן, און אַז בכלל זייַנען אַלע פראַגן איבעריק, ווייל דער זון זעט די מיידל נאָר אין איין ליכט: אין דער ליכט פון זיין שטאַרקער פאַרליבטקייט אין איר. נאָר איין פראַגע, זייער אַ וויכטיקע פאַר איר, האָט זי שטאַרק געמאַטערט און זי האָט זי ניט געקענט אָפּלייגן.

— איז זי אַ יידישע?... — האָט זי פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן און אין האַרצן האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן שטאַרקער אין דערוואַרטונג פון אַן ענטפער.

— זיכער אַ יידישע, נאָך ווי אַ יידישע! — איר נאָמען איז מעקסין שוואַרץ...

— נו, איך בין זייער צופרידן — האָט די מוטער לייכטער אָפּגעזיפצט, און ווי וועלנדיק זיך פאַרענטפערן פאַרן זון, האָט זי צוגעגעבן: — ווייסט דאָך, אַז ביי מיר זייַנען אַלע מענטשן גלייך. פונדעסטוועגן ווילט זיך ניט, אַז מיר זאָלן אָפּגעמעקט ווערן, פאַרשווינדן... ספּעציעל, ווען דו ביסט ביי מיר איינער...

— איצט ביסטו שוין צופרידן? — האָט סאַל, זייענדיק נאָך אַלץ אין אַ גוטער שטימונג, געפרעגט.

— דערווייל, מיין קינד, בין איך צופרידן. הלוואי ווייטער אַזוי... קומט זי עפּעס פון אַ יידיש הויז?

— זיכער פון אַ יידיש. הערסט דאָך לויט איר נאָמען...

— ניין ניט דאָס מיין איך... דו פאַרשטייסט מיך...

— אוודאי פאַרשטיי איך דיך. אָבער איך וויל, מאַמע, אַז דו זאָלסט אויך פאַרשטיין, אַז ווען מען פאַרליבט זיך אין אַ מיידל, שטעלט מען ניט, ניט זיך און ניט איר, אַזעלכע פראַגן... מיט דער צייט וועלן מיר ביידע אויסגעפינען...

די מוטער האָט געזען, אַז זי האָט מער ניט וואָס צו פרעגן. עס זייַנען אפשר געווען נאַריש אויך די פּאָר פראַגן, וואָס זי האָט פריער געשטעלט. דער יינגל איז פאַרליבט און דעריבער גייט אים קיין זאַך ניט אָן. איר הויפּט־וואונטש איז איצטער געווען, אַז עס זאָל כאָטש ניט זיין ערגער, ווי עס קען אַמאָל זיין...

דער פאַטער איז שוין געווען אומגעדולדיקער פון איר. ער האָט גע־וואָלט וויסן אַלץ מיט אַמאָל. זי האָט אים קוים איינגעהאַלטן און געפּרואווט באַרואיקן:

—לאָז דאָס קינד צורו. זעסט ניט, אַז ער איז איצטער צעטומלט? דו ביסט מסתּמא אויך אַזוי געווען, ווען דו האָסט זיך מיט מיר באַקאַנט... אַלע זיינען אַזוי. מיר מוזן האָבן געדולד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי געפרעגט דעם זון: — נו, ווען ברענגסטו זי צו אונדז?

— איך וועל זי ברענגען, זאָרג זיך ניט... — פריער דאַרף איך נאָך גיין צו אירע עלטערן. זיי ווילן דאָך מיך אויך זען...

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט סאָל געבראַכט זיין מיידל צו זיך אַהיים. עס איז געווען אַ יונגינקע, שייבינקע מיידעלע פון אַ יאָר אַכצן, אַ טאַנצנדיקע, אַ שפּרינגענדיקע. זי האָט זיך געהאַלטן כּסדר אין איין הענגען אָן סאָלן און קושן אים. עס איז קענטיק געווען, אַז זי איז אין אים שטאַרק פאַרליבט.

פרוי באַרנשטיין האָט זי זייער פיין אויפגענומען. עטלעכע טעג האָט מען זיך שטאַרק געגרייט אין הויז, געראַמט און געשייערט, ווי ווען מען דערוואַרט אַ געהויבענעם גאַסט. אַ מאָלצייט איז אויך צוגעגרייט געוואָרן אַ פאַראַדנער.

מעקסין האָט זיך געהאַלטן, ווי זי וואָלט שוין דאָ געווען ניט צום ערשטן מאָל. זי האָט זיך געפילט פריי, און, אַרויספוקנדיק צו סאָלן, פריילעך גע־לאַכט, אַרויסשטעלנדיק אירע ווייסע שיינע ציין. צוזאַמען מיט איר זיינען אַלע אַנדערע אויך געווען פריילעך, געלאַכט און געוויצלט זיך. נאָר דער פאַטער באַרנשטיין האָט ווייניקער גערעדט און געסטאַרעט זיך צו באַהאַלטן זיין ערנסטע שטימונג. ער איז געווען שטאַרק אומצופרידן, וואָס ער מוז זיצן ביים טיש און אָנהאַלטן אַ שמועס אין ענגליש. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט געמוזט מיט זיין משפּחה ריידן ניט אין יידיש. עס איז אים געווען שטאַרק ניט צום האַרצן.

— דו קענסט ריידן יידיש? — האָט ער זיך ענדלעך ניט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט דאָס מיידל.

— איך? — האָט זיך מעקסין פאַרוואונדערט: — מיין באָבע קען אַ ביסל ריידן... זי איז געקומען אַהער, ווען זי איז געווען אַ קינד...

— אָבער פאַרשטיין מסתּם פאַרשטייסטו דאָך אַ ביסל? — האָט פרוי באַרנשטיין אַזוי ווי געוואָלט אַרויסקריגן אַ שטיקל טרייסט, סיי פאַר זיך און סיי פאַרן מאַן.

— מיין מוטער פאַרשטייט אַ ביסל...

— און דו?

—קיין וואָרט ניט...

— אויב אַזוי קענען מיר דיך דאָך פּאַרקויפן, און דו זאָלסט אַפילו גאָר־ניט וויסן... — האָט דער פאָטער כלומרשט אין אַ שפּאַס געזאָגט.

אַלע האָבן זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ביי אונדז אין הויז קענען דאָ אַלע ריידן יידיש — האָט די מוטער פאַרטייטשט דער מיידל — און סאָל קען פּונקט אַזוי גוט, ווי מיר... מיר האָבן אים דערצויגן אין יידישן גייסט, אין דער יידישער קולטור...

— זייער פיין — האָט דאָס מיידל שטיל געענטפערט.

עס איז קענטיק געווען, אַז זי פאַרשטייט זיך זייער ווייניק אויף די זאַכן.

ווען סאָל איז שפּעטער אַ ווילע אַוועק מיט זיין מיידל צו זיך אין צי־מער, האָט דעם פאָטערס באַהאַלטענע אומצופרידנקייט געפּרוווט קומען צום אויסדרוק.

— אַ יונגע קעלבל, קען גוט שפּרינגען... — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן צו דער ווייב.

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער יענע האָט אים מיט אַ וואונק שטרענג פאַרבאָטן נאָך אַ וואָרט אַרויסצורידן. און ווען דאָס מיידל איז אַוועק, האָט זי געפּרוווט איינטענהן מיט אים:

— וואָס ווילסטו? אַ שיינע, אַ לעבעדיקע איז זי? קיין נאַר, ווייזט אויס, אויך ניט. איז גוט. און דאָס וואָס זיי זיינען אַזוי שטאַרק פאַרליבט איינע אין די אַנדערע, איז דאָך אַוודאי גוט. אַי, וואָס זי איז ניט אַזאַ, ווי אונדז וואָלט זיך געוואָלט, איז אויך פאַרפאַלן... ווי ביסטו געווען? ווי בין איך געווען? און ווי זיינען אַלע געווען? האָבן מיר זיך עפּעס געפּרוווט רעכענען מיט אונדזערע עלטערן? מיר האָבן געטאָן, ווי אונדז האָט זיך געוואָלט...

— נו, טאָ גיי טאַנצן פון פרייד, — האָט דער פאָטער סאַרקאַסטיש איר צוגעוואָרפן.

— טאַנצן וועל איך ניט גיין, אָבער טרויערן וועל איך זיך אויך ניט זעצן... איך וועל עס נעמען ווי עס איז. דו ווייסט, ווי עס איז מיר גע־גאַנגען אין לעבן, אַז ער זאָל זיך באַפרייַנדן מיט אונדזערס אַ מיידל, אַ מיידל זיינס גלייכן, און אַז דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבן, האָב איך געוווּסט, אַז עס איז פאַרפאַלן... האָב איך שלום געמאַכט...

— הערט אַ מעשה — האָט ער זיך אַלץ ניט געקענט באַרואיקן — אַז אין איר אַנוועזנהייט זאָל איך מיט מיין קינד ניט קענען אויסריידן קיין וואָרט יידיש!... אַז ניט איז עס דאָך ניט שיין! — האָט ער סאַרקאַסטיש

געקאָכט זיך — באַנוצן אַ „פּרעמדע״, ניט פאַרשטענדלעכע שפּראַך!... ווי פּאַסט דאָס!...

— און וואָס עפּעס נאָר דאָס? — האָט ער זיך וואָס ווייטער אַלץ מער געקאָכט — זעסט ניט, אַז זי געהערט גאָר צו אַן אַנדער וועלט, צו אַן אַנדער שבט...

— מילא, צו וואָס פּאַר אַ שבט זי געהערט, דאָס לאָז שוין איבער צו אים — האָט די פרוי ניט געוואָלט קריכן טיפער אין שמועס — ער וועט זיך שוין פּאַנאַנדערקלייבן... און דערווייל דו באַרואיק זיך אַ ביסל און זאָג דעם קינד קיין וואָרט ניט. וועסט זיך נאָר פאַרמיאוסן ביי אים אין די אויגן...

אָבער מער ווי אַלץ איז באַרנשטיין געווען שאָקירט פון דעם מחותן. אַ טיפּישער אַמעריקאַנער, מיט אַ געזונטן אויסזען, מיט לעבעדיקע שמייכ־לענדיקע אויגן, איז זיין הויפּט־אינטערעס געלעגן אין די פאַרשיידענע באַל־„געימס״, און די איינציקע זאַך כמעט, וואָס האָט אים אינטערעסירט אין די צייטונגען, זיינען געווען די „קאָמיקס״... ווען ער האָט צופעליק אַמאָל פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן יידישקייט, האָט יענער דער־קלערט, אַז פאַר יעדן ראש השנה און יום־כפור מוז ער קויפן בילעטן אין שול פאַר זיך און דער פרוי און היט אויך שטאַרק אָפּ יעדעס מאָל „יזכור״.

— זייער פיין, — האָט באַרנשטיין העפלעך באַמערקט. אָבער ווען יע־נער איז אַוועק, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון קאָמענטירן אויף דעם פאַר דער פרוי.

— ווי גאָט פאָרט דאָס צונויף... — האָט ער חוזק געמאַכט פון דער קאָמבינאַציע — מיך און די שוואַרצעס...

— ווייסט ניט דאָס ווערטל? — האָט פרוי באַרנשטיין געפּרואווט מילדער מאַכן די זאַך: — די קו נעמט מען אַרויס און די שטאַל פאַר־ברענט מען...

— ביסט זיכער אין דעם? ווייסט ניט, אַז אַמאָל שפּאַרט זיך די קו איין און וויל ניט אַרויסגיין?...

— מילא, איך קען אַלץ ניט פאַרזאָרגן...

צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די מחותנים, און אַפילו מיט דער כלה אַליין, איז ביי זיי שיר ניט געקומען שפּעטער אין פאַרבינדונג מיט דער חתונה. די באַרנשטיינס האָבן ניט געוואָלט קיינע צערעמאָניעס, נאָר אַן איינפאַכע חתונה — זאָל זיין פאַר אַ רב, אויב עס מוז שוין אַזוי זיין — און נאָכדעם אַ שטילער מאָלצייט פאַר דער סאַמע נאָענטסטער משפחה. אַ גרויסע שמחה אין אַ זאַל האָבן זיי געפּלאַנירט אויף שפּעטער פאַר אַלע פריינט און קרובים. אָבער די מחותנים האָבן געוואָלט פונקט קאַפּויער: אַ חתונה מיט אַלע

טאַגן, מיט אַ רב און אַ זינגער, אַ חופה און אונטערפירער, און אַלע אַנדערע צערעמאָניעס, וואָס זיינען דאָ אין לאַנד איבערגענומען געוואָרן פון אַנדערע. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי ווילן די באָרנשטיינס גאָר אַנדערש. זיינען זיי גאָר קיין יידן ניט?... האָבן זיי ניט קיין אינטערעס צו מאַכן זייער איינציקן זונס שמחה וואָס גרעסער, וואָס פייערלעכער?... איבערהויפט, ווען אַלע אויסגאַבן זיינען אויף כלהס צד רעכענונג...

עס האָט ביי זיי אויסגעקוקט ווילד, ניט מענטשלעך...

די באָרנשטיינס האָט די גאַנצע זאַך שטאַרק געקרענקט. דורכמאַכן אָטדעם צערעמאָניאַל, וועלכער וואָלט זיי אַריינגעפירט אין אַן אַטמאָספערע, פון וועלכער זיי זיינען שוין לאַנג אַוועק, האָט זיי אויסגעקוקט ניט נאָר פרעמד און נאַריש, נאָר אויך ניט ערלעך, אַזוי ווי פאַררעטעריש צו זייערע אידעאַלן און דער גאַנצער איינשטעלונג פון זייער ביז איצטיקן לעבן. אַ צאָל פריינט זייערע וואָלטן זיי זיך גאָר געשעמט איינצולאַדן, ווייל יענע וואָלטן גאָרניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי זיי האָבן געקענט צושטימען דערצו.

אָבער מער ווי אַלץ האָט דער מוטער וויי געטאָן דאָס האַרץ פאַרן זון. ווי אַזוי וועט ער דאָס קענען דורכמאַכן? זי האָט געגלויבט, אַז זיין רעאַקציע צו דעם וועט זיין נאָך אַ שאַרפערע. אַ פאָר מאָל, ווען ער איז מיטגעגאַנגען מיט זיי צו חתונות אין דער משפחה, האָט ער נאָכדעם, קומענדיק אַהיים, שטאַרק חוזק געמאַכט פון דעם צערעמאָניאַל, וועלכער האָט אים אויסגעקוקט קאָמיש, און די מחותנים און אונטערפירער, מיט זייערע פראַקן און צילינדערס, עפּעס ווי אַקטיאָרן אין אַ מואווי. די גאַנצע זאַך האָט אים אויסגעקוקט ווי אַ טעאַטער־שפּיל, וועלכע ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, צוליב וואָס מען דאַרף דאָס.

און איצט וועט ער דאָס אַליין דאַרפן דורכמאַכן...

ווי דערשטוינט זיינען זיי געוואָרן, ווען סאַל האָט רעאַגירט אויף דעם גלייכגילטיק. זיי האָבן דאָס גאָרניט געקענט פאַרשטיין. באַלד אָבער איז די זאַך פאַר זיי קלאָר געוואָרן. ניט נאָר די מחותנים זיינען געווען פאַר אַזאַ סאָרט חתונה, נאָר מעקסין אַליין... ווען זי האָט דערהערט, אַז די באָרנשטיינס שטעלן זיך אַנטקעגן, האָט זי זיך שיר ניט צעוויינט... פאַרוואָס זאָל ביי איר זיין אַנדערש, ווי ביי אירע חברטעס? ווי ביי די אַלע אַנדערע מיידלעך, וואָס זי איז געווען אויף זייערע חתונות? וואָס איז בכלל דאָ שלעכטעס אין אַ שיינער צערעמאָניע?... איינמאָל מאַכט מען עס דורך אין אַ לעבן און עס בלייבט שפּעטער אַן אָנגענעמע דערינערונג פאַרן גאַנצן לעבן...

די באָרנשטיינס האָבן געזען, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו אַרגומענטירן

וועגן דעם: עס זיינען צוויי פאַרשיידענע וועלטן, פרעמד און אומפאַרשטענד־לעך איינע פאַר דער צווייטער. ווען זיי זאָלן מער וואָס זאָגן, וועט מען זיי באַטראַכטן ניט נאָר פאַר ווילדע, נאָר אויך פאַר משוגעים. דערגרייכן וועלן זיי סיי ווי גאָרנישט...

עס איז געבליבן, ווי דער אַנדערער צד האָט געוואָלט.

אויף זייער חתונה האָבן די באַרנשטיינס באַמיט זיך צו האַלטן ווי ווייט מעגלעך ווי צופרידענע מחותנים. די מוטער, איבערהויפּט, האָט געזען צו זיין פריילעך, זיך משמח געווען און געטאַנצט מיט אַלעמען. זי האָט ניט געוואָלט, עס זאָל בלייבן אַ ברעקל אויפן פּנים, וואָס זאָל אַרויסגעבן איר טיף־באַהאַלטענע אומצופרידנקייט.

אָבער קומענדיק אַהיים האָבן ביידע געפילט אַ פּוסטקייט. דאָס הויז, אַן סאַלן, איז געווען ליידיק און אויפן האַרצן איז אויך געווען פּוסט. פרוי באַרנשטיין איז געווען אַנטוישט. דעם גאַנצן לעבן האָט זי געהאָפט, אַז אויב זי האָט אַליין קיין טאָכטער ניט געהאַט, וועט סאָל עס איר ברענגען. צום סוף זעט זי, אַז עס איז בלויז געווען אַ חלום. אַ שנור האָט זי און זי איז די שוויגער... פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע...

דער פאָטער איז געווען נאָך מער דערשלאָגן און געפילט נאָך ערגער: אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ניט נאָר האָט ער קיין טאָכטער ניט גע־קראָגן, נאָר אויך נאָך דעם איינציקן זון פאַרלאָרן...

די שאַפּע מיט ביכער

זינט מרדכי בעלקין איז געקומען פון שפּיטאָל, וואו ער האָט זיך דריי וואָכן צייט געראַנגלט מיטן מלאך־המות גייט אים דער טויט פון זינען ניט אַרויס.

מרדכי — אַ מענטש אין די זיבעציקער — האָט פריער וועגן טויט קיינמאָל ניט געקלערט. שייך זאָגן, אַ מענטש ווייס, אַז ער דאַרף ווען־עס־איז שטאַרבן. אָבער, אַז דער טויט זאָל מעגלעך שטיין אַזוי נאָענט לעבן אים, וועגן דעם האָט ער קיינמאָל ניט געטראַכט. וואָרעם, פאַרוואָס האָט ער געזאָלט טראַכטן? אַז דער מענטש איז ביז דעמאָלט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געווען קראַנק. און כאָטש שוין עטלעכע יאָר, אַז ער האָט אויפגעגעבן די אַרבעט, איז ער נאָך אָבער אַלץ געווען אַקטיוו, קיינמאָל ניט דורכגעלאָזן קיין מיטינג אין זיין פאַראיין, און געזונט געגאַנגען אויף טרעפ, ווען מען האָט געדאַרפט באַזוכן אַ קראַנקן מיטגליד, אָדער אַזוי דורכפירן אַ שליחות.

טאָ ווען מען האָט געזאָלט איינפאַלן, אַז ער וועט זיך פּלוצלונג אַוועקלייגן מיט אַ שווערער פאַרקילונג און אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן שוועבן צווישן לעבן און טויט? העריבער טאַקע איז מרדכי אַזוי פאַרזאָרגט. די מעגלעכקייט פון שטאַרבן שטייט אים איצט אָפט פאַר די אויגן.

מרדכי שרעקט זיך ניט פאַרן טויט. ער ווייס: אַ מענטש מוז סוף־כל־סוף שטאַרבן. וואָס אים אַרט אָבער, איז גאָר אַן אַנדער זאַך: וואָס וועט זיין מיט דער שאַפּע ביכער, וואָס שטייט ביי אים אין עס־צימער?

דאַכט זיך, אַזאַ קלייניקייט. אָבער די שאַפּע שפּילט אין זיין לעבן פאַר די לעצטע יאָרן אַ וויכטיקע ראָליע. מען קען זאָגן, דאָס גאַנצע לעבן זיינס דרייט זיך אַרום דער שאַפּע. אַ שטילער קאַמף גייט־אָן אַרום איר. און איצטער, ווייזט אויס, שטייט אים פאַר דעם קאַמף צו פאַרשפּילן.

„וואָס וועט טאַקע זיין מיט דער שאַפּע ביכער?"

דער ענטפער איז פאַר אים קלאָר. ער זעט אים פאַר די אויגן: באַלד נאָך דער לוויה וועלן די קינדער זיינע זיך „נעמען" צו דער שאַפּע, אַרונטערשלעפּן זי אין קעלער, צעבראַזגען זי, און די ביכער לאָזן ליגן אין ווינקל, ביז עס קומט דער מאַן, וואָס נעמט צונויף די אַלטע צייטונגען און אַנדערע שמאַטעס און צוזאַמען מיט דעם וועט ער עס אָנפּאַקן אין זיין וואָגן און אַוועקפירן ערגעץ־וואו אויפן מיסט־פעלד... אָט־דאָס וועט זיין דער סוף פון זיין שאַפּע ביכער!...

אין בעסטן פאַל וועט די ווייב זיינע, שרה־גיטל, זיך אָפּבעטן ביי די קינדער:

— וואַרט־צו, קינדערלעך, כאָטש אַ פּאָר טעג. ניט שיין פאַר לייטן...

ער זעט עס אַזוי קלאָר, אַז עס איז ביי אים גאָר קיין צווייפל ניט, אַז אַזוי וועט עס זיין. און ווייל ער איז אַזוי זיכער אין דעם, דעריבער מאַטערט דאָס אים אַזוי, דעריבער פאַרנעמט דאָס אַזוי זיין געדאַנק.

ס'איז, אייגנטלעך, ניט נאָר די ביכער אַליין, וואָס גייען דאָ אָן מרדכין — זיכער דאָס אויך — נאָר, ניט ווייניקער אפשר, דער נצחון, וואָס די קינדער וועלן איבער אים אָפּהאַלטן. יאָרן־לאַנג געקעמפט מיט זיי — און סוף־כל־סוף פאַרשפּילט...

מרדכין דאַכט זיך, אַז עס איז אַפילו מער ווי דאָס. מיט די ביכער איז אַ גאַנצע וועלט פאַרבונדן, און מיט זייער אונטערגאַנג וועט נאָך, חלילה, די דאָזיקע וועלט אויך אונטערגיין... און דאָס איז פאַר מרדכין דאָס שרעק־לעכסטע!

ווי קומען צו מרדכי בעלקין ביכער? און נאָך אַ גאַנצע שאַפע ביי־כער? אַז מרדכי האָט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געלערנט, אין קיין שול ניט געגאַנגען, און ערשט נאָך מיט אַ צען יאָר צוריק האָט ער קוים גע־קענט איבערדראַפּען אַ ציטונג? ווי־זשע קומען צו אים ביכער?

איז דאָס פאַר זיך אַ גאַנצע מעשה.

כאָטש מרדכי איז געווען אַ פשוטער מענטש, וואָס האָט גאָרנישט געלערנט, האָט אָנגעהויבן אַרבעטן צו ניין יאָר, איז ער אָבער פעאיק גע־ווען צו פאַרשטיין זאַכן, און וואָס ער האָט אַליין גלייך ניט געקאָנט באַנעמען, האָט ער עס געכאַפּט שפּעטער, ווען עמעצער האָט עס פאַר אים צעקייט. מרדכי איז דעריבער געווען דער היפּוך פון זיין ווייב שרה־גיטל, וועלכע איז אין אַמעריקע געבליבן אָפּגעשטאַנען, קליינשטעטלדיק און פאַרגעזעצט די היימישע פירונגען. מרדכי דאַקעגן איז געווען פאַרגעשריטן, ליב געהאַט צו גיין און צו הערן, און אָנגעשלאָסן זיך אין אייניקע אָרגאַניזאַציעס.

איז אָט אין איינער פון די אָרגאַניזאַציעס געווען אַ מנהג, אַז צו יעדן מיטינג — געוויינלעך אַ פרייטאָג־צו־נאַכט — פלעגט איינער, אַ ספּעציעל פאַר דעם באַשטימטער, אויפטרעטן מיט אַ פּאָר ווערטער און אויפפאָדערן דעם עולם צו קויפן זשורנאַלן און ביכער, וואָס זיינען פאַר דער צייט צוגע־שיקט געוואָרן צו דער אָרגאַניזאַציע. דער מאַן האָט פון דעם גאָרניט גע־נאָסן פערזענלעך, דאָסגלייכן די אָרגאַניזאַציע. אָבער, ווייזט אויס, אַזביידע האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ וויכטיקער זאַך צו מאַכן דעם עולם צו לייענען. פלעגט דער מיטינג איבערגעריסן ווערן אויף אַ צען־פופצן מינוט און דער מאַן פלעגט דורכפירן זיין אַרבעט.

מרדכי האָט פאַר דעם קיין אינטערעס ניט געהאַט. זיינע הענט זיינען געוואוינט געווען צו אַרבעטן, אָבער זיין קאָפּ איז געווען צו האַרט פאַר די קליינע אותיותלעך. אין דער היימישער תלמוד־תורה, וואו מרדכי האָט געלערנט ביז ניין יאָר, האָט ער זיך קוים אויסגעלערנט דאַווענען, און אַ צייטונג קוים איבערצולייענען האָט ער זיך ערשט אויסגעלערנט דאָ אין לאַנד. איז פון וואַנען האָט ער געזאָלט האָבן אַן אינטערעס אין ביכער? ניט ער וואָלט געקענט איבערלייענען אַ בוך, ניט דאָס האָט אים אינטערע־סירט. דער מאַן, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין דער אָרגאַניזאַציע, „דער קולטור־דירעקטאָר״, האָט אַ פּאָר מאָל אַפילו געפּרואווט צוגיין צו מרדכין און פאָרלייגן אים אַ זשורנאַל, אָדער אַ בוך. אָבער זעענדיק, אַז מרדכי שאַרט זיך אָפּ פון דעם, איז ער צו אים מער ניט צוגעגאַנגען.

אָבער איין מאָל ביי אַ מיטינג, ווען עס איז געקומען צו דעם טייל פונעם אָוונט, האָט זיך גענומען טומלען. עפּעס האָט מען אַרויפגעבראַכט גרויסע קאַסטנס, אויפגעפּאַקט זיי און גענומען אַרויסנעמען ביכער. דער עולם האָט זיך גענומען כאַפּן די ביכער.

מרדכי איז געבליבן זיצן אויף זיין אָרט און צוגעקוקט זיך, ווי דער עולם שפּאַרט זיך אין געדרענג. ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וואָס איז דעם מאָל אַנדערש ווי אַלע מאָל. באַלד האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן צוריקקערן, יעדערער מיט אַ בוך אין האַנט, מיט אַ שיינענדיקן צופרידע־נעם פּנים, ווי אַ גליק וואָלט אים געטראָפן. כמעט יעדערער האָט גענומען באַקוקן זיין בוך, באַטאַפּן עס, דורכבלעטערן עס און דורכוואַרפן זיך מיט צופרידענע באַמערקונגען מיט די אַרומיקע שכנים. מרדכי האָט געקוקט און זיך געוואונדערט.

ווען דער טומל איז געווען אַריבער, האָט דער מאַן, וועלכן מען האָט גערופן „קולטור־דירעקטאָר״, זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט:

— נו, יעדערער האָט אַ בוך? ווער עס וויל קען נאָך קריגן. אינגאַנצן אַ קוואָדער אַ ביכל... שטעלט אייך פאָר, שלום עליכם פאַר אַ קוואָדער!... פאַר עטלעכע דאָלער וועט איר מיט דער צייט האָבן דעם גאַנצן גאַנג, אַלע ביכער שלום עליכמס...

אייניקע, וואָס האָבן, וויזט אויס, פריער געקווענקלט זיך, זיינען צו־געגאַנגען און גענומען ביכלעך.

דער מיטינג איז ווייטער אָנגעגאַנגען און דער מאַן איז שטילערהייט צוגעגאַנגען צו מרדכין און צוגעזעצט זיך צו אים.

— נו, וואָס, פריינט בעלקין, איר זייט טאַקע איינגעשפּאַרט?... באַ־רעכנט: אַ שלום עליכם־בוך פאַר אַ קוואָדער, פאַר איין קוואָדער!... נאָר אַדאַנק אונדזער אָרגאַניזאַציע איז דאָס מעגלעך געווען דורכצופירן...

— עס איז נישט די פראַגע פון דעם קוואָדער, — האָט מרדכי, ווי פאַרענטפערנדיק זיך, געזאָגט, — אַז איך לייען קיינמאָל קיין ביכער ניט....

— אָבער דעם וועט איר לייענען, — האָט יענער געפּרוווט אים איבעררעדן. — און ניט נאָר לייענען, נאָר טאָקע אויך הנאה האָבן. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין מענטשן, וואָס זאָל ניט הנאה האָבן פון שלום עליכמען... פאָלגט מיך, פריינט בעלקין, נעמט אַ ביכל...

מרדכין איז געוואָרן ניט אַנגענעם. ער האָט זיך געשעמט זאָגן, אַז ניט נאָר האָט ער ניט קיין אינטערעס פאַר ביכער, נאָר ער קען זיי פּשוט ניט לייענען...

ער האָט אַ סעקונדע אַ טראַכט געטאָן: וואָס איז אַ קוואָדער? זאָל דוכטן, מען גייט צו אים צו בעטן אויף עפּעס, וואָלט ער דען אָפּגעזאָגט?

און מרדכי האָט אַרויסגענומען אַ קוואָדער און באַצאָלט פאַרן ביכל.

— אָבער לייענט אים איבער, פריינט בעלקין, — האָט יענער צופרידן באַמערקט, — איר וועט זען, איר וועט נאָך ביי מיר קויפן דעם צווייטן באַנד און דעם דריטן...

מרדכי האָט גענומען דאָס ביכל און גייענדיק אַהיים, געטראָגן עס, ווי אַ פרעמדע אומבאַקאַנטע זאַך, פאַר וועלכער מען שרעקט זיך אַ ביסל.

אַז ער איז אַריינגעקומען אין הויז און די ווייב זיינע, שרה־גיטל, וועלכע איז שוין געלעגן אין בעט, האָט באַמערקט, ווי ער האָט זיך אַ שאָר געטאָן פאַרביי שופלאָד און שטיל, ווי בגנבה, עפּעס אויף אים אַוועקגעלייגט, איז זי געוואָרן טשיקאַווע און איז אַראָפּ אַ קוק טאָן.

זי האָט אָנגעקוקט דאָס ביכל, ווי מען קוקט אָן אַ פרעמדע זאַך, צו וועלכער מען איז ניט געוואוינט, און געפרעגט מרדכין:

— וואָס איז דאָס? וואו האָסטו דאָס גענומען?

— איך האָב עס געקויפט ביים מיטינג, — האָט מרדכי פאַרשולדיקט געענטפערט, — איינגאַנצן אַ קוואָדער...

— צו וואָס דאַרפסטו דאָס? — האָט אים די ווייב פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, — ווייניק זאַכן וואַלגערן זיך אַרום אין שטוב? נאָך געדאַרפט אַ קוואָדער צוצאָלן דערצו?

— נו, וואָס איז? — האָט זיך מרדכי געפּרוווט פאַרענטפערן, — אַז עס וועט ליגן, וועל איך דאָס אפשר אַמאָל נעמען אין האַנט און אַריינקוקן... זאָל דוכטן, ביי דיר דער טייטש־חומש...

— קענער מיינער! — האָט שרה־גיטל גענומען פון אים חוזק מאַכן, — אָפּריער לערן זיך כאָטש אויס די ציטונג רעכט איבערלייענען...

דאָס האָט שוין פאַרדראָסן מרדכין. חוזק מאַכן פון זיינער אַ שוואַכקייט, אין וועלכער ער איז גאָרניט שולדיק? וואָס האָט ער געקענט העלפן,

אַז זיין מוטער איז געוועזן אַן אָרעמע אַלמנה און צו ניין יאָר האָט ער געמוזט אַרויס פון תּלמוד־תּורה און אַוועק צו בערע דעם סטאָליער פאַר אַ לערן־ייִנגל? דאַרף מען דאָס איצטער דערמאָנען און אָפּלאַכן פון אים?

אין מרדכין איז אַריין אַ טראַגיקייט, אַן עקשנות. ווען שרה־גיטל איז אַוועק אויף מאָרגן, שבת, אין שול, האָט מרדכי גענומען דאָס ביכל און געפּרוּווט עס לייענען. ער האָט זיך פאַר דעם צוערשט שטאַרק געשראָקן, ניט געוואוינט געווען צו האַלטן די נייע זאַך אין די הענט. אָבער ביס־לעכווייז האָט ער עס בייגעקומען. די עקשנות אין אים האָט צוגעגעבן קוראַזש:

— ווייז איר, שרה־גיטלען, וואָס דו קענסט, און זאָל זי ניט חוזק מאַכן פון דיר. פון אַ מאַן לאַכט מען ניט...

ווען מרדכי איז איבערגעקומען דעם ערשטן קאַפּיטל, איז ער געווען באַגאָסן מיט שווייס. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט גע־גאַנגען באַרג־אַרויף און געטראָגן אַ שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס. אָבער ער האָט געטראַכט, אַז דעם צווייטן מאָל וועט אים זיין גרינגער. מיט עקש־נות און איינגעשפּאַרטקייט האָט ער דעם זעלבן קאַפּיטל גענומען לייענען אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל. עס האָט גענומען גיין אויף אַ וועג.

צוערשט האָט מרדכי כמעט גאָרניִשט פאַרשטאַנען, וואָס ער לייענט, געווען איינגאַנצן פאַרשלונגען מיטן פּראָצעס פון איבערלייענען ווערטער און צוזאַמענהאַלטן שורות און זאַצן. באַלד האָט ער אָנגעהויבן כאַפּן דעם אינהאַלט. די גאַנצע זאַך האָט אים אויסגעקוקט מאָדנע שפּאַסיק. אין אייניקע פּלעצער האָט ער זיך אַפילו פאַנאַנדערגעלאַכט.

ער איז געווען שטאַרק צופרידן. עס האָט אים טאָפּלט הנאה געטאָן: סיי דאָס, וואָס ער וועט קאָנען ווייזן שרה־גיטלען, אַז זי האָט אומזיסט געלאַכט פון אים, סיי דאָס, וואָס ער האָט גאָרניט געטאָן קיין נאַרישקייט, וואָס ער האָט עס געקויפט. דער מאַן איז טאַקע גערעכט געווען...

אַז שרה־גיטל איז געקומען פון שול און ביידע האָבן אָפּגעגעסן מיטאָג, האָט מרדכי געלאָזן, ווי עס וואָלט גאָרניט געווען קיין באַזונדערע גע־שעעניש ביי אים, זיך אָנגערופן:

— ווייסט, שרה־גיטל, אפשר זאָל איך גאָר לייענען אַ ביסל פונעם ביכל, וואָס איך האָב נעכטן געקויפט? דער מאַן ביים מיטינג האָט עס שטאַרק געלויבט...

שרה־גיטל האָט אָנגעקוקט מרדכין סיי מיט פאַרוואונדערונג, סיי מיט חוזק:

— נו, אדרבא, לייען אויב דו קענסט נאָר...

מרדכי האָט פּאַמעלעך גענומען דאָס ביכל אין האַנט, כדי ניט צו

ווייזן דער ווייב, אַז ער איז שוין, אײגנטלעך, אַ געניטער אין דעם ענין, און אַז ער האָט זיך פריער פאַר דעם גוט צוגעגרייט. ער איז געוואָרן שטאַרק אויפגעלעבט, אַ רויטקייט איז אים אַריין אין פנים, און מיט חשק, כּאָטש פאַמעלעך, האָט ער זיך גענומען פאַרלייענען פאַר דער ווייב. ער האָט געלייענט הויך, מיט אַ ניגון און מיט אַ טראָפּ, ווי מען לייענט די הפטורה, דעם קאָפּ און די אויגן אַריינגעטאָן אין ביכל. נאָר פון צייט צו צייט, ביים ענדע פון אַ פּאַראַגראַף, אָדער זייטל, האָט ער בגנבה אַ קער געטאָן די אויגן פון ביכל צו כאַפּן דעם איינדרוק, וואָס זיין לייענען מאַכט אויף שרה־גיטלען. ער האָט באַמערקט, ווי זי זיצט מיט אַן אָפענעם מויל און ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן און גאַפט. ער איז נאָר ניט זיכער גע־ווען, צי איז דאָס אינגאַנצן פון איבערראַשונג פון זיין לייענען, אָדער אויך טיילווייז פונעם סיפור המעשה, פונעם ביכל, הייסט עס...

אַז ער האָט געענדיקט לייענען, האָט ער, אינגאַנצן צערויטלט, נצחונ־דיק אַוועקגעלייגט דאָס ביכל, און שטאַרקנדיק זיך צו דערשטיקן די אינע־ווייניקסטע אויפרעגונג און האַלטן זיך, ווי ווייט מעגלעך, גלאַסן, ווי די גאַנצע זאַך וואָלט גאָרניט געווען קיין באַזונדערע געשעעניש פאַר אים, געפרעגט שרה־גיטלען:

— נו, ווי געפעלט דיר די מעשה? איז ניט ווערט געווען צו באַ־צאָלן אַ קוואָדער?

שרה־גיטל איז נאָך אַלץ געזעסן מיט אַן אָפענעם מויל, אַ פריטשמע־ליעטע, ווי געטראָפן פון אַן אומגעריכטן קלאַפּ. מרדכי האָט געדאַרפט די זעלבע פראַגע איבערחזרן אַ צווייטן מאָל, ביז זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערמיט געוויזן, אַז זי הערט אים.

אַ סעקונדע האָט זי זיך געקווענקלט, אָבער באַלד איז זי געקומען צו זיך:

— אַ גוטער לץ, ווייזט אויס, אָט דער שרייבער דיינער... מען דאַרף האָבן אַ מיניסטערסקע קאָפּ...

מרדכי איז געבליבן צופרידן: ער האָט באַצאָלט דער ווייב פאַר איר חוזקן איבער אים...

אָט דאָס איז געווען דער אָנהייב.

דער מאַן דאָרט ביי די מיטינגען האָט ניט אָפּגעלאָזן. אַז מרדכי איז געקומען צום צווייטן מאָל, איז יענער צו אים צוגעגאַנגען און מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— נו, פריינט בעלקין, האָט איר כאָטש קיין חרטה ניט, וואָס איר האָט געקויפט דאָס ביכל?

— חרטה? — האט בעלקין כמעט שטאָלץ געענטפערט; — פאַרקערט... מיין ווייב און איך האָבן געלעקט די פינגער פון דעם...

— אויב אַזוי בין איך זייער צופרידן, וואָס איך האָב אייך צוגע־רעדט, — האָט דער קולטור־דירעקטאָר שוין ערנסט געזאָגט. און ווערנ־דיק נאָך ערנסטער און וועדנדיק זיך צו מרדכין ווי צו אַ גלייכן, מיט איבערהצייגונג באַמערקט: — הלוואי וואָלטן אַלע מענטשן געלייענט, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט גאָר אַנדערש אויסגעקוקט...

פון דעמאָלט אָן האָט דער קולטור־דירעקטאָר שוין מער ניט גע־דאַרפט איבערצייגן מרדכין. ער האָט געהאַט אַ זיכערן צוטריט צו אים. יעדעס מאָל, ווען אַ נייער באַנד פון שלום־עליכם פלעגט אָנקומען, פלעגט ער עס צוטראָגן מרדכין מיט אַ מינע פון זיכערקייט, אַז יענער וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו נעמען עס. און מרדכי האָט ווירקלעך ניט נאָר ניט אָפּגעזאָגט זיך, נאָר אַפילו אַליין אַ סך מאָל צוגעגאַנגען צום טישל, וואו אַנדערע האָבן זיך געשפאַרט, און געוואַרט, ביז עס וועט צוקומען צו אים. ער האָט זיך געשעמט זאָגן דעם קולטור־דירעקטאָר, אַז ניט נאָר וועט ער גערן קויפן ביי אים, נאָר אַז ער דערוואַרט זיך אַפילו קוים, ביז אַ נייער בוך גייט אַרויס. ער געדענקט זייער גוט, ווי יענער איז צו אים פריער אַ סך מאָל צוגע־גאַנגען און ער האָט אים יעדעס מאָל אָפּגעזאָגט, ביז יענער האָט אים אָנגע־הויבן אויסמיידן. איצטער באַמערקט מרדכי, ווי יענער קוקט גאָר אויף אים פריינטלעכער, באַגעגנט אים יעדעס מאָל מיט אַ שמייכל און זוכט אַריינצוּוואַרפן אַ באַמערקונג, אָדער אַ שפּאַס. באַזונדערס, ווייזט אויס, איז ער צופרידן פון דעם, וואָס ניט נאָר קויפט ביי אים מרדכי די ביכער, נאָר לייענט זיי טאַקע אויך.

און, ווירקלעך, מרדכי איז אַזוי אַריינגעצויגן געוואָרן אין שלום־עליכמען, אַז ער האָט אַ סך זאַכן איבערגעלייענט צו עטלעכע מאָל, באַמיט זיך איינצוחזרן און פאַרגעדענקען די ווערטלעך זיינע, און פרוּווט זיך אַפילו אָפּט צו באַנוצן מיט זיי. ווען שרה־גיטל וויל אים אַמאָל אַ שטאָך טאָן, זאָגט זי אים אַריין:

— ס'איז ניט דיין חכמה, ס'איז יענעמס — ווי הייסט ער דאָרטן...

— אדרבא, פאַרוואָס נעמסטו עפּעס ניט איבער פון אים? — בלייבט מרדכי איר ניט שולדיק, — איך וואָלט דווקא געווען צופרידן...

זינט מרדכי האָט זיך בעסער אויסגעלערנט לייענען און פאַרשטיין, איז ער גאָר געוואָרן אַ פאַרקאַכטער אין שלום־עליכמען. ער האַלט פון אים, ווי פון אַ גאָט:

— אַזאַ חכם, אַזאַ וועלט־מענטש, אפשר ניטאָ קיין גלייכן צו אים...

היינט זיין באַשרייבן אַ מענטשן! זיינע ווערטלעך! זיינע אַריינזאָגעכצן!...
עס איז דאָך יעדן וואָרט זיינעם צו צעקושן...

מרדכי פילט אַ שטאַרקע דאַנקבאַרקייט צו שלום־עליכמען ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס ער האָט אַזוי שיין און קלוג געשריבן, מיט אַזוי פיל שפּאַס און הומאָר, אַז עס גלוסט זיך ממש לייענען נאָך און נאָך אַמאָל, נאָר אויך דערפֿאַר, וואָס — ווי מרדכי פילט — ער האָט אים פּשוט אויסגעמענטשלט, געמאַכט צו לייטן גלייך. ביז איצט, ווען פֿאַרן מיטינג, צי נאָכן מיטינג, פֿלעגן מענטשן שטיין און רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן — אַן אַרטיקל אין צייטונג, אַן אַרויסטריט פֿון אַ באַוואוסטן שרייבער, אָדער עפּעס ענלעכעס — פֿלעגט ער, מרדכי, גאָרניט האָבן וואָס צו זאָגן. עס האָט אים גאָרניט איבּ־טערעסירט. אַז ער פֿלעגט צולייגן אַן אויער און דערהערן וועגן וואָס מען רעדט, פֿלעגט ער זיך אָפּרוקן און אַוועקגיין. עס איז געווען ניט פֿאַר אים. איצט קען ער בלייבן שטיין צו גלייך מיט אַלע, און אויב ניט אַלע מאָל קען ער אַריינוואַרפֿן זיינס אַ וואָרט, קען ער אָבער ווינציקסטנס הערן, וואָס אַנדערע זאָגן. ער האָט טאַקע אויך געקראָגן אַן אינטערעס פֿאַר דעם.

נאָך מער ווי דאָס. ער ווייסט, אַז זינט ער האָט אָנגעהויבן לייענען, איז ער בכלל אַן אַנדער מענטש געוואָרן. האָט געקראָגן אַ ברייטערן קוק אויפֿן לעבן. ווייזט אויס, אַז דער קולטור־דירעקטאָר איז גערעכט געווען מיט זיין באַמערקונג, אַז ווען אַלע מענטשן וואָלטן געלייענט, וואָלט די גאַנצע וועלט גאָר אַנדערש אויסגעקוקט...

מרדכי באַנוגנט זיך שוין ניט בלויז מיט שלום־עליכמען. ער קויפֿט אַלץ, וואָס ווערט פֿאַרקויפֿט ביים מיטינג: ביכלעך, פּאַמפֿלעטן, זשורנאַלן... ער באַמיט זיך אַלץ איבערצולייענען. נישט אַלץ פֿאַרשטייט ער. איבער־הויפּט איז אים שווער צו פֿאַרשטיין, ווען עס איז געשריבן אין קורצע שורהלעך — ווי זיי רופֿן עס: לידער. אָבער צוליב דעם, וואָס ער פֿאַר־שטייט עס ניט, איז ער עס ניט מבטל. אַמאָל וואָלט מרדכי געזאָגט אין אַזאַ פֿאַל: „צוליב וואָס דאַרף מען עס, אַז קיינער פֿאַרשטייט עס ניט?..." היינט האָט מרדכי רעספּעקט פֿאַרן געדרוקטן וואָרט אין אַלע זיינע פֿאָרמען. פֿאַר־קערט, מרדכי האָט באַקומען אַזאַ יראת הכבוד פֿאַר שרייבער און ביכער, אַז וואָס ווייניקער ער פֿאַרשטייט זיי, אַלץ מער דרך־ארץ האָט ער פֿאַר זיי, אַלץ מער רעספּעקט רופֿן זיי אַרויס ביי אים. דאָס ווייזט, אַז זיי זיינען אַזוי קלוג, אַז ס'איז איבער זיין פֿאַרשטאַנד...

— ווי קום איך צו פֿאַרשטיין אַזעלכע מענטשן און אַזעלכע ביכער? — טראַכט ער ביי זיך — מ'שטיינס געזאָגט, מיט מיין ביסל עברי, וואָס איך האָב אַמאָל אויסגעלערנט אין תלמוד־תורה?

די צרה איז נאָר מיט דעם, וואו האַלט מען אַזוי פיל ביכער? זיי ליגן

שוין אומעטום און פאַרנעמען פּלאַץ וואו מען דאַרף ניט. שרה־גיטל שטעכט אים מיט דעם. ביי איר איז דאָס גאָר אַן איבעריקע זאַך. ער פילט, אַז ס'איז ניט אַזוי איר גרינגשעצונג פאַר ביכער און איר אומוויסנקייט בכלל, ווי איר פאַרדראָס איבער זיין אינטערעס פאַר דעם. זי אַליין האָט גאַרניט קיין אינטערעס צו אַזעלכע זאַכן. אַ סך מאָל האָט ער געפּרוּווט לייענען פאַר איר, אָבער — אָדער זי איז איינגעשלאָפן, אָדער זי האָט אים איבער־געלאָזן אינמיטן און אַוועק אין קיך צו אירע טעפּלעך... אפילו שלום־עליכמען פאַרשטייט זי ניט. זי באַטראַכט אים פאַר אַ גרויסן לץ, אַ גרויסן אַפּלאַכער... ביי זיי אין שטעטל, זאָגט זי, איז אַמאָל אויך געווען אַזאַ ייד... פאַרדריסט דאָס איר, וואָס מרדכי איז אַזוי אַריינגעטאָן אין זיינע ביכער. שטעכט זי אים און וואַרפט זיך אום מיט די ביכער.

מרדכין פאַרדריסט אויך, וואָס די ביכער ליגן אַנגעוואָרפן, אַ סך מאָל אויף דער ערד, און נעמען זיך דורך מיט שטויב. אַזעלכע טייערע ביכער, נייע ביכער — און ווערן צעפרעסן פון שטויב. ביי אים איז עס ווי אַ חילול הקודש...

האָט ער זיך איין מאָל געקלאָגט פאַרן קולטור־דירעקטאָר וועגן דעם און געפרעגט אַן עצה. האָט דער קולטור־דירעקטאָר אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז דאָס זאָל זיין די לעצטע דאגה.

— אַ קלוגער ייד גיט זיך אַן עצה, — האָט ער האַלב אין שפּאַס און האַלב מיט אַ טאָן פון אַ געניטן אין די ענינים, געזאָגט: — איר ווייסט, וואָס מען טוט? מען לאָזט זיך אַרויס איבער די קראָמען, וואו מען פאַר־קויפט געניצטע מעבל, וועט איר פאַר עטלעכע דאָלער זיך איינהאַנדלען אַ שאַפּקע. אַי איר וועט האָבן נאָך אַ שטיקל מעבל אין הויז, אַי די ביכער וועלן זיך ניט אומוואַלגערן פאַרשטויבט...

— אַ שאַפּע מיט ביכער איז אַ צירונג אין הויז, — האָט ער שוין ערנסטער צוגעגעבן.

מרדכי האָט גענומען זיין עצה און איז אַוועק און געקויפט אַ ביכער־שאַפּע. אמת, צי צוליב אומגעניטקייט, צי ווייל עס איז בשעת־מעשה קיין קלענערע ניט געווען — די שאַפּע איז אַרויסגעקומען אַ ביסל צו גרויס. דערפאַר אָבער האָבן די ביכער זיך אויסגעשטעלט רחבותדיק און עס איז געבליבן פּלאַץ פאַר נאָך און נאָך...

מרדכי האָט אַנגעקוואָלן קוקנדיק, ווי די ביכער שטייען אויסגע־שטעלט גאָר ווי די פּרינצן, ווי ביי די אמתע געלערנטע לייט.

אָבער דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן מרדכיס צרות.

ווען מען האָט די שאַפּע געבראַכט אין הויז און מרדכי האָט אָנגעג־

וויזן דעם מאַן וואו אוועקצושטעלן עס אין עס־צימער, איז שרה־גיטל געוואָרן אַן אויפגעקאָכטע:

— וואָס האָסטו עס געקויפט די גרויסע באַנדורע? זי זאָל פאַרנעמען דעם גאַנצן עס־צימער?

— באַנדורע גאָר? — האָט זיך מרדכי דערפילט באַליידיקט, — עס איז אַ שאַפע פאַר די ביכער. ווי לאַנג נאָך דאַרפן זיי זיך אומוואַלגערן אין אַלע ווינקלען פאַרשטויבטע?

— פראָפעסאָר מיינער, ביכער מוז עס האָבן!

מרדכי האָט זיך געפילט באַליידיקט:

— און אַז ניט קיין פראָפעסאָר, טאָר מען שוין קיין ביכער ניט האָבן? זיינען אַלע דאָרט ביים פאַראיין, וואָס קויפן ביכער, פראָפעסאָרן? וואָס שטעכט עס איר אַזוי שטאַרק אין די אויגן? מיט וואָס איז זיין שאַפע אַ גרעסערע באַנדורע, ווי די גלעזערנע שאַפע דאָרט, וואָס שטייט ביים וואַנט? אָדער ווי דער גרויסער קיילעכדיקער טיש, וואָס שטייט אין מיטן צימער? פונדעסטוועגן פאַלט גאָר קיינעם ניט איין, אַז זיי פאַרנעמען צופיל פלאַץ, און זיינען קיינעם ניט גרויס אין די אויגן...

אַזוי האָט ער זי געוואָלט פרעגן. ער האָט אָבער אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און ווייך געזאָגט:

— נאַרעלע, מיט דער שאַפע וועט זיין געראַמער, ווי אָן דער שאַפע. אַז מען וועט צונויפנעמען די ביכער פון שופלאָד און אומעטום וואו זיי וואַלגערן זיך, וועסטו זען, אַז עס וועט ווערן אַ ליכט אין די אויגן...

און ווערנדיק נאָך ווייכער מאַכן דער ווייבס שטימונג, האָט ער אונטערקויפנדיק צוגעגעבן:

— און פאַר דיינע מחזורים איז שוין אויך לאַנג צייט געוועזן צו האָבן אַ פלאַץ און ניט לאָזן זיי וואַלגערן זיך אויפן שופלאָד...

— אַ שיינעם דאַנק דיר... מיינע מחזורים ווילסטו איך זאָל אַוועקלייגן לעבן דיינע — וואָס איך וויל פון מיין מויל ניט אַרויסברענגען?

זי האָט די לעצטע ווערטער געזאָגט נאָך מיט כעס און מיט פאַראַכטונג, אָבער מיט שוין געוויס מעסיקייט, אַז מרדכי זאָל שליסן, אַז אַ ביסל צייט וועט עס נאָך אין איר ברענען, אָבער סוף־כל־סוף וועט עס איבערברענען און זי וועט מאַכן שלום מיט דער שאַפע.

גאַנץ אַנדערש אָבער איז געוועזן מיט די קינדער זיינע, מיט די צוויי זין.

אַז מרדכי זיצט אַמאָל מיט זיך אַליין און טראַכט וועגן די קינדער זיינע, פילט ער, אַז עפּעס איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן אַ טעות מיט זיי. ער ווייס

ניט, ווער עס איז דעם טעות באַגאַנגען — ער, צי די צייט. נאָר, אַז אַ טעות איז באַגאַנגען געוואָרן, אין דעם איז ער זיכער.

וואָרעם, ווי קומט דאָס, וואָס ביי אַ יידן זאָלן אויפגעהאָדעוועט ווערן קינדער, וואָס האָבן אין זיך ניט קיין פונק יידישקייט און נישט קיין פונק מענטשלעכקייט? כאָטש צי זיך אויס פאַר זייערע אויגן, וועלן זיי דיר דעם מינדעסטן בליק ניט שענקען. אמתע „אַנטיסעמיטן”... ווי קומען זיי צו אים?

מרדכי פרוּאווט איבערגיין אין זיין זכרון אַלע זיינע עלטער־זיידעס און עלטער־באָבעס — אויך דער ווייבס, אויף וויפל ער האָט זיי געקענט — און אויפזוכן צווישן זיי איינעם, וואָס זאָל כאָטש מיט וואָס עס איז דער־מאָנען אין זיינע קינדער... וואָס ער זאָל קאָנען זאָגן: אָט, אין דעם זיינען זיי עס געראָטן... פון דעם האָבן זיי עס געירשנט...

ער פרוּאווט אַפילו צווישן ווייטערע קרובים זוכן, אָבער ער קען קיי־נעם ניט געפינען. טאַקע אַלע פּראָסטע מענטשן געווען, בעל־מלאכות, אָבער אַלע ערלעכע און שטילע. וועגן אַ סך וואָלט ער זיך געקאָנט ווינטשן, הלואי וואָלטן זיינע אייניקלעך געווען אַזוינע...

איז פון וואַנען האָבן זיך אַזוינע גענומען צו אים?

ער אַליין האָט זיי פריער גאָר אַזוי גוט ניט געקענט, ווי ער קען זיי איצטער. צי וויל ער אַליין איז געווען יינגער און שטענדיק פאַרנומען מיט מאַכן אַ לעבן? צי דערפאַר, ווייל זיי זיינען קיינמאָל אין הויז ניט געווען? אַריינגעכאַפּט זיך אויף אַ ווײַלע אין שטוב, אָפּגעשלונגען דעם עסן, און גלייך צוריק אין גאַס — מיטן באַל, מיט די שטעקנס?

צי אפשר האָט ער דעמאָלט גאָר אַנדערע אויגן געהאַט? גאָר אַנדערש געקוקט אויף זאַכן?

ווי עס זאָל ניט זיין, פילט ער, אַז די קינדער זיינען איצט ווי ניט זיינע... און זיי אַליין, ווען מען זאָל פרעגן, וואָלטן זיי זיך אויך ניט מסתמא געשעמט פאַרלייקענען דעם טאַטן...

דער מאַמען דולדעט מען נאָך ווי עס איז. מען ווייזט איר אַפילו צו־מאָל אַרויס איבערגעטריבענע געטריישאַפט, מעגלעך, כדי צו אונטער־שטרייכן דעם אונטערשייד...

זי רופט עס: גוטע קינדער, וואוילע קינדער... זי שטעכט אים נאָך און וואָרפט פאָר:

— מיט קינדער דאַרף מען וויסן, ווי צו האַנדלען. מען פאַרפרעמדט זיך ניט ביי זיי...

זי איז איבערצייגט, אַז זי איז דאָס די קלוגע, זי ווייס ווי צו האַנד־לען. ער אָבער דענקט אַנדערש וועגן דעם. ער האַלט, אַז די כלומרשטע

איבערגעגעבנקייט פון די קינדער צו איר, נעמט זיך ניט פון זייער ליבע צו איר, נאָר פון איר אָפּקויפן זיי — פון איר אונטערקויפן זיי מיט מאכלים, געשמאַקע פּאַטראַוועסלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן, מיט וואָס זי צייכנט זיך אַזוי שטאַרק אויס.

אַזוי איז זי אַ צוריקגעשטאַנענע, קליינשטעטלדיקע פרוי, וואָס איז דאָ געבליבן ביי דעם, מיט וואָס זי איז געקומען. זי האָט קיינמאָל ניט גע־וואָלט נאָכפאָלגן דעם מאַן און ווערן אַ ביסל פרייער, פאַרגעשריטענער. ווען עס קומט אָבער צום קאָנען קאָכן, באַקן, מעגן זיך ביי איר אַ סך יונגע און געבילדעטע קומען לערנען.

איז וואָס איז דער וואונדער, וואָס זי ווייס, ווי צוצוטרעפן די קינדער און די שניר מיט פּאַטראַוועס און מאכלים, וואָס קענען צוציען אפילו גרע־סערע פון זיי? וואָס זי ווייס, ווי איינצוקויפן זיך אין ליבע ביי זיי? אַ געשמאַקן ביסן האָבן אַלע ליב, און ווען יענע קומען, וואַרט שוין אויף זיי אַ פולע שטוב מיט טאָרטן און געבעקסן, קיכעלעך און קנישעקלעך, און אַנ־דערע געשמאַקע זאַכן, וואָס צעגייען זיך אין מויל...

כאַפּט מען זיך אַריין טאָקע פון צייט צו צייט און מען פאַרזוכט פון די אַלע גוטע זאַכן, און מען שפּילט דערביי די ראָליע פון געטרייע קינ־דער...

אים אָבער, דעם טאַטן, איגנאָרירן זיי... וואָס זאָגט ער, איגנאָרירן — זיי האָסן אים פשוט... באַזונדערס זינט ער האָט אָנגעהויבן לייענען די ביכלעך...

ער מאַכט ניט קיין טעות. ער האָט דאָס גוט באַמערקט...

וואָס, איגנאָרירן, אַז מען האָט זיי צו די ביכלעך, וואָס זיי אַליין קענען ניט לייענען און ווייסן ניט מיט וואָס מען עסט דאָס — ווייס ער ניט. אָבער ווי נאָר זייער בליק פאַלט אויף די ביכער, — האָט ער באַמערקט, — אַזוי ווערן זיי גלייך אָנגעצונדן און זיי זיינען גרייט מיט איין מאָל צו פאַרניכטן, סיי אים, סיי די ביכער...

וואָס עס שטעקט אין דעם, ווייס ער ניט. ער האָט זיך געפּרואווט אַריינטראַכטן און זוכן די אורזאַך, די סיבה. ווייזט אויס, אַז זיי זיינען גע־קומען צום שלוס, אַז אין די ביכער שטעקט עפּעס אַ געפאַר, אַז עס ליגט באַהאַלטן אין זיי אַ גרויסע סכנה...

ניט קיין געלעכטער... זינט זיי האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז זיי און ראַקעפעלער שטייען אויף איין ברעטל, זיינען זיי געוואָרן שונאים פון אַלץ, וואָס איז ניט גוט פאַר ראַקעפעלערן...

אַליין זיינען זיי קרעמער, פשוטע קרעמער, וואָס האַנדלען — איינער מיט וועש, דער צווייטער — מיט קליידער. קליינע ביזנעסלייט, הייסט עס.

אָבער מיינען מיינען זיי, אַז זיי געהערן צו איין חברותא מיט ראַקעפעלרן. וואָס עס איז גוט פאַר אים, איז גוט פאַר זיי, און וואָס עס איז שלעכט פאַר יענעם, איז אויך שלעכט פאַר זיי.

האָבן זיי אַפּנים באַשלאָסן, אַז יידישע ביכער זיינען שלעכט פאַר ראָקעפעלערן... אפשר זיינען זיי גערעכט. ווי האָט געזאָגט דער קולטור־דירעקטאָר: „ווען אַלע מענטשן וואָלטן געלייענט, וואָלט אפשר די וועלט גאָר אויסגעזען אַנדערש״...

ווי עס זאָל ניט זיין — דעם טאַטן באַטראַכט מען ווי אַ פרעמדן. מיטן טאַטן רעדט מען ווינציק. מען גייט פאַרביי, בורטשעט אויף שנעל אַרויס דעם „וואָס מאַכסטו?״ — און גלייך צו דער מאַמען. די מאַמע גיט אין אַלץ נאָך. מיט איר זיינען קיין מיינונג־פאַרשיידנקייטן ניטאָ. ביי איר קענען זיי אַלץ פועלן. זי שטעלט אַוועק אויפן טיש די פרישע אָפּגעבאַקענע פּירעזשקעס, אָדער די הייסע שמעקעדיקע לאַטקעס מיט גריוון — און שעפּט נחת, ווי די קינדער שלינגען עס...

דאָס איז דער עולם הזה אירער און דאָס איז איר עולם הבא...

אַמאָל, אַז ער זעט, ווי זי שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות צו האָווירן די קינדער, מאַכן פאַרטיק אין צייט און זען, אַז דער דיל זאָל גלאַנצן, אַן קיין שום שפּרינקעלע, פּרוּווט ער איינטענהן מיט איר:

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרנאַרישט? וואָס לייגסטו אַזוי אַוועק דאָס לעבן? גן־עדן וועסטו פון זיי האָבן? קדיש וועלן זיי נאָך דיר זאָגן? שטעלסט זיך פאַר, אַז אייבעלע וועט אויף אַ וואָך צייט צומאַכן דאָס געשעפט זיינס און זיך אַוועקזעצן שבעה נאָך דער מאַמען? אָדער סעמעלע וועט אַלע פרימאָרגן לויפן זאָגן קדיש נאָך דיר? פונקט ווי נאָך מיר...

אַמאָל ענטפערט זי אים גאָרניט און אַמאָל וואַרפט זי אים צו אַ פאַרמאַטערטע:

— וואָס גייט עס דיר אָן? דו טו, ווי דיר געפעלט, און איך וועל טאָן, ווי מיר...

אָט אַזוי קוקן אויס די באַציאונגען צווישן טאַטע־מאַמע און די קינדער.

טרעפט אָבער אַמאָל, אַז די קינדער זיינען דווקא פריינטלעך צו אים און זוכן דווקא יאָ צו רעדן מיט אים.

דאָס פּאַסירט, ווען אויף יענער זייט ים איז עפּעס ניט אין אָרדענונג, גייט ניט צו אַזוי גלאַטיק, ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין. די היגע צייטונגען צעשמירן עס אויף טעלערלעך און צעבלאָזן עס צען מאָל מערער.

די קינדער, וואָס האַלטן דעם טאַטן פאַר אַ געפערלעכן „קאָמיוניסט״, קומען צוגיין דעם מאָל גאָר אויפגעלעבטע, אויפגעלויכטענע.

מיט אַ כיטרען שמייכל כאַפּט מען זיך גאָר אַרום מיטן טאַטן, ווי מען וואָלט זיך קוים דערוואָרט אים צו זען. באַלד טאַקע גייט מען אַריבער צום רעכטן ענין:

— נו, טאַטע, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? דאָרטן ביי דיר, זאָגט מען, קערט זיך איצטער וועלטן: מען הענגט, מען שיסט...

מרדכי קען שוין זיינע קינדער און די שמחה זייערע איז פאַר אים ניט אומדערוואַרט.

דערשטיקנדיק אין זיך די קלענסטע אויפרעגונג, ענטפערט ער זיי אָפּ געלאַסן:

— נו, וואָס האָט איר געוואָלט? יעדן איינעם לויט זיין ווערט. ווער עס האָט זיך פאַרדינט אַ גאָלדענעם מעדאַל — קריגט אַ גאָלדענעם, און ווער אַ בלייענעם — קריגט אַ בלייענעם...

און מיט אַ שמייכל גיט ער צו:

— אַ שטריקל וואָלגערט זיך אויך ניט גלאַט אין גאַס — מען מוז עס זיך פריער פאַרדינען...

די קינדער בלייבן אויף אַ מינוט צעטומלט.

דערפאַר געפינט מרדכי אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט זיי.

עס טרעפט: דער צושטאַנד אין לאַנד איז ניט קיין געהויבענער, אַר־בעטער ווערן אַרויסגעוואָרפן פון זייערע שטעלעס, ביזנעס איז געבראָכן, די אויסזיכטן שוואַכע, די שטימונג אַ געדריקטע... דעמאָלט זוכט מרדכי צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט די קינדער.

די קינדער זוכן אים דעמאָלט גראָדע אויסצומיידן. נאָך מער ווי אַלעמאָל זוכן זיי אים פאַרבייגיין, ברומען אַרויס אונטער דער נאָז דעם „וואָס מאַכסטו?" און ווילן מיט דעם אָפּפּטרן. אָבער מרדכי לאָזט זיך ניט. ער זעצט זיך צו צו די קינדער, הויבט געטריי אָן אויסצופרעגן אויפן גע־זונט פון יעדן איינעם און, פאַרשטייט זיך, אַז ער מוז אויך אַרויפקומען אויף דער פראַגע: „ווי גייט עס עפּעס אין די ביזנעס?" דאָס לעצטן שמעקט זיי שוין גאָרניט. מען זוכט זיך אַרויסצודרייען ווי עס איז: בע־מע... אַהער־אַהין... אַ קלאָרן ענטפער מיידט מען אויס. ער אָבער האָט דערפאַר געהאַט זיין חלק נקמה און אָפּגערעכנט זיך פאַר אַ פריערדיקן מאָל...

אָט אַזוי גייט אָן די שפּיל צווישן טאַטן און קינדער — אַמאָל אַראָפּ אַמאָל אַרויף...

אָבער זינט ער האָט געקויפט די שאַפּע אין שטוב און אויסגעשטעלט די ביכער מיט די רוקנס פון פאַרנט, איז געוואָרן: הימל עפּן זיך!... פון דעם שטעכן זיך איז געוואָרן ניט אויסצוהאַלטן — באַשר די שאַפּע קוילעט זיי די קאַפּאָטעס! זיי קענען צוליב איר גאָר אין שטוב ניט אַריינקומען...

די שאַפֿע נעמט ביי זיי צו דעם גאַנצן פּלאַץ און לאָזט זיי אין ערגעץ זיך קיין ריר ניט טאָן... וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן: אַ קינד האָט זיך פאַרטשעפּעט און געפֿאַלן, ביי אַ דערוואַקסענעם האָט זיך דער בגד אַ ריס געטאָן, — אין אַלץ איז שולדיק די שאַפֿע... ווען ניט די שאַפֿע, וואָלט גאָר דאָס הויז אויסגעקוקט אַנדערש...

אים דאַרף מען ניט זאָגן: עס הייסט די שאַפֿע... אין דער אמתן מיינט מען דאָ גאָר די ביכער. אָט וואָס עס שטעכט זיי אַזוי און איז אַזוי גרויס אין די אויגן!

ווי עס זאָל ניט זיין, זינט ער האָט די שאַפֿע אַריינגעשטעלט, האָבן זיי אָנגעהויבן זעלטענער צו קומען. שייך זאָגן, מען ווערט דאָך דער מאַמעס מאכלים אינגאַנצן ניט פאַרוואַרפן — כאַפּט מען זיך אַריין פון צייט צו צייט אויף אַ ווײַלע, מען כאַפּט זיך אַרום מיט דער מאַמען, און דעם טאַטן באַמערקט מען אַזוי ווי ניט...

און די מאַמע, פאַרשטייט זיך, גייט נאָך נאָך די קינדער. זיינען זיי פריילעך, איז זי אויך פריילעך, און זיינען זיי צערייצט און פאַרביסן — איז זי אויך אַזוי...

ער קוקט אויף זיין שרה־גיטלען און טראַכט: גאָר ניט די אַמאָליקע שרה־גיטל... נאָר זי ברענט און בראָט, נאָר זי שטעכט אים, און נאָר זי וואָלט פון שטוב אַנטלאָפן — אַזוי ענג מאַכט איר די שאַפֿע...

— מילא, — האָט איר איינמאָל מרדכי געוואָלט איינשטילן, — אויב די שאַפֿע איז אַזאַ גרויסע און פאַרנעמט אַזוי פיל פּלאַץ, קאָן מען זי דאָך אַרויסשטעלן און קויפן אַ נייע — אַ קלענערע, אַ שענערע... פאַר די ביכער וועט זיין גענוג אַ קלענערע אויך...

— וואָס? — האָט שרה־גיטל זיך אָנגעצונדן מיט כעס, — אַ נייע שאַפֿע? ווי אַלט ביסטו דאָס, יונגערמאַנטשיק מיינער, וואָס דו קלייבסט זיך נאָך ערשט קויפן נייע מעבל? באַזאָרג זיך בעסער מיט עפּעס אַנדערש...

פאַר מרדכין איז איר ענטפער ניט געווען קיין וואונדער. ער האָט געוואוסט: עס איז ניט אַזוי די שאַפֿע, וואָס קוועטשט איר און די קינדער, ווי די ביכער אין דער שאַפֿע. די שאַפֿע, יענע שאַפֿע — די ביכער בלייבן די זעלבע...

אָט אַזעלכע צרות האָט מרדכי צוליב דער שאַפֿע.

אָבער, אַז עס זאָל קומען צו אַ מאָמענט, ווען עס זאָל האַלטן דערביי, אַז זיי וועלן ווערן די גאַנצע באַלעבאַטים איבער דער שאַפֿע און קענען מיט איר טאָן, וואָס זיי וועלן וועלן — וועגן דעם האָט ער פריער קיינמאָל ניט געטראַכט. ערשט איצט, נאָך דער קראַנקהייט, איז דאָס אים אויפן גע־

דאַנק געקומען. און זינט עס איז געקומען, לאָזט עס אים ניט רוען, לאָזט עס אים קיין נעכט ניט שלאָפן...

ער פּרואווט זוכן מיטלען, ווי צו באַזאָרגן, אַז זיי זאָלן איבער איר קיין שליטה ניט קענען האָבן. אָבער, וואָס קען ער צוטראַכטן? מיט אַ בר־מינן טוט מען, וואָס מען וויל...

ער ווייס: ער וואָלט אין פאַראיין ביי זיך זיכער געקענט געפינען עמעצן, וואָס וואָלט ביי אים מיט פאַרגעניגן צוגענומען די ביכער און אפשר די שאַפע אויך. עס וואָלט אפשר געווען ניט קיין שלעכטער פּלאַן. אָבער איין זאַך וואָלט דאָ ניט געטויגט: דער ווייב און די קינדער וואָלט טאַקע געוואָרן גראַמער, אָבער אים אַליין וואָלט געוואָרן ענגער — פּוס־טער... עס וואָלטן אים אָפּגעפּעלט זיינע קלוגע און געטרייע פריינט... אַזוי שטאַרק איינגעלעבט זיך מיט זיי, און פּלוצלונג — צעשיידט זיך...

און נאָך אַ זאַך. אַזוי לאַנג אָנגעפירט אַ קאַמף און צום סוף פאַרלירן אים, פאַרשפּילן... און צו וועמען? — צו נאַרישע קינדער, וואָס האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי שטייען אויף איין ברעטל מיט ראַקעפּעלערן, און אַז ביכער זיינען שעדלעך פאַר זיי, ווייל זיי זיינען שעדלעך פאַר אים... פּוסטע מענטשן! פאַרשטייען ניט דעם טעם פון קיין בוך...

ניין. דער פּלאַן טויג ניט. ער וועט מוזן זוכן עפּעס אַנדערש...

געפונען זיך אַליין

מיכל ברוידע איז געווען דער אַריסטאָקראַט פון שאַפּ. אַזוי האָבן די אַרבעטער גערעדט וועגן אים אין זיין אָפּוועזנהייט. ניט דערפאַר, ווייל ער זאָל האָבן געבלאָזן פון זיך, אָדער אַזוי געהאַלטן זיך גרויס ביי זיך, נאָר הויפּטזעכלעך צוליב זיין אויסזען: סיי זיין אויסזען און סיי זיין האַלטונג האָבן שטענדיק אַרויסגערופן אַפּשיי און געצוואונגען צו באַציען זיך צו אים מיט דרך־ארץ. די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן קיינמאָל ניט גערעדט צו אים אויף „דו” און האָבן זיך אַפילו צומאָל אויסגעהיט פון גראָבע ווערט־לעך און וויצן אין זיין אַנוועזנהייט. אפילו דער פאָרמאַן האָט זיך באַצויגן צו אים מיט רעספּעקט און אויסגעמיטן ווען עס איז אויפצוהויבן אויף אים אַ הויך קול, ווען ער איז געווען אַמאָל אין כעס, אָדער דאָס שטיקל אַרבעט איז אַרויסגעקומען ניט גלאַט. דאָס לעצטע האָט סיי ווי זעלטן פּאַסירט.

מיכל איז שטענדיק געווען נעט אָנגעטאָן, מיט אַ ריינער העמד און שיינעם קראַוואַט, זיין גרוילעך בערדל איז געווען פראַנצויזיש צוגעשאָרן און שטענדיק פאַרקעמט. אין גאַס וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן צו זאָגן, אַז דאָס איז אַ קלאָוקס־אָפּערעיטאָר. גיכער האָט ער אויסגעזען, ווי אַ פּראָ־פעסיאָנאַל.

פון דער היים איז מיכל געווען אַ ישיבה־בחור און געגרייט זיך צו ווערן אַ רב. שטילערהייט האָט ער אויך פאַרזוכט פון וועלטלעכע לימודים. אין אַמעריקע האָט ער קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אַוועק אין שאַפּ און ווערן אַן אָפּערעיטאָר ביי קלאָוקס. ער האָט שנעל שלום געמאַכט מיט דער לאַגע. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרגעבן די גראָבקייט פון די באַלעבאַטים און, אַ סך מאָל, אויך פון די אַרבעטער. ער האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו די פאַרשיידענע גראָבע וויצן, וואָס ווערן פון צייט צו צייט דערציילט אין שאַפּ, און צו די פאָרמען, ווי די אַרבעטער פאַרברענגען זייער פרייע צייט. אין דער מיטאָג־שטונדע איז ער געווייגלעך געזעסן באַזונדער און, עסנדיק זיין מאָלצייט, אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, אָדער אַמאָל אין אַ זשורנאַל. די אַרבעטער האָבן ביסלעכווייז דערפילט, אַז זיי דאַרפן זיך היטן מיט אַ גראָב וואָרט פאַר אים.

מיכל האָט זיך אין די שאַפּ־אַנגעלעגנהייטן און אין די אַנגעלעגנהייטן פון דער יוניאָן ניט געמישט. דאָס איז ניט געווען דערפאַר, ווייל ער זאָל דאָס האָבן באַטראַכט פאַר ניט פּאַסנד פאַר זיך, אָדער וועלן עס איבערלאָזן צו אַנדערע זיי זאָלן טראָגן אויף זיך זיין חלק, נאָר פשוט ווייל ער האָט

געוואָרפן אַן אומחן אויפן גאַנצן היגן לעבן באַלד ווי ער איז געקומען אַהער, און ביי דעם איז ער געבליבן. אַלץ אין לאַנד האָט אים אויסגעזען קאָרופּט און ניט עכט, יעדער איינער זוכט בלויז צו דינען זיינע אייגענע אינטערעסן און מיינט גאָרנישט קיין טובת הכלל, אַפילו ווען ער קריגט באַצאָלט דערפאַר. מיכל האָט זיך פשוט ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אויך דאָ קען זיין אידעאַליזם און גלויבן און איבערגעגעבנקייט צו אַ זאַך.

אין פּריוואַטן לעבן האָט זיך מיכל געפילט ניט גליקלעך. קיין איבע־ריקע פריינט האָט ער ניט געהאַט און צו קיין אָרגאַניזאַציע געהערן האָט ער ניט געוואָלט. אפילו צו די אייגענע קינדער האָט ער זיך געפילט פרעמד־לעך. זיי, אויסגעוואַקסן און דערצויגן דאָ אין לאַנד, האָבן געהאַט גאָר אַנ־דערע באַדערפעניש און אַנדערע באַפרידיקונגען. דער גאַנצער קוק זייערער אויפן לעבן איז געווען גאָר אַן אַנדערער. אַליין ניט קיין אַרבעטער, האָבן זיי אויך גענאָסן אַ גרעסערן חלק פון די באַקוועמלעכקייטן פונעם היגן לעבן. דאָס מאַטעריעלע איז געווען דאָס וויכטיקסטע פאַר זיי און יעדן גייסטיקן באַגריף פון לעבן און יעדן גייסטיקן ווערט האָבן זיי אויסגע־לאַכט ווי אַ מעגלעכן שונא פון זייער וואוילזיין. דעם טאַטן האָבן זיי באַ־טראַכט ווי אַ האָפענונגסלאָזן, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט אַהער זיינע „ווילדע" אידייען פון יענער זייט ים. זיי האָבן פאַרלאָרן די האָפענונג אין איבער־מאַכן אים ווען עס איז. מיכל האָט אויך פאַרלאָרן די האָפענונג ווען עס איז צו באַקערן זיי צו זיין באַגריף פון לעבן — און אַזוי זיינען טאַטע און קינדער געווען ניט נאָר ווי צווי פרעמדע, נאָר אויך ווי צווי קריגערישע לאַגערן. מיכל האָט זיי נישט גערן באַזוכט און געפילט זיך פרעמד צווישן זיי.

איינמאָל אין אַ זונטאָג איבדערפרי, ווען מיכל איז געזעסן ביים אָנבייסן, האָט זיך אין טיר דערהערט אַ קלונג פון גלעקל. מיכל איז געגאַנגען זען, ווער עס קלינגט אַזוי פרי. אין דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַן פון מיטעלן עלטער און אַן עלטערע פרוי. דער מאַן האָט געהאַט אַ פיינעם פנים מיט אינטעליגענטע שטריכן און קלוגע דערפאַרענע אויגן. ער האָט אויסגע־קוקט פון דעם זעלביקן עלטער, וואָס מיכל. די פרוי איז געווען עלטער, אָבער האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן מיט דער באַזונדערער איינ־פאַכקייט, וואָס איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר פנים. זיי האָבן זיך פאָר־געשטעלט ווי פאַרטרעטער פון אַ יידישער שול, וואָס פאַרשרייבט קינדער פאַר דער שול. מיכל האָט געענטפערט, אַז ער האָט ניט אַזעלכע קינדער און געוואָלט שוין צומאַכן די טיר, אָבער די צווי האָבן זיך פאַרהאַלטן:

— מיר פאַרשרייבן אויך דערוואַקסענע — אָט אַזעלכע ווי איר...

מיכל האָט זיך פאַרוואונדערט:

— אַזעלכע, ווי איך? צו וואָס דאַרפט איר זיי?...

דער מאַן האָט אים דערקלערט, אַז ביי דער שול עקסיסטירט אַ קולטור־קרייז פון עלטערן צוגלייך מיט ניט־עלטערן, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט אויפקלערן די יידישע קולטור צווישן די דערוואַקסענע, מיט באַקענען מיט איר די, וועלכע זיינען מיט איר ביז איצט ניט באַקאַנט געווען און דינט אויך גלייכצייטיק ווי אַ רינג אַרום דער שול און העלפט איר וואַקסן און אַנטוויקלען זיך.

מיכל מיט זיין שטענדיקן סקעפּטיציזם און אומצוטרוי האָט שוין גע־וואָלט אָוועקמאַכן דער קאָמיטעס רייד ווי די רייד פון פאַרשיידענע סעילס־לייט, וואָס קומען אַדווערטאַיזן זייער סחורה און האַלטן כסדר אין קלאַפּן אין די טירן. אָבער דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען אין טיר האָט אים פאַר־אינטערעסירט און דער פּרויס אויגן האָבן גערעדט מיט אַזויפיל ערלעכ־קייט, אַז מיכל האָט קיין העזה ניט געהאַט אָפּצופּטרן זיי מיט אַן אָפּזאָג און צומאַכן גלייך די טיר פאַר זיי. אַנשטאָט דעם האָט ער געזאָגט:

— קומט אַריין. וואָס ווען מיר שטיין ביי דער טיר...

ער האָט זיי איינגעלאַדן אין עס־צימער און געהייסן דער פרוי דער־לאַנגען קאַווע.

מיכל האָט זיך צערעדט מיט די צוויי. דער מאַן, האָט זיך אַרויס־געוויזן, האָט אויך געהאַט דעם זעלבן הינטערגרונט, וואָס מיכל: געלערנט אַמאָל אין דער ישיבה, געלערנט זיך שפּעטער אַלגעמיינע לימודים — און דאָ אין לאַנד אַריין אין שאָפּ. ער האָט אויך געהאַט זיינע איבערלעבונגען דאָ אין לאַנד, זיינע צווייפלען און שוועריקייטן, ער איז אָבער ניט פאַר־צווייפלט געוואָרן. אַנשטאָט אונטערצואוואַרפן זיך די יאוש־געפילן און זיצן מיט פאַרלעגטע הענט און וואַרטן אויפן אייגענעם סוף און דעם סוף פון דעם, וואָס אים איז טייער און ליב, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט נאָך אַזעל־כע ווי ער און איינגעשפּאַרט גענומען קעמפן קעגן דעם שטראָם. עס איז געווען שווער, אָבער עס איז ניט געווען אוממעגלעך. און איצטער, נאָך יאָרן ראַנגלען זיך, זעען זיי, ווי זייער מי איז ניט געווען קיין אומזיסטע. זייער אַרבעט ברענגט פּרוכטן. נאָך אפשר ניט אַזוי, ווי זיי וואָלטן גע־וואָלט, אָבער דאָך צופרידנשטעלנדיק. און איבערהויפּט: עס איז אינ־טערעסאַנטער געוואָרן צו לעבן... פריער האָט ער אויך געזען איינזייטיק דאָס היגע לעבן און איז געווען פאַרצווייפלט פון אומעט און אויסגאַנגס־לאָזיקייט. איצטער אָבער איז געוואָרן אַ סך גרינגער. עס זעט זיך גאָר אַנדערש און עס פילט זיך גאָר אַנדערש... אים אַליין קומט אויס צו אַרבעטן אין אַ קרייז פון מענטשן, וואו יעדער איינער איז איבערגעגעבן סיי צו דער אַלגעמיינער אַרבעט און סיי צו יעדן יחיד פון קרייז — און דער

גרעסטער פֿאַרגעניגן ביי אים איז צו דערוואַרטן זיך דעם אָונט פֿון דעם וועכנטלעכן מיטינג, נעמען די פרוי זיינע און פֿאַרברענגען דאָרטן עטלעכע אָנגענעמע שטונדן.

מיכל און זיין פרוי זיינען געזעסן און צוגעהערט מיט אָפֿענע מויל און אויערן. פֿאַר זיי איז דאָס געווען ניי און פֿאַרכאַפּנדיק. מיכל האָט צו־ערשט געוואָלט פֿאַרטיידיקן זיין שטענדיקן אומצוטרוי און ניט־גלויבן, אָבער עפּעס האָט זיך אים דאָס מויל ניט געעפֿנט. אַנשטאָט דעם האָט אים איצט באַרירט גאָר אַ נייער צווייפֿל — אַ צווייפֿל אין דער ריכטיקייט פֿון די אייגענע פֿריערדיקע געדאַנקען און איינגעשפּאַרטקייט.

ווען די קאָמיטע איז אַוועק האָט זיך מיכל געפֿונען אין אַ מאָדנער שטימונג: אי ער האָט געפֿילט אַ פֿאַרראַט אין זיך קעגן צענדליקער יאָרן פֿון איינגעשטעלטן גלויבן און דענקען, אי ער האָט געפֿילט, ווי איין רינג פֿון דער קייט, וואָס האָט אים פֿריער אַרומגענומען, האָט געפּלאַצט... ער האָט צוגעזאָגט דער קאָמיטע צו קומען צום מיטינג און באַשלאָסן צו האַלטן וואָרט.

אויף מאָרגן אָונט איז מיכל אַוועק. עס איז געווען ניט קיין גרויסער לאָקאַל אין אַן אַלטן טענעמענט־הויז מיט עטלעכע טרעפּלעך אַרונטערצו־גיין. פֿון איין זייט איז געווען אַ צימער פֿאַר די קינדער צו לערנען און פֿון דער צווייטער זייט אַ צימער פֿאַר מיטינגען און קולטור־אָונטן. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער פֿון פּרץ, מענדעלע און שלום־עליכם. ווען מיכל איז אַריינגעקומען זיינען שוין אַ פּאָר צענדליק מענטשן געווען דאָרט. אַלע זיינען געווען אויפֿגעלייגט און פֿריילעך געטומלט זיך. דער נעכטיקער מאַן פֿון דער קאָמיטע איז צוגעקומען צו אים און אים פֿריינטלעך באַגריסט. זיין פּנים האָט געשיינט פֿון צופֿרידנקייט און אויסגעדריקט דאַנק־באַרקייט צו מיכלען, וואָס ער האָט געהאַלטן וואָרט און איז טאַקע גע־קומען.

באַלד האָט דער פֿאָרזיצער — טאַקע דער לערער פֿון שול, — געעפֿנט דעם מיטינג. ער האָט דערקלערט, אַז היינט אָונט וועלן קיין שום אַנ־דערע פֿראַגן ניט אויפֿגענומען ווערן, נאָר בלויז אַ לעקציע פֿונעם פֿריינט בעקער. ער האָט באַגריסט די עטלעכע נייע מענטשן, וואָס זיינען געקו־מען צום מיטינג און פֿאָרזיכערט זיי, אַז דאָ וועלן זיי געפֿינען אַ געלעגנ־הייט אויסצולעבן זיך קולטורעל און באַפֿרידיקן זייערע גייסטיקע שטרע־בונגען. ער האָט גלייך פֿאָרגעשטעלט דעם פֿריינט בעקער.

אַלעמענס אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן מיט וואַרעמקייט. קענטיק, זיי

האָבן געוואוסט, ווער דער פריינט בעקער איז און געפילט, אַז ער פאַרדינט זייער וואַרעמקייט. עס האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום טיש דער זעלבער מאַן, וואָס איז נעכטן געווען ביי אים אַלס קאָמיטע. מיכל האָט זיך עטוואָס פאַרשעמט...

די טעמע איז געווען: „י. ל. פּרץ און זיין שאַפן.” דער רעדנער איז וויזט אויס געווען אַ געניטער לעקטאָר בכלל און ספּעציעל געניט אין דער טעמע. ער איז געשוואומען ווי אַ פיש אין וואַסער אין די שריפטן פון דעם גרויסן קינסטלער און ציטירט אויף אויסווייניק גאַנצע שטיקער פון אים. אין פאַרלויף פון אַ שטונדע צייט האָט ער אַזוי אַרומגענומען דעם גרויסן שרייבער און אַרויסגעבראַכט סיי זיין גרויסקייט אַן סיי זיין פּלאַץ אין דער ליטעראַטור, אַז ביי די צוהערער האָט קיין שום צווייפל ניט געקענט בלייבן וועגן יענעמס ווערט און באַדייטונג. צום סוף האָט ער נאָך פאַרגעלייענט איינס פון פּרצעס זאַכן, וואָס האָט אילוסטרירט און באַשטעטיקט דאָס, וואָס דער לעקטאָר האָט געזאָגט וועגן אים. דאָס פאַרלייענען איז געווען נישט ווייניקער אינטערעסאַנט, ווי די לעקציע אַליין.

דער לעקטאָר איז באַשאָנקען געוואָרן מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן. אַלעמענס אויגן האָבן אויסגעדריקט דאַנקבאַרקייט דעם, וואָס האָט זיי אויפגעקלערט אין אַ זאַך, מיט וועלכער זיי זיינען פריער ניט געווען באַקאַנט און וועלכער האָט זיי בכלל פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט זיין ריידן און געדאַנקען. מיכל האָט אָבער געטראַכט וועגן אַן אַנדער זאַך. ער האָט געטראַכט פון דער נייער געזעלשאַפט, אין וועלכער ער איז אַריינגעפאַלן. דאָס זיינען אויך געווען מענער און פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין שאַפּ, אָבער אַזעלכע אַנדערע ווי ער, וואָס האָט געלעבט בלויז מיט זיך אַליין. און די אַטמאָספערע — אַזאַ ריינע, אָנגעלאָדן מיט גייסטיקער רייכקייט און שיינקייט... און די מענטשן — מיט אַזאַ פייערל פון גלויבן אין די אויגן...

מיכל האָט געפילט, ווי עפּעס ברענט אין אים איבער, ווי עפּעס צעגייט זיך אין אים, ווי וואַקס אויפן פייער. ער האָט געפילט, אַז דאָס ברענט זיך איבער זיין אומצוטרוי, זיין סקעפּטיציזם און זיין ניט־גלויבן. עס צעגייט אין דער וואַרעמקייט פון דער אַטמאָספערע פון גלויבן און זיכערקייט, אַרבעט און שאַפונג, וואָס באַהערשט די אַרומיקע מענטשן.

ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט, איז מיכל צוגעגאַנגען צום לעקטאָר און אויפריכטיק באַדאַנקט אים פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט ווערן אַ מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע און שפּעטער אַ ביסל, ווען ער וועט זיך מער איינלעבן דאָ, ווערן אַקטיוו...

— איך בין צופרידן, וואָס איך האָב איך ניט אָפּגעגאַרט, — האָט אים יענער פריינטלעך געענטפערט.

ווען מיכל איז געגאַנגען אַהיים, האָט ער געטראַכט, אַז נאָך אַזעלכע מענטשן האָט ער דאָך געבענקט זיין גאַנץ לעבן דאָ, נאָר קיינמאָל עס ניט געקענט געפינען — אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געזוכט... איצטער, אַ דאַנק אַ צופאַל, האָט ער זיי אָבער געפונען, און ניט נאָר זיי האָט ער געפונען, נאָר אויך זיך. יאָ, זיך אַליין...

ער איז געגאַנגען און געטראַכט צו זיך אַליין:

— יאָרן־לאַנג געזוכט און ענדלעך געפונען זיך אַליין...

געוואונען אַ קינד

הערש־לייב דער פּרעסער האָט ניט קיין נחת פון זיינע קינדער. עפּעס אַזעלכע מאָדנע זיינען זיי דאָ אויסגעוואַקסן, גאָרניט ווי קיין יידישע קינדער, גאָרניט ווי זיי וואָלטן געבאָרן געוואָרן אַמאָל אינעם קליינעם יידישן שטעטל. ער איז שוין דאָ איבער דרייסיק יאָר און קען זיך בשום אופן ניט צופּאַסן צום היגן לעבן, און אַ סך זאַכן אַפילו זיינען אים געבליבן פרעמד און דערווידער, ווי אין דער ערשטער צייט, ווען ער איז געקומען אַהער. די קינדער אָבער האָבן באַלד איבערגענומען די היגע תורה און זיינען געוואָרן אַזעלכע „עכטע אַמעריקאַנער" און פאַרקאָכטע פּאַטריאָטן, באַלד ווי זיי זיינען געקומען אַהער. שוין ניט צו ריידן וועגן דער שפּראַך. דאָס האָבן זיי איבערגענומען גאָר אין אַ קורצער צייט, נאָך אידער ער האָט זיך באַוויזן אַפילו אַרומצוקוקן. און דאָס האָט אים גראָד ניט געאַרט. פאַרקערט, ער איז נאָך געווען צופרידן דערפון. ער פילט אַליין, ווי ניט גוט עס איז צו וואוינען אין אַ לאַנד און ניט קענען די אָרטיקע שפּראַך. די צרה איז אָבער, וואָס מיטן איבערנעמען דעם היגן לשון, האָט מען גלייך פאַרוואָרפן דעם אייגענעם און אַנגעהויבן זיך אַפילו שעמען מיט אים. די ערשטע צייט איז דאָס אים אויסגעקומען מאָדנע און ניט פאַרשטענדלעך. אָט ערשט נעכטן האָבן נאָך די קינדער גערעדט צו אים יידיש, און פּלוצלונג האָט ער אָנגעהויבן באַמערקן, ווי אויף אַלע זיינע פראַגן הויבן זיי אים אָן צו ענטפערן אין ענגליש. ער האָט געטראַכט: מילא, עס איז אַ פריישע זאַך ביי זיי, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו דעם, ווי צו אַ פרישער בולקע... ער איז געווען אומצופרידן, אָבער ער האָט געשוויגן. באַלד אָבער האָט ער באַמערקט, אַז עס איז גאָרניט קיין שפּיל: די קינדער היטן זיך פאַר אַ יידיש וואָרט, ווי פאַר פייער, און ווען עס קומט זיי אויס צו פאָרן צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע אין דער באַן, זעצט מען זיך אויף אַ באַזונדער באַנק, עס זאָל חלילה ניט פאַלן קיין חשד ביי עמעצן, אַז אָט־די „גרינע", וואָס זיצן דאָרט, זיינען דאָס זייערע טאַטע־מאַמע...

עס האָט אים ווי געטאָן, אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. מילא, דער לשון וואָס איז אויסגעוואָרצלט און פאַרגעסן געוואָרן, ווי זיי וואָלטן אים גאָר קיינמאָל ניט געקענט, איז ניט געווען די איינציקע זאַך און ניט דאָס ערגסטע. פיל ערגער איז געווען דאָס, וואָס דאָס אויפגעבן די אייגענע שפּראַך איז בלויז געווען אַ פועל יוצא פון אַ גאַנצער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די נשמות פון זיינע קינדער. ער האָט זיי פשוט ניט

דערקענט. זיי זיינען געוואָרן אַנדערע קינדער, אַנדערע מענטשן. זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין זיינע און געפונען זיך אַ נייע היים און נייע טאַטע־מאַמע. די היים זייערע איז געוואָרן די גאַס, און טאַטע־מאַמע — דער באַל. טאָג און נאַכט אין גאַס, טאָג ווי נאַכט מיטן באַל. ווינטער — באַלד נאָך דער סקול, און זומער — פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

און פרעך זיינען זיי געוואָרן: וואו האָט זיך צו זיי אַזאַ שפּראַך און אַזאַ חוצפּה גענומען צו ריידן צו טאַטע־מאַמע! יעדע זאַך, וואָס זיי האָבן געטאָן, איז געווען פונקט אַזוי, ווי זיי האָט זיך פאַרוואָלט, און טאַטע־מאַמע האָבן די מינדסטע דעה ניט געהאַט עפּעס צו באַמערקן, אָדער איינוווענדן. ווער רעדט, זיך שטעלן איינטענהן מיט זיי — וועגן דעם האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין! ווי אַ ווינט זיך אַריינגעטראָגן אין שטוב און אַרויס־געטראָגן זיך, נאָך אײדער מען האָט צייט געהאַט עפּעס צו זאָגן זיי, אָדער אַפילו באַמערקן. און אַפילו, ווען זיי זיינען שוין יאָ געווען אין שטוב — איז עפּעס ווי אַ פאַרשווערערישע גרופּע: געהאַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון טאַטע־מאַמע און נאָר געשושקעט זיך, נאָר געסודעט זיך, פאַרשטאַנען איינע די אַנדערע אויפן וואונק...

איז וואָס איז דער וואונדער, אַז זיי זיינען אויסגעוואַקסן, קוקט ער אויף זיי אַמאָל און וואונדערט זיך: צי זיינען דאָס טאַקע זיינע קינדער?...

ער זיצט אַמאָל און טראַכט: דאַכט זיך זיינע קינדער, זיין בלוט און פלייש, און וואָלט דאָס גאָר זיין דער מינדסטער סימן, אַז זיי זיינען יידן, אַז זיי וויסן, וואָס זיי זיינען יידן, אַז זיי ווילן גאָר וויסן...

געווען ביי זיי אַמאָל אין שטעטל אַ בחור, מיכל האָט מען אים גערופן. איז איינמאָל אין אַ פרימאָרגן דער דאָזיקער בחור משוגע געוואָרן, אַוועק און געשמדט זיך... וואָלט דאָס נאָך געווען אַ האַלבע צרה: מען איז שוין געוואוינט געווען צו אַזעלכע זאַכן... האָט זיך אים אָבער נאָר געוואָלט אויסמעקן פון זיך יעדן פונק פון יידישקייט — סיי פון האַרצן אויסמעקן און סיי פון פנים אַראָפּווישן. איז ער אַוועק אין דאָרף און געוואָרן אַ פּויער: אָנגעטאָן זיך אין פּויערשע קליידער און חתונה געהאַט מיט אַ פּויערטע... איז נאָך דאָס ווייניק געווען, איז אַז ער פלעגט קו־מען אין שטאָט, פלעגט ער קיין אַנדער זאַך ניט עסן, ווי נאָר חזיר — די ווייסע שטיקער „סאַלע" מיט שוואַרצן ברויט און פאַרטרינקען מיט קאַלטן וואַסער, אַזוי ווי די אַנדערע פּויערים פלעגן טאָן... איז, אַז עס איז אַריבער אַ יאָר און צוויי, האָט זיך זיין פנים אַזוי געביטן, אַז עס וואָלט גאָר קיינעם קיינמאָל ניט געקענט איינפאַלן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ ייד... אַזוי האָט זיך דער מיכל געענדערט...

איז אָט, אַז הערש לייב קוקט אויף זיינע קינדער, דערמאָנען זיי אים אַלעמאָל אָן דעם אַמאָליקן מיכלען...

וואָלטן זיינע קינדער האָבן דעם מינדסטן אינטערעס פאַר אַ יידישער זאַך, פאַר אַ יידישער אָנגעלעגנהייט! אים דאַכט זיך אַמאָל, אַז ווען מען וואָלט אויסקוילענען אַלע יידן — וואָלט דאָס זיי אויך ניט געאַרט.

הערש-לייבן טוט ווי דאָס האַרץ, שטאַרק ווי. ניט אַזוי האָט ער זיך געהאָדעוועט און ניט אַזוי האָט ער דערוואַרט, אַז זיינע קינדער זאָלן אויסוואַקסן.

ער געדענקט: צו ניין יאָר האָט ער שוין געמוזט אַוועק אַרבעטן. אַ לערן-יינגל געווען ביי ניסל דעם שניידער. איז וואו און ווען האָט ער געקענט לערנען און עפּעס אויסלערנען? נאָר, אַז ער איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר און איז אַריין אין דער „באַוועגונג" און מען האָט געעפנט קורסן פאַר די יונגטלעכע לערנען זיי אַ ביסל לייענען, שרייבן — איז ער געווען פון די ערשטע צו פאַרשרייבן זיך. די „קורסן" זיינען געווען ביי פייגל דער בעקערין אין אַלקער. און אַז די לערע פלעגט אָנגיין, פלעגן צוויי האָרפן שטיין אויפן גאַס און היטן, אַז אַ גאָראָדאָוואָי זאָל ניט אָנקומען. און טאָמער חלילה האָט מען באַמערקט איינעם פון דער וויטנס, פלעגט מען גלייך לאָזן וויסן, און אין איין סעקונדע איז פון די „קורסן" קיין זכר ניט געבליבן... פונדעסטוועגן געדענקט ער, ווי מען פלעגט פאַרלייענען פאַר זיי פרצן און רייזען און אַנדערע, און מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן זיי פלעגן זיך צוהערן און אייניקע זאַכן אַפילו פרואוון פאַרגעדענקען אויף אויסנווייניק! ביזן היינטיקן טאָג געדענקט ער נאָך „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן...", „זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט" און אַנדערע...

ווי ווייניק ער האָט דעמאָלט געלערנט, האָט דאָס אים פונדעסטוועגן פאַר אַן אַנדער מענטשן געמאַכט. ער האָט אָנגעהויבן בעסער אָפּשאַצן זאַכן און בעסער פאַרשטיין דאָס לעבן. און אַפילו היינט אין שאָפּ קען ער זיך צו קיין סך ניט גלייכן. בשעת יענע זיצן און שפּילן אין קאָרטן, אָדער קוויקן זיך מיט נאַרישע מעשיות פון אַ געלער צייטונג זיצט ער מיט זיין צייטונג און געניסט פון עפּעס רעכטס. און אַז ער גייט אַמאָל אין טעאַטער, גייט ער אויך אין דעם בעסערן, אין דעם שענערן און ניט אין דעם ביליקן, קאָמעדיאַנטישן, וואו מען מאַכט חוזק סיי פונעם יידישן לעבן און סיי פונעם יידישן וואָרט. ער האָט די פרוי זיינע אַפילו איינגעבראַכן און צוגעוואוינט זי צו בעסערן, צו שענערן...

ווי ווייט ער איז דאָס פון זיינע קינדער! ווי טאָג פון נאַכט, ווי מזרח פון מערב. ווי אַ דיקע וואַנט וואָלט צווישן זיי געשטאַנען. אַפילו היינט,

ווען זיי זיינען שוין דערוואַקסן, האָבן שוין אַליין קינדער, איז עפּעס אַזאַ פּרעמדקייט הערשט צווישן זיי מיט די עלטערן, נאָך ערגער, ווי ווען די קינדער וואָלטן זיי גאָר פריער ניט געקענט און פּלוצלונג דערוואוסט זיך, אַז דאָס זיינען זייער טאַטע־מאַמע... די קינדער האָבן מיט זיי ניט וועגן וואָס צו רעדן, אויסער די געוויינטלעכע: „וואָס מאַכסטו?", „ווי פילסטו?"... באַלד, ווי זיי קומען צו גיין ווערט גלייך אָנגעשטעלט די ראַדיאָ און עס הויבן אָן פאַרטומלען די קעפּ די בייזבאָל געיִמס, די פוטבאָל געיִמס, אָדער פאַרשיידענע קאָמעדיאַנשטשיקעס דאַרטן, וואָס מאַכן ניט זעלטן חוזק פון יידן און יידיש, כאָטש זיי אַליין זיינען יידן. און ווי די גרויסע, אַזוי אויך די קליינע: די קינדער זייערע, דאָס היסט די אייניקלעך, זיינען אין טאַטע־מאַמע געראָטן און גייען אין זייערע פוסטריט. מער נישט, וואָס די קינדער פאַרשטייען כאָטש יידיש, אַז מען רעדט צו זיי, די אייניקלעך — קיין וואָרט ניט.

עס איז אַ שאָנד צו דערציילן און אַ ווייטאָג פאַר זיך אַליין: ער פילט זיך אָפּט ווי אַ פרעמדער צו די קינדער, צו די אייניקלעך.

ער טראַכט אַמאָל: ווער איז שולדיק אין דעם? אפשר גאָר ער אַליין? אָבער וויפל ער פּרואווט זיך ניט באַשולדיקן, וויפל ער פּרואווט זיך ניט פאַרוואַרפן, אַז ער האָט זיך ניט גענוג אָפּגעגעבן מיט די קינדער, ניט גע־נוג אויפגעפּאַסט אויף זייער דערציאונג, פילט ער, אַז עס איז ניט ריכ־טיק. עפּעס אַזוי ווי אַ מגפה איז דאָס געווען, ווי אַ וואַלד־פייער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זיינע קינדער באַלד ווי זיי זיינען געקומען אַהער, און פאַרכאַפּט זיי... און ווי האָט ער דעמאָלט געקענט גאָר אַנדערש טאָן? אַז געווען איז ער פרעמד דאָ אין לאַנד, הילפלאָז, ניט געוואוסט וואו צו גיין, וואו אַ קער צו טאָן זיך, און דער גאַנצער קאָפּ איז נאָר געלעגן אין „מאַכן אַ לעבן"... הייַנט וואָלט מסתמא אַנדערש געווען.

ער פאַרטראַכט זיך. עס פאַרדריסט אים, עס טוט ווי. עס פאַלט אים פּלוצעם איין אַ געדאַנק: אפשר זאָל ער נאָך איצטער עפּעס פּרובירן טאָן? ראַטעווען כאָטש דאָס, וואָס עס לאָזט זיך?

עס פאַלט אים איין אַ געדאַנק: אפשר סעמעלע?... אפשר פּרובירן עפּעס טאָן מיט סעמעלען — דעם יינגסטן אייניקל זיינעם?...

סעמעלע אָדער שמוליקל, ווי ער האָט אים ליב צו רופן — נאָך זיין טאַטן אַ נאָמען — איז דער יינגסטער אייניקל זיינער און דער באַליבט־סטער. די שנור זיינע, סעמעלעס מוטער, איז אויך זיין באַליבטסטע שנור. עפּעס איז זי מענטשלעכער, איידעלער פון די אַנדערע שניר זיינע, מיט אַ מער יידיש האַרץ... ער קומט טאַקע צו איר אָפטער, ווי צו די אַנ־דערע שניר זיינע און גייט ניט אַרויס פון איר אַזוי צעבראָכן ווי פון די

אַנדערע זינס היימען. סעמעלע מוז זיין, ווייזט אויס, געראָטן אין דער מאַמען: אַ ווייכער אַזאַ, אַן אידעלער און צום זיידן איז ער אויך מער צוגעבונדן ווי ווער פון די אַנדערע אייניקלעך. ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, פלעגט ער ליב האָבן דער זיידע זאָל אים האַלטן אויף די הענט, און איצט, יעדעס מאָל ווען הערש־לייב קומט, שטייט ער צו אים צו, ער זאָל אים נאָר דערציילן מעשיות. ער האָט זייער ליב מעשיות. אָבער הערש־לייב קען גאָרניט קיין מעשיות. פון וואַנען, פון די ביכלעך, וואָס ער האָט געלייענט? אָדער פון די, וואָס זיין מאַמע האָט אים דערציילט? אַז בסך־הכל איז זי געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען צוויי יאָר. הערש־לייב ווייס נאָר צו דערמאָנען זיך ווי ביי זיי אין שטעטל אַמאָל, אין דער אַלטער היים, פלעגן די פרעסט זיין אַזעלכע גרויסע, אַז זיי פלעגן די וועלף פון די וועלדער אַרויסטרייבן און יענע, הונגעריקע, פלעגן אין טשאַטעס זיך לאָזן אין שטעטל אַריין טאָמער וועלן זיי ערגעץ וואו פּאַטשאַפּען אַ קו, אָדער אַפילו אַ גאַנדז, צי אַ הון... הערש־לייב דערמאָנט זיך, ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים, פלעגט טרעפן, אַז וואָכן גאַנצע פלעגן די קינדער ניט קאָנען אַרויסגיין פון הויז און מוזן זיצן און אַרויסקוקן אין גאַס דורך די פאַרקאָוועטע שויבן און פאַרקלעפּטע פענצטער... ווי עס פלעגט טרעפן אַמאָל, ווי דער שניי פלעגט אָנשיטן אַזוי הויך, אַז מען פלעגט מוזן דורכשניידן שמאָלע דורכגאַנגען, אַזוי ווי היינט טונעלן, און גיין צווישן זיי, אַזוי ווי צווישן בערג. שיך האָט דעמאָלט אויך ניט יעדעס קינד געהאַט. עס פלעגט טרעפן, אַז איין פּאָר שיך האָט געדאַרפט קלעקן פאַר פיר קינדער — פלעגט מען זיך בייטן: אַמאָל פלעגט זיי אָנטאָן דער, אַמאָל אַן אַנדערער. אַמאָל אַ ייִנגל, אַמאָל אַ מיידל...

סעמעלע האָט ליב אויסצוהערן די דאָזיקע מעשיות און לאָזט דעם זיידן ניט אָפּ, ער זאָל אים דערציילן נאָך און נאָך... לעצטנס האָט ער אָנגעהויבן צושטיין צו אים, ער זאָל אים דערציילן מעשיות פון דער „ביבל“... נאָר פון וואַנען זאָל הערש־לייב קענען די מעשיות, אַז ער האָט קיינמאָל די „ביבל“ ניט געלייענט, און דאָס ביסל, וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט אין תלמוד־תורה, האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן.

הערש־לייבן פאַלט איין, אַז מיט אים וועט זיך אפשר איינגעבן עפּעס אויפצוטאָן. לעצטנס איז ער צוזאַמען מיט נאָך מיטגלידער פון זיין „קלוב“ געווען ביי אַ שול־באַנקעט און נאָך ביז היינטיקן טאָג קען ער יענעם באַנקעט ניט פאַרגעסן. אַזאַ איינדרוק האָט אויף אים דער באַנקעט געמאַכט, אַז ביז איצטער קען ער צו זיך ניט קומען. ער האָט, דאַכט זיך, אַ סך מאָל געהערט וועגן די שולן, געלייענט וועגן זייערע אויפטואונגען, אָבער קיין מאָל האָט ער זיך ניט פאַרטראַכט איבער דעם. דעם מאָל האָט ער

געזען די שול. פינף קינדער זיינען אויפגעטראָטן און ער קאָן ניט פאַרגעסן, ווי שיין זיי האָבן פאַרגעלייענט, ווי שיין זיי האָבן דעקלאַמירט און, מער פון אַלץ, ווי שיין אַ קינד האָט באַגריסט די עלטערן אין אַזאַ ריינעם, פּליסיקן ידיש. און ווען איין קינד האָט גענומען דעקלאַמירן: „און זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט...", האָט ער דערזען זיך אַליין ביי פּיגל דער בעקערין אין אַלקער אויף די „קורסן" און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט טאַקע נאָכדעם געבעטן אַ וואָרט, דערציילט די מעשה פון זיין יוגנט און בייגעשטייערט פינף דאָלאַר פאַר דעם קינדס דעקלאַמאַציע אַליין. פון דעמאָלט אָן גייט אים דער אָונט און די שול פון קאָפּ ניט אַרויס און עס ברענט אין אים אַ פאַרלאַנג זען זיין אייגענעם שמוליקלען אין שול און הערן פון זיין מויל די אייגענע דעקלאַמאַציע.

אָבער ווי דערגרייכט מען דאָס? הערש־לייב האָט געוואוסט, אַז מיטן זון ריידן, איז אָן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. סיידן מיט דער שנור אפשר. אים דאַכט זיך, אַז מיט איר דאַרף עס אים אָנקומען גרינגער. אָבער קודם־כל האָט ער פּרובירט מיט סעמעלען אַליין.

— סעמעלע, האָסט ליב מעשהלעך?...

— יע, זיידע, האָסט איינע?

— ניין, זונעלע. אָבער איך ווייס אַ פּלאַץ, וואו מען דערציילט אַ סך מעשהלעך.

— וואו איז דאָס, זיידע? זאָג שנעל — האָט זיך סעמעלע אָנגעכאַפּט.

— וואו? — אין דער יידישער שול... ווילסט גיין אַהין?

— וואו איז דאָס?

— נישט זייער ווייט פון דאַנען. אַ סך קינדער גייען דאָרטן און זיי האָבן עס זייער ליב. דער לערער שפּילט מיט די קינדער און דערציילט זיי מעשהלעך — אויך די „ביבל־סטאָריס", וואָס דו בעטסט מיך אַלע מאָל, איך זאָל דיר דערציילן...

סעמעלעס אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט פריידי. ער האָט אומגעדולדיק גענומען טרייבן דעם זיידן:

— קום, זיידע, קום מיט מיר... קום שוין...

— וואַרט, איך דאַרף נאָך פריער ריידן מיט דער מאַמען...

אָבער מיט דער מאַמען האָט שוין „גערעדט" סעמעלע אַליין. ער האָט קיין סך ניט געדאַרפט איינטענהן. ווען זי האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף נאָך זען, זי דאַרף פריער אויסגעפינען, האָט ער גענומען פאַרטיידיקן זיין אַרגומענט דורך טרערן און טופּען מיט די פיס... און קעגן אַזאַ אַרגומענט האָט די מאַמע ניט געקענט ביישטיין... ווען זי האָט געפּרואווט

אָפּריידן דאָס קינד, אַז ער איז נאָך צו יונג, אַז ער זאָל וואַרטן נאָך אַ יאָר, האָט דאָס קינד געוויינט און געשריען:

— איך וויל שוין... איך וויל ניט וואַרטן ביז איבער אַ יאָר.

און דעם ערשטן זונטאָג אין דער פרי נאָכדעם, האָט הערש־לייב גע־פירט דעם אייניקל פאַרשרייבן אין שול. און גייענדיק האָט ער געפילט, ווי אַלץ טאַנצט אין אים און זינגט פון פרייד. ער האָט געפילט ווי ער גייט טאָן אַ וויכטיקע און הייליקע שליחות, פונקט ווי אַמאָל אין דער יוגנט, ווען מען האָט אים ערגעץ געשיקט מיט אַ וויכטיקער שליחות פאַר דער „באַוועגונג".

און אפשר מער ווי דאָס. ער האָט געפילט, אַז פאַר דער שליחות קריגט ער דעם שכר גלייך אויפן אָרט: ער געווינט צוריק כאָטש איינס פון זיינע קינדער...

אַ יום־טוב אין שול

דער מיטינג אין דער יידישער קינדער־שול איז דאָס מאָל געווען אַ יום־טובדיקער. די בענקלעך אין דעם לאַנגן און גערוימען קלאַס־צימער זיינען געווען אָפּגערוקט אין אַ זייט, און זייער פּלאַץ האָבן איצט פאַרנומען לאַנגע הילצערנע טישן, פאַרדעקטע מיט ווייסע טישטעכער. דער עולם איז געווען אַ גרעסערער, ווי געוויינלעך, און אין אַ געהויבענער שטימונג.

אין דעם דערבייאיקן צימער, אין קיך, האָט זיך געטומלט. עס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרטן דער קלאַנג פון גלעזער און דאָס קלינגערייַ פון גאָפּל־מעסער. עס איז געווען אַ שמחה אין שול, אַ יום־טובדיקער אָוונט.

עטל, אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר זעקס־און־צוואַנציק, דער בעל־שמחה אַליין, לכבוד וועמען דער אָוונט איז אַראַנזשירט געוואָרן, האָט זיך אויך געטומלט צוגלייך מיט אַלעמען. אַ צעפלאַמטע איז זי אַלע ווילע אַריינגעלאָפן פון קיך, אַריינגעבראַכט עפּעס און געהאָלפן אויסשטעלן אויף די טישן. יעדעס מאָל, וואָס זי איז אַריינגעקומען, האָט אַן אַנדער גרופּע מענטשן זי אַרומגערינגלט און פאַרוואָרפן זי מיט פראַגן, אין וועלכע עס האָט זיך געפילט ניט נאָר נייגעריקייט, נאָר אויך גוטער וואונטש.

— איז וואָס עפּעס מיטאַמאָל פאַרלאָזט איר אונדז? — האָט איינע זי פאַרהאַלטן און געפרעגט גלאַט אַזוי, אַבי עפּעס צו זאָגן, ווייל זי האָט שוין פון פריער סיי־ווי געוואוסט דעם ענטפער.

אַ גאַנצע גרופּע האָט זיך באַלד אַרומגעקליבן אַרום זיי.

— עס פאַרדריסט מיר טאַקע אַליין אויך זייער שטאַרק — פאַרענטפערט זיך עטל מיט אַ שולדיקער מינע — אָבער איך קען זיך ניט העלפן. עס איז אַ געלעגנהייט, וואָס איך קאָן ניט דורכלאָזן.

און עטל דערציילט דעם עולם, אַז פּלוצלונג האָט מען אַנטדעקט ביי איר אַ שיינע סאָפּראַנאָ־שטימע, און זי מוז איצט אָוועקגעבן אַ סך צייט אויף צו לערנען זיך און קולטיווירן זי. דאָס ערגסטע איז, וואָס איר לעקציע מיטן געזאַנג־לערער קומט־פאָר דעם זעלבן אָוונט, וואָס דער מיטינג. און נאָך צוויי אָוונטן אַ וואָך מוז זי גיין אין דער מוזיק־שול צו פּראַקטיצירן און אויפצונעמען נאָך אַנדערע קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן צו טאָן מיטן זינגען. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז זי איז נאָך דערצו אַ הויז־פרוי, אַ מוטער און אַ ווייב, און זי ווייס גאָרניט, וואו וועט זי נעמען צייט אויף אַלע זאַכן . . .

דער עולם איז פאַראינטערעסירט צו וויסן, ווי אַזוי האָט מען עס פּלוצלונג אַנטדעקט איר טאַלאַנט און ווער האָט עס אַנטדעקט.

— מײַן מאַן ... — דערציילט עטל מיט אַ גליקלעכן און שטראַלנדיקן פּנים. — ער אַליין גיט זיך אויך אָפּ מיט מוזיק נאָך דער אַרבעט, און דאָס האָט געמאַכט, אַז ער זאָל האָבן אַ שטיקל ידיעה אין די זאַכן. ער האָט זיך שוין לאַנג פּאַראינטערעסירט מיט מײַן שטימע. איך זינג גאָר קיינמאָל ניט. נאָר דער קלאַנג פון מײַן שטימע בײַם ריידן האָט אים אויסגעקוקט צו זײַן ווייך און מעלאָדיש, — זאָגט עטל אַ ביסל פאַרשעמט. — איך בין זיכער, זאָגט ער צו מיר, אַז אין דײַן שטימע ליגט עפּעס באַהאַלטן, וואָס מען קאָן אַרויסברענגען... אַלנפאַלס וואָלט מען געדאַרפט בײַ עמעצן אַ פרעג טאָן...

— ער האָט מיך לאַנג געמאַטערט, ביז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָב איך אײַנגעשטימט און בין אַריין מיט אים אין אַ מוזיק־שול, וואָס מען האָט אים רעקאָמענדירט, איינע פון די בעסטע אין שטאָט. און שטעלט איך פאָר אַן איבעראַשונג: דער פּראָפעסאָר איז גאָר אַנטציקט געוואָרן פון מײַן שטימע... — דו האָסט איינע פון די פײַנסטע שטימען, האָט ער גע־זאָגט. ווען דו זאָלסט זיך אָפּגעבן ווי געהעריק, קאָנסטו ווערן גאָר אַ פײַנע זינגערין, קאָנסט אַנטוויקלען איינע פון די פײַנסטע סאָפּראַנאָס... — ווי געפעלט איך אַזאַ זאַך?... ער איז נאָר אין כעס געווען אויף מיר, וואָס איך האָב געוואַרט אַזוי לאַנג, לויט אים קומט אויס, אַז ווען איך טו דאָס מיט יאָרן צוריק, וואָלט איך שוין איצט אָנגעשלאָגן ווער ווייסט וואו...

ווען זי האָט גערעדט, איז איר פּנים געווען צערויטלט, און וויפל זי האָט ניט געוואָלט באַהאַלטן, האָט אַ שטאָלץ אַרויסגעשטראַלט פון אירע אויגן.

— אַזוי גאָר?... — האָט אַן עלטערע פרוי, אַ טוערין, זיך געוואונ־דערט: — קאָן, הייסט עס, מעגלעך זײַן, אַז דו זאָלסט נאָך אַמאָל אָנשלאָגן אין די הויכע פענצטער?... וועט דיר כאָטש אָנשטיק צו האָבן צו טאָן מיט אונדז?... — האָט זי גוטמוטיק אַזוי ווי פאַרגעוואָרפן עטלען.

— אָ, וואָס רעדט איר! — האָט זיך עטל גוטמוטיק אַזוי ווי באַליי־דיקט: — די שול איז מײַן צווייטע היים. זי איז אַזוי ווי מײַן צווייטע מאַמע צו מיר...

— און עס קען גאָר מעגלעך זײַן, אַז איר זאָלט אַמאָל זינגען אויף קאָנצערטן?... — האָט אַ צווייטע פרוי, אַ יונגע, מיט עטוואָס קנאה אין איר שטימע געפרעגט.

עטל האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט און פאַררויטלט.

— מעגלעך... איך וואָג גאָרניט צו טראַכטן פון דעם...

— נו, און אונדז וועסטו אײַנלאַדן? — האָט די אַלטע טוערין גע־פרעגט.

— אָ, זאָל שוין נאָר האַלטן דערביי — די שול־טוער וועלן זיין פון די ערשטע...

— נו, און וואָס איז מיט דער שול? — איז אַ טוער, וואָס איז נאָר־וואָס צוגעקומען, איינגעפאַלן צו פרעגן — וועסט קומען זינגען צו אונדזערע אונטערנעמונגען?...

— צו יעדער צייט, וואָס איך וועל נאָר זיין פריי... נאָר איר רעדט שוין איצט פון אַזעלכע הויכע זאַכן, אַז דער קאָפּ פאַרדרייט זיך מיר אַזש. דערווייל הויב איך ערשט אָן...

— קינדער — האָט זיך אָן אַלטע פינף־און־זיבעציק־יאָריקע טוערין אָפּגערופן צום עולם: — ווי זאָגט זיך דאָרטן: גם זו לטובה... עס וועט גאָר אפשר אַרויסקומען אַ טובה דער שול. שטעלט זיך פאָר, אַז מיר וועלן זיך דאַרפן אויפהערן דרייען דעם קאָפּ מיט זוכן „קרעפּטן" צו די אונטערנעמונגען... עס וועט דאָך עפּעס ווערן אַ ליכט אין די אויגן. היינט אַז מיר וועלן מעלדן, אַז די באַוואוסטע סאָפּראַנאָ־זינגערין עטל שולמאַן זינגט אויף אונדזער אונטערנעמונג. מען וועט דאָך די ווענט צעשפּאַרן...

דער עולם האָט זיך לוסטיק פאַנאַנדערגעלאַכט.

— עס איז גאָר קיין געלעכטער ניט — האָט דער פאָרזיצער פון דער שול, וואָס איז איילנדיק פאַרבייגעלאָפן און געכאַפּט דעם סוף פון דעם שמועס, געזאָגט: — האָבן אָן אייגענע „קראַפט" אין דער שול, און דערצו נאָך אַזאַ, וועט העלפן לייזן אונדזערע פּראָבלעמען, וועט מעגלעך אַראָפּנעמען פינאַנציעלע זאָרגן פון אונדזער קאָפּ...

ער האָט עס געזאָגט אין שפּאַס, אָבער אויך האַלב אין ערנסט. די „קרעפּטן"־פּראָבלעם איז געווען איינע פון די אָנגעווייטאָגסטע אין שול. יעדעס מאָל פאַר אַן אונטערנעמונג האָט עס צוגענומען גענוג צייט ביים מיטינג און אַ סך מאָל פאַרשאַפן האַרצווייטאָג. די שול איז אַלעמאָל געווען איינגעטונקען אין חובות. מיט דער איינגאַמע פון אַן אונטערנעמונג האָט מען געדאַרפט „פאַרשטופּן אַ סך לעכער." יעדע פּעני איז דעריבער טייער געווען. דער גליק איז נאָר געווען, וואָס דורכפירן אַן אונטערנעמונג — איבערהויפּט אַ באַנקעט — האָט כמעט גאָרנישט געקאָסט. סיי די אַרבעט ביים צוגרייטן, סיי די שפּייז, איז געגעבן געוואָרן פריי — טאַקע פון די טוער אַליין. די איינציקע זאָרג איז געווען: די „קרעפּטן". באַצאָלן האָט די שול ניט געקענט, און קריגן אומזיסטע איז געווען שווער. ביים פאָרזיצער אין ביכעלע איז געווען פאַרשריבן אַ גאַנץ צעטל מיט נעמען און אַדרעסן פון אַזוי־גערופענע „אומזיסטע" קרעפּטן. אָבער, אַז עס איז געקומען צו קריגן זיי, זיינען זיי כמעט אַלעמאָל געווען פאַרנומען ערגעץ־אַנדערשוואו שוין פון פריער. דאָס האָט פאַרשאַפט סיי דעם פאָרזיצער,

סיי דעם לערער, און דער שול אין אַלגעמיין, אַ סך קאָפּ־דרייעניש. די מעגלעכקייט, אַז די שול זאָל אַריינקריגן אַן אייגענע „קראַפט”, און דערצו נאָך מיט אַ נאָמען, האָט באמת אויסגעקוקט, ווי אַן אויסערגעוויינלעך גליק. און כאָטש די גאַנצע זאַך איז געווען העט־ווייט אין דער צוקונפט, האָט עס שוין ביי די פאַראינטערעסירטע געקענט אַרויסרופן זעאונגען פון אַ בעסע־רער צייט.

— דו ביסט אַלעמאָל געווען און ביסט איצט אויך אַ טייערע — האָבן עטלעכע פרויען אַרומגענומען עטלען מיט ליבשאַפט און געוואָלט קושן.

עטל איז באמת געווען אַן אוצר אין דער שול. צווישן די טוער, מער־סטענס עלטערע מענטשן, אַריבערגעקומענע פון יענער זייט ים, האָט זי זיך געוואָרפן אין די אויגן מיט איר יונגקייט און פרישקייט.

עטל, קען מען זאָגן, איז געווען אַ קינד פון דער שול. דאָ האָט זי זיך אויפגעהאָדעוועט, און דאָ האָט זי באַקומען איר יידישע דערציאונג. איר מוטער איז נאָך מיט יאָרן צוריק געווען איינע פון די גרינדערינס פון דער שול. עס פלעגט טרעפן אַמאָל, אַז ניט האָבנדיק זי מיט וועמען איבערצולאָזן אין הויז און ניט וועלנדיק דורכלאָזן קיין מיטינג, פלעגט די מוטער מיט־נעמען זי, אַ פיר־יאָריקע, צום מיטינג. זי פלעגט אַזוי לאַנג זיך שפּילן מיט די שול־שפּילציַיג, אָדער מיט קרייד ביים ברעט ביז זי פלעגט אַנט־שלאָפן ווערן, און אַ שלאָפנדיקע פלעגט די מוטער זי נאָכדעם טראָגן אַהיים.

צו זעקס יאָר האָט זי שוין אַליין אָנגעהויבן גיין אין שול. זי האָט אַזוי ליב געקראָגן די שול, אַז זי פלעגט לויפן אַהינצו צו זיין פון די ערשטע, אַ סך מאָל נאָך פאַרן לערער, און פון שול שפּעטער פלעגט זי ניט וועלן אַוועקגיין. אַזוי האָט זי דורכגעמאַכט די שול און שפּעטער די מיטלשול.

אַז זי האָט געענדיקט, איז זי ניט פאַרפרעמדט געוואָרן פון דער שול. זי פלעגט זיך אָפּט אַריינכאַפּן זען איר אַלטן לערער, כאַפּן אַ שמועס מיט אים. זי פלעגט זיך אויך אַריינכאַפּן אַמאָל צום מיטינג, ווען זי האָט גע־דאַרפט עפּעס איבערגעבן דער מוטער, אָדער אין אַ שלעכטן וועטער, ווען זי איז געקומען זי „אָפּנעמען”. זי פלעגט שוין דערביי אַ סך מאָל אָננעמען טאָן אַ ביסל אַרבעט פאַר דער שול: שרייבן אַדרעסן, אַרויסשיקן בריוו און דאָס גלייכן.

זי האָט גערעדט יידיש פליסיק, צוגלייך כמעט מיט ענגליש, און איז געווען איינע פון די פיינסטע סטודענטקעס, וואָס די שול האָט אַרויס־געלאָזן: אַ יידיש־דערצויגענע, אַ פיינע און אַן אידעלע. צו איר אַמע־ריקאַנישער דערציאונג האָט עס גאָרניט געשטערט. פאַרקערט, עס האָט נאָך אַ סך מיטגעהאָלפן.

שפּעטער האָט זי חתונה געהאַט און איז אַליין געוואָרן אַ מאַמע. אָבער צו דער שול האָט זי זיך אַלץ געפילט צוגעבונדן, און ווען מען האָט זיך געגזוויטיקט אין איר, איז זי שטענדיק גרייט געווען קומען אַרויסהעלפן.

דערפאַר, ווען די שול האָט זיך געגזויטיקט אין אַ נייער סעקרעטאַרין, און מען האָט גענומען זוכן אַ פּאַסיקע יונגע מוטער, וואָס זאָל קענען יידיש און ענגליש, איז דער אויסוואַל געפאַלן אויף איר. מען האָט באַשלאָסן זיך ווענדן צו איר.

ווען דער פאָרזיצער איז געקומען צו איר, האָט זי זיך פאַרוואונדערט:

— איך בין דאָך אַפילו קיין מוטער ניט פון דער שול — האָט זי זיך געפּרוואווט לייכט אָפּווערן.

— מילא, ווי לאַנג וועט נאָך נעמען, ביז דו וועסט ווערן — האָט ער גוטמוטיק זי גענומען איינריידן. — אויב דו זאָלסט דיין קינד אָנהייבן פירן אין שול אין דעם זעלבן עלטער, ווי דיין מוטער פלעגט דיך מיטנע־מען צו די מיטינגען, איז שוין גאַרניט ווייט...

עטל האָט זיך ניט צו־שטאַרק געלאָזט בעטן און איז געוואָרן סעקרע־טאַרין.

דער פאָרזיצער האָט זיך ניט געקענט אָפּלויבן פון דער פּינקטלעכ־קייט, מיט וועלכער זי האָט געפירט די ביכער און באַזוכט די מיטינגען. ביס־לעכווייז האָט זי זיך אַריינגעצויגן אין דער גאַנצער אַרבעט און איז געוואָרן אַ טוערין צוגלייך מיט איר מוטער, צוגלייך מיט די אַנדערע. זי איז גע־וואָרן דער ליבלינג אין שול.

איצט האָט זי געמוזט אַוועקגיין. עס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דער שול, נאָר מען האָט זיך ניט געקענט העלפן. דערפאַר אָבער איז געקומען, ניט אויף קיין שפּאַס, די מעגלעכקייט, אַז די שול וועט אין אַ צייט אַרום אַריינקריגן אַן אייגענע „קראַפט", נאָך מיט אַ נאָמען דערצו.

אַלץ איז געווען גרייט און מען האָט זיך געזעצט אַרום די טישן. דער פאָרזיצער האָט געעפנט דעם מיטינג און אויף שנעל דורכגעפירט עטלעכע לויפנדע פונקטן. דאַן איז מען צוגעטראָטן צום יום־טובדיקן טייל.

— פריינט, — האָט דער פאָרזיצער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— עס איז אַ מיטגוואָכעדיקער טאָג היינט. מיר האָבן אַלע געאַרבעט. אָבער ביי אונדז אין שול איז אַ יום־טוב. כ'פיל דעם יום־טוב ביי זיך, און איך גלויב, אַז איר אַלע פילט אַזוי. מיר געזעגענען זיך היינט מיט אונדזער ליבער און טייערער עטלען. און כאָטש עס פאַרדריסט אונדז, וואָס זי מוז אַוועקגיין, פילן מיר אָבער גלייכצייטיק, אַז עס איז אַ פריידפאַר אונדז, פאַרוואָס און צוליב וואָס עטל פאַרלאָזט אונדז. עס איז אַ שטאָלץ פאַר אונדזער שול. עטל איז איינע פון די פיינסטע פּראָדוקטן פון אונדזער

דערציאונגס־אַרבעט, און ווען עטל וועט אַרויס אין דער גרויסער וועלט — און לאָמיר האָפן, אַז זי וועט — וועט זי באַרימט מאַכן ניט נאָר זיך, נאָר אויך אונדזער שול, דעם גאַנצן יידישן שול־וועזן. די שול וועט זיכער גע־ווינען פון דעם. אַט פאַרוואָס עס איז ביי אונדז היינט אַ יום־טוב און פאַר־וואָס מיר ווינטשן עטלען אַ האַרציקן זיי־געזונט און דערפאָלג אין דער נייער קאַריערע, אין וועלכער זי טרעט אַריין.

דער עולם האָט האַרציק אַפּלאָדירט דעם פּאַרזיצער.

דער צווייטער רעדנער איז געווען דער לערער פון שול. אַ יונגערמאַן מיט ברילן אויף דער נאָז, מיט אַן אינטעליגענטן אויסזען, אַ הי־געבוי־רענער, וואָס האָט אויך געקראָגן זיין דערציאונג אין די יידישע שולן. ער האָט גערעדט יידיש, ניט אַנדערש פון די טוער, ווי דאָס וואָלט געווען זיין איינציקע גערעדטע שפּראַך. ער האָט געזאָגט:

— צווישן עטלען און מיר איז פאַראַן אַ סך געמיינזאַמעס. ביידע זיינען מיר געבוירן דאָ אין לאַנד, און ביידע זיינען מיר אַ פּראָדוקט פון דער יידישער שול דאָ. איך קאָן זאָגן, אַז מיר ביידע קענען דינען ווי אַ באַווייז פון דער ווירקזאַמקייט פון דער שול ביים העלפן דערציען אַ נייעם דור, וואָס זאָל פאַרזעצן די טראַדיציעס פון אונדזערע עלטערן און דינען ווי אַ המשך פון אונדזער פאָלקס גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט. איך האָף, אַז וואו עטל וועט זיך ניט געפינען, וועט זי שטענדיק געדענקען די שול און דעם וועג אויף וועלכן די שול האָט זי אַמאָל אַליין געפירט, און איצט האָט זי געהאָלפן פירן אַנדערע...

פון דעם, ווי אַלע האָבן געקוקט אויפן לערער און אַפּלאָדירט זיינע ווערטער איז קענטיק געווען, אַז זיי באַציען זיך צו אים מיט געוואַלדיקן רעספּעקט און ליבשאַפט.

עס האָבן גערעדט נאָך אַ פּאָר טוער און מאַמעס. אויך עטלס מאַמע האָט גערעדט. זי האָט דערציילט, ווי אַזוי זי האָט עטלען געהאָדעוועט, ווי די שול, אייגנטלעך, האָט איר געהאָלפן אין דעם. עטל איז ניט נאָר גוט צו אַנדערע, נאָר אויך אַ פיין איבערגעגעבן קינד צו איר, דערצו מיט אַ געפיל פאַר יידישע אינטערעסן. אַלס דאַנקבאַרקייט צו דער שול פאַר העלפן איר דערציִען אַזאַ קינד, טראָגט זי צו דער שול אַ מתנה — אַ פינף־און צוואַנציקער... דער עולם האָט זי הייס און לאַנג אַפּלאָדירט.

זי איז געווען די ערשטע און געמאַכט דעם אָנהייב. באַלד האָבן די אַנוועזנדע אָנגעהויבן אַרויסנעמען פון די קעשענעס ווער גרעסערע און ווער קלענערע סומען. דער פאַרזיצער האָט מיט אַ געלעכטער זיך אָנגערופן:

— גאָר אַן אַ פאַרמעלן אַפילו אַפילו?... נאָר מילא, איך וועל אייך דאָס מאָל פאַרגעבן...

אויך עטל איז פון דעם עולם ניט אָפּגעשטאַנען.

— נו, — זאָגט דער פּאַרזיצער — דאַרפן מיר זיך עפּעס זאָרגן, ווען מיר האָבן אַזעלכע געטרייע און איבערגעגעבענע מענטשן? אַזוי לאַנג, ווי אַזעלכע ווי איר וועלן שטיין אַרום דער שול, האָט די שול זיך ניט צו שרעקן פאַר שווערע צייטן... אָבער — האָט ער ווייטער פאָרגעזעצט — מיר זיינען ניט נאָר נעמער, נאָר אויך געבער. איר האָט געהערט, ווי עטלס מאַמע האָט אונדז דערציילט, וואָס מיר האָבן געגעבן איר קינד. איר ווייסט אויך, וואָס מיר גיבן אייערע קינדער און אַ סך אַנדערע קינדער. אָבער אַלעמאָל איז עס בלויז גייסטיקעס. היינט וועלן מיר צוטראָגן עטלען אַ קליינע מתנה, וואָס איז אי גייסטיק, אי מאַטעריעל.

און פון אַ ווינקל לעבן זיך האָט ער אַרויסגענומען אַ שיין־פּאַרפּאַקט פּעקל, וואָס מען האָט געקענט דערקענען, אַז עס איז אַ בוך, און דער־לאַנגט עטלען:

— נאַ, עטל, דאָ האָסטו אונדזער קליינע מתנה. מיר גיבן עס דיר פון גאַנצן האַרצן. דאָס איז אַ בוך פון יידישע פאָלקס־לידער. אַז דו וועסט ווערן אַ גרויסע זינגערין, זאָלסטו אין דעם יידישן ליד אויך ניט פאַרגעסן... דו האָסט דאָ צענדליקער יידישע לידער מיט נאָטן דערצו — פונעם שענסטן, וואָס מיר פאַרמאָגן.

— אַ דאַנק —האָט עטל צוגענומען דעם בוך, און אין די אויגן האָט מען צוזאַמען מיט פרייד געקענט אויך באַמערקן אַ פייכטן גלאַנץ.

— פאַרזיצער, עלטערן, טוער און פריינט! — האָט זי ווייטער פאַר־געזעצט — איך בין טיף גערירט פון דעם היינטיקן אָוונט, וואָס איר האָט פאַר מיר געמאַכט, און פון די גוטע ווערטער, וואָס איר האָט וועגן מיר געזאָגט. איך בין שטאָלץ דערמיט, וואָס איך האָב זיך מיט מיין ביסל אַרבעט פאַר דער שול געקענט דערוווערבן אַזעלכע האַרציקע, געטרייע פריינט. איך זע עס אין אייערע אויגן, איך פיל עס אין אייערע שטימען. איך וויל אייך זאָגן, אַז וויפל איך האָב ניט געגעבן דער שול, האָט איר מיר געגעבן אַ סך מער. איך וועל עס אַלע מאָל געדענקען און טייער האַלטן. איך גיי היינט אַוועק פון דער שול, אָבער איך האָף זיך נאָך מיט אייך שפּעטער צו טרעפן, און איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל זיך שטענדיק באַמיען צו געבן דער שול דאָס בעסטע אין מיר. איך דאַנק אייך!...

עס איז געוואָרן שפּעט, און דער עולם האָט זיך געאיילט צו גיין אַהיים. נאָר יעדערער האָט אַוועקגעטראָגן מיט זיך אַ יום־טובדיקע שטימונג און אַ דאַנקבאַרקייט צו דער שול, וואָס אין אַ מיטן מיטוואָך האָט זי געשאַפן ביי אים אַ געפיל פון דערהויבנקייט און פון גייסטיקער איבערלעבונג.

מאָנאָלאָגן

אָן מזל...

איר הערט, אָן מזל זאָל אַ מענטש בעסער גאָרניט געבוירן ווערן... אַזוי פלעגט מיין מאַמע, עליה השלום, זאָגן. און וואָס לענגער איך לעב אויף דער וועלט, אַלץ מער איבערציַיג איך זיך, ווי ריכטיק דאָס איז...

אָט נעמט אַ שטייגער, מיין פריינט שלמה־זלמן... אַזוי, דאַכט זיך, אַ גאַנץ פיין מענטשל געווען: אַ באַלעזעבער, ניט קיין נאַר, געוואוסט, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך.

אָבער וואָס קומט אַרויס פון די אַלע זאַכן, אַז ער האָט קיין מזל ניט געהאַט...

נעמט למשל אַזאַ זאַך. קומט אַ מענטש צו פאָרן אַהער אין לאַנד אין סאַמע רעכטן „בום". שייך זאָגן „בום" — מענטשן זיינען איבער־נאַכט נתעשר געוואָרן... ווער עס האָט געהאַנדלט מיט סטאָקס און ווער מיט שנאַפּס. געלט האָט מען געמאַכט ווי בלאָטע. מענטשן האָבן געהאַלטן אין איין בויען: מען האָט געבויט הייזער, קראָמען, גאַראַזשן...

מענטשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען ביזנעס, האָבן געכאַפּט, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט: הייזער איז הייזער, „לאָטס" איז „לאָטס", און אַז ניט, איז גאָר אויפן הימל אַ יאַריד — אַבי עס איז נאָר געווען וואָס צו קויפן. הייזקעס זיינען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און יעדעס מאָל מיט אַ היפּשן ריווח דערביי. געלט מאַכן איז געווען גרינג, ווי אַ בייגל אויפ־עסן... מען האָט נאָר געדאַרפט האָבן אַ ביסל שכל...

איז, אַז אַזאַ מענטשל, ווי מיין פריינט שלמה־זלמן קומט דעמאָלט צו פאָרן, טאָ זיי־זשע ניט קיין נאַר, וואַרף זיך אויך אַריין אין דעם, און מאַך טאַקע אויך אַ פּאָר דאָלאַר, און וויס טאַקע אויך, וואָס אַמעריקע איז... אָדער אויב שוין ניט דאָס, איז כאָטש גלאַט אַזוי אַ ביזנעס: אַ שטיקל סטאָרקע, אַ סטענד, אַ פּושקאַרט, פּעדלעריי... וואָס עס איז...

איז וואָס האָט אָבער מיין פריינט זיך אויסגעקליבן פאַר אַ פּרנסה? — לערעריי גאָר, יידישע לערעריי... איר האָט שוין געהערט פון אַזאַ פּרנסה? באשר, האָט ער געזאָגט, אָט־די מלאכה פּאַסט זיך בעסער פאַר זיינע אידעאַלן...

איר הערט: אידעאַלן! אַמעריקע דאַרף אידעאַלן...

נאָר מילא, זאָל זיין אַזוי — זאָל זיין לערעריי. איז אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ זיי־זשע כאָטש ניט קיין נאַר און זוך זיך אויס אַ פלאַץ, וואו מען באַצאָלט כאָטש גוט. איז וואו האָט ער זיך אויסגעקליבן? — ערגעץ ביי די ראַדיקאַלן דאָרטן, וואו ניט זיי האָבן אַליין עפּעס, ניט זיי קאָנען יענעם עפּעס געבן...

קאָן עפּעס אַרויסקומען גוטס פון אַזאַ זאַך?...

איז טאָקע מיין פריינט פאַרפינצטערט און אויסגעדריסן געוואָרן. שטענדיק געווען פאַרדאַגהט. קיינמאָל ניט געהאַט קיין סענט ביי דער נשמה. שטענדיק געמוזט באָרגן, און קיינמאָל ניט געוואוסט מיט וואָס ער וועט עס צוריקצאָלן.

נאָר דאָס אַליין איז נאָך אויך ניט אַלץ. ער האָט נאָך געמוזט טראָגן אויף זיך אַנדערע קאָפּדרייעניש און זאָרג: וואו נעמט מען קינדער פאַר זיין חדר און מיט וואָס באַצאָלט מען דירה־געלט? און ווי דעקט מען דעם בודזשעט... שטענדיק איז ער געווען פאַרהאָוועט און פאַרשמייעט און קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט רואיק אָפּצועסן. מען האָט קיינמאָל קיין פריילעכע מינע אויף זיין פנים ניט געזען. שטענדיק איז ער געווען פאַר־זאָרגט: דאָ האָבן אים קינדער אויסגעפּעלט, און דאָ איז דער שכר־לימוד ניט אַריינגעקומען...

איין שטיקל גליק האָט ער געהאַט: דאָס ווייב... אין דעם איז ער גראָדע געווען אַ בר־מוצלח. זי האָט זיך איינגעשפּאַנט אין יאָך און גע־האָלפן טראָגן אויף זיך דעם עול פון לעבן. אַן אַנדערע אויף איר פּלאַץ, ווען זי האָט אַזאַ מאַן אַ שלים־מזל, וואָלט זי אים אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט. פון איר אָבער האָב איך קיינמאָל קיין געשריי אויף אים ניט געהערט, קיין הויך קול אַפילו.

וואָס דאַרפט איר מער: צווישן איין טראָגן און דעם צווייטן האָט זי נאָך באַוויזן אויף אַ פּאָר חדשים אַריינצוכאַפּן זיך אין שאַפּ און העלפן אים צו ביסלעך אַרומצוצאָלן זיך פון די חובות. שייך זאָגן, אַז אַ מענטשן האָט אָפּגעגליקט מיטן ווייב! ווי זאָגט דאָס ווערטל: צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבן מזל...

טרעפט זיך איינמאָל אַזוי אַ פרייטיק־צונאַכט, קום איך אַזוי אַריין אין הויז צו זיי אויף אַ שטיקל געפילטע פיש. דערקען איך באַלד, אַז עפּעס האָט פּאַסירט יענעם טאָג. וואָס — ווייס איך ניט. נאָר פון ביידנס

אויגן און פון דער שטימונג זייערער דערקען איך, אַז עפּעס האָט געטראָפן. ביידע זײַנען אַזוי פריילעך, אַזוי אויפגעלייגט. זאָגן — זאָגן זיי מיר גאָר־ נישט. נאָר אין די אויגן זייערע דערקען איך, אַז עס ווילט זיך זיי וואָס שנע־ לער דערציילן מיר און אַראָפּריידן זיך פון האַרצן.

ווער איך נאָכמער טשיקאַווע און באַשליס: איך מוז עס באַלד אויס־ געפינען. בין איך ניט קיין שעמעוודיקער חלילה, און טו זיי גלייך אַ פרעג:

— שלמה־זלמן, שרה־לאה, איך ריר זיך ניט צו צו קיין זאַך ביי אייך היינט, ביז איר דערציילט מיר ניט, וואָס ס'האָט פּאַסירט ביי אייך. איך זע, אַז עפּעס האָט פּאַסירט דאָ אין הויז, נאָר וואָס ווייס איך ניט...

קוקן זיי זיך ביידע איבער, אַזוי לאַכנדיק, און עס הייבט זיך אָן צווישן זיי אַ שטיקל שפּאַרעניש און דינגעניש: — דערצייל, דו... — ניין, דערצייל, דו... — הייב דו אָן, וועל איך פאַרענדיקן... — הייב דו אָן...

בקיצור, אַהער־אַהין, איך האָב סוף־כּל־סוף פון זיי אַרויסגעקראָגן. טאָ הערט־זשע, וואָס פאַר אַ גליק עס האָט מיט זיי פּאַסירט... באשר די קאָמיטע, וואָס פּאַסט־אויף אויף די חדרים דאָרט, אויף די שולן, ווי זיי רופן עס, האָט זיך אונטערגענומען צו צאָלן פאַר די אָנגעשטעלטע לערער אַ געוויסע סומע יעדן יאָר ערגעץ אין אַן אָרגאַניזאַציע, אָדער קאָמפּאַני אַזאַ. איז דערפאַר, אַז אַ לערער וועט קראַנק ווערן, וועט ער פּטור ווערן פון אַלע קאָפּ־דרייעניש, און די קאָמפּאַני וועט אים נאָך צוצאָלן דערפאַר: יעדע וואָך אַריינשיקן אַ טשעק!...

איר הערט אַ גליק?...

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. פאַר דער גאַנצער צייט פון קראַנק־זיין וועט מיין פריינט שלמה־זלמן קריגן אַלץ וואָס מען דאַרף אין אַזאַ פאַל: אַ דאָקטאָר, מעדיצין, שפּיטאָל און באַדינונג — אַלץ אָן באַצאָלט, און אויב נויטיק אַן אָפּעראַציע — אויך פריי.

ניט אומזיסט האָט די נייעס אַרויסגערופן אַזאַ פרייד אין מיין פריינטס הויז און אָפּגעשפּיגלט זיך אין זיינע און אין זיין ווייבס אויגן...

דעם אמת געזאָגט, וואָלט מיר פערזענלעך אַזאַ זאַך קיינמאָל אין דער לייבקער פאה ניט געלעגן. ווער דאַרף טראַכטן וועגן קראַנק זיין? זאָל מען בעסער זיין געזונט... ביי זיי אָבער איז עס אַ גאַנצער יום־טוב געווען. לויט זיי איז אויסגעקומען, אַז ווען אַ מענטש איז געזונט, דאַרף ער כמעט גאָרנישט, קאָן ער דעמאָלט אויסקומען מיט אַ קלייניקייט. ווען דאַרף אַ מענטש יאָ האָבן? — ווען ער איז קראַנק. דעמאָלט דאַרף ער אַ דאָק־

טאָר, מעדיצינען, אַ שפּיטאָל און בכלל אַלץ, אין וואָס מען נויטיקט זיך אין אַזאַ פאַל.

הכלל, מיין פריינטס פּרוי, וועלכער איז די אַלע יאָרן אויסגעקומען צו חשבונען און אויסחשבונען ווי אַזוי פאַנאַנדערצוטיילן דעם מאַגס מאָ־גערע פאַרדינסטן אויף די זיבן טעג פון דער וואָך, האָט זיך איצט אויך ניט געפּוילט און געזעצט זיך באַחשבונען וואָס עס וועט זיין אין פאַל מיין פריינט וועט קראַנק ווערן און אָפּליגן אין בעט, לאָמיר זאָגן, אַ צען וואָכן.

עס האָט זיך באַקומען גאָר אַ וואוילע זאַך...

ס׳איז אויסגעקומען, אַז אין שטוב וועט דעמאָלט ווערן אַ שפע: געלט וועט זיך שפּאָרן פון אַלע זייטן...

דער חשבון איז געווען אַ פּשוטער: די קאָמפּאַני וועט דאָך אַריינשיקן איר טשעק, די קאָמיטע מסתם אויך איינעם, היינט וואו זיינען קרובים, משפּחה, און טאַקע די אייגענע קאָלעגן... יעדערער וועט זיכער טאָן זיין חלק...

אַרום־און־אַרום וועט זיך באַקומען אַ סומע, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געחלומט פון איר — אַזאַ, וואָס איז מסתמא פינף מאָל גרעסער פון זיינע שטענדיקע „געזונטע״ פאַרדינסטן.

מיט אַזאַ סומע קאָן מען שוין פאַנאַנדערנעמען די הענט. מען קאָן זיך אַרומצאָלן די חובות, באַקליידן די קינדערלעך אַ ביסל, איינקויפן אין שטוב אַ ביסל חפצים, און בכלל אָפּרוען דעם קאָפּ אַ ביסל פון די שטענ־דיקע זאָרגן.

דער חשבון האָט געשטימט.

מיין פריינט שלמה־זלמן האָט איינגעשטימט מיט זיין פרוי. ער איז אויך גערן געווען, ס׳זאָל פּאַסירן וואָס שנעלער און ס׳זאָל אַריינברענגען אין שטוב אַ ביסל מער לעבן...

אָבער, ווי עס קוקט אויס, דאַרף מען צו אַלץ האָבן מזל, און מיין פריינט שלמה־זלמן איז געווען אַ שלים־מזל...

ניט באַשערט געווען, ווייזט־אויס, אים אויך דאָס דאָזיקע גליק: ניט אים און ניט זיין ווייב.

ווי אויף צו להכעיס האָט מיין פריינט קיינמאָל אין בעט ניט גע־דאַרפט ליגן, קיינמאָל אָפילו קראַנק ניט געווען — כאָטש געשטאָרבן איז

ער דווקא יאָ... געשטאָרבן אַזוי פּלוצלונג, אומגעריכט, זיצנדיק ביי זיך אין חדר דאָרט און קנעלנדיק מיט די קינדער און פּרוּאוונדיק אַריינהאַקן זיי אין קאָפּ די שווערע עברי... געזאָגט האָט מען, ס׳איז געווען אַ האַרץ־אַטאַקע.

קיין שפּיטאָל, קיין דאָקטאָר האָט ער ניט געדאַרפט — ניט נויטיק געווען: ער איז איסגעגאַנגען נאָך איידער גאָר מען האָט וועמען באַוויזן צו רופן אַפילו... קיין טשעקס זיינען שוין במילא ניט אָנגעקומען... און אָט אַזוי איז מיין פריינט ניט באַשערט געווען צו פרייען זיך כאָטש מיט דער אייגענער צרה, מיט דער ערשטער גרויסער דערגרייכונג זיינער דאָ אין לאַנד...

און ווען איך בין שפּעטער געגאַנגען צו דער לוויה, איז דאָך מיר אַוודאי אַ שאָד געווען מיין פריינט, וואָס האָט געדאַרפט אַזוי יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט, נאָר געקוקט האָב איך דעמאָלט ניט אויף אים, ניט אויף דעם אָרון, נאָר אויף דער צונויפגעדרייטער, צונויפגעקאָרטשעטער פיגור פון דער יונגער אַלמנה זיינער, וועלכע האָט זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס, און דאָס האַרץ אין מיר האָט געוויינט פון צער און רחמנות. איך האָב געטראַכט: אַזוי פיל האָפענונגען צערונען, אַזויפיל גוטע חלומות פאַרשוואונדן...

פֿאַרט אויסגעפּירט...

שוין איבער דריי חדשים, ווי איך בין אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, און זאָל דאָס גאָר ווער אַ פּיפּס טאָן... זאָל דאָס גאָר ווער אָפּרופֿן מיך באַגריסן, אָדער כאָטש באַגעגענען אין גאַס און אָפּגעבן מזל־טוב, אָדער כאָטש אַזוי זאָגן אַ גוט וואָרט... גאָרניט! ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט...

ווען עמעצער קלינגט אין טיר, אָדער דער טעלעפֿאָן קלינגט, פֿאַלט מיר איין: אַט דאָס מוז דאָס שוין זיין — פֿאַרט דערמאָנט זיך...

איך לויף עפֿענען, אָדער ענטפֿערן, אָבער יעדעס מאָל לאָזט זיך אויס מיט גאָרנישט: אָדער עס איז צו מיין פֿרוי, אָדער אַזוי וועגן עפּעס אַ קליי־ניקייט...

מיין פֿרוי האָט שוין דאָס באַמערקט.

— וואָס ביסטו עפּעס געוואָרן אַזוי פֿאַראינטערעסירט אין דעם טעלע־פֿאָן, אָדער אין לויפֿן שנעלער עפֿענען די טיר? פֿלעגסט דאָך דאָס קיינמאָל ניט טאָן... שטענדיק איבערלאָזן די אַרבעט פֿאַר מיר...

— נו? און אַז איך וויל דיר פֿאַרשפּאָרן די טרחה, איז שלעכט?...

— אויף דער עלטער אָפּנים ווערן אַלע מענער גוט... — ענטפֿערט זי מיר אָפּ מיט אַ האַלבן שטאָך.

דער אמת איז, אַז עס גייט מיר אויס דאָס חיות, אַז מען זאָל פֿאַר מיר מאַכן עפּעס אַ יום־טוב. לייען איך אין ציַיטונג, ווי מען פֿייערט דעם אָדער יענעמס געבורטסטאָג, אָדער אַזוי אַ יובילײ, צעציטערט זיך אין מיר דער חשק און איך בין יענעם שטאַרק מקנא. מי יודע וויפֿל וואָלט איך גע־געבן דורכצומאַכן דאָסזעלבע. אַט, טראַכט איך, האָט געלעבט אַ מענטש, וואָס קיינער, אויסער זיינע אייגענע און אַ צאָל פֿריינט, האָבן ניט געקענט, און פּלוצלונג דערוויסט מען זיך וועגן אים: אין שטאָט, אויפֿן לאַנד, אפֿשר אויך איבער דער וועלט... פֿריער האָט קיינער וועגן דיר גאָרניט גע־וואוסט, קיינמאָל דיין נאָמען ניט אַרויסגעבראַכט, און איצט האַלט זיך אין טומלען אַרום דיר... מען גרייט זיך פֿאַר דיין יום־טוב, מען שרייבט וועגן דיר... פּלוצלונג ווערסטו דער צענטער פֿון אַלץ און אַלעמען...

ניט אַ מחיה? דעריבער ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק דאָס איבערצו־לעבן...

ווי איך שעם זיך ניט פֿאַר מיין פֿרוי און זוך ניט באַהאַלטן פֿון איר מיין פֿאַרדראָס, אָבער ניט־ווילנדיק כאַפּ איך זיך פֿאַרט אַרויס מיט אַ וואָרט פֿאַר איר.

נו, האָב איך זיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט פאַר איר, אַז עס פאַרדריסט מיר שטאַרק, וואָס קיינעם פאַלט גאָרניט איין צו מאַכן פאַר מיר עפּעס אַ שטיקל שמחה. פאַרט דאָך עפּעס זיבעציק יאָר... אַ שטיקל דאַטע אין לעבן...

— פון וואַנען זאָל דאָס מענטשן איינפאַלן, אַז דו ווילסט?... און פון וואַנען זאָלן דאָס מענטשן וויסן גאָר, אַז דו ביסט אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר?... אַז קוקן קוקסטו אויס, ווי אַ יונגערמאַנטשיק — אויפגעפּאַסט אויף זיך און אָפּגעהיט זיך דאָס גאַנצע לעבן...

דאָס גיט זי מיר ווידער אַזוי אַ שטיקל שטאָך...

איך מאַך זיך ניט דערהערנדיק דאָס לעצטע.

— פון וואַנען זאָלן מענטשן וויסן? — זאָג איך: — וואָס דענקסטו, כ'בין אַ שעמעוודיקער? געהאַלטן דאָס אַ סוד פאַר זיך אַליין? — כ'האָב שוין גאָר דערציילט, און טאַקע וועמען מען דאַרף דערציילט...

— וועמען אַזוינס האָסטו דערציילט? — וויל זי וויסן: — ס'איז כדאַי צו וויסן, ווי אַזוי מען טוט דאָס...

— גאָר פּשוט — ענטפער איך: — איך קום צום קלוב באַצאָלן די דיוס. זיצט אַזוי די סעקרעטאַרשע און רעכנט־אויס, וויפל איך בין שולדיק און שרייבט אַ „רעסיט" פאַר מיר. און דערווייל שרייבנדיק, פרעגט זי מיך:

— וואָס מאַכט מען עפּעס מר. סימקין? ווי פילט מען אין געזונט?

— אָט, זאָג איך, נישט צו פאַרזינדיקן... אַז מען שפּאַנט אַריבער די זיבעציק, קאָן מען שוין צופיל ניט דערוואַרטן...

דאַכט זיך, קלאָר גענוג...

דערוואָרט האָב איך, אַז זי וועט זיך באַלד אָנכאַפּן:

— אַזוי, מר. סימקין, געוואָרן זיבעציק? כאָטש איר קוקט דאָס נאָך גאָרניט אויס... איז וואָס־זשע האַלט איר עס פאַר אַ סוד? פאַרוואָס ווייסט גאָר קיינער ניט? סיידן איר ווילט גאָרניט, מיר זאָלן פייערן אייער געבורטסטאָג און מאַכן אַ שמחה פאַר איך?...

אַזוי האָב איך דערוואָרט, זי זאָל זאָגן.

ערשט זי האָט גאָר גאַנץ קאַלטבלוטיק באַמערקט: — מיר ווערן אַלע אַלט, מיסטער סימקין, און מען דאַרף זיין צופרידן מיט דעם. שלעכט איז, חלילה, ווען מען ווערט ניט אַלט...

— איך זאָג דיר — זאָג איך צו מיין ווייב: — איך בין אַוועק פון טיש, ווי אַן אונטערגעשאָסענער... די גאַנצע צייט פון מיטינג האָב איך גאָרניט געהערט, וואָס מען פאַרהאַנדלט און נאָר געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי אָט־די פרוי האָט אַזוי קאַלטבלוטיק אויפגענומען איינע פון די וויכטיקסטע גע־

שעעניש אין מיין לעבן... און די נאַרישקייט אירע! ניט אָנשטויסן זיך גאָר, וואָס איך מיין...

— ביי דיר ביסטו גערעכט — זאָגט מיין פרוי צו מיר: — אָבער צווישן אונדז גערעדט: ווי קאָנסטו דערוואַרטן, אַז דער קלוב זאָל פאַר דיר מאַכן אַ יום־טוב? ביסטו דען דער איינציקער אין קלוב? אַ סך ווערן אַלט זיבעציק יאָר — וועט דער קלוב פראַווען פאַר יעדערן אַ באַנקעט? איז וואָס־זשע? ער קלייבט אויס די וויכטיקערע, די וואָס טוען מער אַרבעט און פאַרדינען זיך דעריבער מער...

— אַט וועל איך דיך טאַקע פרעגן — לאָזט זי מיך שוין ניט אָפּ: — וואָס אַזוינס האָסטו געטאָן פאַרן קלוב, אַז דער קלוב זאָל טאָן פאַר דיר? ווען מען האָט דיך נאָמינירט פאַרן האָספּיטעלער, האָסטו ניט געוואָלט אָננעמען... ווען מען האָט דיך געוואָלט שיקן אַלס דעלעגאַט צו אַ קאָנפערענץ, האָסטו זיך אָפּגעזאָגט... ווען מען בעט דיך באַזוכן אַ קראַנקן מיטגליד, געפינסטו שטענדיק אַ תירוץ, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען... טאָ פאַר וועלכע מעשׂים־טובים קומט דיר פראַוווען אַ יום־טוב?...

איך ווייס, אַז מיט מיין ווייב וועל איך זיך ניט אויסטענהן. אויף אַלץ האָט זי אַ דערקלערונג. קיין חידוש פאַר מיר איז עס ניט: אַז אומעטום גייט זי, אַלץ הערט זי — איז אַ וואונדער, וואָס זי האָט אויף זיך אַזאַ קאָפּ און קאָן אַזוי גלאַט רײדן?...

בכלל זיינען מיר, איך און מיין ווייב, צוויי פאַרקערטע וועלטן. אַט ווי איך בין אַ פאַר־זיכדיקער, אַ שטוב־זיצער, וואָס מישט זיך ניט אין כללישע ענינים, אַזוי איז זי אַ קאָך־לעפל, וואָס איז אויסגעבונדן מיט אַלץ און אַלעמען, און, קאָן מען זאָגן, אַ גאַנצע טוערין. ווי קליין און דאַר זי איז אַזוי ספּריטנע איז זי און אַזוי באַוועגלעך. אומעטום דאַרף זי גיין און אומעטום דאַרף זי זיין אַקטיוו. זי שלעפּט מיך אויך גיין מיט איר, אָבער ווער האָט דאָס אַ אינטערעס? אַז איך נעם מיר מיין גלעזל טיי מיט איינגעמאַכטס, און זעץ זיך ביי דער טעלעוויזיע, וועט איר מיך מיט צען הענט נישט אָפּרייסן...

און מיין פרוי, מיט איר אייזערנעם קאָפּ און מיטן שטענדיקן חשק מיך צו טאַטשען, מאַטערט מיך ווייטער:

— אַ מענטש מוז דאָך עפּעס האָבן פאַרדינסטן, איז וואָס דערוואַרטסטו מען זאָל זאָגן וועגן דיר? אַט לאָמיר זיך שוין פאָרשטעלן, אַז דו זיצסט אויבנאָן, און דער פאָרזיצער זוכט דערקלערן דעם עולם, פאַרוואָס דיין זיבעציק־יאָריקער געבורטסטאָג איז אַזאַ וויכטיקע געשעעניש, אַז די אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו פייערן אים דורך אַזאַ יום־טוב. וואָס, דענקסטו, וואָלט ער געקאָנט זאָגן?

— בשעת־מעשה געפינט זיך שוין וואָס צו זאָגן, כאַפּט זיך אַרויס ביי מיר אַ שנעלער ענטפער. אָבער אין האַרצן גיט מיר אַ טיאָכקע: טאַקע, וואָס איז פאַראַן צו זאָגן וועגן מיר?...

אַ מאָדנע זאַך, ווי וועגן דעם האָב איך קיינמאָל ניט געטראַכט: איך האָב נאָר געטראַכט וועגן דעם כבוד, וואָס מען וועט מיר אָפּגעבן...

באַלד אָבער ווערט מיר גרינגער אויפן האַרצן. עס דערמאָנט זיך מיר אַ מעשה, וואָס האָט אַמאָל געטראָפן ביי אונדז אין שטעטל.

מען דערציילט, אַז ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַמאָל אַ גביר. עפּעס אַן אויסוואורף, וואָס דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהאַסט. טאָמער האָט עמעצער אים באַמערקט פון דערווייטנס אָנקומען אַנטקעגן, איז יענער אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, ער זאָל אים ניט דאַרפן זאָגן „גוט־מאָרגן" און נאָך אָנרופן „רעב"...

איז אָט דער דאָזיקער גביר געשטאָרבן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געפרייט, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון אַזאַ רשע.

דערוויסט מען זיך אָבער, אַז דער רב פון שטעטל וועט קומען צו דער לוויה און מספּיד זיין דעם טויטן.

דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם: ס'טייטש, ווי קומט דאָס צום רב, און נאָך אַזאַ איש־תמים דערצו!

דאָס שטעטל איז געווען אויסער זיך. געווען ציניקער, וואָס האָבן דאָס געפּרואווט דערקלערן דורך אַ בפירושן פּסוק: כסף וזהב מטהר ממזרים...

איז דאָס גאַנצע שטעטל געקומען צו דער לוויה: נישט צוליב דעם מת, ווי צו הערן, וואָס דער רב וועט דאָ זאָגן...

הייבט דער רב אָן אַזוי:

— דער מת, וואָס ליגט דאָ פאַר אונדז, קאָן פאַרגליכן ווערן צו משה רבינו...

דער עולם איז פאַרציטערט געוואָרן.

און דער רב האָט פאָרגעזעצט ווייטער:

— משה רבינו האָט מיט זיין שטעקן געשפּאָלטן דעם ים, און דער פאַרשטאָרבענער, זאָל מיר מוחל זיין, האָט ניט איינמאָל געשפּאָלטן די קעפּ פון די, וואָס האָבן געוואָגט אים דערווידערן...

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער...

אַזוי, אַז וועגן יעדן איינעם, האָב איך געטראַכט, קאָן מען געפינען וואָס צו זאָגן...

און, מיינט איר, אַז איך האָב סוף־כל־סוף ניט אויסגעפירט? — נאָך ווי

אויסגעפּירט! אמת, דורך זייטיקע וועגן, דורך הינטערגעסלעך — אָבער פּאַרט אויסגעפּירט...

געשעען איז אַט־וואָס. מיין פרוי האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז זי האָט זיך איבערגעאַרבעט און געמוזט גיין אין שפּיטאָל אויף אַ זעקס וואָכן אָפּ־רוען זיך... דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: דאָס האַרץ...

מיינט איר, אַז אין שפּיטאָל האָט זי געקאָנט ליגן רואיק, ווי דער דאָק־טאָר האָט איר געהייסן? אַז אויפן קאָפּ זיינען איר געלעגן טעלעכע אונ־טערנעמונגען, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן: איז ווי וועט מען זיי קאָנען דורכפירן אָן איר? און ווער וועט טאָן איר חלק אַרבעט?

און וויפל באַזוכער זי האָט דאָס געהאַט! און וויפל מענטשן האָבן דאָס ניט אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן אויף איר! דעם טעלעפאָן פלעגט מען מיר אָפּרייסן... כ'האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אַרט מיין ווייב פאַרנעמט...

דערפאַר אָבער, ווען זי איז געזונט געוואָרן און אַרויס פון שפּיטאָל, האָב איך שוין אויך געגאָסן פון די פרוכט פון איר אַנגעזעענקייט.

שטעלט זיך פאָר, אַז עס זיינען קיין צוויי וואָכן ניט אַריבער, ווי זי איז געקומען פון שפּיטאָל, ווי אין שטוב צו מיר האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ גרופּע ווייבער און מענער, מיט אַ טומל, מיט אַ פרייד — דהינו, וואָס איז? אָנזאָגן מיין פרוי די שמחה, אַז די אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואו זי אַרבעט, האָבן זיך צוזאַמענגענומען און גרייטן־צו אַ גרויסן באַנקעט צו פייערן איר געזונט־ווערן...

צוערשט בין איך אַ ביסל צעטומלט געוואָרן: וואָס איז די שמחה מיט זיי? משיח איז געקומען?...

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך געפילט אַ שטיקל קנאה צו מיין פרוי...

באַלד אָבער האָב איך זיך געכאַפּט: נאַר איינער, וואָס שוויגסטו? פאַרוואָס פרייסטו זיך ניט מיט אַלעמען?... דו האָסט דאָך אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט!... אַלעמאָל האָסטו דאָך געוואָלט דורכמאַכן די איבערלעבונג פון זיצן אויבן־אָן און מענטשן זאָלן דיר צוטיילן כבוד — איז קאָן נאָך זיין אַ בעסערע געלעגנהייט ווי די?... ס'איז דאָך פּשוט ווי פון הימל אַראָפּ־געפאַלן...

אַי, די גאַנצע אונטערנעמונג ווערט דאָך ניט געמאַכט פאַר מיר, נאָר פאַר איר כבוד וועגן, און איך בין דאָ ניט מער, ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן — איז מילא... סיי־ווי, צי זיי וועלן וועלן, צי ניט, וועלן זיי מיך מוזן זעצן אויבנאָן צוגלייך מיט איר...

אַי, פרעגט איר, וואָס וועט מען זאָגן וועגן מיר? — עס וועט זיך שוין געפינען וואָס... אַט האָט דאָך דער רב אויך געפונען וואָס צו זאָגן...

אַ „פּראָיעקט" פאַר מיר...

...איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז מען אַרבעט אָפּ אַ פּערציק־פופציק יאָר אַלס אָנגעשטעלטער ביי אַן אָרגאַניזאַציע, און די צאָל מיטאַרבעטער איז ניט צו גרויס, ווערט מען איינער מיטן צווייטן שטאַרק צוזאַמענגעקניפּט, שיר־ניט משפחהדיק: מען גייט אָפּטער איינער צום צווייטן, מען באַטייליקט זיך אין יענעמס שמחות, און — זאָל די שעה, די רגע ניט זיין — אויך אין יענעמס צערן און טרויערן...

גלייכצייטיק אָבער, אַז מענטשן אַרבעטן אָפּ אַ פּערציק־פופציק יאָר, הייבט מען אָן אַלט צו ווערן, איניקע אַפילו גאָר אַלט... און אַז מען ווערט אַלט, ווייסט איר דאָך, הויבט מען אָן ביסלעכווייז אויסצושטאַרבן... און דאָס טאָקע האָט פּאַסירט אין דעם פּלאַץ, וואו איך האָב געאַרבעט... ביסלעכווייז, גאָר אומבאַמערקטערהייט, האָבן אָנגעהויבן איינער נאָכן צווייטן אַוועקצופאַלן...

און אַז מען זעט, ווי איין קאָלעגע נאָכן צווייטן רוקט זיך אַוועק, ווערט, נאַטירלעך, קאָלעמוטנע אויפן האַרצן... פאַרשיידענע אומהיימלעכע געדאַנקען קומען דעמאָלט אין קאָפּ און מען דערפילט זיך שטאַרק דערשלאָגן. מען הויבט אָן ציילן די אייגענע יאָרן, מען פאַרגלייכט זיך צו די וואָס זיינען אַוועק, און מען הויבט זיך אָן שרעקן: ווער ווייס, צי בין איך אַליין טאָקע ניט נעקסט...

ווייטערע אומהיימלעכע געדאַנקען קומען דיר אין קאָפּ, און מען לאָזט זיך אַריין אין אַ גאַנצער פילאָזאָפיע וועגן לעבן און טויט. וואָס איז דאָס לעבן? אָט לעבסטו, טומלסט זיך און טאַראַראַמסט, און מיינסט, דו ביסט אַ גאַנצער קנאַקער... און אָט קומט פּלוצלונג דער טויט און מאַכט מיט־אַמאָל צו אַלץ אַ סוף... מען באַוויינט דיך, באַקלאָגט, מען זאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן דיר, און נאָכדעם באַגראָבט מען, פאַרשיט — און פּטור אַן עסק... די קינדער — אויב זיי זיינען דאָ — האָבן זיך זייער לעבן און פאַרגעסן גאָר, אַז זיי האָבן ווען געהאַט אַ טאַטן... און דאָס ווייב — איר ווייסט דאָך? קלאָגט אָפּ אַ ביסל צייט, און אַז עס מאַכט זיך באַלד אַ צווייטער, איז אָפּגעשטעלט שנעל די מצבה, נאָך פאַרן יאָר, און געביטן דעם נאָמען און אַמאָל אויך דעם אַדרעס...

איז אָט אַזעלכע געדאַנקען קומען דיר אין קאָפּ...

וואָלט טאָקע געווען זייער שלעכט...

אָבער, ווי זאָגט דאָס ווערטל: גאָט שיקט די רפואה פאַר דער מכה...

און דאָסזעלבע האָט פּאַסירט אויך ביי אונדז.

געקומען איז עס גאָר צופעליק, ווי יעדער גרויסער אויפטו...

ווען דער ערשטער קאָלעגע איז געשטאָרבן — אַ זייל אין דער אָר־גאַניזאַציע — האָט עס, נאַטירלעך, אָנגעמאַכט אַ גאַנצן טומל. נאָר — גאָרניט, גלייך ווי מיט אַלעמען: געמאַכט אַ שיינע לוויה, געהאַלטן אַ פּאָר רעדעס, וואו מען האָט שטאַרק געלויבט דעם פאַרשטאָרבענעם, און — באַגראָבן...

עס האָט זיך באַלד געפונען אַ צווייטער, וואָס האָט פאַרנומען דעם פאַרשטאָרבענעמס פּלאַץ, און קיינער וואָלט גאָר קיין צו־גרויסן ווען ניט געמאַכט...

דער ווייב זיינער האָט עס אָבער ניט געלאָזן רוען: וואָס הייסט? איר מאַן האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָליע — און פּלוצלונג אויס! ניטאָ און פאַרגעסן...

האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַוועק צום פירער פון דער אָרגאַניזאַציע:

— ס׳טייטש, מיין מאַן האָט אָפּגעאַרבעט ביי אייך אַזויפיל יאָרן, און אַט אַזוי, גלאַט מיר־ניט, דיר־ניט, זאָל ער פאַרגעסן ווערן? עס דאַרף ניט זיין און עס טאָר ניט זיין... עפּעס מוזט איר טאָן...

— וואָס אַזוינס קאָנען מיר טאָן?

— איך ווייס ניט... איר זייט דער פירער און פאַראַן נאָך אונטער אייך — עפּעס וועט איר צוזאַמען צוטראַכטן...

און כך הוה.

אין אַ קורצער צייט אַרום רופט דער פירער אַ מיטינג פון אַלע אָנ־געשטעלטע און חזרט איבער פאַר אונדז דאָס, וואָס דעם פאַרשטאָרבענעמס פרוי האָט אים פריער געזאָגט, נאָר מיט אייגענע ווערטער:

— דער פאַרשטאָרבענער איז געווען איינער פון אונדזערע וויכטיק־סטע מיטאַרבעטער. צענדליקער יאָרן האָט ער מיטגעאַרבעט מיט אונדז אַלעמען און באַרייכערט אונדזער אַלעמענס דערפאַרונג, סיי מיט זיין וויסן און סיי מיט זייןביישפּיל. ער האָט אויך געהאָלפן אויפבויען אונדזער אָר־גאַניזאַציע און מאַכן פון איר דאָס, וואָס זי איז. עס וואָלט דעריבער געווען אַ גרויסע עוולה, ווען דער מענטש זאָל פאַרגעסן ווערן און עס זאָל גאָרנישט געטאָן ווערן, וואָס זאָל פאַראייביקן סיי זיין שיינע פּערזענלעכקייט און סיי זיינע אויפטואונגען אין לעבן...

און דער פירער שלאָגט פאָר אַ גאַנצן פּלאַן, אַ „פּראָיעקט", הייסט דאָס: אַ בוך זאָל אָנגעשריבן ווערן וועגן דער געשיכטע פון דער אָרגאַ־

ניזאַציע און אירע דערגרייכונגען, און דאָס בוך זאָל געווידמעט ווערן דעם אָנדענק פון דעם פאַרשטאָרבענעם...

אַ שיינער געדאַנק — ניט אַזוי?

אַי, וואו וועט מען נעמען דאָס געלט פאַר דעם? אַן אָנהייב וועט מאַכן די אָרגאַניזאַציע אַליין און דאָס איבעריקע וועלן דעם פאַרשטאָרבענעמס קאָלעגן און משפחה מוזן שאַפן...

און כדי אַרויסצוהעלפן און פאַרשנעלערן די אַרבעט, שלאָגט ער פאַר איינצואָרדענען גלייך אַן אָוונט נאָכן פאַרשטאָרבענעם, וואו עס וועלן דורך רעדעס אַרויסגעבראַכט ווערן די מעלות און פיינע איגנשאַפטן זיינע, און גלייכצייטיק וועט געמאַכט ווערן אַן „אַפּיל" צו די אַנוועזנדע פאַר געלט...

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, אַט אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן...

דער ערשטער אויפטו איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג. די נויטיקע סומע איז געשאַפן געוואָרן און מען האָט זיך גלייך גענומען אַרויס־געבן דעם בוך, וואָס זאָל פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דעם פאַרשטאָר־בענעם...

אָבער דאָס איז בלויז געווען אַן אָנהייב...

ווען אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַ צווייטער געשטאָרבן, איז גלייך קלאָר געווען, אַז אויך פאַר אים וועט עפּעס מוזן געטאָן ווערן... ערשטנס ניט צו פאַרשעמען זיין אָנדענק דורך שטעלן אים נידעריקער פונעם ערשטן, און צווייטנס טאַקע, ביי די איבעריקע, די לעבעדיקע קאָלעגן, ניט אַרויס־צורופן קיין שלעכטע געפילן...

האָט מען געטראַכט און געטראַכט און פאַר אים אויך געפונען אַ „פּראָיעקט". אין איינעם פון די צימערלעך פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען געעפנט אַ טיי און לייען־צימער, וואו די אָנגעשטעלטע אין זייער מיטאָג־שטונדע זאָלן האָבן וואו צו מאַכן קאַווע אָדער טיי, און גלייכצייטיק אַריינ־קוקן אין אַ צייטונג, אָדער זשורנאַל...

פאַרשטייט זיך, אַז דער לייען־צימער האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם...

אָבער מיט דעם האָט זיך די מעשה נאָך אַלץ ניט געענדיקט...

ווי געזאָגט, האָבן מיר אָפּגעאַרבעט ביי דער אָרגאַניזאַציע אַ פערציק־פופציק יאָר צייט. ווען מען איז געווען יונג, זיינען אַלע געווען יונג. ווען מען איז אָבער אַלט געוואָרן, זיינען אַלע מיטאַמאָל אַלט געוואָרן, און ווען מען האָט אָנגעהויבן אויסשטאַרבן, האָט עס אויך לאַנג ניט געדאַרפט נעמען פון איינעם ביז צום צווייטן...

פּלוצלונג האָט מען באַמערקט, ווי איינער נאָכן צווייטן הויבן זיך אָן אָוועקצורוקן... אין איין יאָר צייט האָט מען פאַרלאָרן דריי קאָלעגן...

אָבער צופיל צייט צו טראַכטן און טרויערן נאָך זיי איז ניט געווען...

דער פּרעזידענט, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט נאָך די ערשטע צוויי, איז איצטער שיר־ניט געוואָרן אַ טראַדיציע, אַ מוז־זאַך... קיינער וועט דאָך ניט זאָגן, אַז דער האָט זיך פאַרדינט, אַז זיין אָנדענק זאָל פאַראייביקט ווערן, און אַ צווייטער ניט... איז דאָס שוין אַזוי געגאַנגען: ווי נאָר איינער איז געשטאָרבן, האָט מען גלייך געמוזט אויסקלייבן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל צוטראַכטן אַ „פּראָיעקט", מיט וועלכן דער פאַרשטאָרבענער זאָל פאַראייביקט ווערן...

די אָרגאַניזאַציע איז פול געוואָרן מיט „פּראָיעקטן": אַ ביבליאָטעקל, אַ לייען־צימער, אַ פּאָרטרעטן־גאַלעריי, וואו עס זיינען געווען אויסגעהאָנגען די בילדער, סיי פון די ערשטע גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זיינען שוין לאַנג טויט, און סיי פון די באַזונדערע מיטאַרבעטער, וועלכע זיינען דורך דער צייט געשטאָרבן; אַ דאָקומענטן־צימער, וואו עס זיינען געווען פּרעזערווירט אין קליינע שאַפקעלעך פאַרשיידענע דאָקומענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער אָרגאַניזאַציע; אַן ארכיוו, וואו עס זיינען אין אַ באַשטימטן סדר געלעגן אויסגעלייגט פּראָטאָקאָל־ביכער און צושריפטן, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט דורך די אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ אַרויס־געשיקט און אויך געקראָגן; אַ קליינער „מוזיי", וואו עס האָבן זיך גע־פונען פאַרשיידענע מטלטלין, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער אָרגאַניזאַציע... און נאָך אַנדערע „פּראָיעקטן"...

כאָטש וואָס ווייטער איז אַלץ שווערער געוואָרן צוצוטראַכטן נייע „פּראָיעקטן", איז אָבער, אַז מען האָט דאָס געמוזט טאָן, האָט מען זיך סוף־כל־סוף אַן עצה געגעבן: געטראַכט, געזוכט, זיך נאָכגעפרעגט, וואָס מען טוט ביי לייטן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. קיין טעמעס האָבן ניט אויסגע־פעלט...

עס איז אַפילו אַרומגעגאַנגען אַ שפּאַס, אַז עס ליגן שוין אָנגעגרייט פּלענער פאַר „פּראָיעקטן" אויך פאַר די, וואָס לעבן נאָך דערווייל... און אַז עס וועט פּלאַנירט, אַז איין „פּראָיעקט" זאָל באַשטיין פון אַ „פּראָיעקטן"־צימער, וואו די אַלע פּלענער זאָלן אויפגעהיט ווערן...

ווי עס זאָל ניט זיין, די פראַגע פון „פּראָיעקטן" נאָכן טויט איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער צווישן די אָנגעשטעלטע, אַז מען האָט נאָר געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דיי...

דערווייל אָבער האָבן די רייען געהאַלטן אין ווערן אַלץ שיטערער...

איך אַליין, כאָטש איך בין ווייט ניט געווען פון די יינגסטע, בין נאָך דערווייל, קענטיק, „אויפן צעטל" ניט געשטאַנען... איך האָב זיך געהאַלטן פריש און מונטער, ניט נאָך מיינע יאָרן נאָך, און יעדן טאָג, סיי גייענדיק צו

דער אַרבעט און סיי פון דער אַרבעט, געמאַכט אַ שפּאַציר פון עטלעכע מייל, אָבער אויפן קאָפּ „געטראָגן“ האָב איך עס פונדעסטוועגן יע...

עס האָבן מיך געמאַטערט צוויי פראַגן. ערשטנס האָב איך זיך גע־שראָקן, אַז ווען מיין צייט וועט קומען, זאָלן מעגלעך ניט נאָר אַלע „פּראָ־יעקטן“ זיין אויסגעשעפּט, נאָר עס זאָלן ניט בלייבן אַפילו קיין „פּראָיעקטן“־צוזאַמענשטעלער, ס׳הייסט גענוג מענטשן פאַר אַ קאָמיסיע, און אַוודאי ניט גענוג פאַר אַזעלכע, וואָס זאָלן זיך מיט מיין „פּראָיעקט“ ווען באַנוצן...

(איר ווייסט דאָך, קיין מענטשן גלויבט זיך ניט אויף זיך אַליין...).

צווייטנס האָט מיך שטאַרק אינטריגירט צו וויסן, וואָס מיין „פּראָ־יעקט“ וועט זיין?... עפּעס אַ לייטישער, אַן אָנגעזעענער, עס זאָל ניט זיין וואָס צו שעמען זיך, וואָס מיין נאָמען איז אַסאָציאירט מיט אים, אָדער עפּעס אַ „פּראָיעקטל“, אַזוי פון יוצא וועגן, צו פאַרוואַרפן די אויגן, אַז די משפחה מיינע זאָל ניט קענען האָבן קיין טענות?...

אָט די צוויי פראַגן האָבן מיך שטאַרק געמאַטערט...

עס האָט מיך אויך אינטערעסירט צו וויסן, וואָס מען וועט זאָגן וועגן מיר נאָך מיין טויט... אַלעמאָל האָב איך געהאַט דעם דאָזיקן פאַרלאַנג, נאָר איצטער נאָך מער ווי ווען עס איז... איך האָב אַמאָל געלייענט וועגן אַ שרייבער, וואָס דורך אַ טעות האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן... די צייטונגען האָבן זיך נאַטירלעך צעשריבן וועגן אים, און איך האָב געטראַכט, אַז ער האָט געמוזט זיין דער איינציקער גליקלעכער מענטש אין דער וועלט, וואָס האָט געקענט לייענען וועגן זיך, וואָס מען וועט זאָגן נאָך זיין טויט... איצט האָב איך אים שטאַרק מקנא געווען...

מיינע געדאַנקען, נאַטירלעך, האָב איך געהאַלטן פאַר זיך און געשעמט זיך זיי פאַרטרויען אַפילו פאַר מיין ווייב...

נאָר איינמאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען אין אָפיס און געטראָפן דעם פירער פון אונדזער אָרגאַניזאַציע אין איינער פון זיינע זעלטענע אויפגע־לייגטע שטימונגען, ווען ער איז גרייט אָפּצורייסן אַ מינוט פון זיין אַרבעט און איבערוואַרפן זיך מיט אַ פּאָר פערזענלעכע באַמערקונגען, האָב איך ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און ניט אַרויסזאָגן, וואָס עס דריקט מיר אויפן האַרצן...

און ווען ער האָט מיך געפרעגט: — וואָס מאַכט מען עפּעס, קאָלעגע נח? ווי פילט מען אין געזונט? האָב איך אומעטיקלעך געענטפערט: — וואָס זאָל מען מאַכן? מען ווערט עלטער... איך האָב שטאַרק מורא, אַז איר וועט שוין באַלד דאַרפן אָנהייבן טראַכטן וועגן נאָך אַ „פּראָיעקט“... — האָב איך האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט געענטפערט.

— אָ, וואָס פאַלט אייך איין צו טראַכטן וועגן דעם? ביי מיר האָט

איר געפּועלט צו וואַרטן כאָטש נאָך אַ צוואַנציק־דרייסיק יאָר... — האָט ער אויך האַלב־שפּאַסיק געענטפערט: — אַלנפאַלס, זאָל דאָס אונדז זיין די לעצטע זאָרג... איר ווייסט דאָך פון דעם שפּאַס, וואָס גייט ביי אונדז אַרום... — האָט ער שוין גאָר שפּאַסיק מיט אַ געלעכטער צוגעגעבן.

— איר לאַכט — האָב איך באַשלאָסן אויסנוצן די געלעגנהייט און אַראָפּריידן זיך פון האַרצן —ביי מיר איז עס אַ גאַנץ ערנסטער ענין... איך זע, ווי איין קאָלעגע נאָכן צווייטן רוקט זיך אַוועק און איך טראַכט אַמאָל ביי זיך: ווען דיין צייט וועט קומען, ווער ווייס, צי עס וועט שוין זיין ווער, וואָס זאָל דיך קומען באַגלייטן, וואָס זאָל זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דיר... און אַז עס וועט זיך שוין אַפילו געפינען ווער, וואָס זאָל פאַר דיר אויך שאַפן אַ שטיקל „פּראָיעקט" — ווי פאַר אַנדערע — ווער ווייס, צי עס וועט שוין בלייבן ווער, וואָס זאָל זיך מיטן „פּראָיעקט" ווען באַנוצן, ווען דער „פּראָיעקט" זאָל פאַר וואָס עס איז דינען...

איך בין געוואָרן גאָר ערנסט.

— לעצטנס, האָב איך געזאָגט, האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט אַ נייע פילאָסאָפיע. און געקומען איז זי מיר פון מיין מוטער עליה השלום... מיין מוטער איז געווען זייער אַ גוטע און פאַרן לעבן האָט זי געהאַלטן כסדר אין געבן די קינדער מתנות. וויפל זי האָט נאָר געהאַט, פלעגט זי צעטיילן די קינדער... „לאָמיך הנאה האָבן פאַרן לעבן" — פלעגט זי זאָגן — נאָכן טויט איז שוין סיי־ווי אַלץ איינס..."

— און איך — זאָג איך — האָב אויך לעצטנס אַזוי אָנגעהויבן צו דענקען... אַלץ איצטער, כל־זמן דו לעבסט, און ניט נאָכן טויט ערשט... וואָס קומט אַרויס, אַז מען מאַכט אַ באַרג פון דיר, מען הויבט דיך אַזש אין הימל, אַז ניט דו קענסט עס הערן און ניט דו קענסט הנאה האָבן פון דעם... אָט, זעט איר, פאַרן לעבן, ווען מען טוט דאָס, קען מען עפּעס געניסן פון דעם... נאָך אַלעמען — זאָג איך — ליגט עס אין דער נאַטור פון מענטשן צו וועלן אויסזען וואָס לייטישער, צו וועלן הערן אַ גוט־וואָרט וועגן זיך...

איך האָב באַמערקט, אַז דער פירער קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט און זוכט צו צעקייען, צי מיין איך עס ערנסט, אָדער דאָס שפּאַס איך אַזוי אין אַן ערנסטער פאָרם.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז אַ מאָנומענט נאָכן מענטשן — אויב ער פאַרדינט זיך נאָר אַזאַ — וואָלט געדאַרפט געשאַפן ווערן פאַר אים נאָך ביים לעבן? — האָט ער פאַרשנדיק מיך געפרעגט — עס איז זייער אינ־טערעסאַנט...

— איך בין איבערצייגט אין דעם... — האָב איך געענטפערט מיט

אַזאַ טאָן, וואָס האָט ביי אים ניט געדאַרפט שוין איבערלאָזן קיין שום צווייפל אין מיין ערנסטקייט — איך בין איבערצייגט, אַז דער מענטש וואָלט נאָך ביים לעבן געדאַרפט הערן אַ וואָרט, וואָס וועט קלינגען נאָך זיין טויט... זען אַ בילד, ווי אַלץ וועט אויסזען נאָך אים, אָן אים...

אויף זיין פּנים האָט געשוועבט אַ שמייכל.

— איר ווייסט, קאָלעגע נח, אייער געדאַנק זעט מיר אויס צו זיין אינטערעסאַנט, אָבער די מענטשהייט, ווייזט אויס, איז נאָך צו דעם ניט דער־גאַנגען... וואָלט איר זיך געלאָזט, אַז אויף אייך זאָל געמאַכט ווערן דער ערשטער עקספּערימענט?...

אַ מינוט בין איך געבליבן צעטומלט, ניט דערוואַרטנדיק, אַז דאָס, וואָס איך האָב געטראָגן אין האַרצן, זאָל טאַקע בפועל ממש פאַרווירקלעכט ווערן...

אויף מיין פּנים האָט ער, ווייזט אויס, דערקענט, אַז מיט מיר וועט ער קיין שוועריקייטן ניט האָבן...

— אייער אידייע — האָט ער ווייטער געזאָגט — קלינגט אַזוי פאַנ־טאַסטיש, אַזוי ניט רעאַליסטיש, אָבער גלייכצייטיק אַזוי אָריגינעל און ניי, אַז ווען איך וועל קומען צום מיטינג און אויפנעמען די פראַגע, בין איך זיכער, אַז עס וועט אַלעמען אַזוי פאַראינטריגירן און פאַרכאַפּן, אַז קיינער וועט ניט זיין קעגן... ווילט איר זיך לאָזן דורכפירן די פּראָבע אויף אייך?... אויב יע, וועלן מיר זיך עס גלייך נעמען דורכפירן: נעמען אַ זאַל, אַראַנזשירן רעדנער און די פּראָגראַם פון אָוונט, ווי אויך אויסאַר־בעטן אַ „פּראָיעקט" פאַר אייך...

— יאָ, איך בין גרייט... — האָב איך האַלב־פאַרשעמט געענטפערט.

— און ווען איר וועט אַנאָנסירן, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַ „מעמאָריעל"־אָוונט נאָך אַ לעבעדיקן מענטשן — האָב איך שוין מיט התפעלות אויסגערופן — וועט איר זען, אַז דער האָל וועט זיין צו קליין אַריינצונעמען די אַלע וואָס וועלן קומען... און ווען איר וועט אַפּעלירן נאָך ביישטייערונגען, וועט איר זען, ווי געלט וועט פליען פון אַלע זייטן...

— זייער גוט, אויב אַזוי — האָט ער געזאָגט — מיר וועלן זיך גלייך נעמען צו דער אַרבעט...

איך בין אַרויס פון אָפיס אַ ביסל מיד און צעטומלט פון דעם אומדער־וואַרטעטן שמועס, וואָס איך האָב געהאַט, נאָר גלייכצייטיק אויפגעהייטערט און אויפגערודערט פון דער גרויסער איבערלעבונג, וואָס שטייט מיר באַלד פאַר...

איך בין אַ שרייבער...

איך בין אַ שרייבער, איך שעם זיך נישט צו באַרימען זיך... אַ סך מאָל האָט מען מיך שוין געדרוקט און מיין נאָמען איז באַקאַנט צו אַ סך מענטשן. אמת, קיין פּרנסה גיט עס מיר ניט — אויף אַ לעבן צו מאַכן מוז איך גאָר אַרבעטן אין שאָפּ — אָבער פאַרגעניגן און אַ ביסעלע כבוד — יאָ... און ווי זאָגט דאָס ווערטל? — פאַר אַ ביסל כבוד קען אַ מענטש אַמאָל גיין הונדערט מייל צופוס... און, למאי זאָל איך לייקענען? מיר אַליין טוט עס אויך שטאַרק הנאה — קיין אומכבוד פאַרשאַפט עס מיר אַוודאי ניט...

אָט אַ שטייגער — וויפל איז ווערט אַזאַ זאַך: איך פאָר מיר אין סאָבּ־וויי, אַ פאָר צענדליק מענטשן זיצן און לייענען די צייטונג — אַ צאָל פון זיי טאַקע מיין זאַך — און עס פאַלט זיי גאָרניט איין, אַז דער שרייבער פון דער זאַך איז דאָ מיט זיי אין וואַגאָן, זיצט טאַקע אָט דאָ קעגנאיבער...

אָדער, אָט אַ שטייגער, גיי איך פאַרנאַכט שפּאַצירן אין פּאַרקל. איך זע, ווי מענער און פרויען זיצן אויף די בענק און לייענען די צייטונג, אין וועלכער מיין זאַך איז געדרוקט. איך כאַפּ אַ קוק פון דער זייט, צי לייענען זיי ניט טאַקע אַמאָל מיין זאַך... אַמאָל טרעפט, אַז יע: זיי האַלטן עס טאַקע אין מיטן לייענען... עס טוט מיר שטאַרק הנאה בשעת מעשה. איך קלער, וואָס זיי מוזן טראַכטן פון דעם שרייבער פון דער מעשה. זיי מוזן אַוודאי טראַכטן, אַז דער מענטש, וואָס האָט געקענט אָנשרייבן אַזאַ זאַך, מוז זיין אַ גרויסער קאָפּ־מענטש, אַ מענטש וואָס קען גוט די וועלט און דאָס לעבן. און אָט גייט ער — ס׳הייסט, איך, דער גרויסער קאָפּ־מענטש — אַרום אַ פּשוטער, אַ וואַכעדיקער, איינער צווישן אַלע... ווען איך גיי צו צו זיי, אַ שטייגער, און זאָג, אַז איך בין דאָס דער שרייבער פון דער מעשה, וואָלטן זיי מיך אפשר אָנגעקוקט פאַר משוגע, אָדער באַטראַכט פאַר אַ פלאַגיאַטאָר, וואָס זוכט זיך צו פּוצן אין פרעמדע נעמען...

אַמאָל טרעפט, אַז אַ באַקאַנטער באַגעגנט מיך און שטעלט מיך אָפּ: — אַ פיינע זאַך איירע געווען די וואָך... איך מאַך זיך באַשיידן און פרעג כלומרשט גלייכגילטיק: — איר האָט עס געלייענט? — יענער ענטפערט אַ ביסל באַליידיקט: — וואָס הייסט, איך וועל ניט לייענען? איך לייען אַלץ, וואָס מען דרוקט...

איבערהויפּט נעמען אויס מיינע זאַכן ביי די פרויען. אַמאָל לאָזן זיי מיר אַליין וויסן וועגן דעם, אַמאָל שיקן זיי עס מיר איבער דורך מיין פרוי.

און אַמאָל דערווייס איך עס זיך דורך זייערע מענער... — „אַי, האָט זיך עס מיין פרוי בעכטן געקוויקט מיט אייער זאַך!...״

איך ווייס ניט, צי איך בין אַ גרויסער שרייבער, צי ניט — אָבער מיר גייט דאָס ניט אָן: אַבי מען דרוקט מיך און מען לייענט מיך... און דאָס ווייס איך, אַז מען לייענט מיך: אַ ביסל דערציילט מיר מיין פרוי און אַ ביסל זע איך שוין אַליין אויסצוגעפינען...

מיין פרוי קומט צוגיין פון בוטשער־שאָפּ און קוועלט אָן פון נחת:

— ווייסט, די פרויען האָבן מיך היינט אָפּגעהאַלטן אפשר אַ שטונדע צייט און אַלץ גערעדט וועגן דיין מעשה און געפרעגט זיך, ווי קענסטו דאָס אויסטראַכטן? און וואו נעמסטו דאָס אַזעלכע מענטשן צו באַשרייבן?

זי איז שטאַרק צופרידן פון דעם און דערציילט מיר, וואָס זי אַליין האָט פון דעם:

— זינט מען האָט דיך אָנגעהויבן דרוקן, זאָגט זי, באַציט מען זיך צו מיר גאָר מיט אַן אַנדער רעספּעקט: סיי אין בוטשער־שאָפּ, סיי אין גראָסערי און סיי אין פרוכט־סטאָר. מיר דאַכט, אַז זיי גיבן מיר גאָר בעסערע סחורה און רעכענען ביליקער אויך. די וואָג גיבן זיי מיר אַוודאי אַ גרעסערע...

דערפאַר טאַקע זעט מיין ווייב, אַז איך זאָל שרייבן וואָס אָפטער און זאָל האָבן אַ וואָס גרעסערן נאָמען. זי גייט ניט שרייען וועגן מיר אין די גאַסן, חלילה, נאָר אַז די ווייבער מאַכן מיט איר אַמאָל אַ שמועס וועגן מיר, בלייבט זי ניט הינטערשטעליק: זי צעבלאָזט די זאַך און מאַכט עס צען מאָל גרעסער... זי דערציילט זיי, אַז ווען איך שרייב קאָן איך ניט ליידן די קלענסטע זאַך. אַפילו אַ פליג קאָן מיר אַמאָל שטערן... די קינדער צעשיקט זי אין דרויסן און אַליין — אָדער זי זעצט זיך בשעת־מעשה שטריקן, אָדער זי מוז גיין אויף די שפּיץ־פינגער... אַ סך מאָל, דערציילט זי זיי, לאָזט עס מיך ניט רוען און איך מוז אויפשטיין אין מיטן נאַכט און זיך זעצן שרייבן... און ביז פאַרטאָג, ביז איך דאַרף אַוועק צו דער אַרבעט, בין איך שוין פאַרטיק מיט אַ נייער זאַך...

די פרויען שטעלן אָן מויל און אויערן, קענען זיך ניט אָפּוואונדערן פון די חידושים און זיינען איר מקנא, וואָס זי האָט אַזאַ וויכטיקן מאַן. אויף מאָרגן זע איך, ווי די ווייבער קוקן אויף מיר גאָר אַנדערש, מיט אַן אַנדער רעספּעקט, און טראָגן מיר אַנטקעגן דעם „גוט־מאָרגן״ גאָר מיט אַן אַנדער דרך־ארץ...

מיינע קינדער ווייסן שוין אויך די באַקוועמקייט פון האָבן אַ טאַטן אַ שרייבער און בלייבן ניט הינטערשטעליק פון דער מאַמען. פאַר זייערע חברים באַרימען זיי זיך אַלע מאָל, אַז זייער פאָטער איז אַ שרייבער — און ניט נאָר ווייס שוין דער גאַנצער קלאַס אין סקול וועגן דעם, נאָר אַפילו

די לערער ווייסן שוין אויך און אַפילו דער פּרינצעסיפּאַל אַליין... אַנומלטן האָט מען מיין פרוי גערופן צום פּרינציפּאַל וועגן עפּעס, איז אין מיטן שמועס גיט ער זי אַזוי אַ פרעג: — אייער מאַן איז אַ שרייבער, יאָ?...

איך אַליין זוך אויך ניט צו באַהאַלטן מיין שרייבן. בטבע בין איך אַ באַשיידענער מענטש, נאָר אין דעם פאַל מאַך איך אַן אויסנאַם... איך קען פשוט ניט ביישטיין דעם נסיון: פאַרוואָס זאָלן טאַקע אַלע ניט ווייסן, אַז איך שרייב? וואָס איז, עס איז פאַראַן וואָס צו שעמען זיך מיט דעם?... איך דער־צייל אין דער יוניאָן און דערצייל גלאַט פאַר באַקאַנטע. אַלע ווייסן שוין, ניט נאָר אַז איך שרייב, נאָר וויפל זאַכן איך האָב שוין אָנגעשריבן, וואָס איך פלאַנעווע צו שרייבן און וואָס איך וואָלט געשריבן, ווען איך האָב נאָר מער צייט... אין שאַפּ ווייס מען גאָרניט, וואָס צו טאָן מיט מיר: אַ קליניקייט, אַ ברודער אַרבעטאָרער, וואָס זיצט אָט דאָ ביי דער מאַשין — גאָר אַ שריי־בער! זיי דערציילן וועגן מיר פאַר באַקאַנטע. זיי האָבן מיך אַפילו געוואָלט אויסקלייבן פאַרן שאַפּ־טשערמאַן, נאָר איך האָב זיי דערקלערט, אַז דאָס וועט מיר שטערן אין מיין שרייבן... דערפאַר קומען זיי צו מיר מיט יעדער קליי־ניקייט. צעקריגן זיך אַמאָל צוויי, אָדער צעקריגט זיך ווער מיט דער ווייב אין דער היים, קומט מען צו מיר זיך אויסטענהן, אַז איך זאָל זען אויסגלייכן דעם סכסוך, אָדער אַזוי אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן... וואָס דאַרפט איר מער?—די אַרבעטער זוכן מיר אַפילו אַמאָל אַרויסצוהעלפן אין מיין שרייבן... פון צייט צו צייט קומט צו מיר צו איינער און זאָגט: — איזי, איר ווייסט, וואָס ביי מיר אין בלאָק האָט פּאַסירט? אַ מיידל, וואָס דער בחור האָט זי אָוועקגעוואָרפן פאַר דער חתונה, האָט איינגענומען סם און זיך גענומען דאָס לעבן... איך דערצייל דאָס אייך, זאָגט ער, טאָמער וועט דאָס אייך אַמאָל צונוץ קומען און איר וועט קענען מאַכן דערפון אַ מעשה... איך דאַנק זיי פאַר זייער אינטערעס אין מיין שרייבן און פאַרזיכער זיי, אַז אַמאָל וועט פון זייער מאַטעריאַל געשאַפן ווערן אַ וויכטיק ווערק...

אָט אַזוי צעטראָג איך אַליין וועגן מיין שרייבן און מאַך באַקאַנט וועגן דעם.

איך האָב שוין אַפילו געפּרואווט מיין באַלעבאָס פון שאַפּ דערציילן און געמיינט, אַז ער וועט אויך זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס ביי אים אין שאַפּ אַרבעט אַזאַ וויכטיקער אַרבעטער. איז ער אָבער אַ גראָבער יונג און רופט זיך אָן:

— מער, איזי, האָסטו שוין גאָרניט וואָס צו טאָן? דו בעסער ניי הויזן און מאַך אַ לעבן. פאַראַן גענוג שרייבער אָן דיר...

איך האָב זיך ניט באַליידיקט אויף אים. וואָס איז זיך פאַראַן וואָס צו באַליידיקן אויף אַ גראָבן יונג, וועמען עס ליגט נאָר אין זינען איין זאַך:

געלט און הויזן, הויזן און געלט!... נאָר אַ טראַכט געטאָן בשעת מעשה האָב איך, אַז ווייטער דאַרף מען זיין פּראַקטיק מיט ווען מען צו ריידן... אַז ריידן, דאַרף מען נאָר מיט אַזאַ, וואָס פאַרשטייט זיך אויף די זאַכן...

מיין פרוי, קען מען זאָגן, פאַרשטייט אויך ניט צופיל אין דעם. דערפאַר הערט זי מיך אָבער אַלעמאָל אויס געדולדיק און שאָקלט אויף יעדן פּאַ־ראַגראַף צופרידן מיטן קאָפּ. זי מעג האַלטן ווי אין מיטן דער אַרבעט, רייסט זי עס באַלד איבער און אַמאָל, מיטן מעסער אין איין האַנט און מיט אַ מערן אין דער צווייטער, הערט זי זיך צו, ווי איך לייען איר פאָר. איין מעלה האָט מיין ווייב: זי פאַרשטייט אפשר ניט קיין סך, דערפאַר אָבער וועט זי אויך ניט קריטיקירן און זאָגן, אַז עס געפעלט איר ניט... איר געפעלט שטענדיק אַלץ וואָס איך שרייב. הלוואי וואָלטן אַזוי אַנדערע געזאָגט... עס טרעפט אַפילו אַמאָל, אַז זי העלפט מיר גאָר צו: גיט מיר אַן עצה, ווי אַזוי צו פאַר־ענדיקן אַ זאַך, אָדער אַרויסקריכן פון אַ פּלאָץ, וואו איך בין געבליבן שטעקן און קען זיך ניט רירן פון אָרט. אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך באַגיי אַן עוולה קעגן איר: איך וואָלט גאָר באַדאַרפט איבער דער זאַך אַרויפשטעלן איר נאָמען, אָדער ווינציקסטנס ביידנס... דערפאַר האָף איך, אַז ווען עס איז, וועט איר נאָמען אויך שיינען מיט געדרוקטע אותיות: ווען איך וועל אַמאָל אַרויסגעבן אַ בוך, וועל איך אים ווידמענען איר...

יאָ, טאַקע וועגן אַרויסגעבן אַ בוך... מיין ווייב טאַרעט מיך שוין אַ היפּשע צייט, איך זאָל צוזאַמענעמען מיינע שריפטן און אַרויסגעבן אין אַ בוך.

— וואָס איז, זאָגט זי, דיין שרייבן איז עפּעס ערגער פון די, וואָס גיבן אַרויס ביכער?...

ביי מיין ווייב אין די אויגן בין איך זיכער גרויס — הלוואי ביים רע־דאַקטאָר אַזוי...

מיינע קינדער העלפן איר צו:

—טאַקע, פּאַ, פאַרוואָס ניט?...

ביי זיי וואָלט עס געווען, ווייס איך, אַ גאַנצער עסק; זיי וואָלטן עס געגומען אין סקול און פאַרקלונגען אַ וועלט מיט דעם...

איך מאַך זיך באַשיידן אַפילו פאַר דער אייגענער ווייב און קינדער און ענטפער געלאַסן:

— וואָס איז די אײלעניש? עס איז נאָך דאָ צייט. זאָל זיך אָנקלייבן אַ ביסל מער...

אין דער אמתן אָבער טאַרעט עס מיך אויך. באַזונדערס זינט איך בין געוועזן אויף אַן אָוונט, וואָס מען האָט געמאַכט אַ באַקאַנטן מיינעם, אויך אַ שרייבער, צום אַרויסגעבן פון זיינעם אַ ביכל. וואָס פאַר אַ כבוד מען האָט

עס דעם מענטשן צוגעטיילט! וואָס פֿאַר אַ לויב־געזאַנגען! וואָס מען האָט עס אַרויסגעלייענט פֿון זיין ביכל דאָרטן — בסך־הכּל קנאַפּע הונדערט זייט־לעך!... איבער צווי שעה איז מען געשטאַנען און געלויבט אים...

און מיר, דעם אמת זאָגנדיק, געפֿעלט גאָרניט זיין שרייבן: איך ווייס גאָר־ניט, וואָס פֿאַר אַ ווּעזן האָט מען דאָס געדאַרפֿט מאַכן פֿון אים?... איך בין געזעסן און געטראַכט: אויב פֿאַר אַזוינע זאַכן לויבט מען אַזוי שטאַרק, איז וויפֿל איז שוין ווערט מיין שרייבן?...

און פֿון יענעם אָוונט אָן לאָזט עס מיך טאַקע ניט רוען. מיין ווייב לאָזט עס אַוודאי ניט רוען. זי איז מיט מיר אויך געווען צו יענעם אָוונט און איז געקומען אַהיים אַ צעקאָכטע: וואָס פֿאַר אַ כּבֿוד יענעמס ווייב האָט עס געהאַט! ווי מען האָט עס זי געלויבט דאָרט, אַקוראַט ווי זי וואָלט גע־ווען ווער ווייסט ווער! בסך־הכּל, ווען מען האָט איר שפּעטער געגעבן אַ וואָרט, האָט זי דעם מויל ניט געקענט עפֿענען... עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן, ווי זי האָט קוים אַרויסגעקייט צוויי ווערטער...

מיין פֿרוי פּילט, אַז אויב יענער האָט געקענט אַרויסגעבן אַ ביכל און פֿאַרדינען זיך אַזוי פֿיל כּבֿוד, קאָן איך עס אַוודאי.

איך פּרוּוו נאָך פֿונדעסטוועגן איינטענהן מיט איר:

— ווער וועט עס קויפֿן? ווער וועט עס לייענען? מילא, אין צייטונג, אַז מען זעט, לייענט מען עס איבער, אָבער אַ בוך פֿאַר אַ פֿאַר דאָלער — ווער וועט עס גיין באַצאָלן פֿאַר דעם?...

מיין פֿרוי אָבער פֿאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ:

— דו נאָר דרוק פֿריִער אָפּ, וועסטו שוין זען, ווי שנעל זיי וועלן זיך פֿאַרקויפֿן...

און זי מאַכט מיר אַזאַ חשבון:

— אַ פֿאַר הונדערט ביכער מסתּמא וועט זי אַליין פֿאַרקויפֿן: אין בוי־טשער־שאָפּ, אין גראָסערי, אין גרינס־סטאָר, אַזוי צווישן באַקאַנטע ווייבער. קיינער וועט זיך ביי איר ניט אָפּזאָגן קויפֿן אַ בוך... אַ סך וועלן נאָך איר אַליין העלפֿן פֿאַרקויפֿן אַ ביסל ביכער... נו, און אין שאָפּ די אַרבע־טער... ווי ווייניק — אַ פֿאַר הונדערט ביכער וועלן זיי זיכער נעמען, סיי פֿאַר זיך און סיי אויף צו פֿאַרקויפֿן. פֿאַר איזין וועלן זיי אַלץ טאָן. אַפֿילו דער באַלעבאָס וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו קויפֿן אַ בוך... נו, און וואו איז משפּחה, פֿריינט, קרובים און אַזוי באַקאַנטע? נו, און די קינדער וואו זיינען? זיי קען מען אויך ניט אויסלאָזן. זי האָט מורא, אַז זיי קענען פֿאַרקויפֿן מער ביכער, ווי ווער עס איז. זאָלן זיי זיך נאָר אַרויסלאָזן איבער דער געגנט — וועט ניט זיין קיין איינער, וואָס וועט זיי אָפּזאָגן.

— דו ווערסט זען, זאָגט מיין ווייב צו מיר, עס וועלן נאָך דיר אויספעלן ביכער...

בכלל קריג איך זיך קיינמאָל מיטן ווייב ניט און טו שטענדיק, ווי זי זאָגט. און אין דעם פאַל האָב איך אַוודאי ניט געוואָלט זיך קריגן מיט איר, באַשליס איך שוין צו פאָלגן זי און אַרויסגעבן אַ בוך.

ווייס איך דאָך אָבער ניט, ווי אַזוי מען הייבט עס אָן צו טאָן, באַשליס איך צו ווענדן זיך צו מיין באַקאַנטן, דעם שרייבער, וואָס האָט שוין דער־פאַרונג סיי מיט אַרויסגעבן אַ בוך, סיי מיט פאַרקויפן עס און סיי מיט מאַכן אַן אָוונט. איך גיי צו אים אַוועק צוזאַמען מיט מיין פרוי.

צוערשט האָט ער אונדז אויפגענומען זייער פריינטלעך, געזעדט, גע־שמועסט, ווי די מאָדע איז, געהייסן דער ווייב מאַכן טיי. נאָר אַז ער האָט געהערט וועגן וואָס מיר זיינען געקומען, איז ער געוואָרן אַ ביסל אָנגעכמורעט.

— צו וואָס דאַרפט איר עס, קאָלעגע? עס פעלט אייך אויס קאָפּ־ווייטאָג?...

— צו וואָס דאַרפן עס אַנדערע? — מישט זיך שוין אַריין מיין ווייב, און איך פיל, ווי זי ווערט אָנגעצונדן און קאָן נאָך באַלד מיט עפּעס אַרויס־שיסן. — וואָס איז, זיין שרייבן שטייט עפּעס נידעריקער פון וועמעס?...

— חלילה! — האָט זיך יענער גענומען פאַרענטפערן — ווער זאָגט עס און ווער קלערט עס? פאַרקערט, יעדעס מאָל, ווען עס קומט אויס צו ריידן וועגן אייער מאַן, רופט זיך יעדער איינער אָפּ מיטן גרעסטן לויב וועגן אים...

— נאָר וואָס זשע דען? — ווערט שוין מיין ווייב אַ ביסל ווייכער.

— די זאַך איז אָט וואָס: נישטאָ קיין קויפער פון ביכער, נישטאָ קיין מאַרק פאַר דעם. דער מאַרק איז טויט... אַ ייד וועט אייך איצט קויפן אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט קיין בוך...

— איז ווי זשע טוען אַנדערע? — פרעגט מיין פרוי, און רעדט, ווי ניט איך וואָלט דאָס געוואָלט אַרויסגעבן דעם בוך, נאָר זי גאָר...

— איז טאַקע זייער שלעכט, — ענטפערט מיין באַקאַנטער. — מען יאָגט זיך אַרויס פון די כוחות, מען פאַרבאַרגט זיך איבערן קאָפּ, מען בויט אויף שלעסער, מען האָפט — און צום סוף אַ נעכטיקער טאָג: מען בלייבט מיט די ביכער...

און כדי צו ווייזן אונדז, אַז עס איז ניט גלאַט געריידט אין דער וועלט אַריין, עפנט ער אַ טיר פון אַ זייטיקן צימערל און פירט אונדז ביידן אַריין אַהין. און אַז מיר קומען אַריין, דערזעען מיר פולע קאַסטנס אָנגעפּאַקט מיט ביכער — טאַקע מיט די זעלבע ביכער, וואָס מען האָט ביי יענעם אָוונט אַזוי שטאַרק געלויבט...

— איר זעט, זאָגט ער ווידער צו מיין פרוי, פונקט ווי ניט איך וואָלט

דאָס געווען דער שרייבער, נאָר זי: — איר זעט: אָט דאָ ליגט אַ פּאָר יאָר אַרבעט פון שרייבן דעם בוך, פון אַרויסגעבן אים און פון אַלע האָפענונגען, וואָס איך האָב געלייגט אויפן בוך. איצטער ליגט דאָס ווי אַ בר־מנן, און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל עס צונעמען... דערפאַר — ווענדעט ער זיך שוין צוריק צו מיר — דערפאַר, קאָלעגע, זאָג איך אייך: אויב איר ווילט ניט האָבן קיין האַרץ־ווייטאָג, קיין עגמת נפש — הייבט זיך בעסער ניט אָן...

איך גיב אַ קוק אויף מיין ווייב און זע, אַז זי שטייט נערוועז און אומגעדולדיק און וויל שוין וואָס גיכער אַוועקגיין. צעזעגן איך זיך מיט מיין באַקאַנטן, באַדאַנק אים פאַר דער עצה, און מיר גייען אַוועק.

— נו, וואָס זאָגסטו איצטער? — זאָג איך צו מיין ווייב, ווען מיר זיינען שוין אין דרויסן.

— וואָס איך זאָג? איך זאָג, אַז דו ביסט אַ נאַר און אַ גולם... ווער האָט דיך געבעטן גיין פרעגן עצות צו אים — האָסט ניט דיין אייגענעם שכל? איז ער צו דיר געקומען פרעגן אַן עצה, צי אַרויסגעבן זיין ביכל, צי ניט?... איצטער איז ער געוואָרן אַ גאַנצער חכם און גיט יענעם עצות, וואָס צו טאָן — פאַרוואָס האָט ער זיך אַליין קיין עצה ניט געגעבן?... ווילסט ויסן, וואָס איך זאָג? — האָט זי ווייטער גערעדט — איך זאָג, אַז דו זאָלסט זיך באַלד נעמען אַרויסגעבן דעם בוך... אַן אָונט ווסטו האָבן? — און דאָס איבעריקע וועל איך שוין באַזאָרגן...

— יאָ, האָט זי זיך באַלד געכאַפּט: — האָסטו געזען זיין ביכל, וואָס ער שרייבט דאָרט, אויב ניט פון די היימישע צרות?... איז ווער דאַרף אַזאַ ביכל? איך וואָלט עס אַליין אין האַנט ניט גענומען... דו, מיין מאַן, שרייב בעסער וועגן ליבע. ליבע איז אַלעמאָל אַ גאַנגבאַרע סחורה... שלמה המלך איז געווען קליגער פון דיר און האָט אויך געשריבן וועגן ליבע — דעריבער געדענקען אים אַלע אַזוי... פּרוּוו נאָר, זאָגט זי, אויף טשיקאַווע זיך צוקוקן, וואָס לייענען די פרויען, ווען זיי האַלטן אַ צייטונג: לייענען זיי די אַרטיקלען, צי זיי לייענען דעם ראָמאַן?... איך וויס בעסער פון דיר... און אַז איך זאָג דיר: נעם זיך גלייך צום אַרויסגעבן דעם בוך, ווייס איך, וואָס איך רייד. גיי זע זיך גלייך מיט אַ דרוקער און נעם אַ האָל...

זע איך דאָך שוין, אַז עס איז פאַרפאַלן: איך וועל מוזן האָבן אַ בוך און מוזן האָבן אַן אָונט...

צו פינף־און זיבעציק...

נישט אַנגערירט האָבן מיך דערוויל די יאָרן
און נאָך ניט וויט זיינען מיינע לאָקן,
כאָטש לויט אונדזערע חכמים בין איך לאַנג שוין גרוי געוואָרן
און מיט אַ שטעקן שפּאַן איך אום — אַ זקן.

נישט אַנגערירט האָט מיך דערוויל די עלטער,
כאָטש פינף־און־זיבעציק איז, האָכט זיך, אַלט גענוג:
מיין טאָג דערוויל איז נאָך אַלץ אַ זון־באַהעלטער,
און מיינע שעה'ן — ווי מיט צאַפּלדיקן ווייַן אַ פולער קרוג.

ניט אָפּגעשוואַכט אין מיר די חושים מיינע זיינען,
די קראַפט פון אַלץ־שטויסנדיקן דראַנג פאָראויס;
ווי טרוימען פון דער יוגנט האָפענונגען שיינען,
און לוסט זיי צו דערלעבן איז אַלץ נאָך ביי מיר גרויס.

אין טראָט מיט צייט שטעל איך מיינע גאַנגען,
צום היינט און מאָרגן געווענדעט איז מיין בליק;
ווען כ'זע ווי יוגנט שפּאַנט מיט גלויבן און געזאַנגען,
אויך מיינעם טראָג איך צו ווי אַ טאָן אין דער מוזיק.

איך ווייס ניט, צי כ'וועל נאָך יענע צייט דערלעבן
און צוגלייך מיט אַלע אין צוגעזאָגטן לאַנד אַריין,
נאָר כל־זמן כ'לעב וויל איך אין באַוועגונג לעבן
און זיין אַ טראָפּן אין אַ שוימענדיקן בעכער וויין.

ווער קאָן טראַכטן איצט פון יאָרן און פון עלטער,
ווען וועלט עס ראַנגלט זיך און בלוטיקט אַזוי רויט;
ווי קענסטו זיין אַ האַרבסטיק בלעטל אַ פאַרגעלטער,
ווי קענסטו רואיק זיין און לעבעדיק — זיין טויט?

אין טעג אַזעלכע נישטאָ קיין צייט איז פאַר שרעק און טרויער,
מיט בענקשאַפט צו דעם עבר ווארפן בליק, —
אין דעם איבערטוויש פון ווערטן און פון וועלטן זיי אַ בויער,
און פאַרן טויט די שרעק מיט כוח אונטערדריק!...

אינהאַלט:

דזשימי — 3
מיסטער קאַנאַריק — 11
זיין שונא... — 19
צעשטערטע קאַרטן־שפּיל — 28
צוויי איידעמס — 33
חרטה — 48
פרילינג איז געקומען — 67
סטימולירנדיק ביזנעס — 70
תתונה־געשאַנק — 107
צעשטערטע פרייד — 113
די ערשטע דערפאַרונג — 117
בלוטיקע געלט — 124
רואינירט אַ שטוב — 128
טראַגעדיע — 135
דאָס וואָרט פון דער צייט — 141
דער „מוזיי" — 151
דאָס וואַלד־קינד — 156
פליכטלינגען — 165
צערונען אַ חלום — 170
קינדער — 192
די שאַפע מיט ביכער — 201
געפונען זיך אַליין — 217
געוואונען אַ קינד — 223
אַ יום־טוב אין שול — 230

מאָנאָלאָגן:

אָן מזל... — 239
פאָרט אויסגעפירט... — 244
אַ „פּראָיעקט" פאַר מיר... — 249
איך בין אַ שרייבער... — 256

צו פינף־ און זיבעציק... (ליד) — 263